STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09546

ROY-ERD

I. Friedland

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. פרידלאנד

געצייכנט פֿון דעם מחבר

אַרויסגעגעבן פֿון

י. פֿרידלאַנד בוך קאָמיטעט

לאָס אַנגעלעס

I. FRIEDLAND

VIRGIN SOIL

AND OTHER STORIES

COPYRIGHT, 1949

By I. FRIEDLAND

475 Normandie Place

Los Angeles 4, Calif.

Printed in U.S.A.

געזעצט און געדרוקט אין וועבבעל פּרעס, לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע

67

אָפטיילונגען:

זכרונות פון „קלאַריאָן“

אויף קאַליפאָרניער ערד

נאָוועלע

דערציילונגען

זכרונות פון „קלאַריאָן"

אַריינפיר

פון דער גאַר פריסטער יידישער עמיגראַציע נאָך אַמעריקע, אין די יאָרן פון 1850 און שפּעטער, געפינען מיר אַ גאַנץ מערקבארן דראַנג פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע. שוין דאַן איז אָנגעגאַנגען אַן אַגריקולטור באַוועגונג, צווישן דייטשישע און עסטרייכישע יידן, וועלכע האָבן געגרינדעט פאַרם קאָלאָניעס, אין די שטאַטן פון ניו יאָרק, וויסקאָנסין און אילינאָי.

שפּעטער, אין די אַכטציקער יאָרן, האָבן זיך אויך אַ לאָז געטאָן אַהערצו אין לאַנד, אַ היפּשע צאָל, פון דער „עם־עולם" באַוועגונג, וועמענס מקור פון אָרגאַניזירונג, איז געווען אין אַלטן צאַרישן רוסלאַנד; געקומען זיינען זיי אַהער מיט דעם איינציקן געדאַנק און אידעאַל, זיך דאָ צו באַזעצן אויף לאַנד און ווערן פּראָדוקטיווע ערד־אַרבעטער...

פון יענער צייט אָן, ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה און נאָכדעם, זיינען דאָ און דאָרטן, אין אַמעריקע, אויפגעשוואומען כלערליי גרופּן און געזעלשאַפטן, כדי צו גרינדן קאָאָפּעראַטיווע יידישע קאָלאָניעס אויף לאַנד. אין דער גאַנצער צייט פון דער יידישער עמיגראַציע, איז צווישן די היגע יידישע מאַסן, כסדר געווען אַ ניט קליינע צאָל נאָכפאָלגער פון אָט דעם געדאַנק: אַרבעטס־מענטשן, מיט אַן ערלעכן שטרעבן צו אַן אידעאַלן לעבן, אויף דעם שויס פון דער נאַטור, ביי דער מוטער־ערד...

„אין דער סאָכע ליגט די מזל ברכה" איז כסדר געווען אַן איינגעזעסענער געפיל, ביי דעם יידיש אַרבעטנדיקן מענטשן; ער האָט געטראָגן אין זיך פון דורות, אַ בענקשאַפט און אַ חלום, פון עפּעס אַ זיכערן מאָרגן; פון אַן אידעאַלן איינגעוואָרצלטן אידיליש־רואיקן לעבן, אויף לאַנד.

די געשיכטע פון דער קאָלאָניע „קלאַריאָן" וועלכע איך באַריר דאָ בלויז אין עטלעכע קאַפּיטלען פון מיינע זכרונות, איז געגרינדעט געוואָרן אין דעם יאָר 1910 און האָט ליידער, אויך געטיילט דעם זעלביקן גורל, ווי אַ סך אַנדערע יידישע קאָלאָניעס, אויף דעם אַגריקולטורעלן געביט, אויף דעם קאָנטינענט. ד. ה. אַז נאָך עטלעכע יאָר פון עקספּערימענטירן און גאָר שווערע איבערלעבונגען, האָט די קאָלאָניע געמוזט זיך אויפלייזן, ליקווידירן. דאָך וועט אָבער יעדער עקספּערימענט באַזונדער זיין פאַר דעם היסטאָריקער, אַ וויכטיקער פאָרש־מאַטעריאַל, פון דעם דאַמאָלסטדיקן עקאָנאָמישן מצב און אויך פון דעם פּסיכישן דענקען פון יידישן איינוואַנדערער אין דער נייער וועלט...

וואָס זענען די מאָטיוון און פאַקטאָרן, וועלכע האָבן באַוואויגן די דאָזיקע מענטשן צו גרינדן די קאָלאָניע „קלאַריאָן"? ווער זיינען זיי געווען?

וואָס איז געווען זייער מהות דענקען און וואָס זיינען געווען די סיבות פֿון דער קאָלאָניעס אונטערגאַנג?

איך וועל פּרובירן אין די קומענדיקע קאַפּיטלען באַרירן, וועגן אָט דעם גרויסן און ערלעכן פּאַרזוך, „קלאַריאָן". הגם איך וועל דאָ אין די באַשרייבונגען ניט זיין צו כראָנאָלאָגיש און אויך אייניקע דערמאָנטע פּער־זאָנען טראָגן פֿיקטיווע נעמען, וועל איך אָבער דורכאויס זיין טריי צו די פֿאַקטן און פּאַסירונגען. איך וועל פּרובירן אַרויסברענגען אייניקע כאַ־ראַקטער־שטריכן פֿון אַ צאָל, פֿון די ערשטע פּיאָנערן אויפֿן לאַנד, די סביבה און די ניט יידישע שכנים אַרום, זייער עקאָנאָמישן און גייסטיקן מצב, ווי אויך אייניקע עפּיזאָדן און דערשיינונגען. אַרום אַלעם דעם, וועט דער לייענער קאָנען זיך שאַפֿן אַ קלאָר בילד פֿון דעם גאַנצן פּרצוף־פּנים פֿון „קלאַריאָן". איך וועל אויך פּרובירן צו שילדערן דאָ אייניקע בילד־לעך, פֿון דער שיינער און צוגלייך ווילדער נאַטור, וועלכע איז זייער אָפֿט געווען קאַפּריזנע און גרויזאַם, צו אָט דעם נייעם, יונגן, יידישן ישוב, אויף אָט דער רוי־ערד, אין דעם וויטן און ווילדן מערב...

איך וועל אָנהויבן די סיפּור המעשה, מיט איינעם אַ העלד פֿון דעם ישוב, איינער פֿון אונדזערע גאָר ערשטע פּיאָנערן; אַ יידישער ערלעכער פֿאָלקס־מענטש, וואָס מיט זיין פּשטות און ליבע צו ערד אַרבעט, האָט ער ביי אונדז אַלעמען אַרויסגערופֿן גרויס באַוואונדערונג. דורך אים וועלן קומען צום אויסדרוק, די מערסטע פֿון די ערשטע פּיאָנערן. ער האָט באמת מיט זיך רעפּרעזענטירט זייערע שטרעבונגען, האָפֿנונגען און חלומות. צו אונדזער אַלעמענס גרויסן צער איז ער טראַגיש אומגעקומען אין „קלאַ־ריאָן" על קידוש השם. ער איז אויך דאָרטן געווען דער ערשטער און איינציקער מת אין אונדזער יונגן יידישן ישוב. ברוך בענדער איז זיין נאָמען; זאָל דאָ זיין נאָמען געהייליקט זיין...

די צווייטע אָפּטיילונג אין בוך „אויף קאַליפֿאָרניער ערד" האָט קיין שום צוזאַמענהאַנג מיט די זכרונות פֿון „קלאַריאָן". ס'איז אַ נאָוועלע פֿון קאַליפֿאָרניער לעבן; די פּערזאָנען, אָרט און האַנדלונגען, איז די פֿאַנ־טאַזיע פֿונם מחבר.

די דריטע אָפּטיילונג, איז אַ זאַמלונג פֿון אַ צאָל דערציילונגען, עט־לעכע פֿון זיי זענען געדרוקט געווען אין דער „פֿרייע אַרבעטער שטימע", אין די יאָרן צווישן 1930 און 1939, און אייניקע צום ערשטן מאָל אין דרוק.

מחבר.

ברוך בענדער

ברוך בענדער, דער העלד פֿון דער סיפּור־מעשה, מיט וועלכן איך פֿאַרבינד די זכרונות פֿון אַ קאַפּיטל יידיש לעבן, אויף רוי־ערד אין אַמע־ריקע, איז געקומען אַהער אין לאַנד אַנהויב פֿון 20טן יאָרהונדערט. זיינע עלטערן זיינען געווען יידישע פּויערים, אַלט איינגעזעסענע ערד אַרבעטער, אויף דעם באָדן פֿון דער שוואַרץ־ערדיקער און פֿרוכטבאַרער כערסאָניע. דער גאַנצער פֿאַמיליען שטאַם זיינער, האָט זיך געצויגן נאָך פֿון דער צייט, ווען דער רוסישער צאַר, ניקאָלאַי דער ערשטער, האָט דערמוטיקט יידן צו ערד אַרבעט.

די פֿאַמיליע בענדער זיינען געווען פֿון די ערשטע יידישע „סעטלער״ אויף לאַנד אין יידישע קאָלאָניעס, וועלכע האָבן זיך דאָן עטאַבלירט, אויף די זוניקע סטעפּעס פֿון דעם כערסאָנער ראַיאָן. בענדער איז דערצויגן געוואָרן אויף לאַנד, איינגעזאַפּט אין זיך דעם אָטעם פֿון דער מאַמע־ערד, האָט ניט ווייניק ליב געהאַט די נאַטור און ערד אַרבעט בכלל. אים איז אָבער ניט באַשערט געווען ממשיך זיין די ערד אַרבעט, וואָס זיינע עלטערן האָבן דאָרטן אָנגעהויבן: די פּאָגראָמען, יידן פֿאַרפֿאָלגונגען, דאָס אַרויס־טרייבן די יידן פֿון די דערפֿער, האָט זייער שווער געמאַכט דאָס לעבן פֿון זיינע עלטערן און זיי זיינען געצוואונגען געווען פֿאַרלאָזן די ערד מיט וועל־כער זיי זיינען געווען צוזאַמענגעוואַקסן אַ לעבן לאַנג.

צוליב אָט דער געשאַפֿענער לאַגע איז דער יונגער בענדער, צוזאַמען מיט זיין נאָך גאָר יונגער פֿרוי, לאה, געצוואונגען געווען אויסצוואַנדערן נאָך אַמעריקע.

אַ יונגע, געזונטע פּאָר־פֿאָלק, דערצויגן אין דאָרף, נאָענט ביי דער נאַטור, האָט פֿאַרשטייט זיך, דער גרויסער ניויאָרק געמאַכט אויף זיי אַ שווערן דערדריקנדיקן איינדרוק; אַ צו גרויסער קאָנטראַסט און איבער־בייט, פֿון די זוניקע, פֿרייע ביז צום האָריזאָנט כערסאָנער סטעפּעס, אויף אָט דעם גרויסן איינגעקרעמפּטן ניויאָרק, מיט זיינע שטיינערנע און בע־טאָנענע „הימל־קראַצערס״. דאָ, אין אָט דעם גרויסן נייעם יידישן ישוב, אין אָט דער פֿיל צוזאַגנדיקער אַמעריקע, האָט דאָס יונגע, געזונטע פּאָר־פֿאָלק, ברוך און לאה, זייער נייע נעסט אָנגעהויבן צו בויען און זיך באַ־פֿעסטיקן.

בענדערס פֿרוי האָט אים דאָס ערשטע יאָר פֿון זייער זיין דאָ, באַ־גליקט מיט אַ מיידעלע, מיט אַ יאָר שפּעטער אויך מיט אַ אינגל; די משפּחה

איז געוואָרן גרעסער. כדי צו דערהאַלטן די פֿאַמיליע אין דעם גרויסן ניו יאָרק, האָט ער געמוזט זייער שווער אַרבעטן.

ניט האָבנדיק קיין באַשטימטע מלאכה אין האַנט, איז ער אָבער, צום גליק, געווען אַ שווערער האָרעפּאַשניק; האָט ער טאַקע איבערגעטאָן כל עבודת־פּרך. צו ערשט האָט ער געאַרבעט אין אַ „סוועט שאָפּ", ווי די מערסטע אַריבערגעקומענע אַהערצו אין זיין צייט; דאָס איז געווען פֿאַר אים סם המות: אַ מענטש פֿון פֿעלד, פֿון דער פֿרייער נאַטור, פּלוצלינג איינגעשפּאַרט ווערן אין אַ פֿינסטערן פֿאַרשטיקטן שוויץ־שאַפּ, האָט ער דאָס ממש ניט געקענט אַריבערטראָגן; האָט ער זיך אַ נעם געטאָן צו אַן אַנדער באַשעפֿטיקונג, אַ מערער דרויסנדיקע אַרבעט: ער האָט אָנגעהויבן צו טראָגן אייז אין די הייזער זומער, און קוילן, צום באַהייצן — ווינטער. ער האָט אויך, אַ געוויסע צייט געשטופּט אַ „פּושקאַרט" מיט כלערליי מציאות, איז געוואָרן אַ „קאָסטאָמער פּעדלער", געגאַנגען פֿון הויז צו הויז פֿאַרקויפֿן זאַכן. אָבער, די אַלע פּרנסות, זיינען אים ניט געווען צום האַרצן, און ער האָט אויך ניט געקענט זיך דערשלאָגן צו אַזעלכע פֿאַרדינסטן, ער זאָל געווען קענען זען פֿאַר זיך און זיין פֿאַמיליע, אַ תּכלית.

די גרויסע שטאָט האָט ער ניט ליב געהאַט, געבענקט האָט ער זייער שטאַרק „צוריק צו ערד", צו דער מאַמע־ערד, אויף וועלכער ער איז דערצויגן געוואָרן. געהאָפֿט האָט ער אָבער, אַז ער וועט נאָך אַמאָל, אַ שטיקל לאַנד, אַ פֿאַרם, פֿאַר זיך דערווערבן. מיט אַזאַ חלום האָט ער זיך אַרומגעטראָגן; געטראַכט האָט ער, טאָג און נאַכט, ווי אַזוי קען ער זיך באַפֿרייען פֿון דעם גרויס־שטאָטישן הו־האַ, פֿון אָט דעם גרויסן ניויאָרקער גהינום און זיך דאָך דערשלאָגן צו עפּעס אַ שטיקל לאַנד און נחלה. דאָ, אין דעם גרויסן „קעסל־גרוב" ניויאָרק, האָט ער פֿאַר זיך קיין תּכלית און אויסוועג ניט געזען; האָט ער ערנסט אָנגעהויבן טראַכטן, וועגן מאַכן אַ נסיעה אין די וויטערע געגנטן פֿון אַמעריקע. צו יענער צייט איז זייער פּאָפּולער געווען האָרעס גרייליס סלאָגאַן: „גאָ וועסט, יאָנג מען", גיי צום מערב, יונגער־מענטש, דאָרטן זיינען פֿאַראַן מערער מעגלעכקייטן, דאָרטן וועסטו דיין גליק געפֿינען! אַזוי אומגעפֿער איז געווען דער נוסח פֿון די רייד, כדי צו באַווירקן די אַריבערגעקומענע עמיגראַנטן, זיי זאָלן זיך אויסשפּרייטן איבער די שטאָטן, דער עיקר, מערב צו.

בענדער איז געווען אַ געזונטער, אַן ענערגישער און אַן אַרבעטזאַמער. אין דעם וויטן מערב, האָט ער געהערט, זיינען אָפֿן אַלע געלעגנהייטן פֿאַר די, וואָס זיינען פֿלייסיק און וויליק צו אַרבעטן; איז ער דעריבער גרייט

געווען צו מאַכן אַלע אָנשטריינגונגען און ניט אָפּשטעלן זיך פֿאַר קיינע שוועריקייטן. ער האָט שוין אויך געהאַלטן ביי מאַכן אַראַנזשירונגען מיט דעם דעמאָלסטדיקן „רעמואוועל אָפּיס" וואָס האָט פֿונקציאָנירט צו יענער צייט, אַריבערצופֿירן יידן, פֿון די געדיכטע באַפֿעלקערטע שטעט פֿון די איסט, און געפֿינען פֿאַר זיי באַשעפֿטיקונג, אָדער אַרבעט אויף לאַנד, אין דער „וויי‍טער וועסט". אין דער צווישן צייט, האָט עפּעס פּאַסירט אַ זאַך, וואָס איז געווען זייער נאָענט צו זיין האַרצן און דאָס האָט געענדערט אין גאַנצן זיין פֿריערדיקן פֿאַרטראַכטן פּלאַן און אויך זיין גאַנצן ווייטערדיקן לעבנס־גאַנג.

אין יענער צייט, אין דעם יאָר 1907, ווען דער עקאָנאָמישער קריזיס אין לאַנד האָט זיך שטאַרק געלאָזט פֿילן, באַזונדערס אין ניויאָרק, האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג פֿאַר יידישער קאָלאָניזאַציע. פֿאַרשיידענע גרופּירונגען האָבן זיך פֿאָרמירט, כדי צו גרינדן יידישע פֿאַרם־קאָלאָניעס. ס'זיינען אויפֿגעשוואומען, דאָ אַ סאָציאַליסטישע גרופּע, דאָרט אַן אַנאַר־כיסטישע. דער עיקר געדאַנק אָבער, ביי אַלע די סאָציאַליסטיש־דענקנדיקע מענטשן, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין די דאָזיקע קאָלאָניזיר־גרופּן, איז געווען: צו פֿאַרלויפֿן דעם וועג, פֿון דער פֿאַרשפּעטיקטער סאָציאַלער רעוואָלוציע און באַפֿרייען זיך מיט אַמאָל, פֿון דער שטאָטישער שקלאַ־פֿעריי און אָנהויבן שוין איצט צו פֿאַרווירקלעכן זייערע יוגנט חלומות, פֿון זייער סאָציאַליסטישן אידעאַל. צווישן די פֿאַר גרופּן פֿאַר קאָלאָני־זאַציע, וועלכע האָבן געהאַט פֿאַר זיך אַ באַשטימטע סאָציאַל־פּאָליטישע אידעאָלאָגיע, איז אויך געווען אַ גרעסערע גרופּע פֿון איבערפּאַרטייאישע, אָדער מענטשן פֿון פֿאַרשיידענע ריכטונגען אין יידישן לעבן, און האָבן ניט געשטעלט דוקא דעם טראָפּ אויף אַ באַשטימטער פּאָליטישער איינ־שטעלונג. די דאָזיקע גרופּע האָט אויך ניט געזוכט דוקא צו פֿאַרשפּרייטן דעם סאָציאַליזם, נאָר האָט פּשוט געמיינט, די גרינדונג פֿון אַן אַגראַר קאָ־לאָניע פֿון יידישע יידן: גיין אויף לאַנד, מיט דעם איינציקן געדאַנק, כדי זיך צו באַפֿרייען פֿון די טאָג־טעגלעכע זאָרגן פֿון „דזשאָב" און פּרנסה זוכעניש; אַרבעטן אויף ערד און איינלעבן זיך אין אַ ריין יידישן קיבוץ, מיט אַן אייגענעם יידישן שטייגער לעבן...

דער פּלאַן פֿון דער לעצטער גרופּע איז געווען אַ מער רעאַליסטישער און האָט דעריבער שטאַרק אַפּעלירט צו גאָר אַ סך, וואָס זיינען גרייט גע־ווען צו אַרבעטן פֿאַר דעם, מחמת זיי האָבן געזען אין דעם פּלאַן, אַ באַלדיקע און פּראַקטישע מעגלעכקייט פֿאַר זיין רעאַליזירונג.

די דאָזיקע גרופּע איז לכתחילה אָרגאַניזירט געוואָרן אין פֿילאַדעלפֿיע. אַן אָפּטיילונג פֿון דער זעלביקער גרופּע איז געגרינדעט געוואָרן אין ניו־יאָרק. ערשט שפּעטער, ווען ס׳איז דערשינען אַן אַרטיקל, פֿון דעם פֿירער פֿון דער גרופּע, אין דאס „נייע לעבן״ וואָס דר. חיים זשיטלאָווסקי, האָט צו יענער צייט אַרויסגעגעבן. אין יענעם אַרטיקל, אונטערן טיטל, „פֿאַר וואָס ניט מיר?״ פֿון בי־בי, האָט זיך נעמלעך דערציילט, אַז דער שרייבער פֿון דעם אַרטיקל האָט „געטרעמפּעוועט״ איבער אַמעריקע און איז אַריינגעפֿאַלן אין דער „וועסט״. דאָרטן האָט ער זיך באַקאַנט מיט דעם לעבן פֿון די אַמעריקאַנער, דייטשישע, נאָרוועגישע און דענישע פֿאַרמער און מיט אַ צאָל קאָלאָניעס זייערע. ער האָט געזען זייער צופֿרידענעם און זיכערן לעבן דאָרטן; איז ער באַגייסטערט געוואָרן און האָט אָנגעשריבן דעם אַרטיקל: „פֿאַר וואָס ניט מיר?״ ער האָט אָנגעוויזן ווי אַזוי די פֿאַרמערס דאָרטן, לעבן רואיק, זאָרגלאָז, שיין און פֿיין, איז פֿאַרוואָס זאָלן מיר, יידן, זיך שטיקן אין די גרויסע שטעט פֿון דער „איסט״? ווארום זאָלן מיר, יידן, אויך ניט בויען אַזעלכע קאָלאָניעס?

דער אַרטיקל האָט געפֿונען אַ לעבעדיקן אָפּקלאַנג צווישן די לייענער פֿון דאס „נייע לעבן״; האָט מיט אַמאָל אויפֿגערודערט אַ דרעמלנדיקן געפֿיל ביי אַ סך, וואָס האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט דעם זעלביקן געדאַנק און האָבן געוואַרט פֿאַר אַן אויסלייזער. ס׳האָבן זיך גלייך אָפּגערופֿן אַ צאָל יונגע מענטשן אין ניויאָרק. זיי האָבן צונויפֿגערופֿן אַ קליינע פֿאַרזאַמלונג פֿון די פֿאַראינטערעסירטע אין דעם ענין, און האָבן איינגעלאַדן דעם מחבר פֿון דעם דערמאָנטן אַרטיקל און פֿירער פֿון דער פֿילאַדעלפֿיער גרופּע, ער זאָל אַרונטערקומען אין ניויאָרק, צו דער געפּלאַנטער פֿאַרזאַמלונג, און דעם פּלאַן און פּראָיעקט פֿון אַזאַ קאָלאָניע, גענויער און אין מערער פּרטים דערקלערן.

בי־בי האָט אַדרעסירט די פֿאַרזאַמלונג. אַלע האָבן אים מיט באַגייסטערונג אויפֿגענומען און אויסגעהערט. די באַגייסטערונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז אין דעם זעלביקן אָוונט נאָך, איז אָפֿיציעל געגרינדעט געוואָרן אַן אָפּטיילונג אין ניו יאָרק, פֿון דער געפּלאַנטער יידישער פֿאַרם־קאָלאָניע אין דער „וועסט״. די ניויאָרקער גרופּע האָט אין אַ גאָר קורצער צייט, פֿאַראינטערעסירט אַ היפּשע צאָל מענטשן אין דעם פּראָיעקט אַזוי, אַז ס׳האָט לאַנג ניט גענומען און די ניויאָרקער גרופּע איז שטאַרק אַריבערגעוואַקסן אין צאָל מיטגלידער ווי אויך אין אַקטיוויטעט די עלטערע גרופּע, אין פֿילאַדעלפֿיע.

אין דער דאָזיקער אַגריקולטור געזעלשאַפֿט, פֿאַר יידישער קאָלאָני־זאַציע, האָבן נאָכדעם זיך אויך פֿאַראינטערעסירט אַ צאָל יידישע פּערזענ־לעכקייטן, אייניקע יהודים, וועלכע האָבן ארויסגעוויזן אַ וואַרעמען אינטע־רעס און סימפּאַטיע, פֿאַר דעם קאָלאָניזיר פּראָיעקט, צו באַזעצן יידן אויף לאַנד, אַלס ערד־אַרבעטער. דער איצט פֿאַרשטאָרבענער דר. ראַביי לאַנד־מאַן, דר. קרויזקאָפּ, אַדמיניסטראַטאָר פֿון אַ יידישער פֿאַרם סקול, און שפּע־טער האָבן אויך אַנדערע זיך פֿאַראינטערעסירט. דער עיקר מאָטיוו, ביי די מערסטע וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער געזעלשאַפֿט, איז צוליב דעם פּראַקטישן פּלאַן פֿון אַרבעט און באַלדיקע גרינדונג פֿון דער קאָלאָ־ניע, צוליב איר יידיש נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיוון צוגאַנג און איינשטעלונג אַלס אַן אידעאַל, און אויך וואָס זי איז פֿריי געווען פֿון וועלכן עס איז פּאָליטישן איזם און איינפֿלוס.

בענדער האָט זיך שטאַרק פֿאַראינטערעסירט אין אָט דער פֿאַרם באַוועגונג: ער האָט דערזען פֿאַר זיך אַ מעגלעכקייט, דורך דער געזעל־שאַפֿט, מיט זיינע באַשריינקטע געלט־מיטלען זיין אידעאַל און חלום, צו ווערן אַ פֿאַרמער, גיך פֿאַרווירקלעכט. ער האָט זיך תיכף אָנגעשלאָסן אַלס אַ מיטגליד אין דער אַגריקולטור געזעלשאַפֿט, וועמענס פּלאַן און פּראָיעקט ס׳איז געווען די באַלדיקע גרינדונג פֿון אַ יידישער קאָלאָניע אין דער וויי־טער וועסט.

די דאָזיקע אַגריקולטור באַוועגונג, האָט צוגעצויגן צו זיך אַ צאָל פֿון אונדזער יידישער אינטעליגענץ און יידיש באַוואוסטזיניקע אַרבעטער, וועלכע זיינען אַריבערגעקומען אַהערצו אין דעם נייעם לאַנד, מיט שטרע־בונגען און אידעאַלן פֿאַר אַן אַנדער לעבן און שטייגער. זיי האָבן ניט געקאָנט דאָ אַזוי גרינג זיך אַריינפּאַסן אין דעם אַמעריקאַנער „האַרי־אַפּ״ סיסטעם, נאָך דעם מורא׳דיקן געלט יאָגעניש און איבעריאָגעניש, וועלכע האָט ביי אַ סך דאָ ממש אַטראָפֿירט דעם ווילן און שטרעבן צו אַן אידעאַל־עטישן לעבן. זיי האָבן דעריבער געזען אין דער באַוועגונג „צוריק צו ערד״ זייער אָנהאַלט און אַספּיראַציע. זיי האָבן געגלויבט באמונה שלימה, אַז מיט דער גרינדונג פֿון אַזאַ קאָלאָניע, וועמעס עיקר פּרינציפּן זיינען געווען, איינצואָרדענען אַן ערלעך פּראָדוקטיוו קאָאָפּעראַטיוו לעבן; דאָס אַליין וואָלט געווען, האָבן זיי געטראַכט, אַ גרויסע סאָציאַליסטישע דער־גרייכונג אין אונדזערע טעג. חוץ דעם, איז אויך אַריינגעקומען, אין זייער מהות דענקען, דער ניט ווייניקער וויכטיקער מאָטיוו, נעמלעך: דער ספּעציפֿיש יידישער פֿאַקטאָר.

די אַסימילאַציע האָט ביי אַ סך אָנגעהויבן פאַרלירן דעם גלאַנץ און צוציאונג: די יידישע אינטעליגענץ האָט ענדלעך אָנגעהויבן איינזען די ניט אויסגעהאַלטנקייט פון דער אַסימילאַציע טעאָריע. ביים בעסטן ווילן, ווי שטאַרק מ׳האָט געוואָלט זיך צופאַסן, אַסימילירן זיך מיט דער הערשנ־דיקער באַפעלקערונג אין לאַנד, אָננעמען זייערע זיטן און מנהגים, איז מען אונדז אָבער אַלץ ניט גערן. מ׳גיט אונדז אָנצוהערן אויף יעדן שריט און טריט, אַז מיר זיינען אַנדערש און פרעמד. אָפענע און באַהאַלטענע דיסקרימינאַציע, האָט זיך ניט ווייניק געלאָזט מערקן. אין געוויסע האָ־טעלן לאָזט מען יידן ניט אַריין; אין אייניקע געגנטן, וויל מען קיין דירות צו יידן ניט פאַרדינגען, מעגן זיי זיין ווי פאַרמעגלעך און ניט יידיש־לעך אין אויסזען. אויך רעגירונגס שטעלן, מיט ווייניק אויסנאַמען, זיינען אויך ריין פון יידן; און די יידישע מאַסן, די „דזשאַב״ זוכער, דערפילן דאָס זייער אָפט, ווען ס׳קומט זיי אויס אָנצושלאָגן אין ניט־יידישע טירן, פאַר אַרבעט. „דזשענטעל־מענס אָגרי״ איז אַ טעגלעכע דערשיינונג אין די „פאַרלאַנגט העלפּ״ אַנאָנסן אין דער ענגלישער פרעסע. אַלס פּועל־יוצא פון דעם דאָזיקן מצב, האָבן אייניקע יידישע טעכטער, וועלנדיק אָנהאַלטן אָדער קריגן אַ פּאָזיציע, ניט זעלטן באַצירט זייער האַלדז, מיט אַ צלם׳ל אַלס אַ סגולה. מ׳האָט אָנגעהויבן איינזען, אַז אויך דאָ, אין דעם לאַנד פון די פרייע און בראַווע, זיינען מיר ניט קיין גאָר אָנגעלייגטע געסט. טאָ צו וואָס זיך גאָר שלאָגן אין גאַנצן, אין פרעמדע טירן?... איז דעריבער, אויף אייגענעם באָדן, אין אַן אייגענער סביבה, וועט מען ביכולת זיין אָנ־צוגיין, מיט אַן אייגענעם שטייגער לעבן, מיט מער חשיבות צו זיך אליין און אפשר טאַקע אויך צוליב דעם, מערער חשיבות און אַנערקענונג צו אונדז, מצד דער ניט־יידישער וועלט.

דאָס איז געווען דער געדאַנקען־גאַנג אונדזערער: ווייזן דער גויישער וועלט און טאַקע אויך ניט ווייניקער, אַפילו, דער יידישער וועלט, אַז יידן קענען זיין, ניט נאָר קרעמער, הענדלער, שטעקל־דרייער, „מנחם־מענדלע־ווען״ נאָר טאַקע אויך זיין געזונטע ערד־אַרבעטער, פאַרמער, צוגלייך מיט אַנדערע פעלקער. שוין אָפגערעדט פון דעם פערזענלעכן מאָטיוו, וואָס אויף ערד אַרבעט, אין אַן אייגענער קאָלאָניע, וועט מיט אַמאָל אָפגעווישט ווערן די מורא פאַר דעם מאָרגן, דאָס שטענדיקע געשפּענסט פון אַרבעטס־לאָזיקייט, דאָס כסדרדיקע זוכעניש פון „דזשאָב״ און באַשעפטיקונג. כאָטש דאָס בילד, וואָס זיי האָבן פאַר זיך אויסגעמאָלן — אַ בילד פון אַן אידע־אַלן יידישן לעבן: יעדער אין זיין אייגענער נחלה, מיט אַן אייגענעם

גאָרטן און אונטער אַן אייגענעם פֿייגנבוים, איז געווען פֿאַר דעם דע־מאָלסטדיקן יידישן ניויאָרקער, כמעט אַ פֿאַנטאַסטישער חלום, האָבן זיי אָבער געפֿילט, אַז ביי דער קאָלאָניע, זיינען פֿאַראַן אַלע מעגלעכקייטן, אַז אָט דער חלום, זאָל דאָרטן טאַקע ווערן אַ ווירקלעכקייט...

ס'איז באַלד ענטשטאַנען ביי גאָר אַ סך אַ גרויס פּראָבלעם: וואו נעמט מען די ערשטע נויטיקע סומע, כאָטש אַ פּאָר הונדערט דאָלאַר, אויף דער ערשטער איינצאָלונג, אין דער קאָלאָניע אַסאָסיאיישאַן, וואָס פֿירט אָן מיט דעם פּראָיעקט. קליין־קרעמער, שניידער, סטאָליאַרעס און אַנדערע באַלמעלאָכעס, וועלכע האָבן זיך אַנגעשלאָסן אין אָט דער קאָלאָניע גע־זעלשאַפֿט, האָבן ארויסגעצויגן זייערע לעצטע אָפּגעשפּאָרטע פּאָר דאָלער וואָס זיי האָבן אַוועקגעלייגט אויף אַ „רעגנדיקן טאָג" אָדער גאָר אויף אָפּ־צוקויפֿן אַ קליין געשעפֿטל, אַ „קענדי סטאָרקע" אָדער אַ „גראָסערקע" כדי פּטור צו ווערן, ווען עס איז, פֿון „שאָפּ" און שקלאַפֿן ביי יענעם, און האָבן איינגעצאָלט אין דער פֿאַרם אַסאָסיאיישאַן. האָבנדיק איינגעצאָלט, האָבן זיי געהאַט אַ זיכער געפֿיל, אַז זיי זיינען שותּפֿים צו אָט דער גרויסער אונ־טערנעמונג און האָבן מיט אַ גליקלעכער האָפֿנונג געוואַרט, ווען די גע־פּלאַנטע קאָלאָניע וועט עטאַבלירט ווערן און זיי וועלן ענדלעך זיך קענען באַזעצן אויף אייגענעם באָדן.

ברוך בענדער, האָט קוים, מיט אַ סך שוועריקייט, צוזאַמענגעקלאַפּט די ערשטע פּאָר הונדערט דאָלער. ניט נאָר איז ער געוואָרן אַ מיטגליד אין דער קאָלאָניע געזעלשאַפֿט, נאָר איז אויך געוואָרן איינער פֿון אירע הייסטע ענטוזיאַסטן.

די פֿירער פֿון אָט דער נייער אַגראַר אונטערנעמונג, האָבן געפֿונען אַ רייפֿן באָדן פֿאַר אָט דער באַוועגונג אין ניו יאָרק, פֿילאַדעלפֿיע און אין אַנדערע גרעסערע שטעט. יידישע מענטשן פֿון פֿאַרשיידענע שאַטירונגען האָבן זיך אַנגעהויבן שטאַרק אינטערעסירן, זיך נאָכגעפֿרעגט וועגן פּרטים, וועגן דעם פּלאַן פֿון דער קאָלאָניע און אירע אויסזיכטן. דאָס האָט תיכף באַוויזן דער פֿירערשאַפֿט, אַז צווישן די יידישע מאַסן איז פֿאַראַן אַ גרוי־סער באַגער און ווילן, זיך אומצוקערן צוריק צו ערד אַרבעט, ווי אין דעם וויטן אַמאָל. די באַוועגונג „צוריק צו ערד" האָט זיך גענומען אויסברייטערן און אָנגעהויבן אַריינטרעטן אין דער סטאַדיע פֿון פּראַקטישער אַר־בעט: אָנהויבן רעאַליזירן דעם פּראָיעקט און ניט בלויז חלומען פֿון דעם.

די פֿירער און גרינדער פֿון דער אונטערנעמונג, האָבן ענדלעך אָנ־געהויבן צו זוכן לאַנד. פֿאַרשיידענע פּראָיעקטן פֿון פֿאַרם סעטעלמענטס,

זיינען פֿאַר זיי פֿאַרגעבראַכט געוואָרן, פֿון פֿאַרשיידענע שטאַטן, הויפּטזעכלעך פֿון די ווייטע מערב שטאַטן, אין דער ווייטער, ווייטער וועסט. פֿאַרוואָס דוקא אין דער ווייטער וועסט און ניט נעענטער, אין דער איסט? האָבן טאַקע ניט ווייניק פֿאַראינטערעסירטע דאָס געוואָלט וויסן. די פּירערשאַפֿט האָט אָבער געהאַט אַ געוויסן געדאַנק דערביי און אַ גוטע אויסרעכענונג: ראשית, האָט דאָרטן די לאַנד געקאָסט אַ סך ביליקער און איז ווייניקער עקספּלואַטירט געוואָרן. והשנית, און דאָס איז אפֿשר געווען דער עיקר מאָטיוו, נעמלעך: אַז מ'וועט אָוועקפֿירן די קאָלאָניסטן אַ 25 הונדערט מייל פֿון ניויאָרק, וועט זיי פּשוט ניט זיין אַזוי גרינג אומצוקערן זיך צוריק און מ'וועט שוין מוזן פֿאַרבלייבן דאָרטן. והשלישית, און דאָס איז דאָך אויך אַ כלל ידוע, אַז די יידישע פֿאַרמער אין דער „איסט", זיינען דאָך מערסטנס געוואָרן „האָטעל קיפּערס", האַלטן באָרדערס אום זומער און טוען בכלל זייער ווייניק פֿאַרמעריי! ניט דאָס אָבער איז געווען דער ציל פֿון דער קאָלאָניע געזעלשאַפֿט. וואָס מיר האָבן באמת געוואָלט, איז ווערן טאַקע פֿאַרמער, אמתע יידישע ערד אַרבעטער, מיטן אַקער־אײַזן, מיט דער סאָכע און אויך מיטן טראַקטאָר און דרעש מאַשין: — גרויסע פֿאַרזייטע יידישע פֿעלדער זאָלן באַגרינען אונדזער לאַנד פֿון דער קאָלאָניע און ניט פֿאַרשוועכן דעם ריינעם אידעאַל פֿון יידישער ערד־אַרבעט, מיט אַזאַ פֿאַרזעעניש ווי „באָרדער פֿאַרמעריי"!...

די פּירער האָבן ענדלעך אָנגעקוקט עטלעכע טראַקטן לאַנד, אין די שטאַטן פֿון ניו־מעקסיקאָ, אַריזאָנאַ און יוטאַ. אויף דעם יוטאַ פּראָיעקט האָט מען געלייגט מערער געוויכט און זיך טאַקע אויך אויף אים אָפּגעשטעלט, צוליב פֿאַרשיידענע טעמים, און דער עיקר, צוליב גינסטיקע באַדינגונגען. קודם כל, האָט דער שטאַט יוטאַ, אין דעם געגנט וואו די לאַנד פֿאַר דער קאָלאָניע איז פֿאַרגעשלאָגן געוואָרן, אונטערנומען צו אַנטוויקלען דאָרטן, אַן איריגאַציע סיסטעם, פֿאַר קינסטלעכער באַוואַסערונג פֿון דעם גאַנצן טאָל ארום. צווייטנס, ניט ווייט פֿון דעם טראַקט לאַנד, אַרום אַכט מייל אין גאַנצן, ליגט אַ גוט־באַפֿעלקערט שטעטעלע, גאַניסאָן, מיט אַ באַנסטאַנציע פֿאַר טראַנספּאָרטאַציע, און דריטנס, וואָס איז אויך ניט ווייניק וויכטיק געווען, וואָס אין דער הויפּט שטאָט, „סאָלט לייק", געפֿינען זיך אַ צאָל גאַנץ איינפֿלוסרייכע יידן, וואָס האָבן זיך אויך פֿאַראינטערעסירט מיט דעם פּראָיעקט, און וואָלטן טאַקע אויך וועלן אַז די געפּלאַנטע קאָלאָניע, זאָל זיין אין זייער שטאַט. צווישן די דאָזיקע רייכע יהודים, וועלכע האָבן שפּעטער געשפּילט אַ גאַנץ וויכטיקע ראָלע אין דעם לעבן פֿון דער קאָ־

לאָניע, זיינען געווען: דער רייכער יהודי באַמבורגער, דער שפּעטער־דיקער גאָווערנאָר פֿון יוטאַ; די אַווערבאַכס, רייכע געשעפֿט־לייט פֿון גרויסע דעפּאַרטמענט סטאָרס; דעניעל אַלעקסאַנדער, דזשאָזעף און אַנ־דערע. נאָך אַן אַטראַקציע, וואָס איז אַריינגעגעבן געוואָרן אין נדן, וואָ־רום מ׳זאָל דוקא נעמען דאָס לאַנד אין יוטאַ איז געווען, — די „מאָרמאָנען". מיט זיי, מיט די „מאָרמאָנס", האָבן מיר געדענקט, האָבן מיר עפּעס גע־מיינשאַפֿטלעכעס: אויך זיי זיינען געווען, מיט יאָרן צוריק, ניט ווייניק פֿאַרפֿאָלגט דאָ אין לאַנד, טאָקע צוליב זייער גלויבן. און זיי פֿילן צו אונדז אַ געוויסע נאָענטשאַפֿט: זאָגן זיי דאָך, אַז אויך זיי, זיינען די קינדער פֿון ציון. און מחמת דעם, וועלן זיי זיכער פֿאַרשטיין אונדזער שטאַרקן דראַנג נאָך אַ נייעם לעבן, אויף אייגענער ערד! אויך זיי, זיינען געווען פֿאַר־ברענטע פּיאָנערן און קעמפֿער פֿאַר זייער קיום אויף אייגענעם באָדן, און איצט, זעט ווי גרויס, מעכטיק און שפּע׳דיק זיי זיינען! אָט צוליב די אַלע דערמאָנטע זאַכן האָט מען זיך ענדלעך אָפּגעשטעלט אויף דעם יוטאַ פּראָ־יעקט. דאָס לאַנד איז מיט מזל געקויפֿט געוואָרן, די קאָלאָניע איז אָפֿי־ציעל געגרינדעט געוואָרן און אויך מיט מזל איר אַ נאָמען געגעבן מיט דעם פֿיל באַדייטנדיקן און סימבאָלישן נאָמען: „קלאַריאָן"!...

גאָר אין גיכן האָט מען אָנגעהויבן מאַכן אַלע נויטיקע הכנות, פֿאַר די ערשטע סעטלער־פּיאָנערן, פֿון דער קאָלאָניע. די ערשטע גרופּע פֿון צוועלף, איז באַשטאַנען פֿון האָרעפּאַשנע אַרבעטזאַמע מענטשן, וועלכע האָבן זיך ניט אָפּגעשראָקן פֿאַר קיין שוועריקייט און זיינען גרייט געווען אויפֿצוברעכן דעם ווילדן באָדן פֿון דער קאָלאָניע. דער פּלאַן איז געווען, אַז פֿון די זעקס טויזנט אַקער לאַנד, וואָס די קאָלאָניע האָט געהאַט געקויפֿט, זאָל צוערשט בלויז 12 הונדערט אַקער פֿון דעם טראַקט, באַאַרבעט ווערן קאָלעקטיוו, אויף אַ קאָאָפּעראַטיוון אופֿן און אונטער דעם רשות פֿון דער קאָלאָניע געזעלשאַפֿט. נאָכדעם, ווען דער גאַנצער באָדן, וועט שוין זיין באַאַרבעט און אויפֿנאַם־פֿעאיק פֿאַר די אַלע קאָלאָניסטן, זיי צו באַזעצן אויפֿן באָדן, ערשט דאַן וועט די לאַנד צוטיילט און „סורוויִיט" ווערן, צו פֿערציק אַקער פֿאַר יעדן קאָלאָניסט. ערשט דאַן, וועט יעדער קאָלאָניסט אַרויף אויף זיין אייגענעם באָדן, וואָס וועט אים באַשטימט ווערן, לויט אַ גורל. פֿון דאַן אָן, וועט יעדער קאָלאָניסט, זיין באַלעבאָס אויף זיין אייגן פֿעלד און נחלה און באַאַרבעטן דאָס לויט זיינע אייגענע כוחות און אחריות.

ברוך בענדער איז געווען איינער פֿון די ערשטע צוועלף פּיאָנערן, וועלכע זיינען געווען פֿון די גליקלעכסטע אַרויסצופֿאָרן אויפֿן לאַנד, צוצו־

גרייטן דעם באָדן. איז ער דאָך געווען, ווי מיר ווייסן שוין, אַ דאָרפֿס־מענטש, אַן ערד־אַרבעטער נאָך פֿון דער אַלטער היים; איז געווען נאַטירלעך, ער זאָל אויסגעקליבן ווערן צו זיין פֿון די ערשטע פּיאָנערן אויפֿן לאַנד. פֿאַר אים, ווי פֿאַר די אַנדערע, פֿון די ערשטע אויפֿן לאַנד, איז דאס אַרויסקומען אַהינצו געווען טעג פֿון דערוואַרטונגען אויף אינטערעסאַנטע און שטורמדיקע איבערלעבונגען. ס'האָט זיי דערוואַרט דאָרטן אַ נײַ אומבאַקאַנט לעבן, אַ פּיאָנערן לעבן, וואָס איז לחלוטין פֿרעמד געווען צו די מערסטע פֿון זיי, ביז איצט.

די ערשטע צוועלף פּיאָנערן האָבן אָנגעהויבן זיך גרייטן צו דער ווייטער נסיעה נאָך „קלאַריאָן". זיי האָבן איינגעקויפֿט זייערע פּערזענלעכע נייטיקע זאַכן, אַרבעט־מלבושים און אַפֿילו פּיסטאָלעטן! זיי זיינען דאָך עפּעס געגאַנגען אין דער ווייטער און ראָמאַנטישער וועסט, וואָס איז געווען פֿאַרשמט איבערן גאַנצן לאַנד, מיט אַזויפֿיל אַוואַנטיורעס און גרויסע געוואַגטקייטן! נו, דאַרף מען טאַקע זיין גרייט! דאָס לאַנד דאָרטן איז דאָך געווען ווילד, מדברדיק; קיין מענטשלעכע פֿוס, האָט דאָך ביז זייער אָנקומען אַהינצו דעם באָדן ניט באַטראָטן; מוז מען זיין גרייט אויף אַלץ. איז טאָקע זייער אָנהויב אַ סך שווערער געווען, ווי זיי האָבן זיך לכתחילה משער געווען: דאָך קינדער פֿון שטאָט און זין פֿון אַ פֿאָלק, וואָס פֿאַר קאָרגע צוויי טויזנט יאָר, זיינען זיי געווען אָפּגעריסן און פֿרעמד פֿון דער מוטער ערד. אָבער, מיט דער צייט, אַ דאַנק די ליבע צום אידעאַל וואָס זיי האָבן געטראָגן אין זייער האַרצן, האָבן זיי דאָך מיט עקשנות דורכגעטראָגן יעדע שוועריקייט אין אָנהויב. זיי זיינען געווען פֿול מיט האָפֿנונג, אַז דער אידעאַל און חלום זייערער וועט גאַר בקרוב פֿאַרווירקלעכט ווערן.

ניט גאָר גרינג איז געווען דער לעבן די ערשטע חדשים פֿון אונדזער פּיאָנערעווען. בלויז צוועלף מענער זיינען מיר געווען דאָרטן אין אָנהויב. די מערסטע פֿון אונדז זיינען געווען שווערע, אַרבעטזאַמע, האָרעפּאַשנע יונגע מענטשן, וועלכע האָבן זיך גלייך צוגעפּאַסט, סיי צום שווערן קלימאַט דאָרטן און סיי צו דער נייער, פֿאַר אונדז, אַרבעט. געוואוינט האָבן מיר די ערשטע צייט, אין לייוונטענע געצעלטן. זומער אין די היצן, האָבן מיר געהאַט ניט ווייניק אויסצושטיין פֿון מחנות מאָסקיטאָס און זלידנע פֿליגן, און ווינטער, פֿון גרויסע קעלטן, שניי און שטורמס. צווישן די ערשטע צוועלף פּיאָנערן האָבן זיך געפֿונען אייניקע גאָר אינטערעסאַנטע טיפּן, אמתע פֿאָלקס־מענטשן, מיט אייגנאַרטיקע כאַראַקטער שטריכן, וואָס ארום און ארום, האָט זיך צוזאַמענגעשטעלט, אַן און פֿאַר זיך, אַ זייער לע־

בעדיקע און העראָאישע גרופּע. ברוך איז געווען עלטער אין יאָרן פֿון די אַנדערע פּיאָנערן, און אַ דאַנק זיין ערלעכער איבערגעבנקייט, זיין שווע־רע אַרבעט, וואָס ער איז כסדר גרייט געווען צו טאָן, צו יעדער צייט, איז ער געוואָרן דער געוויסן פֿון אָט דער קליינער גרופּע. מיט זיין פּשטות און אויפֿריכטיקייט האָט ער ניט ווייניק באַווירקט, אַז אַלע אַנדערע אין דער קאָלאָניע זאָלן גלייך זיך אַראָפּנעמען פֿון אים אַ מוסר השכל.

רוי־ערד

נאָכן רעגן, אין צפֿונדיקן טייל פֿון טאָל, אַריבער די פֿוס־בערגלעך, האָט זיך באַוויזן אַ רעגן־בויגן. מערב צו איז דער הימל לויטערער גע־וואָרן פֿון די שווערע וואָלקנס און כמאַרעס. די זון איז אַרויסגעשוואומען פֿון צווישן די וואָלקנס אַן אויסגעוואַשענע, אַ מילדערע און זיך איצט דער־נענטערט, האַרט צו די מערב זייט בערג, צום פֿאַרגיין.

אין טאָל האָט זיך איצט געפֿילט אַ בין־השמשות׳דיקע שטילקייט. דער לייכטער רעגן האָט דעם שטויב פֿון די געדיכט באַוואַקסענע ווייץ און אַלפֿאַלפֿאַ פֿעלדער, אָפּגעוואַשן און אַלץ איז פֿריש און גרין געוואָרן. די לופֿט אַ מילדע, אַ רואיקע און אַ דורכזיכטיקע, האָט דעם מענטש, חיה און געוויקס אָפּגעפֿרישט און אויפֿגעלעבט.

אויפֿן מיט־וועג פֿון שליאַך, פֿון ביידע זייטן געדיכט באַוואַקסענע פֿעלדער, שלעפּט זיך איצט אַ גרויסער, שווער געלאָדענער וואָגן, מיט פֿריש אָפּגעשניטן היי. איינגעהילט אין דעם היי־וואָגן, קוים וואָס מ׳זעט אים אַרויס, זיצט בענדער אויף דער קעלניע, אָנטרייבנדיק צוויי איינגע־שפּאַנטע פֿערד צום וואָגן, נעלי און דואי, פֿאָרנדיק איצט אַ היים צום ישוב.

אַ צופֿרידענער, מיט אַ זינגנדיק האַרץ, טראַכט איצט בענדער פֿון זיין זיין דאָ אויפֿן לאַנד און פֿון זיין גאָרניט לאַנג פֿאַרגאַנגענעם נעכטן אין דער גרויסער שטאָט. דאָ, אויף דער פֿערמע, אין דער קאָלאָניע, איז ער ערשט קוים עטלעכע חדשים און ווי ליב ס׳איז אים געוואָרן דאָ דאָס נייע לעבן; ווי פֿרייער ער האָט דאָ אָפּגעאָטעמט און ווי געזינטער און נאַטירלעכער זיין לעבן הויבט זיך דאָ אָן איינצואָרדענען. אמת, מ׳לעבט דאָ ניט ווי קיין פּריצים, אויך פֿעלט דאָ אַפֿילו די עלעמענטאַרסטע באַ־קוועמלעכקייטן וואָס מ׳האָט אין דער גרויסער שטאָט, אָבער דערפֿאַר פֿילט

זיך דאָ ניט די כסדרדיקע מורא פֿאַר דעם דראָענדיקן מאָרגן. ס׳ברעכט זיך דיר ניט דער מוח, ווען „דזשאָב״ און פּרנסה זוכעריי.

דער זאַפּטיקער אַראָמאַט פֿון דעם פֿריש אָפּגעשניטן היי, האָט אים מילד און ווי באַלזאַם געררייצט און געקיצלט זיינע נאָז־לעכער. ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך דעם פֿרישן ריח ווי אַ געשמאַקן געטראַנק. די היי־שטרויעלעך פֿון דער איבער אים אָנגעלאָדענער משא, האָבן אים שטי־פּעריש געשטאָכן אין האַלדז, אין די אויערן און ער האָט בשעת מעשה געפֿילט עפּעס אַזאַ מאָדנעם רייצנדיקן פֿאַרגעניגן, ווי אַ געליבטע זיינע, פֿון וועלכער ער האָט איצט געחלומט און באַזונדערס געבענקט, וואָלט זיך שטיפֿעריש מיט אים געררייצט און געשפּילט...

— אָ! — האָט ער טראַכטנדיק אין דער הויך, אויסגעדריקט זיינע געפֿילן — וואָס פֿאַר אַ חילוק פֿון מיין איצטיקן היינט, דאָ, און בלויז מיט זעקס חדשים צוריק, איידער מיר זיינען אַהער, אויפֿן לאַנד אָנגעקומען! אָ, וואָס פֿאַר אַ חילוק! דאָרטן, אין דער גרויער גרויסער שטאָט, כסדר געווען איינגעשפּאַנט אין אַ שוויץ־שאַפּ, ווי אין אַ תּפֿיסה: אָן ליכט, אָן זון־שיין; געזען בלויז פֿאַר זיך אַן אַנטקעגנדיקע ברודיקע ציגל־וואַנט פֿון דער שכנותדיקער פֿאַבריק; בלויז אַ קליינער פּאַס זון־ליכט צווישןביידע ציגל־ווענט, האָט זיך אין אַ זוניקן פֿרימאָרגן ווי ניט ווי אַריינגע־גנבעט דורך די ברודיקע פֿענסטער פֿון שאַפּ. פֿון פֿרי ביז שפּעט אין אָוונט אין דער זעלביקער גרוי־ברודיקער סביבה. אַ שטענדיקער געבראַזג און רוישן פֿון מאַשינען, אַ לעבן אָן זון־שיין, אָן בלומען, אָן גראָז... און אַז איך האָב מיך שוין יאָ אַרויסגעריסן פֿון דער שאַפּ־תּפֿיסה און זיך דער־שלאָגן צו אַ דרויסנדיקער אַרבעט, מיט קליינעם האַנדל און וואַנדל זיך באַשעפֿטיקט, איז דען דער לעבן געווען אַ בעסערער? פֿון פֿרי ביז שפּעט אין אָוונט, געלאָפֿן, געזוכט, געגישטערט און געהאָוועט, כדי זיך ביים לעבן דערהאַלטן, די פֿאַמיליע מפֿרנס צו זיין. יאָ, ביזט קיינמאָל ניט זיכער געווען מיטן מאָרגן — דאָס איז געווען אונדזער אַלעמענס גורל דאָרטן, אין דער גרויסער שטאָט.

— אָבער דאָ! אַזאַ ברייטע רחבותדיקע וועלט, אַ ים מיט ליכט און זונשיין: אַזוי פֿיל גרין־גראָזיקע פֿעלדער, געל־גאָלדיקע ווייץ־זאַנגען און באַבוימערטע בערג אַרום! אַ נאַטור־שיין לעבן, רייך אין קאָלירן, ווי דער היינגענדיקער איבער מיר, רעגן־בויגן...

— אָ! ווען איך וואָלט געקאָנט מיין פֿרייד הויך אויסשרייען, אַזוי הויך און קרעפּטיק, אַז מ׳זאָל דאָרטן, אין דעם גרויס־שטאָטישן גהינום



די ערשטע גרופּע פֿון די 12 פּיאָנערן אויפֿן לאַנד

דערהערן, וואָלט איך גערופֿן איצט צו אַלע מיינע נאָענטע און פֿאַרשקלאָפּ־טע, צו דער גרויער פֿאַרהאַרטעוועטער שטאָט, די שטאָט פֿון אײַזן און צעמענט, די שטאָט פֿון דעם כסדרדיקן הו־האָ, פֿון גערודער און גערויש. כ׳וואָלט זיי גערופֿן, צו פֿעלד, צו באַרג און טאָל, צו דער ליכטיקער זוניקייט, צו דער פֿריינטלעכער נאַטור און צו דער ליבער מאַמע־ערד.

— יאָ, אַהערצו וואָלט איך זיי גערופֿן, מיט דער מאַמע־ערד זיך צו באַהעפֿטן און אַ נײַ לעבן, ווי איך דאָ אָנהויבן...

די זון איז פֿאַרגאַנגען אין קופּערנע פֿלאַמען; אַן אָנזאָג אויף אַ הייסן מאָרגן. ביים שמאָלן ברעג טײַך פֿון אונדזער ישוב, שטייען שוין די חברים פּיאָנערן, אַלע שוין פֿאַרהאַרטעוועטע, אַקלימאַטיזירטע. אָפּגעטאָן אַ שווערן טאָג אַרבעט, „וואַסערן" זיי איצט זייערע מידע פֿערד, פֿון דער אַרבעט. דער אַלטער סענדראָף, אַ הויך געוויקסיקער, ברייט־פּלייציקער ייד, אַ געניטער אין הלכות פֿערד נאָך פֿון דער אַלטער היים, אין דער גרויסער שטאָט. ער האָט געגעני געוואוסט ווי אַזוי אַרומצוגיין אַרום די שטומע באַשעפֿענישן; ער באַטראַכט און באַטאַפּט יעדן פֿערד באַזונדער, צי זיי־נען זיי, ניט צופֿיל דערוואָרעמט אָדער פֿאַרשוויצט...

— גיט אַכטונג — זאָגט ער צו די חברה ביים „וואַסערן" די פֿערד — אַ פֿערד איז להבדיל ווי אַ מענטש, איז ער דערוואָרעמט און פֿאַרשוויצט, קען ער נאָך כאַפּן, ניט דאָ געדאַכט, אַ פֿאַרקילונג און זיך גאָר אַוועק־פּעקלען...

דער אַלטער איז אונדזער הויפּט אויפֿזעער איבער די פֿערד און פֿאַר־וואַלטעט מיט דער גאַנצער שטאַל־באַלעבאַטישקייט און אַנדערע חפֿצים, וואָס ס׳האָבן אַ שייכות צום שפּאָן און אַקער־אײַזן. פֿאַרטאָג, און ניט זעלטן אין מיטן נאַכט, קען מען זען דעם אַלטן סענדראָף, מיט אַ לאַמטערנע אין האַנט וויגנדיק, איבערן קעמפּ־הויף, אויפֿן וועג צום שטאַל צו. ער היט אָפּ די פֿערדלעך, ווי אַ געטרייע מאַמע אירע קינדער פֿון אַ בייז אויג; אַ מינדסטער שאָרך, אַן אומרואיקייט אין שטאַל ביינאַכט, טאָמער האָט זיך חלילה אַ „קאַיאָט" אַרײַנגעכאַפּט. זײַן אויער דערהערט שוין, און ער איז ראַפּטאָם אויף...

אָוונט־ברויט, אין אַ גרויסן לייוועטענעם געצעלט, אין אונדזער קיך און עס־צימער, בײַ אַ גרויסן לאַנגן פֿון ברעטער אויפֿגעקלאַפּטן טיש, זיצן חברה פּיאָנערן און עסן זייער וועטשערע מיט גרויס אַפּעטיט. כאָטש דאָס ברויט איז אַ ביסל זויערלעך, אַ ביסל ניט דערבאַקן, דאָך ניט דאָס היימיש אידיש, גוט אויסגעבאַקן, גרויס־שטאָטיש פֿריש שטיקל ברויט. נו, דער־



די ערשטע 12 פּיאָנערן גרייט אַרויסצופֿאָרן צו דער אַרבעט

פֿרישט מען דאָס, און חברה פֿאַרצערן דאָס גאַנץ געשמאַק און מיט גרויס אַפּעטיט אַזוי, אַז קיין שיריים פֿון דעם בלייבט שוין ניט!...

נאָך דעם אָוונט־ברויט, דערציילט יעדער איינער, פֿון די אויפֿטו־אונגען פֿון דעם פֿאַרגאַנגענעם טאָג אַרבעט. בענדער און קלמן, אַ פּאָר וואָס האָבן כסדר געאַרבעט צוזאַמען, דערציילן, אַז זיי האָבן היינט אויס־געגראָבן פֿון פֿעלד, זייער גרויסע שווער־משאדיקע שטיינער און האָבן די שטיינער אַרונטערגעפֿירט צום אויסוואַש, ביים ראַנד פֿון אונדזער לאַנד צו בויען אַ דאַמבע דאָרטן, ווי עס פּלאַנירט בי־בי, אונדזער הויפּט פֿאַר־וואַלטער און פֿירער פֿון דער קאָלאָניע. די לויפֿנדיקע וואַסערן, פֿרילינג צייט, וואָס לויפֿן איצט איבערן לאַנד אַזוי סתם, כמעט ווי אין ניוועץ, וועט מען קענען דורך קליינע קאַנאַלן, פֿאַרקערעווען צו דער דאַמבע, און נאָכ־דעם וועט דאָס דינען אַלס אַ באָד־פּלאַץ פֿאַר אונדז, די פּיאָנערן, און די פֿאַמיליעס וואָס וועלן בקרוב ארויסקומען.

מאַרטין האָט ווידער דערציילט, אַז היינט האָט ער צום ערשטן מאָל, באַאַקערט אַ גרויסן שטח לאַנד, מיט דער הילף פֿון אַן אַכט־פֿערדיקן שפּאַן און אַ גאַנג מיט אַקער־אייזנס; אַ חריפֿות וואָס נאָר די גוישע שכנים, אַלטע דערפֿאַרענע פֿאַרמערס, האָבן לעת־עתה דאָס געקאָנט באַוויזן.

בי־בי האָט דערציילט פֿון אַ בריוו, וואָס ער האָט היינט דערהאַלטן פֿון ניויאָרק. די חברים, דערציילט ער, שרייבן, אַז זיי וואַרטן שוין דאָרטן מיט אַ גוואַלדיקן אומגעדולד. זיי ווילן אַלע, וואָס שנעלער אַריבערקומען אַהערצו און זיין מיט אונדז, די גליקלעכע, וואָס האָבן זיך דערנענטערט שוין צום אויסגעטרוימטן חלום אונדזערן.

יוסף דער פּופּצענער, אַ הויכער, אַ ביינערדיקער יונגער מענטש, מיט גרויסע שווערע פֿיס, האָט געטראָגן אַ פּופּצענער שוך, (מחמת דעם האָבן מיר אים טאַקע גערופֿן „יאָשקע דער פּופּצענער"). ביים פֿאַך איז ער געווען אַ סטאָליאַר און שטאַרק איז ער געווען, ווי אַ ריז. האָט געקאָנט אָפּטאָן אַ ים מיט אַרבעט ווען ער האָט נאָר געוואָלט. אַ פֿריילעכער גוטער יונג ביז גאָר און אַן אידעאַליסט־נאַציאָנאַליסט. ער האָט געזען, אין דער אויפֿבויאונג פֿון דער קאָלאָניע, אַן אָנהויב פֿון זיין ציוניסטיש־טעריטאָ־ריאַליסטישן חלום.

— לאָמיר נאָר מאַכן דאָ דערפֿאָלג — פֿלעגט ער רק טענהן צו אונדז חברה — און איר וועט זען, אַז אויף אונדז קוקנדיק, וועט דאָס גאַנצע יידי־שע פֿאָלק, באַאַקערן זיך צוריק צו ערד. ער פֿלעגט אָבער זייער שטאַרק בענקען נאָך זיין פֿרוי און קינדערלעך, ווי די מערסטע פּיאָנערן, מחמת די

פֿאַמיליעס פֿון די ערשטע צוועלף פּיאָנערן, זיינען נאָך אין דער גרויסער שטאָט פֿאַרבליבן, ביז די מעגלעכקייט וועט דערלויבן און אויך אַ פּלאַץ וועט צוגעגרייט ווערן פֿאַר זיי, זיי אַריבערצונעמען.

צוועלף און איינע

אין אָנהויב זיינען מיר בלויז צוועלף יונגע מענער דאָ געווען: אָן איין פֿרוי אַפֿילו און, מיט אַ געזונטן פֿאַרלאַנג און אַפּעטיט צום נאַטירלעכן ערדישן לעבן. זייענדיק דאָ אָפּגעריסן, ווייט פֿון דער שטאָטישער ציוויליזאַציע, מיט אַלע אירע אַטראַקציעס און פֿאַרגעניגנס און לעבנדיק אין אָט דעם גרויסן ווילדן טאָל, אַרומגערינגלט מיט ריזיקע בערג, וועלכע האָבן אויף אייניקע פֿון אונדז שטאָטישע, אָפּטמאָל, אַן אומעט און בענקעניש אַרויפֿגעוואָרפֿן, האָבן מיר, אין אָט דעם איינזאַמען טאָל, וואָס איז ביז אונדזער קומען אַהער, פֿון קיין מענטשלעכן פֿוס כמעט ניט באַטראָטן געוואָרן, זיך געפֿונען דאָ, ווי אַ מאַנשאַפֿט פֿון אַ בלאָנדזשענדיקער שיף אויף אַן אומבאַקאַנטן ים, וועלכע האָבן חדשים לאַנג, קיין פֿרוי אין די אויגן אָנגעזען. ביי דער ערשטער לאַנדונג אין אַ פּאָרט, באַקוקן און באַטראַכטן זיי, אָט די פֿאַרוואָרלאָזטע און פֿאַרוואָגעלטע, די ערשטע אַנטקעגנקומענדיקע פֿרוי, מיט אַ באַזונדער גרויסן נייגער, מיט אַ שטאַרקן הונגער און באַגער, און מיט בליקן איינשלינגנדיקע און פֿאַרחלומט ביינקנדיקע...

ווען בערטאַ, עזראַס ווייבל, איז די ערשטע און איינציקע פֿרוי צו אונדזער אַאַזיס אָנגעקומען, האָבן מיר אים, עזראָן, אַלע מקנה געווען. אַ גרויסע ענדערונג איז מיט אַמאָל פֿאַרגעקומען אין דער פּיאָנערן גרופּע, זינט בערטאַס באַוויזן זיך דאָ. חברה האָבן אָנגעהויבן זיך אָפּטער ראַזירן, בייטן מלבושים אין אָוונט נאָך דער אַרבעט, אויספּיינען זיך מיט שיינע רייד, מיט אַ קלוג וואָרט און ווער מיט געזאַנג. מ'האָט געזוכט צו געפֿעלן... אויך דער חשק צו פֿאָרן אין דעם נאָענטן שטעטל, איז איצט שטאַרקער געוואָרן... אפֿשר וועט זיך עפּעס מאַכן אַ באַגעגעניש, פֿאַרקניפּן אַ פֿרויען באַקאַנטשאַפֿט, אַ דערנענטערונג צו עפּעס, נאָך וואָס ס'האָט זיך געבענקט, געגאַגט, געפֿאָדערט אַ געוויסע באַפֿרידיקונג...

עזראָן האָט אַביסל געקריינקט און פֿאַרדראָסן פֿאַר דער קנאה, וואָס זיינע חברים האָבן צו אים אַרויסגעוויזן און די מאָדנע בליקן, וואָס זיי פֿלעגן צוואַרפֿן צו בערטאַן. ס'האָט אים שטאַרק ווי געטאָן זייער האַנד־

לונג, אים האָט זיך רק אויסגעוויזן, אַז ווען נאָר זי, בערטאַ, גייט דורך דעם הויף וואו די געצעלטן זיינען געשטאַנען, פליען פון דאָרטן זייערע בליקן, ווי פייערדיקע זיילן, געריכטעט צו איר. חברה טוען איר ממש אויס נאַקעט, אין זייער אָנגערעגטער פאַנטאַזיע, און שפיגלען זיך אין איר קערפּער... דאָס פלעגט אים ניט ווייניק בייז מאַכן. ער האָט געפילט, אַז זי, בערטאַ, איז איצט געוואָרן דער צענטער פון זייער דענקען און פילן... בערטאַן האָט עס אַביסל געשמייכלט: דער געדאַנק, אַז מיט איר באַווייזן זיך דאָ, אין קעמפּ, האָט זי אַרויסגערופן ביי זיי אַלעמען אַזעלכע געפילן און באַנעמונגען, איז צו איר ביז איצט, געווען אין גאַנצן אַ נייער — אַן איבערלעבונג וואָס זי האָט קיינמאָל ניט דורכגעמאַכט.

קלמן, איינער פון די ערשטע צוועלף, אַ געזונטער, אַן ענערגישער יונ־גערמאַן, פון אַרום פיר און צוואַנציק יאָר, האָט אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צו שרייבן און באַוואונדערן די שיינע נאַטור, פלעגט ער אין זיין פרייע צייט, לייענען און שרייבן און ניט ווייניק באַגייסטערט ווערן פון די בלויע בערג אַרום טאָל און פון די „אינדיען זומער פאַרנאַכטן" וועלכע פלעגן אָנהויבן עפּעס אַזאַ מאָדנע שטילע בענקעניש און פאַרחלומטקייט...

קלמנס טערמין איז געקומען צו זיין דער קוכער פאַר דעם קאָאָפּע־ראַטיוון קעמפּ פון די צוועלף פּיאָנערן. געוויינלעך, האָט קיינער פון די „צוועלף" זיין טערמין אַלס קוכער, ניט גערן איבערגענומען. ס'האָט בע־סער געצויגן צו פעלד אַרבעט, צום אַקער־אייזן, ווארים דאָס איז דאָך געווען אונדזער אידעאַל, דאָס וועט דאָך זיין אונדזער מקור פון פרנסה; דאָס פעלד איז אונדזער ברויט־געבער! דאַרף מען זיך טאַקע, די פעלד־אַרבעט וואָס גיכער אויסלערנען: קאָכן פאַר צוועלף עסערס, און וואָס פאַר אַ עסערס! דריי מאָל אַ טאָג, איז פאַר אַן אומדערפאַרענעם אין דער „קולינאַרי" קונסט, ווייט ניט אַזאַ צוציענדיקע באַשעפטיקונג. דאָך, ווען ס'איז געקומען קלמנ'ס טערמין, דעם מאָל צו ווערן דער „קוק", האָט ער איבערגענומען די ממשלה איבער דער קיך מיט אַביסל אַ גרינגערן גע־מיט...

ווען די גאַנצע פּיאָנערן גרופּע איז פאַרנומען געווען אויף דעם פעלד מיט פאַרשיידענע אַרבעטן, זיינען די איינציקע וואָס זיינען אין קעמפּ גע־בליבן, געווען קלמן און בערטאַ. צווישן דיביידע האָט זיך פאַרקניפּט אַ נאָענטשאַפט און אַ חברשאַפט: ער פלעגט צו איר אַריינקומען אין גע־צעלט, פרעגן ביי איר עצות וועגן קיך אנגעלעגנהייטן: וואָס אַ שטייגער, זאָל ער היינט קאָכן פאַר וואַרעמעס אָדער וועטשערע? זי, פלעגט אויך,

צו אים אין קיך אַריינקומען זען, ווי ער גייט אָן מיט זיין נייער אַרבעט, ביי דער קוכעריי. פֿלעגט זי אים טאַקע אָנווייזן, ווי אַזוי אַמבעסטן און באַטעמסטן דאָס געקעכץ צוצוגרייטן.

אין פֿרייע מינוטן, פֿלעגט קלמן פֿאַר איר פֿאַרלייענען מעשהלעך און לידער; ער פֿלעגט איר דערציילן פֿון זיינע דערפֿאַרונגען אין לעבן און פֿון זיינע בענקענישן... בערטאַ, פֿלעגט אים ערנסט און צערטלעך אויס־הערן, כסדר מיט אים מסכים געווען און הנאה געהאַט פֿון זיין לייענען פֿאַר איר. אין דער גרויסער שטאָט, וואָלט אַזאַ בערטאַ, ניט קיין באַזונדערע יפֿת־תואר, ניט געצויגן קיין צו גרויסן אויפֿמערק; דאָ אָבער, אין דעם אַאַזיס פֿון אונדזער מדבר, איז זי געוואָרן דער געשפּרעך פֿון דער חברה, האָט באַשעפּטיקט זייערע מוחות, האָט דערוועקט אויפֿברויזנדיקע געפֿילן, מיט איר באַווייזן זיך דאָ, אויף אָט דעם „מאָנסביל אינדזל״.

קלמן האָט פֿאַרהערלעכט בערטען אין אַ ליד, וואָס ער האָט אין אַ פֿרייער שעה אָנגעשריבן. קיינער וואָלט אפֿשר פֿון אָט דעם ליד ניט גע־וואוסט, ס׳וואָלט מסתמא אַ סוד פֿאַרבליבן, בלייבנדיק ליגן צווישן זיינע אַנדערע כתבים. האָט אָבער אַ שטיפֿעריש ווינטל, דאָס דאָזיקע ליד, אונ־טערגעטראָגן גראָדע, דעם כסדר לוסטיקן מאַרטינען אין האַנט אַריין: — אַריינקומענדיק אין קיך, האָט מאַרטין דאָס פּאַפּירל, אויף וועלכן דאָס ליד איז געווען געשריבן, ביים שוועל פֿון טיר, אויפֿגעכאַפּט...

אין אָוונט, נאָך וועטשערע, חברה האָבן געפֿילט גוט און אויפֿגעלייגט, האָט אונדזער קעמפּ וויצלינג, מאַרטין, געוואָלט פּראַווען אַ ביסל לצנות, האָט ער באַלד נאָכן עסן, זיך אַ הויב געטאָן און געבעטן אַלעמען בלייבן ביים טיש זיצן.

— חברה! — האָט מאַרטין אין האַלב־ערנסט אויסגערופֿן — כ׳האָב פֿאַר אייך אַ נייעס און אַן אַנטדעקונג! כ׳גיי פֿאַר אייך פֿאַרלייענען אַ ליד פֿון איינעם, פֿון אונדזערן אַן אייגענעם שרייבער, טאַקע פֿון דאַנען, פֿון אונדזער אייגענער קאָלאָניע..

ס׳איז מיט אַמאָל שטיל געוואָרן. אַלע האָבן זיך האַלב שמייכלענדיק איבערגעקוקט און מאַרטין, האָט מיט וואָזשנעם פֿאַרנעם און נויטיקן פּאַ־טאָס, אָנגעהויבן דאָס ליד פֿאַרלייענען...

אויף דער נאָך ניט באַטראָטענער ערד
פֿון אונדזער טאָל,
האָסטו פֿלוצלינג זיך באַוויזן:
ווי שטאָלצע קאָרן־זאַנגען און בויגזאַמע וואַסער ליליען,

האָסטו גראַציעז באַוועגט זיך, מיט שטילע טריט אויף אונדזער רוי־ערד.
פורפור צאַרטע זון־שטראַלן, האָט דיין ווייס־שטאָטיש־פּנים אַרומגענומען,
און מיט אַ ראָז ליכט דאָס אָנגעצונדן...
ביסט ווי אַ וואַסער נימפע אַרומגעשפּרונגען
און זיך שפּילעוודיק געהנדלט אין דעם זון־ליכט פון טאָג...
דיינע רייצנדע אברים, האָבן מיך, ווי אַ זיסער וויין פאַרשיכורט;
ווען דו האָסט מיין תאוה בליק אויף זיך דערפילט;
האָסטו זיך אומגעדרייט צו מיר, און מיט אַ ליבן שמייכל מיך באַפריידט...
אין דיינע אויגן, ווי עמעראַלדן, האָב איך דעם רייץ און גלאַנץ
פון דער וועלט דערזען.
אין דיין שמייכל, — די צאַרטע ליבע פון דער פרוי דערפילט.
דיינע בריסטן, — קיילעכדיק און רונדיק ווי די פוס־בערגלעך
פון אונדזער טאָל, —
די תאוה פון דעם מאַן דערשפּירט...

אויף דער קוים באַטראָטענער ערד פון אונדזער טאָל,
האָסטו פרוי, צום ערשטן מאָל זיך באַוויזן;
געגאַרט האָב איך דיך האָבן!!
כ׳האָב געוואַנדערט איבער לענדער און ים׳ען, איבער בערג און טאָלן:—
כ׳האָב אַ סך געזען און נאָך מער פאַרגעסן,
אָבער דיך!!!
כאָטש, כ׳קאָן דיך ניט פיל,
ביזטו אָבער שטאַרק פאַראַנקערט אין מיין איך,
פון אַ ניט געזעטיקט געפיל!...

מאַרטין האָט פאַרענדיקט לייענען דאָס ליד, און כאָטש אין דעם ליד איז ניט דערמאָנט געוואָרן בערטאַס נאָמען, און אויך איז ניט דערמאָנט געוואָרן אויף דעם ליד, דעם מחברס נאָמען, האָבן אָבער אַלע פאַרשטאַנען, אַז דער שרייבער פון דער פּאָעמע איז אונדזער אייגענער קלמן און דאָס ליד האָט ער געווידמעט, אונדזער איין־און־איינציקער בערטאַן. חברה האָבן מיט אַמאָל אויסגערופן:

— בראַוואָ קלמן! בראַוואָ! הורראַ! פאַר דעם דיכטער פון אונ־דזער טאָל!...

קלמן, אַביסל איבערראַשט און צומישט, האַלב פאַרשעמט און טייל־ווייז צופרידן וואָס מ׳האָט אים אַנטדעקט, איז ער ראַפּטאָם צוגעלאָפן צו

מאַרטינען, אַרויסגעכאַפּט פון אים דאָס ליד און איז כמעט ווי ברוגזלעך אַוועק צו זיך אין געצעלט...

חברה האָבן זיך נאָך אַ ביסל געוויצלט, ווער ס'האָט לוסטיק געזונגען, ווער געדעדט צווישן זיך, נאָכדעם איז מען צוביסלעך צוקראָכן זיך אין די געצעלטן: — שרייבן בריוו צו נאָענטע און פאַמיליע, טיילן זיך מיט לייד און פרייד פון דעם נייעם היינט, און מיט דעם פיל צוזאָגנדיקן האָפענונגס־פולן מאָרגן...

די נסיעה אין די בערג

דער האַרבסט האָט צוביסלעך זיך אָנגעהויבן לאָזן פילן. די בלעטלעך פון די עטלעכע שיטערע בוימלעך אין טאָל, דאָ און דאָרטן, האָבן איינציקווייז אָנגעהויבן אַרונטערפאַלן. די ערד אין די פרימאָרגנס איז געווען קאַלט און פראָסטיק, קיין סך פעלד־אַרבעט האָט מען מער ניט געקאָנט באַווייזן אויפצוטאָן, האָבן אייניקע געאַרבעט אַרום „קעמפּ", וועגענער צו־רעכט געמאַכט, כאָמאָטן און לייצעס פאַרריכט און די מאַשינערייען גוט און לויז אָנגעאוילט, כדי צו פאַרמיידן דאָס זשאַווערן איבער דעם ווינטער. אַנדערע ווידער זיינען פאַרנומען געווען מיט פאַרריכטן געוויסע געפער־לעכע און שלעכטע דורכפאָר פלעצער, בריקלעך, אָדער אויסגראָבן אַזעלכע אויף די אַרומיקע וועגן פון דער קאָלאָניע. מ'האָט געדאַרפט די וועגן אויסגלייכן און פאַרריכטן. מ'איז אויך אָפטער אין נאָענטן שטעטל גע־פאָרן איינקויפן אייניקע ווינטער זאַכן און פּראָוויאַנטן.

אַרום יענע טעג, אין אַ לויטערן זונטיק פרימאָרגן, האָט די גאַנצע פיאָנערן גרופּע זיך פאַרנומען מיט זעק, העק און שטריק, אויף אַ נסיעה אין די בערג, נאָך געהילץ. חוץ דעם געהילץ, האָט מען זיך דער עיקר געוואָלט גוט באַקאַנען מיט דעם גאַנצן בערגיקן אַרום, וואָס האָט אונדז די גאַנצע צייט, זייער געלאָקט און געצויגן צו זיין דאָרטן. צו אונדז, גרויס־שטאָטישע, זיינען אָט די ריזיקע און אָפטמאָל פאַרנעפּלטע בערג, געווען פול מיט סודותדיקייט און האָבן ניט איינמאָל ביי אונדז אַרויסגע־רופן רעליגיעזן עקסטאַז און באַגייסטערונג...

דער טאָג איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך שיינער און זוניקער. פאָ־רנדיק אויף די אָפענע וועגענער, האָט די האַרבסטיקע זון, אונדזערע הוילע קעפ געבאַקן. די געלבלעכע טרוקענע ווילד־גראָזן אויף די פלאַכע לאַנ־קעס, האָבן גאָלדיק געבלאַנקט אַנטקעגן דער שטראַלנדיקער זון. אַ טייך

פֿון ווייטנס האָט פֿון די אַראָפּפֿאַלנדיקע זון־שטראַלן ערטערווייז פֿריידיק געשמייכלט; און די בוימער פֿון אַ באַגלייטנדיקן וועלדל, האָבן שטיל שעפּטשענדיק, ווי תּפֿילה געטאָן...

אַריינפֿאָרנדיק אין אַ שמאָלן טאָל, צווישן צוויי ריזן בערג, האָבן מיר דערזען פֿאַר זיך גאָר אינגאַנצן אַ ניי בילד: ראָז און געל־קאָלירטע שטיינער בערג, מיט אויסגעשניצטע, פֿון דער נאַטור, געזימסן און פֿיגורן, כמעט ווי ספֿינקסן, אויסגעקלאַפּט און קינסטלעריש אויסגעאַרבעט, ווי פֿון אַ מייסטער־האַנט. וואָס טיפֿער מיר זיינען אין דעם שמאָלן טאָל אַריינגעפֿאָרן, אַלץ מערער האָבן מיר געזען נאַטורס וואונדיירים. אַלץ האָט אין אונדז אָנגעצונדן אַן אומבאַגרעניצטע התלהבות; מיר האָבן דעם גאַנצן וועג, פֿון די וועגענער אונדזערע, פֿאַרריסן די קעפּ, צו די הויכקייטן און באַוואונדערט די שיינקייט פֿון די קאָלירפֿולע בערג. און ווען מיר האָבן אַרונטערגעקוקט ביי די זייטן פֿון וועג, האָט אונדזער אויג, דאָ און דאָרטן, זיך אָנגעשלאָגן אויף גלידער צוריסענע, פֿון אַ פֿאַרצוקטער שאָף אָדער אַן אַנדער חיה, צוריסן און אויפֿגעגעסן פֿון „קאַיאָטן". בילדער און דערשיינונגען אַזעלכע, וואָס זיינען ביז דאַן געווען צו אונדז, לחלוטין פֿרעמד און האָבן אָנגעפֿילט אונדזערע הערצער מיט אַ מאָדנעם ציטער און שווייגן...

מיר זיינען נאָכדעם אַריינגעפֿאָרן אין אַ צווייטן פֿלאַכן טאָל, אַ מין פֿאָדער־קאָרידאָר צו אַ צווייטער ריי, נאָך העכערע און באַבוימערטע בערג, וואָס האָבן אונדז געלאָקט מיט זייער גיגאַנטישקייט. איידער מיר זיינען צוגעקומען צו דעם נייעם ריינדזש פֿון די בערג האָבן מיר פֿון גאָר ווייטנס, ביים האָריזאָנט פֿון טאָל, דערזען אַ שיינענדיקן טייך. וואָס נענטער אין דער ריכטונג פֿון דעם „טייך" מיר זיינען אָנגעפֿאָרן, אַלץ ווייטער האָט אָט דער „טייך" פֿון אונדז זיך אָפּגערוקט, און לסוף, אין גאַנצן פֿאַרשוואונדן. מיר האָבן זיך נאָכדעם איבערצייגט, אַז ס'איז גאָר קיין טייך ניט געווען נאָר אַ „מיראַזש", אַ נאַטור דערשיינונג אַזאַ, באַזירט אויף אַן אָפּטישער אילוזיע; אַ פֿאָרשטעלונג פֿון אַ זאַך, וואָס ווערט געזען פֿון אַ ווייטער דיסטאַנץ אין אַזעלכע פֿרייע נאַטור ספֿערן...

מיר זיינען דורכגעפֿאָרן דעם טאָל און אַריינגעפֿאָרן אין דעם נייעם ריינדזש פֿון די בערג; די שטילקייט אין אָט דעם גאַנצן בערגיקן אַרום און פֿון דער סוף זומערדיקער וואַרעמקייט, וואָס האָט זיך געפֿילט אונטן אין טאָל, האָבן מיר זיך גאָרניט געקענט משער זיין, אַז טיפֿער און העכער אין אָט די געדיכט באַבוימערטע בערג, וועלן מיר פּלוצלינג דערזען פֿאַר זיך אַזאַ מאָדנע מעטאַמאָרפֿאָזע: אַזאַ גוואַלדיקער איבערבייט אין דער

גאַנצער נאַטור אַטמאָספֿערע, זומער און ווינטער אין איין און דערזעלביקער צייט. פֿון ווייטנס אין דער הויך, האָט זיך אַנטפּלעקט פֿאַר אונדז, אַ ווייסע, אַ שנייאיקע ווינטער וועלט! די בערג שפּיצן האָבן ווייסע מיצן געטראָגן און די שאָטנדיקע פֿאַלדן פֿון די בערג זיינען מיט שניי מאַנטלען געווען באַדעקט. אַ מאָדנע פֿאַר אונדז דערשיינונג: אונטן אַ ליבע זוניקע וואַרעמקייט, גענוג וואַרעם, אַז מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט פֿאַר אַ קורצן אָפּרו, האָבן זיך אויך אַרום אונדז, ניט ווייניק פֿליגן און מאָסקיטאָס באַוויזן. אונדזער העכסטער עקסטאַז אָבער פֿון באַגייסטערונג, פֿון דעם אומדערוואַרטעטן איבערבייט אין דעם נאַטור בילד, האָט זיך ערשט דערהויבן, ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט צו די הויך־פּונקטן פֿון די באַשנייטע בערג. מיר האָבן מיט אַמאָל דערהערט דאָרטן אַ שרעקלעכן קלאַנג, ווי פֿון דונערן פֿון ווייט ערגעץ, וואָס האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אין די טיפֿענישן פֿון די בערג און דאָרטן ווי פֿאַרלאָרן געגאַנגען. אַן אומבאַגרעניצטע פֿרייד האָט אונדז אַלעמען אַרומגעכאַפּט; חברה האָבן געזונגען און געשפּרונגען ווי פֿאַרשייטע קינדער...

בי־בי האָט גאָר אַרויסגעוויזן גרויס מתיקות און התלהבות: ער האָט זיך פּלוצלינג אַרויפֿגעשטעלט אויף אַן אָפּגעשניטענעם שטאַם פֿון אַ גרויסן בוים, האָט אויסגעשטרעקט זיינע הענט צום הימל און ווי אַ נביא צו גאָט גערופֿן... ווען אַ זייטיקער מענטש, אַ ווילד פֿרעמדער, וואָלט פֿאַרבייגעגאַנגען, און פֿון אַ זייט אונדז באַטראַכט, וואָלט ער ניט אַנדערש געקאָנט דענקען, אַז אָט די דאָזיקע „שרייער“ און „שפּרינגער“ זיינען אָפּנים אַ רעליגיעזע סעקטע אַזאַ, אַ גרופּע רעליגיעזע וואַנדערער, וועלכע קומען אין די וואַלדיקע בערג, פּראַווען דאָ הסבודדות און תּפֿילה טאָן צו זייער גאָט און רעליגיע... אַן אומגעוויינלעכע פֿרייד און צאַרטער ציטער, האָט אָנגעפֿילט אונדזערע אַלעמענס הערצער, פֿון דער וואונדערלעכער, קאָלירפֿולער רייכער נאַטור, פֿון די געדיכט־באַוואַלדערטע אַלט־שטאַמיקע גרויסע בוימער. מיר האָבן זיך דאָ אָנגעזען ווי מילבן, אין אָט דעם גרויסן גיגאַנטישן אַרום און אין דער זעלביקער צייט, געהאַט עפּעס אַ מין באַפֿרידיקונג און אַ געפֿיל פֿון אַ געוויסער סופּעריאָריטעט, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט אַזאַ אומגעוויינלעכע דערפֿאַרונג...

ווען מיר זיינען צו זיך געקומען, מיד, פֿון דעם כמעט רעליגיעזן איבערגעבן זיך מיט יוגנטלעכער פֿריילעכקייט און שפּיל, איז שוין דער באַרגוואַלד איינגעהילט געווען אין אַ פֿאַרנאַכטיקער בלויקייט, די לופֿט אַרום איז שוין געוואָרן פֿייכט און נעבלדיק. מיט אַמאָל האָבן מיר זיך דערזען אי־

בער, און צווישן די וואָלקנס, אַ בילד וואָס מ׳קאָן ניט אַזוי גרינג פֿאַרגעסן...

אַרויספֿאָרנדיק פֿון דעם בערגיקן וואַלד, האָט שוין אַ געדיכטער פֿאַלנדיקער שניי באַגלייט אונדזער וועג אויף צוריק. געהילך, נאָך וואָס מיר זיינען יענעם טאָג אין די בערג געפֿאָרן, האָבן מיר כמעט, ווי גאָרניט אַרונטערגעפֿירט. אונדזערע וועגענער זיינען האַלב ליידיק געווען. דערפֿאַר אָבער זיינען אונדזערע הערצער, מיט אַ סך פֿרייד און געזאַנג פֿאַרפֿילט געווען — אַ פֿרייד פֿון זאָרגלאָזיקייט און אָן אַן עול פֿאַר דעם באַלדיקן מאָרגן...

ערשטער ווינטער און פֿרילינג

דער ווינטער איז שוין געשטאַנען ביי אונדזער שוועל, און איז מיט יעדן טאָג אַלץ שווערער געוואָרן. מיר אָבער, זיינען ווייט ניט צוגעגרייט געווען פֿאַר אים: — ניט מיט וואַרעמע מלבושים און ניט מיט אַ געהעריקן דאַך איבערן קאָפּ. די וועגן זיינען אויך ניט געווען קיין גאָר גינסטיקע. ביי־בי פֿלעגט אונדז דערציילן, איידער מיר זיינען אָנגעקומען אַהערצו, אַזויפֿיל ניסים פֿון זיין ניי אַנטדעקט לאַנד. דאָ, אין דעם טאָל, פֿלעגט ער אונדז רימען דעם פּלאַץ און דעם קלימאַט, איז אַ מילדער ווינטער און אַ לאַנג אָנהאַלטנדיקער זומער. שטיצנדיק זיך אויף זיינע רייד און אויך אויף די פֿיל צוזאָגנדיקע רעקלאַמען פֿון די היגע געשעפֿט־לייט און „טשעמבער אָוו קאמערס", פֿון יענעם שטאַט, נעמלעך: אַז 360 טעג אין יאָר, שיינט דאָרטן די זון; אַ ליבע וואַרעמקייט דאָ — כסדר זומער!... האָבן מיר, אין אונדזער אומדערפֿאַרנקייט און נאַאיוון גלויבן, אַלץ אָנגענומען פֿאַר גוט געלט און אַלץ און אַלעמען געגלויבט. אַלס פּועל־יוצא פֿון דעם, האָבן מיר דאָס ביסל וואַרעמע מלבושים, וואָס מיר האָבן געהאַט, איבערגעלאָזט, אַוועקגעגעבן און געקומען אַהערצו זיינען מיר, ווי זומער פֿויגעלעך!... אַרויסגעוויזן האָט זיך פּונקט דער היפּוך: די זומערן דאָ זיינען קורצע און שרעקלעך הייסע, און די ווינטערן — לאַנגע און שווערע... איז די ערשטע אַנטוישונג געווען פֿאַר אונדז אַ זייער שמערצלעכע. טראָץ דעם אָבער, וואָס מ׳איז ניט זעלטן אָפּגעריסן געווען, פֿון דעם נאָענטן שטעטל, אָן פֿאַרבינדונגען, טאַקע צוליב די שטורמס און שנייען, און אויך ניט איינמאָל אָן ברויט, אָן וואַסער צום טרינקען, אָן בריוו פֿון פֿאַמיליע; דאָך, האָבן מיר שלום געמאַכט מיט דער ערשטער ביטערער

אַנטוישונג און געוואָרט אויף אַ בעסערער צוקונפט. אונדזער האָפנונג און בטחון האָט אונדז ניט פאַרלאָזט...

די שכנים אין און אַרום דעם טאָל, האָבן, פאַרשטייט זיך, אויף אונדזער באַמערקטער אַנטוישונג, בנוגע דעם היגן קלימאַט און וועטער, אונדז געענטפערט, מיט דעם געוויינלעכן סקאַרבאָוון נוסח און ענטפער: „אַזאַ שווערן ווינטער געדיינקען מיר גאַרניט אין די היגע מקומות, ס'איז דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון אונדזער טאָל! „ען אַניוזשעל וועטער"!

אויף בערטאַן איז געווען אַ גרויס רחמנות: דער שניי־שטורם פלעגט זיך ניט זעלטן אַריינרייסן אין איר לייוועטענעם געצעלט, פאַרשנייען דאָס בעט־געוואַנט און די איבריקע מכשירים. דאָס וויינענדיקע וואָיען פון די „קאַיאָטן" ביינאַכט, און זייער אַרומפּאַדען אַרום די געצעלטן, פלעגט אויף איר, ממש אַנוואַרפן אַ פחד און אַ מורא. דאָס איז געוואָרן פאַר דער צאַרטער בערטאַן, שווער איבערצוטראָגן. אין צוגאָב צו דעם, האָט אויך עזרא, שוין מער ניט געקאָנט איבערטראָגן די קנאה'דיקע געפילן פון זיינע חברים צו אים, די שפּיזלדיקע ליידנשאַפטלעכע בליקן וואָס זיי פלעגן, איר, בערטאַן צוואַרפן; פלעגט דאָס אים, עזראַן, מער באַליידיקן ווי וועטער. זייער מתקנה זיין זיך אויף אים, האָט ביי דער חברה בולט ארויסגערעדט פון זיי: — דיר עזרא איז גוט, דו זעטיקסט זיך אָן מיט דיין בערטאַן, שטילסט דיין הונגער. מיר אָבער זיינען אויסגעהונגערט נאָך אַ ביסל אינטימיטעט, אַ צאַרטן קוש, אַ ליבע אומאַרמונג...

עזרא האָט דאָס אַלץ מער ניט געקאָנט איבערטראָגן און האָט דעם קאַלטן גרויזאַמען טאָל, איבער די ווינטער חדשים, פאַרלאָזן. ער מיט זיין בערטאַן, האָבן זיך אין דעם נאָענטן שטעטל אַריבערגעקליבן.

די טעג זיינען געוואָרן קורצע, די נעכט אַזעלכע לאַנגע און סומנע און מיר, אין אונדזערע לייוועטענע געצעלטן, וואו דער פּייפנדיקער ווינט און דער יאָמערן פון די הונגעריקע „קאַיאָטן" האָבן גלייכצייטיק באַגלייט אונדזער גרויסע בענקשאַפט... מיר האָבן געבענקט און געהאָפט פאַר אַ גיכן אָנקומענדיקן פרילינג: אפשר וועט מען שוין קאָנען דאַן די פרויען מיט די קינדערלעך אַריבערנעמען אַהערצו... ס'וועט זיך דאַן אָנהויבן גאָר אַ ניי לעבן. יאָ, ס'האָט אַלעמען געבענקט זיך, נאָך ווייב און קינד, נאָך פרויען צערטלעכקייט, נאָך ליבע און קינדעריש געלעכטער.

די ערשטע צוועלף פּיאָנערן, האָבן נאָך באַוויזן דעם ערשטן סעזאָן פון זייער זיין דאָ אויפן לאַנד — איידער די ערד איז פון פראָסט פאַרהאַרטעוועט געוואָרן — צו פאַראַקערן אַ היפּשן שטח לאַנד, סיי מיטן טראַק־

טאָר און סיי מיט פֿערד און אַקער־אײַזנס (ניט כּסדר איז דער טראַקטאָר געווען אין גוטן אָרדנונג; אָפֿטמאָל, האָט מען געמוזט אָנקומען צו דרויסנדיקע הילף, דעם טראַקטאָר צו פֿאַרריכטן און אויך אַרבעטן מיט אים). הגם דער ווינטער האָט אַ ביסל צו פֿרי געלאָזט זיך דאָ פֿילן, האָט מען פֿונדעסטוועגן באַוויזן צו פֿאַרזייען אַ ווינטער ווייץ, וואָס ווען געראָטן, וועט מען אים קאָנען שנײַדן סוף פֿרילינג. מ׳האָט אויך געהאָפֿט, אַז אין פֿרילינג, וועט שוין אויך פֿאַרטיק ווערן דער צוגעזאָגטער וואַסער איריגאַציע פּראָיעקט. ערשט דאַן וועט מען זיך קענען אַ נעם טאָן צום אַקערן און זייען די פֿעלדער, מיט ווייץ און האָבער און דער עיקר, מיט דעם גאָט געבענטשטן געוויקס אַלפֿאַלפֿאַ, וואָס וואַקסט דאָרטן, דריי אָדער פֿיר יאָר כּסדר, ניט דאַרפֿנדיק אַפֿילו, יעדן סעזאָן איבעראַקערן די ערד, ווי ס׳ווערט געטאָן פֿאַר אַלע אַנדערע געוויקסן. בי־בי האָט אונדז אַזויפֿיל דערציילט וועגן אָט דעם וואונדערלעכן אַלפֿאַלפֿאַ געוויקס, אַז ס׳האָט אונדז ממש פֿאַרכאַפּט און זייער שטאַרק אימפּאָנירט.

— וואָס הייסט — פֿלעגט אונדז בי־בי, נאָך אין דער איסט, פֿון אָט דעם וואונדערלעכן געוויקס אַלפֿאַלפֿאַ, דערציילן. — פֿאַרזייסט איינמאָל און ס׳וואַקסט פֿון זיך אַליין, עטלעכע יאָר כּסדר! און דאָס וואונדערלעכסטע פֿון דעם איז, וואָס דו שנײַדסט דאָס פֿיר אָדער פֿינף מאָל דורכן זומער! איז דאָס ניט אַ גאָט געבענטשט געוויקס? און פֿאַרגעסט ניט — פֿלעגט ער פֿאַר אונדז שילדערן, — די גרויסע פֿאַרדינסטן פֿון אַזאַ אַלפֿאַלפֿאַ שניט, און דער גרינגער און רואיקער לעבן פֿון דעם פֿאַרמער. — איר פֿאַרשטייט? אַז די אַלפֿאַלפֿאַ ברענגט אַרײַן דעם פֿאַרמער אַזאַ גוטן אײַנקונפֿט, אַז ער קאָן זיך פֿאַרגינען צו זיצן בײַ זיך אויפֿן פֿאַרם, אונטער אַ שאָטן פֿון בוים, רויכערן זײַן פּיפּקע, געמיטלעך שמועסן מיט זײַן שכן און הנאה האָבן פֿון לעבן!...

פֿאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן אויף אָט דעם גאָלדענעם פֿאַרזיי געלייגט גאָר גרויסע האָפֿנונגען: וועלן אויך מיר האָבן דאָ אַ געראָטענעם אַלפֿאַלפֿאַ שניט, וועט עס אויך אונדז אַרײַנברענגען אַ גוטע הכנסה, און מיר וועלן דאָ זײַן געזיכערט מיט אונדזער גרויסער קאָלאָניע אונטערנעמונג...

יאָ, ווען מיר פֿלעגן פֿאַרבײַפֿאָרן די שכנותדיקע דערפֿער און פֿעלדער, און זען פֿון דערווײַטנס, די געדיכטע, טיף גרינע באַוואַקסענע אַלפֿאַלפֿאַ פֿעלדער, פֿלעגט טאַקע אָנקוועלן אונדזער האַרץ פֿון פֿרייד און האָפֿנונג. מיר האָבן געפֿילט, אַז אויך מיר וועלן באַלד, באַלד דאָס וואונדערבאַר שפּע׳דיק געוויקס בײַ אונדז האָבן געוואַקסן, אויף אונדזערע אייגענע ייִדישע פֿעלדער...

אין דעם פריען פרילינג זיינען די פעלדער גיך באַגרינט געוואָרן, פון דעםווינטער פאַרזיי. צו אונדזער פרייד איז גאָר קיין גרענעץ געווען. און ניט אומזיסט: מ'האָט שוין טאַקע אָנגעהויבן צו זען סימנים פון אונדזער אייגענער אַרבעט. וואָס אַ טאָג ווייטער אין פרילינג, זיינען די פעלדער אונדזערע געדיכטער באַדעקט געוואָרן מיט גרינע גראָז־צינגלעך; וואָס אַ טאָג, ווערן אָט די גרין־געוויקסן גרעסער און גרעסער און באַלד, באַלד וועלן מיר זען פאַר זיך געל־גאָלדענע זאַנגען, גרייט פאַר אונדזער לאַנג געהאָפטן שניט. בי־בי האָט זיך ניט ווייניקער געפרייט, פלעגט יעדן פרימאָרגן אַרויסקומען אויפן פעלד, ווען דער טוי איז נאָך געדיכט גע־לעגן אויף די יונגע שפּראָצונגען און באַטראַכטן זיי, מעשה אַגראָנאָם, ווייל ער האָט דאָך ביי אונדז פיגורירט אַלס דער אַגריקולטוריסט.

איר זעט, פלעגט ער צו אונדז, מיט שטאָלץ אַ זאָג טאָן — פון אָט די יונגע שפּראָצונגען, קען מען שוין איצט דערקענען, סיי לויט זייער קאָליר און סיי לויטן וואוקס, אַז מיר וועלן האָבן, מיט גאָטס הילף, אַ גאָר, גאָר גערואָטענעם שניט...

מיר האָבן, נאַטירלעך, מיט אים צוזאַמען, געגלויבט באמונה שלימה, אַז אַזוי וועט דאָס טאַקע זיין. ס'מוז אַזוי זיין, ס'טאָר גאָר אַנדערש ניט זיין!...

כידוע, איז יעדער אָנהויב אַ שווערער. אָבער דאָרט, וואו דער אָנ־הויב פון אַן אַרבעט איז פול מיט בטחון, גלויבן און האָפנונג, פילט זיך ניט די שווערקייט פון דער אַרבעט. דאָס זיינען באמת געווען די האָניק חדשים פון אונדזער קאָלאָניע: מ'איז געווען ווי פאַרשיכורט ממש, פון אָט דעם נייעם סאָרט לעבן דאָרטן...

מיטן אָנקומען פון פרילינג האָט די ערד צוזאַמען מיט אונדז, ווי אויפסניי אויפגעלעבט. די נאָענטע פוס־בערגלעך פון טאָל, האָבן אַראָפּ־געוואָרפן פון זיך דעם שניי־ווייסן ווינטער־צודעק, די זון האָט צערטלעך געוואַרעמט זייער באַרג־פלאַך און איז גאָר גיך באַגרינט געוואָרן. די ערד איז פון דעם צולאָזענעם שניי, ווייכער געוואָרן; דאָ און דאָרטן, אויף די פלאַכן אין דער פרעירי, האָבן זיך ווילדע מדבר־בלימלעך באַ־וויזן; די ערד, אין אונדזער פלאַך־טאָל, האָט זיך ענדלעך באַפרייט פון דער פראָסטיקער האַרטקייט, האָט געעפנט איר טראַכט און איז גרייט געווען אויפצונעמען די זוימען און באַפרוכפערן זיך...

אַ פיבערהאַפטיקע אַרבעט פון די ערשטע צוועלף פיאָנערן איז, אין

אַט דעם ערשטן פּרילינג זייערן אויף דעם לאַנד אָנגעגאַנגען. אַלע זיינען געווען באַהויכט מיט אַ געפּיל פון אַ גרויסן מאָראַלישן און פיזישן אויפטו.

אויף אונדזער פעלד האָט דער טראַקטאָר, ריטמיש געקלאַפּט, אויפ־ברעכנדיק נייעם באָדן. בענדער האָט פון באַגינען, פלייסיק נאָכגעפאָלגט דעם טראַקטאָר, מיט אַן אַקער־אייזן, צוקומענדיק צו אַזעלכע פלעצער, וואו דער טראַקטאָר האָט ניט באַוויזן צוצוקומען. מאַרטין האָט „געבאַראָנע־וועט״ צוברעקעלט און פאַרגלייכט די ערד מיט אַזאַ „דיסק״ מאַשין. קלמן האָט נאָכגעפאָלגט מאַרטינען מיט אַ „זייער״ מאַשין און פאַרזייט ווייץ, און יוסף דער „פּופּצענער״ איז פאַרנומען געווען מיט אַ פּאָר געהילפן צו בויען „שענטיס״ פאַר די פאַמיליעס פון די פיאָנערן, וואָס האָבן זיך שוין געגרייט דעם זומער אַריבערצוקומען אין דער קאָלאָניע.

דער ערשטער פּרילינג, און אַ גאַנץ זומער איז דער טאָל, ווידער באַלעבט געוואָרן מיט מיזאַמער אַרבעט און פריידיק געזאַנג. בענדער האָט גאָר באַזונדערס זיך געפילט גליקלעך און צופרידן: קודם כל, וואָס זיין פאַמיליע, די פרוי און די צוויי קינדער, וועלן גאָר בקרוב אַריבערקומען און מער פון אַלץ, וואָס זיין חלום, זיין אידעאַל ווערט אַ רעאַליטעט, אַווירקלעכקייט. ער שטייט איצט מיט ביידע פיס אויף אייגענעם יידישן באָדן, טראַכט מער ניט פון די שטאָטישע לופט פרנסות, און האָט ניט קיין זאָרג פאַרן מאָרגן. די אַרבעט איז אים דאָ זייער ליב. אַ לעבן מאַכן? וואָס ס׳וועט זיין פאַר אַלעמען, וועט אויך זיין פאַר אים! עסן איז לעת־עתה דאָ לרוב, האָפנונגען אויף ליכטיקערע און בעסערע טעג ווייזן זיך; אַ צוקונפט פאַר די קינדער איז דאָ אויך אַ מער געזיכערטערע ווי אין דעם גרויסן ניויאָרק. — איז צו וואָס — איז צו וואָס זאָרגן, אידן! פלעגט ער אָפּט אויסשרייען...

— לאָמיר פריילעך זיין, חברה!...

— לאָמיר אַלע זינגען, לאָמיר אַלע זינגען,

— אַ זמרל! אַ זמרל!...

און ס׳איז אַוועק אַ געזאַנג, אַ פריילעכס, אַ יידיש, אַן אמת יידיש גע־זאַנג, וואָס דער גרויסער טאָל און די נאָך גרעסערע בערג אַרום, האָבן אַזאַ געזאַנג, פון סאַמע בראשית, ביז איצט, נאָך קיינמאָל דאָ געהערט...

די איבערלעבונגען דאָרטן, זיינען פאַר די מערסטע פון אונדז געווען, פון אַן אויסערגעוויינלעכן אינטערעס. באַזונדערס האָט דאָס געפילט אַזוי, בענדער, ער האָט אַלץ אָנגענומען פאַר גוט: האָט עמיצער זיך אַמאָל אויף

עפּעס באַקלאָגט, איז געווען מיט עפּעס אומצופֿרידן, האָט ער יענעם גלייך באַרואיקט, מיט די ווערטער:

— זינדיק ניט מיין פֿריינט, ס׳האָט געקענט זיין נאָך ערגער! זאָג בעסער „גם זו לטובה״!

אַליין האָט ער זיך קיינמאָל ניט אָפּגעשטעלט פֿאַר וועלכע ס׳איז שווע־ריקייטן. פֿלעגט אונטערנעמען זיך די שווערסטע אַרבעטן צו טאָן. מחמת זיין מגושמדיקן גרויס און געזונט, פֿלעגט ער זיך ניט זעלטן אַליין נעמען אויסגראָבן די שווערסטע שטיינער, וואָס פֿלעגן ערטערווייז ליגן אין וועג, אין מיטן פֿון לאַנד; אייניקע שטיינער פֿלעגן ליגן גאַנץ טיף איינ־געוואָרצלט אין דער ערד. ער פֿלעגט די שווערע אַרבעטן, טאָן מיט ליב־שאַפֿט און מיט פֿרייד...

דאָס ערשטע יאָר, איז אויסגעקומען דער גרופּע פּיאָנערן צו זיין אויפֿן לאַנד, אָן זייערע פֿרויען און קינדער; די פֿאַמיליעס האָבן זיי דער־וואַרטעט ארויסצוקומען אַהערצו ערשט אין מיטן זומער, ווען ס׳וועלן שוין פֿאַרטיק זיין פֿאַר זיי די דערווײַליקע שטיבלעך. אין די „שענטעס״, וועלן זיי דערווייל דאַרפֿן וואוינען מיט זייערע פֿאַמיליעס, ביז די לאַנד וועט צוטיילט ווערן פֿאַר יעדן איינעם זיינע פֿערציק אַקער, און אויף זיין באַשטימטן אייגענעם „פֿערציקער״ וועט מען אויפֿבויען, ערשט דאַן, די אמתע ריכטיקע פערמאַנענטע „קאָנקריט״ הייזער. אַזוי יעדנפֿאַלס, איז געווען אין אָנהויב די פּלאַנירונג, אַזוי האָט מען אויך אין אָנהויב, צוגע־זאָגט, אָדער אַריינגעגעבן דאָס אין נדן, די אַלע פּראָספּעקטיווע קאָלאָניסטן.

שפּעטער צו, ווען די האָניק חדשים פֿון אונדזער זיין דאָ זיינען אַרי־בער; מ׳האָט זיך אָנגעהויבן אויסניכטערן אַ ביסל פֿון דער שיכרות פֿון דעם, צו אונדז נייעם לעבן; זאַכן האָבן אָנגעהויבן גיין, ניט אַזוי ווי מ׳האָט זיך לכתחילה פֿאָרגעשטעלט, איז עס ווידער געווען בענדער, וואָס האָט געהויבן דעם מוט, דעם גלויבן און בטחון ביי די צווייפֿלער און אַנטוישטע.

דאָס לעבן דאָרטן איז געווען כמעט האַלב פּרימיטיוו: וואַסער צום טרינקען און צום קאָכן, האָט מען געמוזט ברענגען צו דער קאָלאָניע, אין אַ גרויסן אייזערנעם טאַנק, פֿון דעם נאָענטסטן שטעטל. ס׳האָט, פֿאַר־שטייט זיך, כסדר צוגענומען אַ מענטשן פֿון אַ גאַנצן טאָג אַרבעט. דער מענטש האָט אויסגעפֿעלט אויף דער פֿעלד אַרבעט. דאָס וואַסער אין קאַ־נאַל פֿון דעם איריגאַציע סיסטעם, איז אַריינגעקומען אַ סך שפּעטער ווי מ׳האָט דערוואַרטעט, און צייטנווייז אומרעגולאַר. די סוף פֿרילינג זון, האָט גאַנץ מדבר׳דיק אָנגעהויבן צו באַקן אונדזערע פֿאַרזייעטע פֿעלדער,

וועלכע האָבן שוין שטאַרק געדורשט נאָך אַ ביסל וואַסער. דער שניט פֿון דעם ווינטער פֿאַרזיי איז אויך ניט געווען קיין גאָר גראַטענער, טראָץ די מבינות אין אָנהויב, פֿון בי־בין, אַז מירן האָבן אַ גוטן שניט. ס׳האָט זיך אויך אָנגעהויבן צו פֿילן דער מאַנגל אין געלט צו פֿינאַנסירן דעם פּראָיעקט און זיין ווייטערן אַנטוויקלונג. אויף די נאָענטערע, וואָס זיינען געשטאַנען ביי דער אַרבעט און פֿירערשאַפֿט, אויפֿן אָרט, ד. ה. די ערשטע צוועלף פּיאָנערן, וועלכע האָבן דאַן צוזאַמענגעשטעלט די „באָארד אָוו דירעקטאָרן״ פֿון דער קאָלאָניע, האָט דאָס פֿאַרשטייט זיך, ניט ווייניק שלעכט געווירקט. בי־בי האָט געמוזט אַרויספֿאָרן נאָך דער איסט, כדי צו שאַפֿן כאָטש אַ צען טויזנט דאָלאַר, אָנצוגיין מיט דער אַרבעט און פֿאַרגרינגערן די באַלדיקע נויטן.

אין ניויאָרק האָבן די צוקונפֿטיקע קאָלאָניסטן אים, בי־בין, אויפֿגענומען מיט אַ סך פֿרייד און באַגייסטערונג. ער האָט זיי דאָרטן דערציילט, פֿאַרשטייט זיך, די ליכטיקע זייט פֿון אונדזער לעבן דאָ, די וואונדער פֿון זיין ניי אַנטדעקט לאַנד; וועגן אונדזער זאָרגלאָזן, פֿריילעכן און געזונטן נאַטירלעכן לעבן דאָ; די גוטע פּערספּעקטיוון פֿון דער קאָלאָניע, און אַז גאָר, גאָר אינגיכן, וועלן אַלע קענען אַריבערקומען אַהערצו, און אַלע וועלן דאָ ווערן דערפֿאַלגרייכע גוטע פֿאַרמער...

— מיר וועלן דאָ האָבן, חברים — האָט ער זיי דערציילט און אָנגעהאַלטן זייער באַגייסטערונג — אַ בליענדיקן יידישן ישוב און אַ פֿאַרם־קאָלאָניע, וואָס וועט זיין אַ מוסטער פֿאַר דער יידישער וועלט...

נו, האָבן גוטע מענטשן, אין זייער גלויבן און גרויסער ליבע צו דער זאַך, זיך מוסר נפֿש געווען ממש: מ׳האָט זיך פֿאַרליען, פֿאַרבאָרגט, געשפּאָרט, פֿאַרקויפֿט פֿון זיך דאָס לעצטע און געבראַכט צו אים, צום נייעם משיח, וואָס האָט געדאַרפֿט זיי אויסלייזן פֿון דער שטאָטישער שקלאַפֿעריי און צום געוואונטשטן לאַנד ברענגען. אַלץ איז געבראַכט געוואָרן אַלס קרבן, אויף דעם מזבח פֿון דער קאָלאָניע, כדי אויפֿצוהאַלטן די פּיאָנערן אויפֿן לאַנד וועלכע גרייטן איצט צו פֿאַר זיי, דעם צוגעזאָגטן גן־עדן...

מיט דער גאַנצער אָנשטריינגונג, מצד די מיטגלידער פֿון דער קאָלאָניע, אין ניויאָרק, חוץ זייער גרויסער באַגייסטערונג און נאָך גרעסערן חשק, אליין אויך שוין אַרויסקומען אין דער קאָלאָניע זיך באַזעצן, האָבן זיי אָבער מער, ווי אַ פֿיר טויזנט דאָלאַר ניט געקענט שאַפֿן. דאָס איז געווען מערער ווי זיי האָבן געקאָנט: די קבצנים האָבן פשוט ניט געהאַט פֿון וואַנען און וואו צו נעמען; די רייכע, די פֿילאַנטראָפּן, צו וועלכע

מ'האָט דוקא געהאַט אַ שטיקל צוטריט אין ניויאָרק, צוליב דר. רבי לאַנד־מאַן, וועלכער איז געווען אַ גאָר נאָענטער פריינט פון „קלאַריאָן", האָבן אָבער די מערסטע פון זיי ניט געהאַט קיין איבריקן צוטרוי, צו דער גאַנ־צער אונטערנעמונג; צוליב דעם, מחמת די „דזשואיש אגריקולטשוראל סאָסייַטע" וועלכע איז באַטראַכט געוואָרן אַלס דער הויפּט אויטאָריטעט און מומחה איבער דעם ענין פון יידישער קאָלאָניזאַציע אין אַמעריקע, האָט ניט געוואָלט געבן איר הסכמה צו אונדזער קאָלאָניזאַציע פּראָיעקט. די רייכע מנדבים האָבן, פאַרשטייט זיך, פריער אָנגעפרעגט זיך ביי דער יידישער אַגריקולטור געזעלשאַפט, וואָס זיי האָבן וועגן דעם ענין צו זאָגן, און אַז דער ענטפער איז געווען ניין, האָט שוין קיין זאַך ניט געהאָלפן! ס'איז געווען דער גרינגסטער תירוץ און געלעגנהייט ביי זיי, זיך אויס־צודרייען פון באַדייטנדיקער הילף. אַ קליינע אומבאַדייטנדיקע סומע האָט דער פילאַנטראָפּ דזשייקאָב שיף, יאָ געגעבן פאַר דעם קאָלאָניע פאָנד, און ניט מער. בי־בי איז צוריקגעקומען פון דער איסט, מיט אַ גאַנץ קליינער סומע און מ'האָט געמוזט, פאַרשטייט זיך, זוכן אַנדערע קוואַלן צו פינאַנסירן דעם פּראָיעקט...

באַנקעט לכבוד בי־בין

בי־ביס צוריק קומען פון ניויאָרק אין דער קאָלאָניע, כאָטש ער האָט ניט געמאַכט דעם נויטיקן און געהאָפטן פינאַנציעלן דערפאָלג, האָט ער אָבער דאָך, מיט זיין קומען אַריינגעבראַכט אַ ביסל מער דערמוטיקונג ביי די פיאָנערן. קודם כל, האָט ער געבראַכט אַ לעבעדיקן גרוס פון פאַ־מיליע און נאָענטע פריינט. ער האָט אונדז דערציילט פון אַלעמענס אי־בערגעבנקייט און באַגייסטערונג פאַר אונדזער זאַך. דאָס וויכטיקסטע, האָט ער ניט ווייניק באַטאָנט:

— אַ סך יידן און געזעלשאַפטלעכע טוער האַלטן איצט זייערע אויגן געריכטעט צום מערב, — צו אונדזער קאָלאָניע. זיי וואַרטן, מיט נייגער, צו זען דעם רעזולטאַט פון אונדזער זייער וויכטיקן עקספּערימענט. מאַכן מיר דערפאָלג, אַזוי וועלן זיך גיך פאַרשפּרייטן אַזעלכע און ענלעכע קאָ־לאָניעס איבערן לאַנד. ס'איז גאָר קיין ספק ניט, אַז מיט נאָך אַ ביסל מער אָנשטריינגונג, מצד אונדזער זייט, מיט אַ ביסל מער אינטענסיווער אַרבעט און אויסדויער, וועט אונדזער דערפאָלג מוזן זיין אַ געזיכערטער.

בי־בי האָט אונדז אויך איבערגעגעבן פון אַ נייעם פּלאַן, וואָס האַלט זיך אין אויסאַרבעטן, וואָס וועט אונדז אַ סך אַרויסהעלפן און פינאַנסירן אונדזער קאָלאָניע אונטערנעמונג, כדי צו קענען איבערטראָגן די ערשטע שווערע צייט... ס׳האַלט זיך אין פאָרמירן, האָט ער אונדז דערציילט, אַ גרופּע פריינט אונדזערע אין „סאָלט־לייק״, פון די יהודים, וואָס ווילן אָרגאַניזירן אַ מין באַנק, אָדער, ווי זיי האָבן דאָס אַ נאָמען געגעבן „דהי יוטא קאָלאָניזיישאָן פאָנד״ (יו. סי. עף.). די דאָזיקע קאָרפּאָראַציע, וועט אַרויסלאָזן „באָנדס״ אָדער „שערס״, אויף דעם פאַרמעגן פון דער קאָ־לאָניע, נאַטירלעך, און דורך דעם פאָנד, וועלן מיר זיכער האָבן די מעג־לעכקייט אָנצוגיין מיט אונדזער אַרבעט, ביז אַן ענדגילטיקן דערפאָלג. מיר האָבן אַלע, פאַרשטייט זיך, געלייגט גאָר גרויסע האָפנונג אויף אָט דעם נייעם פּלאַן, פון דער אַזוי גערופענער באַנק און פאָנד.

אויסהערנדיק בי־ביס רעפּאָרט, האָבן מיר זיך אָנגעכאַפּט אין דעם פּלאַן, אַלס אונדזער איינציקער רעטונגס־מיטל. מיר האָבן קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט סיי־ווי. מיר האָבן אויך אָט דעם נייעם פינאַנציעלן פּלאַן, צוגעשריבן צו אונדזער פּרעזידענטס איבערגעבנקייט און פעאיקייט און געפילט, אַז ער האָט זיין שליחות באמת דורכגעפירט בשלימות.

דאָס נאָענטע שטעטל, גאַניסאָן, אַן אַכט מייל פון אונדזער ישוב, האָט זייער אַ סך אויפגעלעבט און ניט ווייניק פּראָפיטירט פון אונדז. קליידער, שיך, עסנוואַרג, געצייג, זריעה, פערד א. א. וו. האָבן מיר געמוזט האָבן, און דאָס מערסטע פון דעם איז געקויפט געוואָרן ביי די סוחרים פון דעם שטעטל, גאַניסאָן. ס׳איז געוואָרן דאָרטן אַן אמתע שפע און מיר, די יידישע קאָלאָניסטן, זיינען געוואָרן אַ קוואַל פון פּרנסה פאַר די דאָרטיקע קרעמער.

דער באַנקיר פון שטעטל, מר. דזשאנס, אַ געזונטער, ערדישער מענטש, דערצויגן געוואָרן אין אָט דעם ברייטן גאַניסאָן טאָל, געדענקט נאָך די צייט, ווען אָט דער גאַנצער געגנט אַרום, איז געווען איין גרויסער שטיק מדבר, און די „סעטלערס״ — די זיידעס פון די איצטיקע באַוואוינער פון טאָל, האָבן געלעבט די ערשטע צייט, אין היילן פון דער ערד און אַ סך האָבן זיך אַפילו דערנערט דאַן פון יאַגד. איז אָט דער איצטיקער באַנקיר, אַן אייניקל פון יענעם האַלב־פּרימיטיוון שבט, האָט אונדז, שטאַטישע, אַלס פּיאָנערן, באַטראַכט צוערשט מיט אַ ביסל דרך ארץ, אָבער אויך מיט אַ ביסל חשד און אומצוטרוי: עפּעס לעבן מיר, לויט זיין אויפפאַ־

סונג, אַ ביסל צו עקסטראַוואַגאַנט. ניט אַזוי, געדענקט ער זיך און זיינע פּיאָנערן ברידער, מאַרמאַנען, האָבן געלעבט דאָ אין טאָל, ווען די ערשטע פֿון זיי זיינען אַריבערגעקומען אַהער פּיאָנערווען!... אָבער אַזוי ווי ס׳איז אַ כלל ביי די אומות העולם צו דענקען, אַז יידן בכלל, זיינען אין דורכשניט רייך; יעדער ייד, דיינקען זיי, האָט עפּעס געלט, נו, מעג מען זיי געטרויען און באָרגן. און אַז דער באַנקיר אליין האָט געדענקט, אַז מ׳מעג די יידן געבן אויף באָרג, זיי זיינען גוטע בטוחים, האָבן די קרעמער פֿון שטעטל, זיך שוין געוויס ניט צוריקגעהאַלטן. זיי, די קרעמער, האָבן געגעבן און מיר, נאַטירלעך, האָבן גענומען. אַז אונדזערע האָפֿנונגען אויף גוט צו מאַכן, זיינען געווען שיינע און האָפֿנונגספֿולע, אין דעם זיינען מיר גאָרניט מסופק געווען...

די ערשטע צייט, ווען געלט איז געווען לרוב און מ׳האָט כסדר געצאָלט חובות אין צייט, זיינען אונדזערע קרעדיטן און אַקציעס גאָר געשטיגן. מ׳האָט אונדז גערן געוואָלט אַלץ פֿאַרקויפֿן. די קרעמער פֿלעגן אונדז ממש אָנבאָטן צו נעמען אַלץ וואָס מיר דאַרפֿן. הכלל, ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה „נעמען אויף באָרג"! איבערן גאַנצן ברייטן טאָל, אין אַלע שטעטלעך אַרום, איז גיך פֿאַרשפּרייט געוואָרן די נייעס, אַז די יידן האָבן געלט און זיינען גוטע צאָלער. נאָכמער, ס׳איז אויך פֿאַרשפּרייט געוואָרן אַ קלאַנג צווישן זיי, אַז ס׳איז אַ סברה, אַפֿילו, אַז ס׳איז פֿאַראַן ביי „זיי" ביי די יידן, אַ ספּעציעלער פֿאָנד אַזאַ, פֿון אַן אומבאַגרעניצטן קאַפּיטאַל, אין ניויאָרק, אין דעם הויפּט אָפּיס זייערן, פֿון וואַנען ס׳ווערט צו זיי צוגעשיקט געלט ווען נויטיק... אַזאַ איינדרוק האָבן זיי זיך וועגן אונדז געשאַפֿן. מ׳האָט אונדז אָנגעהויבן איינלאַדן צו זייערע שמחות און יום־טובים. מ׳האָט אויך אָנגעהויבן אַפֿילו, אַרויסווייזן אונדז אָפֿענע חניפֿה און ניט זעלטן גוט ברודעריש אונדז צוגעקלאַפּט אין פּלייצע.

לכבוד בי־ביס צוריקקומען פֿון ניויאָרק, האָט מר. גריל, איינער פֿון די אָנגעזעענסטע באַלעבאַטים און גרויסער געשעפֿטסמאַן פֿון דעם שטעטל, גאַניסאָן, איינגעאָרדנט אַ ספּעציעלן יום־טוב און באַנקעט. ס׳פֿאַרשטייט זיך, אַז צוליב אונדזער פּרעזידענט פֿון דער קאָלאָניע, מר. בי־בי, האָט מען אויך אונדז, די ערשטע צוועלף פּיאָנערן, איינגעלאַדן.

גרעטאַ, אַ יונגע, הויכע, געזונטע פֿול־בלוטיקע שיקסע, די טאָכטער פֿון מר. גרילן, כאָטש נאָך אַ יונגע, האָט שוין פֿונדעסטוועגן באַוויזן צו זיין אַן אָפּגעגטע פֿון ערשטן מאַן, איז געווען די הויפּט מחותנתטע פֿון דעם באַנקעט און יום־טוב. מ׳האָט אַפֿילו געקענט זען, פֿון איר האַלטונג און

נאָענטע באַציאונג צו בי־בין, אַז זי איז צו אים גאָר ניט גלייכגילטיק. מ'האָט שוין אָנגעהויבן אַפילו ריידן און סודן זיך וועגן דעם, סיי צווישן אונדז אליין און סיי צווישן אייניקע ניט יידישע שכנים אין שטעטל.

אַלס פירער און פאַרוואַלטער פון דער קאָלאָניע און דער עיקר טאַקע זיין מילד שיין פנים, שטאַטישע פאלירטע מאַנערן זיינע און שיין־רייד, האָט ער הפנים געהאַט, אַ גאָר באַזונדערן רייץ פאַר דער דאָרפיש געזונטער און סופער־רייפער גרעטא. זי האָט אָפן אַרויסגעוויזן איר אימפּולסיוון געזונטן באַגער פאַר אים... מיר, די פיאָנערן, בענקנדיקע און הונגע־ריקע נאָך אַ פּרויס צערטלעכקייט, האָבן מאָדנע געפילט אין יענעם מאָ־מענט. מיר האָבן אים, בי־בין, פשוט מקנא געווען. „אַ לאַקי דעוויל" דאָס איז, האָבן מיר אַלע געטראַכט אין זיך, און אויך מיט ניט ווייניק קנאה, וועגן אים, צווישן זיך גערעדט...

ווען דער באַנקעט אָוונט האָט זיך דערנענטערט, האָבן מיר אַלע אָנ־געהויבן זיך גרייטן צו אָט דער גרויסער שמחה, כאָטש אויף אַ סך פון אונדז, איז דער דאָזיקער באַנקעט געלעגן ווי אַ שווערע משא: אייניקע האָבן שוין געוואונטשן, וואָס שנעלער דאָס איבערצוקומען. ניט גיין צום באַנ־קעט גאָר אין גאַנצן, וואָלט געמיינט אפשר אַ באַליידיקונג און אפשר גאָר אַ רוגז מיט די שכנים. ווידער יאָ גיין, האָבן די מערסטע פון די פיאָנערן געפילט, אַ מאָדנע פרעמדקייט, עפּעס אַ דריקונג און אומבאַקוועם...

חוץ דעם אַלטן סענדראָף, וועלכער איז אליין פרייוויליק געבליבן אין „קעמפּ" פון דער קאָלאָניע, אַכטונג געבן אויף דער באַלעבאַטישקייט און פערד, זיינען מיר אַלע צוזאַמען, באַקליידט און אויסגעפּוצט אין דאָס בעסטע וואָס מיר האָבן געהאַט, צום באַנקעט געקומען.

ביי שיין געדעקטע טישן, מיט די פיינסטע מאכלים און געטראַנקען, מיט די שענסטע באַלעבאַטים פון שטעטל אַרום, האָבן מיר זיך, ווי פון פריער דערוואַרטעט, ניט איבעריק באַקוועם געפילט. ווי פאַרלאָרענע זיינען מיר דאָרטן ביים טיש געזעסן און זיך געפילט ווי ניט צווישן אייגענע, ווי אין אַ פרעמדער ניט היימישער סביבה, הגם זיי האָבן אונדז אַרויסגעוויזן אַ סך גאַסטפריינטלעכקייט. הפנים ס'איז מערער געווען אונדזער אייגענער שולד. גאַנץ פשוט: מיר האָבן זיך פון פרעמדע מענטשן און שטאַטישע מאַנערן אָפּגעוואוינט און צו די קריסטלעכע טיש־מאַנערן און געזעלשאַפט, האָבן „אונדזעריקע" זיך קיינמאָל ניט געהאַט די געלעגנהייט זיך איינצו־לעבן. אַזוי צו אַזוי, מיר האָבן געפילט זיך דאָרטן ניט זייער היימיש און גאָרניט אַריינגעפּאַסט זיך אין זייער אַטמאָספערע...

ענדלעך איז מען מיט דער אכילה אַריבערגעקומען, מיטן „פעס־פליז" און אזוי ווייטער, און די געוויינלעכע דרשות, ביי אַזאַ געלעגנהייט, האָבן זיך אָנגעהויבן.

דער באַנקיר, מר. דזשאנס; דער באַלעבאָס פון הויז, מר. גריל, וואָס האָט דעם באַנקעט איינגעאָרדנט און אַנדערע אָנגעזעענע באַלעבאַטים פון שטעטל, האָבן אין זייערע רעדעס און באַגריסונגען אָנגעוויזן וועגן דער וויכטיקייט פון אונדזער באַזעצן זיך דאָ אין טאָל, און דאָס מיר, די „איזראעליַטס, זיינען גאָר, גאָר נאָענטע פאַרוואַנדטע מיט זייער גלויבן, כמעט גלויבנס ברידער!

— יאָ, מיינע גוטע שכנים — האָט דער באַלעבאָס פון הויז פאַרענ־דיקט זיין דרשה — מיט אייער באַזעצן זיך דאָ אין טאָל, מיט אייער אַר־בעט און פלייס, זענט איר געוואָרן אַ וויכטיקער בייטראַג צו דער אַנט־וויקלונג פון אונדזער אַלעמענס עקאָנאָמיע און שפע.

בי־בי, אונדזער פירער, דער הויפּט העלד פון אָוונט, האָט געצויגן דעם אויפמערק פון גאַנצן עולם. ער האָט אָנגעהויבן זיין רעדע שטיל און מיט געציילטע ווערטער:

— מיינע ליבע, גוטע שכנים! אין נאָמען פון מיינע קאָלאָניסטן, וויל איך אייך אויסדריקן אונדזער האַרציקע דאַנקבאַרקייט פאַר אייער וואַרעמע גאַסט־פריינטלעכקייט און ברידערלעכע באַציאונג צו אונדזער באַזעצן זיך דאָ אין אייער טאָל. מיר זיינען געקומען אַהערצו צו אַרבעטן אויף אייער גאָט געבענטשטער ערד; לעבן דאָ מיט אייך אין גוטער שכנותדיקייט און ווערן אַ טייל פון אייך. צוזאַמען מיט אייך קענען מיר דאָ אין דעם גרויסן שפעדיקן טאָל, ווערן אַ כוח פאַר דער אויפבויאונג פון דעם גאַנצן ישוב ארום און פאַר דער גרויסקייט און בליאונג פון אונדזער יוטא סטייט.

בי־בי איז וואַרעם און שטאַרק אַפּלאָדירט געוואָרן. אַ בונד פון נאָענטער פריינטשאַפט איז געשלאָסן געוואָרן.

נאָך דער פיינער וועטשערע און שיינע רעדעס איז געווען אַ טאַנץ. יונג און אַלט האָבן געטאַנצט און זיך משמח געווען. אַ קאַפעליע פון אייגענע קלעזמער האָבן צוגעשפילט. ס׳איז באמת געווען צו באַוואונ־דערן, ווי זיבעציק־יאָריקע זקנים (פון דער יוגנט שמועסט מען שוין ניט), אויסגעגלייכטע, שטאַלצע און שלאַנקע, ווי די אַלט־שטאַמיקע עקאָליפטן פון זייער ישוב, האָבן זיך לעבעדיק און ריטמיש באַוועגט און געטאַנצט נאָכן טאַקט פון דער מוזיק. מיר האָבן זיי, אין דעם מאָמענט, שטאַרק מקנא געווען. צווישן אונדזעריקע יידן, אין אַזאַ עלטער, האָבן מיר דאָס

ניט געזען. גרעטאַ האָט די מערסטע צייט געטאַנצט און פֿאַרבראַכט מיט בי־בין. פֿון צייט צו צייט, איז זי מיט אים פֿאַרשוואונדן, אין דער דער־בייאיקער אָפֿענער טיר, צום גאָרטן צו...

מיר זיינען געשטאַנען ביי די זייטן פֿון די ווענט, אין דעם טאַנץ־צימער, און כמעט ווי נאַריש געשמייכלט, ניט וויסנדיק וואָס צו טאָן מיט זיך. מיר האָבן אָנגעהויבן צו ביסלעך ציען אויף זיך די אויפֿמערקזאַמ־קייט פֿון די אַלע טאַנצנדיקע פּאָרלעך, מחמת אונדזער שטיין פֿון דער זייט און באַטייליקן זיך גאָרניט אַפֿילו אין דעם טאַנצן. זיי האָבן גאָרניט געקענט פֿאַרשטיין אַזאַ זאַך, אַז מיר זיינען קאַליקעס אין דער מלאכה. ס׳פֿאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן ניט געוואוסט פֿון דעם, אַז דער יידישער ראַדיקאַליזם, אויף וועלכן מיר זיינען דערצויגן געוואָרן און אויסגעלעבט זיך מיט דעם אונדזער יוגנט, האָט אונדז געלערנט און באַווירקט, אַז מ׳דאַרף קוקן אויף דעם טאַנץ־שפּיל, ווי אויף אַ צוריקגעשטאַנענעם מנהג. מענטשן מיט אידעאַלן פֿאַר אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפֿט, דאַרפֿן זיך מיט אַזעלכע „נאַרישקייטן" ניט אָפּגעבן. מיר האָבן דאָך כסדר געטראָגן אויף זיך דעם גאַנצן „וועלט שמערץ" און גאָרניט געטאָרט טראַכטן פֿון אַזעלכע „ווילדע" פֿאַרגעניגנס ווי טאַנצן! דאָך, האָבן מיר נאָך קיינמאָל ווי דאַן, געפֿילט זיך אַזוי שטאַרק פֿאַרלאָרן און אָנגעהויבן אַפֿילו איינזען, ווי שטאַרק אָט דאָס טאַנצן האָט אונדז אויסגעפֿעלט אין יענעם מאָמענט.

אָט לאַדט דיר איין צום טאַנץ, אַ בלאָנדע, בלוי־אויגיקע, שלאַנקע, פֿול ברוסטיקע בתולה. זי וויל דווקא מיט דיר טאַנצן, פֿילסט ווי דו ווערסט הינגעריסן פֿון איר שיין פּנים און רייץ, ביסט טאַקע אויך אויסגעהונ־גערט נאָך אַ פּרויס צערטלעכקייט און באַרירונג. מוזסט זיך אָבער אַנט־שולדיקן פֿאַר איר, מיט אַ פֿאַרשעמטן שמייכל: „אַי עם סארי, אַי קענט דענס!" ס׳טוט מיר לייד איך קען ניט טאַנצן...

גרעטאַ האָט פּלוצלינג אַ כאַפּ געטאָן קלמנען און איז אַוועק מיט אים אין דעם געדרענג צווישן די טאַנצנדיקע פּאָרלעך. זי האָט זיך געדרייט מיט אים און געלערנט אים די טאַנץ־טריט. ער האָט אַפֿילו ניט איינמאָל אָנגעטראָטן אויך אויף אירע גרויס־שטאָטישע ענגע שיך, פֿאַר וואָס ער האָט זיך פֿאַרשעמט און זיך אויך אַנטשולדיקט פֿאַר איר. ער האָט זיך געבעטן ביי איר, זי זאָל טאַנצן בעסער מיט אַ מער קענעוודיקן ווי ער איז. זי האָט אים אָבער נאָענט און ליבלעך געטוליעט צו זיך... ער האָט אָפּגעענטפֿערט איר נאָענטשאַפֿט, מיט בענקנדיקער ליבשאַפֿט און צאַרטן שטומען געבעט אין זיינע אויגן. טאַנצנדיק מיט איר, האָט ער אַריינגע־

בליקט אין אירע פעך־שוואַרצע אויגן און אויסגעדריקט צו איר אַ טיפֿע און שטומע דאַנקבאַרקייט... זי האָט דאָס אינטואיטיוו דערפֿילט און ס׳האָט איר ניט ווייניק הנאה געטאָן. מיט אַ ליבלעכן און וואַרעמען שמייכל האָט זי אים געפֿירט די טריט און האָט שוין אין לויף פֿונם אָוונט, מיט אים אַ פּאָר מאָל טאַנצנדיק פֿאַרבראַכט...

דער אָוונט איז ענדלעך געקומען צו אַ סוף, נאָך האַלבע נאַכט האָט דער עולם און די געסט זיך אָנגעהויבן פֿאַנאַנדערגיין. פֿאָרנדיק אַהיים, צו אונדזער ישוב, אין דער קאָלאָניע, איז קלמן דעם גאַנצן וועג געווען גאָר, גאָר אויפֿגעלייגט, ווי אַ ניי געבוירענער האָט ער זיך געפֿילט. דעם גאַנצן וועג האָט ער פֿריילעך געזונגען פֿאַרשיידענע לידלעך און אויך אַ סך גע־רעדט וועגן דעם אָוונט. ער איז גאָר נתפּעל געווען פֿון „זייער" געזונטן, נאַטירלעכן, ערדישן לעבן.

מיר, — האָט ער געטענהט, — דאַרפֿן באמת פֿון „זיי" אַ סך לערנען ווי צו לעבן. ער האָט דעם גאַנצן וועג גערעדט מיט באַגייסטערונג, ווי אונטער אַ היפּנאָז. דער טאַנצן מיט גרעטאַן, הפּנים, און דער פֿאַרברייגגען מיט איר, האָט אים גאָר באַרוישט און אַ צייט לאַנג אַפֿילו נאָכדעם, האָט ער וועגן דעם גערעדט און זייער אָפֿט ארויפֿגעפֿירט דעם שמועס וועגן דעם אָרט לעבן פֿון אונדזערע שכנים. יאָ, — „מיר" און „זיי" — פֿלעגט ער זאָגן, זיינען צוויי באַזונדערע וועלטן...

וואַסער...

אַז וואַסער פֿאַר אַ פֿאַרמער, איז אַזוי שטאַרק נויטיק, ווי לופֿט צו אָטעמען, אַז אָן וואַסער אויף אַ פֿאַרם איז מען לגמרי פֿאַרלאָרן און מ׳קאָן בכלל ניט דערוואַרטן, וועלכן ס׳איז דערפֿאָלג, דאָס איז אַ כלל ידוע. דער איריגאַציע קאַנאַל האָט געהאַט אין זיך וואַסער, נאָר איבער די זומער חדשים איז דאָס קוים געגנוג פֿאַר די פֿאַרזייעטע פֿעלדער צום באַוואַ־סערן, אָבער ניט אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר. אויך איז די וואַסער אין דעם איריגאַציע קאַנאַל ניט געווען ריין גענוג פֿאַרן מענטשלעכן געברויך. פֿאַר דער דאָזיקער וואַסער האָט זיך געפֿאָדערט איינצואָרדענען אַ „פֿילטערינג" סיסטעם, כדי מ׳זאָל דאָס קענען נוצן. איז מען געצוואונגען געווען צו פֿירן וואַסער אין אַ גרויסן טאַנק פֿון דעם נאָענטן שטעטל. ס׳פֿאַרשטייט זיך, אַז מ׳האָט זיך געביסן די פֿינגער פֿאַר אַ ביסל וואַסער. ווען די קאַ־

לאַניע איז באַשטאַנען פון די ערשטע צוועלף פיאָנערן בלויז, איז עס געווען אַ האַלבע צרה, אָבער אַז ס׳האָבן אָנגעהויבן אַריבערקומען די פאַמיליעס פון די קאָלאָניסטן, איז דאָס וואַסער פּראָבלעם געוואָרן גאָר ערנסט.

מ׳האָט אָנגעהויבן, נאַטירלעך, זוכן כלערליי וועגן און מיטלען: צו ערשט האָט מען אָנגעהויבן מאַכן עקספּערימענטן מיט גראָבן ברונעמער. אויף פלאַך לאַנד, אין נידריגע ערטער, האָט מען ניט קיין איבעריקע שוועריקייט אַרויסצוקריגן וואַסער פון דער ערד. גאַנץ אַנדערש איז עס אָבער געווען מיט דער טאָפּאָגראַפּיע פון אונדזער לאַנד: מיר זיינען געלעגן האַרט ביי די פוס־בערג, נאָענט צו אַ האַרטן שטיינערדיקן באָדן; סתם גראָבן אַ ברונעם אויף וועלכן ס׳איז פלאַץ, האָט מען ניט געקאָנט, מ׳האָט גיכער געקאָנט דערוואַרטן אַ דורכאויסיקן פאַרלוסט און דורכפאַל; מ׳האָט געמוזט לכל הפחות, געפינען כאָטש אַ וואַסער־אָדער אין דער ערד, וואָס זאָל באַרעכטיקן די אַרבעט אויף צו גראָבן אַ ברונעם. איז געקומען אַן עקספּערט, מיט אַזאַ „כישוף״ צווייגעלע, איז אַרומגעגאַנגען איבער דער ברייט און לענג פון אונדזער לאַנד, האָט געזוכט און גענישטערט. דאָ און דאָרטן, האָט ער צוגעשטעלט דאָס דינע וואַסער צווייגעלע צו דער ערד, אפשר וועט דאָס צווייגעלע פון זיך אַליין, זיך אַ הויב טאָן, אַ סימן הייסט עס, אַז אויף דעם פלאַץ דאַרף זיין וואַסער. אָבערליידער, האָט זיך דער כישוף פון דעם עקספּערטס צווייגעלע אָפּגעטאָן.

נאָך לאַנגע טעג פון זוכעניש און טאַפּעניש, האָט מען אונדז ענדלעך דאָך אָנגעזאָגט אַ פריילעכע בשורה, אַז דאָס וואַסער צווייגעלע, אויף איין אָרט, אין דעם צפונדיקן טייל פון אונדזער לאַנד, האָט זיך מיט אַמאָל, אַ „באַוועג״ געטאָן! ס׳פאַרשטייט זיך, אַז די פריילעכע נייעס איז אונדז געווען גאָר אַנגענעם צו הערן און צו אונדזער פרייד איז גאָר קיין גרענעץ געווען. עפּעס אַ קליינינקייט, — וואַסער! פריש, קוואַליק וואַסער!

נו, האָט מען פּרובירט גראָבן, טיף געגראָבן, אָבער ליידער, קיין וואַ־סער. האָט מען אויף אַ צווייטן אָרט געגראָבן, עפּעס איז יאָ געלונגען דאָרטן, אָבער, מיט אַ סך מי און שוועריקייט, פלעגט אונדז אָנקומען אַרויסציען פון דאָרטן אַ ביסל וואַסער. ס׳האָט לאַנג ניט גענומען און דער קוים מיט צרות געבראַכטער ברונעם, האָט אויך אויסגעטריקנט.

אונדזער פרייד איז געווען אַ צו פריע. די אַרבעט, מי און געלט איז געווען אַ פאַרלאָרענע. הגם מיר האָבן דאָס איינגעזען אין סאַמע אָנהויב פון אונדזער באַזעצן זיך דאָ, אין טאָל, אַז מיר קענען קיין סך ניט בויען, אָדער האָפן אויף וואַסער פון ברונעמער, דאָך האָבן מיר ניט געוואָלט

אויפֿגעבן די האָפֿנונג איינגאַנצן, באַזונדערס איצט, ווען מיר האָבן איינ־געזען, אַז אויך פֿון דעם איריגאַציע קאַנאַל, וועלן מיר ניט כסדר קענען האָבן דעם גענייגנדיקן צופֿלוס פֿון וואַסער. האָט מען טאַקע פֿון צייט צו צייט, געפּרובירט דאָ און דאָרטן צו גראָבן ברונעמער, און כסדר האָט זיך דאָס אויסגעלאָזן אָן צופֿרידנשטעלנדיקע רעזולטאַטן.

איז מען געקומען צום געדאַנק: מיר וועלן גאָר בויען אַ וואַסער רעזערוואואַר, אַ „קאָנקריט" רעזערוואואַר, גרויס גענוג אָנצוזאַמלען וואַ־סער, עס זאָל זיין גענוג פֿאַר דעם גאַנצן סעטלמענט, כאָטש פֿאַרן היימישן געברויך.

האָט מען פֿאַררופֿן אַן אסיפֿה. מ'האָט דעם ענין אַ סך דיסקוטירט און ענדלעך איבערגעגעבן די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט אויסצופֿירן די אַרבעט פֿון דעם אויפֿבויען דעם רעזערוואואַר, צו אונדזער אייגענעם אינזשעניר, אַ קאָלאָניסט, איינער פֿון די ערשטע גרינדער פֿון דער קאָלאָניע, פּריינט הערסט. זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אַז דער הערסט איז טאַקע געווען ביי פּראָפֿעסיע אַן אינזשעניר. מיר האָבן אים ניט געדאַרפֿט גלויבן בלויז אויפֿן וואָרט, ווי ס'איז געווען דער פֿאַל מיט ביי־בין, וועלכער האָט געזוכט מאַכן דעם איינדרוק, אַז ער איז אַן אויסגעשטודירטער אַגראָנאָם. ביי אים, ביי הערסטן, איז טאַקע זיין איזשעניר דיפּלאָמא, פּראָמינענט געהאָנגען אויפֿן וואַנט אין זיין צימער, אַזוי אַז מיר האָבן וועגן זיין אמתער פּראָפֿעסיע אַלס אינזשעניר, מער ניט געקענט מסופק זיין. זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן אַז הערסט און ביי־בי זיינען ביידע געווען פֿון די גרינדער פֿון „קלאַריאָן" און שוין ביי דעם ערשטן אַרויספֿאָר, בשעת דאָס לאַנד איז געקויפֿט גע־וואָרן, זיינען זיי שוין ניט געווען שוה בשוה צווישן זיך. אָבער, אַזוי ווי אַן אינזשעניר און אַ „סורווייער" אויסצומעסטן און „סטייקן" דאָס לאַנד האָט מען געמוזט האָבן, האָבן זיי ברוגזדיק צווישן זיך, געמוזט מיטאַרבעטן. דינגען אַ פֿרעמדן צו „סורווייען" דאָס לאַנד וואָלט אָפּגעקאָסט אַ פֿאַרמעגן, איז דער אינזשעניר הערסט, וועלכער איז אגב, ביי דער גרינדונג פֿון דער קאָלאָניע, אויך געווען איר ערשטער סעקרעטאַר, זיך ניט געמישט מערער נאָכדעם אין די געשעפֿטלעכע אנגעלעגנהייטן פֿון דער קאָלאָניע. ער האָט זיך אָפּגעזונדערט און געטאָן בלויז די „סורווייאינג" אויפֿן לאַנד.

ווען דער אינזשעניר הערסט איז איינגאַנצן פֿאַרטיק געוואָרן מיט דער אויסמעסטונג און „סטייקן" פֿון דעם לאַנד, מיט די „בלו־פּרינטס" און מאַפּעס פֿון דעם גאַנצן טראַקט, האָט מען אים דאַן איבערגעגעבן די אחריותפֿולע אַרבעט אויפֿצובויען דעם געפּלאַנטן וואַסער־רעזערוואואַר.

הערסט, צוזאַמען מיט אַ קאָמיסיע, זיינען ארויס אין אַ שיינעם טאָג אויפֿן לאַנד, זוכן אַ פּאַסיקן אָרט, וואו דעם געפּלאנטן רעזערוואואַר צו בויען. די קאָמיסיע האָט נאַטירלעך געמוזט זיך רעכענען מיט דער פּאַכ־מאַנשאַפֿט און וויסן פֿון דעם אינזשעניר, און זיי האָבן צוגעשטימט, לויט זיינע אָנווייזונגען, צו אַ באַשטימטן פּלאַץ, וועלעכר איז געווען כמעט אַ פּאַרטיקער גראָבן און פּאַסיק פֿאַר דעם צוועק. ס׳האָט זיך געפֿאָדערט אויסגראָבן דעם פּלאַץ, אַרומגלייכן די ערדענע ווענט, און די אויסגעגראָ־בענע ערד פֿון דעם פּלאַץ אַוועקפֿירן אין די נידריקערע אויסגעוואַשענע פּלעצער אויפֿן לאַנד. נאָכדעם, ווען די ווענט וועלן זיין אַרומגעגראָבן, האָט ער אונדז דערקלערט, וועט מען ערשט דאַרפֿן ברענגען די נויטיקע געהילץ, צו מאַכן די פֿאָרמס פֿאַר די ווענט, כדי צו קאָנען אַריינגיסן דעם קאָנקריט אין די פֿאָרמס.

מ׳האָט הערסטן געגעבן אייניקע מענטשן פֿון אונדזערע קאָלאָניסטן, אַ פּאָר געדונגענע שכנים, מ׳האָט געבראַכט פֿערד, גראָב־אַייזנס און טאַטש־קעס, ס׳איז אָנגעגאַנגען אַ פֿיבערהאַפֿטיקע אַרבעט. מ׳האָט געגראָבן און אַוועקגעפֿירט די ערד. גרויסע וועגענער האָבן געפֿירט געהילץ פֿונם נאָענטן שטעטל, סטאָליאַרעס האָבן געזעגט און געהאַמערט און צוזאַמענגעשטעלט די הילצערנע פֿאָרמס, וועגענער האָבן גאַנצענע טעג געהאַלטן אין איין פֿירן זאַמד, שטיינדלעך, צעמענט און וואַסער, מחמת ס׳האָט זיך געפֿאָ־דערט אַ היבש ביסל מאַטעריאַל, קאָנקריט, פֿאַר דעם רעזערוואואַר, 30 ביי 40 די גרויס, אַכט־פֿוסיקע ווענט די הויך. אַלץ איז צוגעגאַנגען אין אָנהויב, דאכט זיך זייער גוט און גלאַט: די קאָנקריט ווענט פֿון דעם רע־זערוואואַר זיינען מיט יעדן טאָג געוואקסן אַלץ העכער און העכער. צוזאַ־מען מיט דעם, האָט זיך אויך געהויבן אונדזער פֿרייד און האָפֿנונג.

מ׳האָט ניט פֿאַרפֿעלט איינצומויערן די נויטיקע צאַפּנס ארויסציען די וואַסער, און אויך אַ „פֿילטערינג סיסטעם" אינסטאַלירט. ווען די קאָנ־קריט ווענט זיינען פֿאַרטיק געוואָרן, האָט מען אויך אַ הילצערנעם צודעק איבער דעם רעזערוואואַר געמאַכט, כדי פֿאַרשיידענע אומריינלעכקייטן זאָלן זיך ניט אָנקלייבן דאָרטן. אַלץ האָט מען דווקא אינזינען געהאַט. ווען אַלצדינג איז אין און אַרום דעם רעזערוואואַר פֿאַרטיק געוואָרן, האָט מען געלאָזט די צעמענט גוט אויסטריקענען און פֿאַרהאַרטעוועט ווערן, איידער מ׳האָט די וואַסער אָנגעהויבן אריינלאָזן. די אַלע זאַכן, פֿאַרשטייט זיך, זיינען געטאָן געוואָרן לויט די אינסטרוקציעס פֿון אונדזער אינזשעניר. יאָ, מיר האָבן געפֿילט זייער גליקלעך און שטאַרק געפֿרייט זיך מיט דעם

אויפֿטו: ענדלעך, וועט שוין אַ סוף נעמען צו דעם כסדרדיקן שפּאַרעניש פֿון דעם ביסל וואַסער און איך פּטור ווערן פֿון אַזאַ לאַסט, ווי ברענגען וואַסער פֿאַרן היימישן געברויך, אַרום אַכט מייל פֿון נאָענטן שטעטל!...

אין אַ שיינעם טאָג, אויף דער פֿאַראָרדענונג פֿון דעם אינזשעניר אונ־זערן, האָט מען גאַנץ צערעמאָניאַל און אין אַ גאָר געהויבענער שטימונג, אָנגעהויבן אַריינצולאָזן די וואַסער אין דעם רעזערוואואַר. לאַנגזאַם, לאַנגזאַם איז די וואַסער דורכן פֿילטער אַריינגעקומען. ס'האָט גענומען כמעט דריי מעת־לעת ביז דער רעזערוואואַר איז אָנגעפֿילט געוואָרן — אינגאַנצן...

אויפֿן פֿערטן מעת־לעת, אין מיטן דער נאַכט, האָבן די קאָלאָניסטן פּלוצלינג דערהערט אַ מוראדיקן קראַך, פּונקט ווי אַ גרעבליע וואָלט זיך פֿון ערגעץ אָפּגעריסן...

אַ סך קאָלאָניסטן האָט עס אויפֿגעוועקט פֿון זייער מידן שלאָף, האָבן זיך אַרויסגעלאָזט זען וואָס האָט פּאַסירט. זיי האָבן באַלד דערהערט אַ גערויש פֿון אַ לויפֿנדיקן וואַסער אין דער ריכטונג פֿון דעם רעזערוואואַר. ווען זיי זיינען צוגעקומען אַהינצו, האָבן זיי ערשט דערזען די צרה, דעם גרויסן חורבן: דער רעזערוואואַר האָט געפּלאַצט!...

מ'האָט אויפֿן מאָמענט, אין מיטן דער נאַכט סיי ווי גאָרניט געקענט טאָן, איז מען פֿאַרצווייפֿלטע, האָפֿנונגסלאָזע, זיך צוגאַנגען אין די געצעלטן.

באַגינען איז דער גאַנצער קעמפּ געווען אויף. אַלע, מיטן אינזשעניר בתוכם, זיינען געווען אויף דעם פּלאַץ ביים רעזערוואואַר, באַטראַכטן דעם חורבן, באַקלאָגן דעם אומגליק און די פֿאַרלאָרענע האָפֿנונג. די וואַסער פֿון דעם געפּלאַצטן רעזערוואואַר איז געווען צולאָפֿן אין פֿאַרשיידענע ריכטונגען אין די גראָבנס און אין נידריקע פּלעצער אויפֿן באָדן, אָן אַ נוצן פֿאַר עפּעס און פֿאַר וועמען...

דער אינזשעניר, איז געשטאַנען די גאַנצע צייט אַ פֿאַרלאָרענער, אַ בלאַסער. אַ שענערן וואָלט מען געקענט אין דער ערד אַריינלייגן. ער האָט געפֿילט, און אַלע האָבן אַזוי מיט רעכט געפֿילט, אַז ער איז דער שולדיקער. אויף אים האָט מען זיך דאָך אינגאַנצן פֿאַרלאָזט, אויף זיין דערפֿאַרונג און וויסן האָט מען דאָך געבויט! מ'האָט אָנגעהויבן זוכן די סיבה, די אורזאַך, די דעפֿעקטן פֿון דעם געבוי און ס'האָט זיך אַרויסגע־וויזן, אַז סיי דער מאַטעריאַל און סיי די גאַנצע קאָנסטרוקציע איז ניט געווען ראַיעל, ניט פֿאַכמעניש: די זאַמד און די שטיינדלעך וואָס מ'האָט גענוצט ביים מישן מיט דעם צעמענט, איז ניט געווען פֿון דער ערשטער

קוואַליטעט; די פאָרמס וואָס מ׳האָט געבויט, וועלכע האָבן געהאַלטן אין זיך דעם קאָנקריט, האָבן געמוזט געשטאַרקט ווערן „רעאינפאָרסד״ זיין מיט אײַזערנע שטאַנגען און דראָטן, כדי די „קאָנקריט״ וועגט זאָלן האָבן האַפטיקייט אויסצוהאַלטן די שווערע משא פון די טויזנטער גאַלאָן וואַסער.

דערוואויסט פון די אַלע זאַכן האָט מען זיך ערשט נאָכדעם פון מענטשן פאַכלייטע, באַלבעלאָכעס. אין אונדזער אומדערפאַרנקייט, האָבן מיר זיך אינגאַנצן פאַרלאָזט אויף דעם אינזשעניר אונדזערן, און מיר האָבן דאַן אויך געלערנט, אַז ניט כסדר און ניט אַלץ, ווייסט אַפילו אַ „דיפלאָמירטער״ אינזשעניר, וואָס ער טוט!... ס׳איז געווען אַפילו אַ יש אומרים, אַז ער, דער אינזשעניר, האָט דאָס באַוואוסטזיניק שלעכט געמאַכט. אָבער, מאַלע וואָס מע זאָגט! אַזוי צי אַזוי, אויס רעזערוואואַר, אויס וואַסער, אויס האָפ־נונג — איין גרויסע אומפאַרגעבלעכע אַנטוישונג...

יאָ, אומזיסט האָבן מיר זיך געפרייט און געלייגט אַזוי פיל האָפנונג אויף אָט דעם וואַסער רעזערוואואַר. צו פרי אַפילו האָבן מיר זיך באַרימט פאַר אונדזערע שכנים, מיט אונדזער אויפטו. איצט האָבן מיר זיך פשוט געשעמט ווייזן פאַר זיי מיט אונדזער דורכפאַל. מיר האָבן אָבער געמוזט פאַרבויגן די חרפה און בושה, אײַנשפאַנען נאָכאַמאָל דעם גרויסן וואָגן מיטן טאַנק און פאָרן אין שטעטל נאָך וואַסער. אַ ברירה האָט מען געהאַט?!...

יאָ, יאָ, וואַסער איז געווען ביי אונדז דער עיקר, וואַסער איז געווען ביי אונדז טייערער ווי מילך. מ׳האָט זיך גיכער פאַרגונען אַ דורשטיקן פאַרבייגייער צו געבן אַ גלאָז מילך צום טרינקען, איידער אַ גלאָז וואַסער...

די משפחות פון די פיאָנערן אויפן לאַנד

איידער די משפחות פון די פיאָנערן זיינען אויפן לאַנד אין דער קאָ־לאָניע אָנגעקומען, איז דער איינשטעל פון דעם צוזאַמענלעבן, צווישן די פיאָנערן, געווען אַ פולער קאָאָפעראַטיווער: — אַן אַלגעמיינע קיך, אַ קאָ־לעקטיווער טיש, ווי איין גרויסע פאַמיליע, אַן אמתער חלוצישער לעבן. ווען די פאַמיליעס פון די פיאָנערן, זיינען אַריבערגעקומען, האָט זיך דאָס בילד אינגאַנצן געביטן. הגם די אַרבעט אויפן לאַנד, אין און אַרום דער קאָלאָניע, איז נאָך אַלץ אָנגעפירט געוואָרן אויף אַ קאָלעקטיוון אופן און די גאַנצע הכנסה וואָס איז אַריינגעקומען פון „שניט״ איז, נאַטירלעך, אריינ־געקומען אין דער קהלשער קאַסע פון דער קאָלאָניע, איז אָבער דער פאַ־

מיליען לעבן שוין געווען אַ ריין פּריוואַטער, מיט אַן אייגענער באַלעבאַ־טישקייט. אמת, אַן אָרעמע באַלעבאַטישקייט, אָבער אייגן, פֿאַר זיך אַליין. לעת־עתה האָט מען געוואוינט אויף דעם באָדן פֿון דער קאָלאָניע, אין צענטער, וואו דער „קעמפּ" פֿון די פּיאָנערן איז לכתחילה איינגעשטעלט געוואָרן, אָבער אין באַזונדערע שטיבלעך, צוזאַמענגעקלאַפּט אויף דערווייל, ביז די לאַנד וועט צוטיילט ווערן, און אַז מ'וועט שוין וויסן וואו יעדנס „פּערציקער" געפֿינט זיך, ערשט דאַן, וועט מען בויען די פּערמאַנענטע קאָנקריט הייזער, וועגן וועלכע מ'האָט אזוי פֿיל, נאָך אין אָנהויב פֿון דער גרינדונג פֿון דער קאָלאָניע פּלאַנירט און אַלעמען צוגעזאָגט...

אין מיטן זומער, אין סאַמע ברען פֿון דער פֿעלד־אַרבעט, זיינען די מערסטע פֿרויען און קינדער פֿון די פּיאָנערן, שוין געווען אויפֿן לאַנד. די גליקלעכע פֿון זיי, זיינען געווען: יוספֿקע דעם „פּופּצענערס" פֿרוי און קינדער; קלמנס ווייבל מיט זיין קינד (די לעצטע צוויי פֿאַמיליעס האָבן בשותּפֿות געוואוינט אין איין „שענטי" אונטער איין דאַך, ביי איין אייוון געקאָכט, צוליב עקאָנאָמיע און מוז, אָבער גוט און ערלעך, צווישן זיך אויס־געקומען). ס'איז אויך צוגעקומען ביי־ביס פֿרוי און קינדער, מאַרטינס און בענדערס פֿאַמיליעס און אַנדערע האָבן זיך געגרייט אין וועג אָנצוקומען. אַז די פֿרייד יענעם טאָג איז געווען ביי אַלעמען אַ גרויסע און די שטימונג אַ גאָר געהויבענע, איז איבעריק צו דערציילן.

אויף מאָרגן, נאָך איידער ס'האָט אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג, ווען די דערמאָנטע גליקלעכע פּיאָנערן קאָלאָניסטן, זיינען נאָך געלעגן אין די אומאַרמונגען פֿון זייערע ערשט נעכטן צו זיי אָריבערגעקומענע ווייבלעך, און האָבן גאָרניט געטראַכט אַפֿילו, היינט אַזוי פֿרי אויפֿצושטיין צו דער אַרבעט, ווי יעדן פֿרימאָרגן, ווייל נאָך אַזאַ לאַנגער און פּיינלעכער הפֿסקה פֿון צעשיידונג, איז זייער ווידערצוזאַמענקום, געווען פֿאַר זיי אַ גאָר גרויסע פֿרייד און יום־טוב. זיי האָבן זיך דעריבער גאָרניט געקענט אַפֿילו משער זיין, אַז אויך היינט, אין אָט דעם גליקלעכן פֿאַר זיי טאָג, אויף וועלכן זיי האָבן מיט אזוי פֿיל פּיין און געדולד געוואַרט, וועלן זיי אויך היינט, מיט דער זעלביקער פּינקטלעכקייט געוועקט ווערן צו דער אַרבעט?... אויף דעם האָבן זיי זיך גאָרניט געריכט...

דער אַלטער סענדראָף אָבער, אזוי גוט ווי ער פֿלעגט פּינקטלעך זיך שאַרן און פֿאַדען ארום די פֿערד אין שטאַל, אין די פֿריע באַגינענס, אזוי האָט ער אויך איצט, מיט ניט ווייניקער פּינקטלעכקייט, ניט פֿאַרפֿעלט צו שאַרן זיך ארום די פֿענצטער פֿון די ליבנדיקע פּאָר־פֿאָלקן. ער האָט

כמעט ווי ניט פֿאַרגינעריש, אומפֿאַרשעמט, געוועקט די מענער פֿון זייערע ליבנדיקע פֿרויען, אויפֿצושטיין צו דער אַרבעט. אין אַ געמאַכטן, כמעט פֿאָטערלעכן טאָן, האָט ער זיין שטים, אונטער די פֿענסטער, געלאָזט הערן:
— נו, נו, געגוג שוין קינדערלעך געליבט זיך, שוין צייט אויפֿצושטיין צו דער אַרבעט...

די דאָזיקע האַנדלונג פֿון דעם אַלטן סענדראף האָט ארויסגערופֿן אַ געוואַלדיקן פֿאַרדרוס, ניט נאָר ביי די וועלכע ער האָט געוועקט און געשטערט זייער פֿרייד און גליק, נאָר ביי אַלע קאָלאָניסטן, וואָס האָבן וועגן דעם זיך דערוואוסט. אַלע האָבן פּראָטעסטירט און שטאַרק אין כעס געווען אויף דעם אַלטן, פֿאַר זיין גראָבער און אומגעלומפּערטער אַריינמישונג אין זייער פּריוואַטן, פּערזענלעכן לעבן. די באַליידיקטע זיינען שוין אויף להכעיס, אַ סך שפּעטער אויפֿגעשטאַנען ווי כסדר און זיינען דעם גאַנצן טאָג אויפֿן פֿעלד, ניט אַרויסגעקומען אַרבעטן. פֿון דאַן אָן, איז געוואָרן פֿון זיך אַליין, כמעט אַ געשריבענער געזעץ אין דער קאָלאָניע: צו וועמען, פֿון די קאָלאָניסטן די פֿאַמיליעס וועלן אָנקומען, מאַכן זיי פֿאַר זיך דעם טאָג יום־טוב און גייען שוין ניט אַרויס דעם טאָג אויפֿן פֿעלד אַרבעטן. יענעם טאָג, האָבן זיי זיך באַנוצט מיט דער קאָלאָניעס פֿערד און וועגעלע און ארומגעפֿירט ווייב און קינדער, איבער פֿעלד און טאָל, באַוויזנדיק זיי אונדזער גרויס פֿאַרמעגן, אונדזער אויפֿטו און דערגרייכונג.

דער צווייטער זומער אונדזערער אויפֿן לאַנד איז געווען אַן אינטענסיוו שווערער, אַן אַרבעטסזאַמער. פֿון פֿריען באַגינען ביז שפּעט אין אָוונט, זיינען אַלע געווען באַשעפֿטיקט, די געשעפֿטן פֿון דער קאָלאָניע זיינען אויך געוואָרן שווערער און קאָמפּליצירטער. די ערשטע צוועלף פּיאָנערן, זיינען די ערשטע צייט פֿאַקטיש געווען די עקזעקוטיווע און פֿאַרוואַלטונג פֿון דער קאָלאָניע. הגם ס'איז געווען אַ באַשטענדיקער סעקרעטאַר אין אָפֿיס פֿון דער קאָלאָניע, דאָך האָבן די פּיאָנערן געפֿילט אויף זיך די אחריות און מיט גרויס אינטערעס זיך אויך אָפּגעגעבן מיט דער פֿאַרוואַלטונג. נאָך אַ מיזאַמען, שווערן און הייסן טאָג אַרבעט אויפֿן פֿעלד, האָט מען נאָך אויך, זייער אָפֿט, אָפּגעהאַלטן זיצונגען אין די אָוונטן, כדי צו פֿאַרהאַנדלען געשעפֿטלעכע אנגעלעגנהייטן און פּראָבלעמען פֿון דער קאָלאָניע.

אייניקע קאָלאָניסטן האָבן אָנגעהויבן אַרויסוויַיזן צו ביסלעך אַ מידקייט און אַן אומצופֿרידנקייט, הן מיט דעם פּלאַץ און מיט די מאָגערע רעזולטאַטן ביז איצט, הן מיט די גאַרניט גלענצנדיקע אויסזיכטן אויף

ווייטער. פֿלעגן טאַקע צוליב די דאָזיקע טעמים אַנטוויקלען זיך אין אָנהויב קליינע מחלוקתן און די זיצונגען פֿלעגן זיך פֿאַרציען זייער אָפֿט, ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. דאָס האָט ניט ווייניק אָפּגערופֿן זיך אויף דעם אַזוי אויך אָנגעשטריינגטן, ווייטערן גאַנג פֿון דער אַרבעט.

די שטימונג ביי אייניקע איז געוואָרן אַ געדריקטע און אַ דעפּיטיסטישע. זיי האָבן שוין אָנגעהויבן ספֿקן אין דעם דערפֿאָלג פֿון דער גאַנצער אונטערנעמונג, זיי האָט שוין ניט געאַרט אַזוי די פּאַר הונדערט דאָלאַר זייערע וואָס גייט צו גרונד און פֿאַרלאָרן, זיי האָבן מערער געליטן פֿון דעם, וואָס זיי האָבן אַריינגעלייגט אַזוי פֿיל האַרץ און נשמה, אַזוי פֿיל גלויבן און האָפֿנונג, און טאָמער חלילה גייט דאָס פֿאַרלאָרן?...

יאָ, דער וואָרעם פֿון ספֿקות האָט זיי אָנגעהויבן עסן: ווער ווייס, — האָבן זיי אָנגעהויבן אַרויסקומען מיט זייערע רייד — צי מ׳וועט דאָ בכלל קאָנען בלייבן, אויסשטיין און דורכליידן? איז דאָ באמת דער אידעאַלער פּלאַץ, פֿאַר אַ געזונט איינגעפֿונדעוועט יידיש ווירטשאַפֿטלעכן לעבן? אַלץ האָט זיך דאַך דאָ אַרויסגעוויזן דער היפּוך, וואָס בײ־בי און אויך די וואָס זיינען פֿאַראינטערעסירט געוועזן אין דעם פּראָיעקט, האָבן אין אָנהויב אונדז דערציילט: דער קלימאַט אַ שלעכטער, אַ ניט צוגעפּאַסטער און ניט גינסטיקער, פֿאַר אינטענסיווער ערד־באַאַרבעטונג; די זומערן דאָ, זיינען הייסע און קורצע, די ווינטערן לאַנגע און האַרבע. אין צוגאָב צו דעם, מאַנגל אין וואַסער, אָרעמע און ווייטע טראַנספּאָרטאַציע צום מאַרקעט, אַ גרויסער פּראָצענט פֿון לאַנד שטיינערדיקער באָדן, אַלץ אַזעלכע זאַכן, וואָס זיינען גוואַלדיקע שווערע מניעות פֿאַר וועלכע ס׳איז דערפֿאָלגרייכע פֿאַרמינג. די אלע זאַכן האָט מען ערשט שפּעטער אָנגעהויבן איינצוזען, ווען מיר זיינען געקומען פּנים על פּנים מיט דער אמת׳ער האַרבער ווירקלעכקייט.

איצט ערשט, ווען מיר האָבן זיך צוביסלעך באַפֿרייט פֿון דעם ערשטן איבערטריבענעם ענטוזיאַזם און אָנגעהויבן זען זאַכן ווי זיי זיינען, האָבן מיר ערשט איצט דערזען און דערפֿילט ווי ניט גינסטיק דער פּלאַץ איז פֿאַר אונדזער באַזעצונג. אַזוי האָבן די מערסטע פֿון די קאָלאָניסטן אויפֿן פּלאַץ געזען די לאַגע, אַזוי האָבן זיי געפֿילט בנוגע דעם ענין און דאַך, האָבן די מערסטע געפֿילט, אַז ציען זיך צוריק איז שוין צו שפּעט.

נייך, צופֿיל מי, געלט, ענערגיע, האָפֿנונגען און חלומות אונדזערע זיינען פֿאַרבונדן געוועזן מיט אונדזער יונגן יידישן ישוב... נייך, אויפֿגעבן איצט וואָלט געוועזן פֿאַר אונדז, גייסטיק און מאַטעריעל, אַ גרויסע ירידה.

ס'וואָלט אויך געווען אַ גרויסע פּיגהייט, פון אונדזער זייט. וואָס וועלן לייט זאָגן? און נאָך מערער: „למה יאמרו הגויים"? מיט דעם האָבן מיר זיך דאָרטן זייער שטאַרק גערעכנט. נו, האָבן מיר שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, מיטן ביטערן מזל אונדזערן און געוואַרט, אפשר וועט דאָך בע־סער ווערן. מיר האָבן געזוכט זיך גרינגער צו מאַכן און ניט זעלטן זיך אַליין פאַרענטפערט די שאלות און תשובות: לעבן דאָך נאָך מענטשן אין און אַרום דעם ברייטן מאָל, זיינען זיי דאָך אויך אַמאָל פיאָנערן געווען און אונטער ערגערע באַדינגונגען ווי אונדזערע. זיי האָבן געליטן הונגער, נויט און קעלט אפשר מערער ווי מיר איצט. אַ דאַנק זייער געדולד און אויסדויער, זיינען זיי איצט צופרידן און באַגיטיקט.

אַרונטערקוקנדיק צו דעם צפונדיקן טייל פון טאָל, וואו אונדזער שכנותדיק דערפאָלגרייך מארמאנען־שטעטל איז געלעגן, האָבן מיר צו־ביסלעך פאַרטריבן פון זיך אָט די ספקותדיקע געפילן און געדאַנקען און נאָכאַמאָל געשטאַרקט זיך מיט דעם געפיל און געדאַנק, אַז דאָ איז אונדזער פּלאַץ, דאָ איז אונדזער היים, דאָ דאַרפן מיר גוט מאַכן אונדזער לעבן, טראָץ די אַלע שוועריקייטן. אָט וועלן באַלד אָנקומען נאָך אַ צאָל קאָלאָ־ניסטן זיך דאָ באַזעצן, דער לעבן וועט דאָ ווערן אַ מערער קהלשער, א לעבעדיקערער און א ניי קאַפּיטל פאַר דער קאָלאָניע, וועט זיך אָנהויבן.

אין אַזעלכע אומרואיקע מאָמענטן פון אַנטוישונג, פלעגט אונדז אויך דער גוטער פאָלקס־מענטש און האַרעפאַשניק, בענדער, ניט ווייניק טרייס־טן, מיט זיינע פשוטע רייד:

— וואַרט, וואַרט ברידערלעך, ניט געזאָרגט. איר וועט נאָך זען, אַז מיר וועלן אַלע נאָך אַ סך נחת האָבן. זאָל מען נאָר וואָס שנעלער שוין צעטיילן דאָס לאַנד און ווען יעדער קאָלאָניסט וועט אריינקריגן זיינע איי־גענע פערציק אַקער, מיט זיין אייגענער נחלה, וועט איר ערשט זען, וואָס פאַר אַן אייגן זעלבסטשטענדיק לעבן יעדער איינער פון אונדז וועט פירען, און ווי דערפאָלגרייך מיר וועלן אַלע דאַן זיין!... ערשט דאַן, וועלן מיר קענען איינפירן ביי זיך עופות, פיטערן אינדיקעס און חזרים און דאָס גלייכן. און ווארום טאַקע ניט? אַז די גוים קאָנען דאָס באַווייזן און מאַכן גוט, ווארום זאָלן מיר דאָס ניט קענען טאָן?! איצט, קענען מיר דאָס ניט באַווייזן, אַלץ באַלאַנגט דאָך צו קהל, צו דער אַסאָסיאיישאָן. ווען יעדער וועט זיין פאַר זיך, וועט שוין מער ניט זיין, פאַרשטייט איר מיך, קיין „סקאַרבאָווע"! (מיט דעם וואָרט סקאַרבאָווע, האָט ער געמיינט קהלשע הפקרות און דאָס פאַרטאַכלעווען פון קהלשע געלדער). מיר וועלן ענדליך,

אויך פּטור ווערן פֿון דעם „שוואַרצן שטיבל“ (אַזוי האָט ער באַטיטלט דעם אָפּיס פֿון דער קאָלאָניע, ניט מיינענדיק חלילה עפּעס אריינטײטשן אין דעם, נאָר מחמת דאָס שטיבל פֿון אָפּיס, איז געווען פֿון דרויסן אַרומגענומען מיט אַ שוואַרצן „טאַר־פּייפּער“) און אויך מיט דער פֿינסטערער קצבה (די ערש־טע צוועלף פּיאָנערן, האָבן געקראָגן פֿאַר זייער אַרבעט פֿון דער קאָלאָניע אסאָסיאיישאַן, צו פֿופֿצן דאָלאַר אַ וואָך יעדער). ווען מיר׳ן אַרויף אויף איי־גענע קעסט, ערשט דאַן ברידערלעך, וועלן מיר זיך אַ נעם טאָן צו דער אַרבעט, מיט אַ באַנייטן מוט און כוח. ערשט דאַן, וועלן מיר זיך צוכאַפּן צו אונדזער ליבער מאַמע ערד, מיט אַ פֿרישן און באַנייטן אימפּעט...

מיר האָבן אַלע מיט אים מסכים געווען. ער האָט אויסגעדריקט אין יענעם מאָמענט אונדזער אַלעמענס געפֿיל און סענטימענט. מיר האָבן אַלע געפֿילט, אַז ס׳רעדט צו אונדז אַ פּראָסטער פּשוטער ערד־מענטש. ער האָט גערעדט ערנסט און אויפֿריכטיק. מיט גרויס אומגעדולד האָבן מיר גע־וואַרט אויף דעם טאָג פֿון דער חלוקה, די פֿאַנאַנדערטיילונג פֿון דעם לאַנד צו די קאָלאָניסטן, ווי אויף דער גרעסטער און פֿריידיקר געשעעניש. אויף דעם טאָג פֿון דער חלוקה, האָבן ניט נאָר געוואַרט די ערשטע צוועלף פּיאָ־נערן, נאָר אויך די צוקונפֿטיקע קאָלאָניסטן, וואָס זיינען נאָך לעת־עתה געווען אין דער איסט און האָבן זיך זייער שטאַרק געריסן ארויסצוקומען אַהערצו אויפֿן לאַנד.

די חלוקה פֿון לאַנד

ענדלעך, ענדלעך, האָט מען זיך דערוואַרט אויף דער חלוקה פֿון לאַנד. אויף דעם צווייטן יאָר, סוף זומער, נאָך שניט צייט, ווען די אַרבעט אויפֿן פֿעלד איז שוין געווען כמעט ווי אָפּגעטאָן, אַלץ וואָס מ׳האָט אַראָפּ־גענומען פֿון די פֿעלדער איז שוין אריינגעבראַכט געוואָרן אין קהלשן שייער און מ׳האָט אויך גענומען אינווענטאַר פֿון דעם גאַנצן קהלשן אייגענטום פֿון דער קאָלאָניע. מ׳האָט איצט גאַנץ ערנסט גענומען זיך גרייטן צו דער גרויסער געשעעניש. ס׳איז צוגעגרייט געוואָרן דער געהעריקער אַפּאַראַט און פֿאָרמע פֿון דער צעטיילונג. ס׳איז אויך באַשטימט געוואָרן אַ דאַטום פֿאַר דער פֿייערלעכער צערעמאָניע און דאָס ארויסציען דעם גורל שבמזל: ד. ה. יעדער וועט אַרויסציען אַ נומער וואָס וועט באַציי־כענען זיין באַשטימט שטיקל לאַנד. די מערסטע קאָלאָניסטן זיינען געווען

איינגעטיילט צו פיר אין אַ גרופּע. אַ פריער איז געצויגן געוואָרן אַ נומער פאַר יעדער גרופּע פון פיר באַזונדער, צו פיר פּערציקער, נאָכדעם האָט יעדער אין זיין גרופּע באַזונדער געצויגן אַ נומער, וועלכן חלק פון די פיר פּערציקער ער וועט באַקומען, וועט דאָס פאַרבלייבן ביי אים אַלס זיין באַשטימטע פּערציק אַקער לאַנד.

וואָס ס'איז שייך די פאָרמע פון דער צעטיילונג, האָט עס אַלעמען באַפרידיקט און ס'האָט ניט געקענט זיין קיין טענות און קריוודעס. ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן נאָכדעם, אַזעלכע געזעצלעכע קאָמפּליקאַציעס, בשעת דער קניה פון דעם לאַנד, אַז דאָס האָט נאָכדעם געהאַט אַ גוואַלדיקע שטערנדיקע ווירקונג אויף דעם ווייטערן גאַנג און אַנטוויקלונג פון דער קאָלאָניע.

אין וואָס זשע איז באַשטאַנען די מניעה אָדער די אומצופרידנקייט? גאַנץ פשוט: די קאָלאָניע אַסאָסיאיישאַן האָט געקויפט דאָס לאַנד פון דער „יוטאַ לענד באָארד" אויף דעם נאָמען און רעכט פון דער קאָלאָניע אַלס גאַנצע און ניט פאַר יעדן קאָלאָניסט באַזונדער. די אַסאָסיאיישאַן אַלס גאַנצע איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר יעדן איינציקן „סעטלער" צו דער „לענד באָארד". דער איינצלנער קאָלאָניסט, האָט אין דער אמתן ניט געהאַט קיין אַנווייזונג אויף זיין אייגנטום־רעכט צו דעם לאַנד, אַ חוץ אַ פאַרשטענדיקונג, צווישן אים און דער קאָלאָניע אַסאָסיאיישאַן. וואָלט דאָס אפשר גאָרניט אַזוי אויסגעמאַכט, ווען די קאָלאָניע אַלס גאַנצע, וואָלט גע־בליבן באַזירט, ווי אין סאַמע אָנהויב, אויף קאָאָפּעראַטיווע אָדער קאָלעק־טיוויסטישע יסודות. אָדער גאָר, יעדער זאָל פּראָדוצירן לויט זיינע פעּ־איקייטן און געברויכן לויט זיינע באַדערפעּנישן. איז אָבער דער פאַל דאָ געווען אַ גאַנץ אַנדערער. ניט די קאָלאָניסטן האָבן דאָס געוואָלט און ניט זיי זיינען גרייט געווען פאַר אַזאַ איינפיר.

אין אָנהויב, ווען ס'זיינען געווען די ערשטע צוועלף פיאָנערן, און זיי האָבן געדאַרפט צוגרייטן דעם באָדן, מאַכן אויפנאַמספעאיק דאָס לאַנד און די קאָלאָניע בכלל, פאַר נייע סעטלערס, האָט עס דאַן געהאַט אַ זין און אויך אַ מוז. איצט ווען די קאָלאָניע איז גרעסער געוואָרן, מערער פאַמי־ליעס האָבן אָנגעהויבן אַריבערקומען, האָט מען וועגן דעם אַפילו ניט גע־וואָלט דענקען. ניט דאָס איז געווען דער באַזיס און אויך ניט דער עיקר פּרינציפּ. יעדער קאָלאָניסט האָט זייער שטאַרק געוואָלט צו זיין דער באַלעבאָס אויף זיין אייגן שטיקל לאַנד און נחלה, און מאַכן פון דעם דאָס בעסטע לויט זיינע מעגלעכקייטן און פעאיקייטן. הגם אַלע קאָלאָניסטן

האָבן איינשטימיק מסכים געווען מיטן געדאַנק פֿון קויפֿן און פֿאַרקויפֿן די פּראָדוקטן פֿון יעדן פֿאַרמער, אויף אַ קאָאָפּעראַטיוון אופֿן, מחמת פֿון דעם, האָבן זיי געוואוסט, אַז יעדער פֿון זיי וועט זיכער בענעפֿיטירן.

די מערסטע קאָלאָניסטן זיינען געווען אונטערן איינדרוק, אַז די פֿערציק אַקער לאַנד, וואָס יעדער האָט אריינגעקראָגן, לויט זיין גורל, גוטע אָדער שלעכטע לאַנד, איז דאָס באמת זיינס נאָמינאַל, אין זיין נאָמען, מיט זיין אייגענטום־רעכט. ער, און נאָר ער, איז פֿאַר דעם פֿאַראַנטוואָרטלעך, קיינער קען דאָס ביי אים ניט צונעמען. ווען ער איז פֿלייסיק, אַרבעטזאַם, מאַכט גוט, צאָלט זיינע חובות און שטייערן וכדומה. דאָס איז אָבער ניט געווען אַזוי. אין דער אמתן האָבן אָט די אַלע זאַכן און טוגנטן קיין האַפּט ניט געהאַט. דער פֿעאיקער און פּראָדוקטיווער קאָלאָניסט איז פֿאַראַנטוואָרטלעך געווען אויך פֿאַר דעם ניט פֿעאיקן און פּראָדוקטיוולאָזן. ד. ה. ווען איינער אָדער אַ טייל פֿון די סעטלערס, וועלן ניט קענען צאָלן זייערע חובות אָדער שטייערן אויפֿן לאַנד, וועלן אַלע זיין, דער גאַנצער טראַקט, פֿאַראַנטוואָרטלעך. מחמת די לאַנד איז ניט „געדידט“ צו יעדן פֿאַרמער פֿון זיינע פֿערציק אַקער, נאָר צו דער קאָלאָניע אַסאָסיאיישאן, פֿאַר דעם גאַנצן טראַקט. ס׳פֿאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע קאָמפּליקאַציע האָט געפֿירט צו דעם, ס׳זאָל זיך שאַפֿן אַ גרויסע אומצופֿרידנקייט. דאָס איז געווען אַ זייער עסנדיקער וואָרעם, וואָס האָט אָנגעהויבן אונטערצוגראָבן די וואָרצלען פֿון פֿלייסיקער אַרבעט און אַ זיכערער האָפֿנונג אויף אַ זעלבסטשטענדיקער צוקונפֿט.

ווי געזאָגט, שולדיק אין דעם, נאַטירלעך, איז געווען ווי אַזוי די טראַנזאַקציע איז געמאַכט געוואָרן לכתחילה, ביי דער קניה פֿון דעם לאַנד. באַשולדיקט האָט מען, פֿאַרשטייט זיך, דעם הויפּט פֿירער אונדזערן, וואָס האָט אין זיין אומוויסנקייט, צופֿיל געשטעלט אויף זיך. ניט באַראַטנדיק זיך מיט קיינעם, האָט ער געמאַכט אָט די מאָדנע פֿאַרדרייעניש אין דעם לאַנד־קויף, וואָס ס׳האָט נאָכדעם געפֿירט צו ניט ווייניק צוויסטיקייטן און געשאַפֿענע צדדים. איין צד האָט געהאַלטן מיט דער פֿירערשאַפֿט און האָט שוין טיילווייז שלום געמאַכט מיט דער פֿאָרמע און סיסטעם ווי אַזוי דאָס לאַנד איז געקויפֿט און פֿאַרטיילט געוואָרן. דער צווייטער צד, וואָס איז באַשטאַנען אין מערהייט פֿון די קאָלאָניסטן, האָבן געפֿאָדערט אַז ס׳זאָל רעווידירט ווערן אינגאַנצן, דער אופֿן פֿון דעם לאַנד־באַזיץ און אייגנטום־רעכט אויף דעם לאַנד. ד. ה. דאָס לאַנד זאָל „רעסורווייט“ ווערן און דער נייער „סורוויי“ זאָל אָנגעבן דעם נומער און נאָמען פֿון יעדן אייגענטימער

פֿון זיינע פֿערציק אַקער לאַנד, און דאָס זאָל איבערגעגעבן ווערן צו דער „יוטאַ לענד באָארד" ביי ווען דאָס לאַנד איז געקויפֿט געוואָרן. די „לענד באָארד" זאָל אַרויסגעבן אַ רעקאָרדירטן „דיד" אָדער אייגענטום־רעכט, צו יעדן סעטלער באַזונדער אויף זיינע פֿערציק אַקער לאַנד, אויף וועלכע ער וואוינט און באַארבעט. נאָר דאַן, האָבן זיי געטענהט, וועט יעדער קאָלאָניסט, זיין דירעקט פֿאַראַנטוואָרטלעך צו דער „לענד באָארד" פֿאַר זיין אייגן שטיקל לאַנד און נחלה.

געוויינטלעך, רעדט זיך עס אַ סך גרינגער ווי ס'טוט זיך. אַזאַ אי־בערבייט און „רעסורוויי" איז געווען פֿאַרבונדן מיט גוואַלדיקע אויסגאַבן און ניט ווייניק שוועריקייטן און די „סטייט לענד באָארד" האָט זיך אַבסאָ־לוט אַנטזאָגט צו באַטראַכטן דעם פּלאַן פֿון אַזאַ ענדערונג.

די מחלוקת און די צעטיילונג פֿון מיינונגען צווישן די צוויי גרופּן, האָט אָנגענומען וואָס ווייטער אַלץ שאַרפֿערע פֿאָרמען. די גרופּע וואָס איז געשטאַנען מיט דעם פֿירער, האָט לויט איר אויסוואַל, באַזעצט זיך אין דעם דרומדיקן טייל פֿון דער קאָלאָניע. די צווייטע גרופּע, די „אינ־סורגענטן" אַזוי צו זאָגן, האָבן לויט זייער אויסוואַל, באַזעצט זיך אויף דעם צפֿונדיקן טייל פֿון דער קאָלאָניע.

די ערשטע האָט מען באַצייכנט אין דער קאָלאָניע, מיט דעם נאָמען אַלס די הערשאַפֿט־זוכנדיקע „סאוט", די צווייטע גרופּע האָט מען דאָרטן גערופֿן די קעמפֿערישע „נאָרט". די „סאוט" האָט געזוכט צו באַהערשן, גייסטיק און מאַטעריעל, די „נאָרט". אויף אַזאַ אופֿן איז, פֿאַר אַ געוויסער צייט, אָנגעפֿירט געוואָרן אַ ביטערער קאַמף צווישן די „נאָרט" און די „סאוט" אין אונדזער קליינער יידישער רעפּובליק...

אייניקע צווישן די „אינסורגענטן" האָבן אַפֿילו געזוכט צו באַשול־דיקן דעם פֿירער, אַז ער האָט אַבזיכטלעך אַזוי פֿאַרדרייט דעם ענין בשעת די קניה פֿון דעם לאַנד, כדי ער זאָל קענען האָבן אַ בייטש איבער די קאָ־לאָניסטן, באַזונדערס איבער די, וואָס וועלן אַרויסווייזן קעגנערשאַפֿט צו אים. קיין געזונט, פֿאַרשטייט זיך, האָט די מחלוקת דער קאָלאָניע ניט צו־געגעבן. מ'האָט אָבער איינמאָל פֿאַר אלעמאָל געמוזט איינזען, אַז מיט קריג און סכסוכים וועט מען וואָס ווייניק אויפֿטאָן, האָבן די געמיטער ביי די קאָלאָניסטן פֿון ביידע צדדים געמוזט זיך אַ ביסל באַרואיקן. מ'האָט ענדלעך איינגעזען אַז ענדערן די גאַנצע פֿאָרמע פֿון דעם לאַנד־קויף און מאַכן אַ נייעם „סורוויי" איז פֿאַרבונדן מיט אויסערגעוויינלעכע שוועריקייטן און קאָסטן וואָס איז ניט פֿאַר אונדזערע מיטלען אין איצטיקן מאָמענט.

האָט עס שוין געמוזט בלייבן ווי ס׳איז געווען, הגם אומצופרידן איז מען דאָך געבליבן.

די לאַנד, ווי געזאָגט, איז שוין געווען צעטיילט, די גרופן־שכנים פאַר־מירט, יעדער קאָלאָניסט האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אויף זיין באַשטימטן „פּערציקער״ און אויך אַ פּערמאַנענטע הויז, אמת ניט פון „קאָנקריט״ און ניט אַזוי רחבותדיק ווי מ׳האָט אין אָנהויב געדיינקט אָדער צוגעזאָגט די קאָלאָניסטן, אָבער, אַ מער ווייניקער באַקוועמע הויז, לויט דעם דאָר־טיקן שטייגער, האָט מען אויפגעשטעלט. די קאָלאָניסטן האָבן זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט, יעדער פאַר זיך. אַ סך האָבן ארויסגעוויזן אויסער־געוויינלעכע פעאיקייטן און צופּאַסיקייט צום נייעם לעבן, אויף זיין איי־גענעם ווינקל. דאָס אינדיווידועלע פון יעדן באַזונדער, האָט זיך אָנגע־הויבן אויסטיילן, יעדער נאָך זיין געשמאַק און ווילן...

מאַרטין האָט פאַרפּלאַנצט אַ היים־גאָרטן אַרום זיין הויז מיט כלערליי גרינצייג; קלמנס וויבל האָט איינגעזעצט און פאַרזייעט, בלומען כלערליי אַרום הויז. אייניקע בוימלעך אַפילו אריינגעזעצט ביים סאַמע אריינפאָר אין הויף פון דער פאַרם. בענדער האָט זיך גאַר פאַרנומען איינצואָרדענען אַ ברייטע באַלעבאַטישקייט: ער האָט געבויט שטיבלעך פאַר די עופות, אַ שטאַל פאַר פערד און א בהמה. ער האָט שווער און כסדר געאַרבעט און ס׳איז אים ליב און טייער געוואָרן יעדעס פּיצעלע פון זיין אייגנס. אַזוי האָבן אויך די אַנדערע קאָלאָניסטן זיך פאַרנומען איינאָרדענען זייער נייע באַלעבאַטישקייט אוןווירטשאַפט אויף די אייגענע פערציק אַקער.

איינער האָט אָנגעהויבן צו קוקן אויפן צווייטן, ווער וועמען וועט אי־בעריאָגן אין פלייסיקייט, פעאיקייט און אין אַ שענערן אויסזען פון זיין פּלאַץ און פאַרם. ס׳איז געוואָרן אַ ביסל לעבעדיקער, מ׳האָט אָנגעהויבן פילן אַ ביסל מוטיקער, מ׳האָט געזוכט צו פאַרגעסן צוביסלעך אין די אַלע קריוודעס און טענות. האָט מען דאָך געוואַרט אויף דעם מאָמענט ווען יעדער וועט שוין זיין פאַר זיך, האָט מען טאַקע דעריבער געלייגט גרויסע האָפנונג אויף דעם, אַז איצט ווען יעדער וועט זיין באַלעבאָס פאַר זיך אַליין, וועט זיך גאָר אַנדערש אַרבעטן. אַפילו, די קאָלאָניע אַלס גאַנצע וועט פון דעם אַ סך געווינען און וועט אויך אָננעמען אַ גאַנץ אַנדער ווענדונג.

אונדזער גייסטיק לעבן

חוץ די כלערליי שוועריקייטן וואָס מיר האָבן דאָ איבערגעלעבט, איז פֿונדעסטוועגן דער דראַנג נאָך אַ גייסטיק יידיש קולטורעל לעבן, ניט אטראָפֿירט געוואָרן. „לא על הלחם לבדו יחיה האדם״. מיר זיינען דאָך עפּעס אידן! דאָס עם־הספר! די שטענדיקע פּראַצע פֿאַר דעם שטיקל ברויט בלויז, האָט אונדז זיכער ניט געקענט באַפֿרידיקן. בפֿרט, אַז דער עלעמענט, וואָס האָט צוזאַמענגעשטעלט אונדזער קאָלאָניע איז ניט באַשטאַנען פֿון דעם דורכשניט ייד פֿון אַ גאַנץ יאָר. דוקא דער רוב מנין ובנין איז געווען פֿון דעם אינטעליגענטערן יידיש־דערצויגענעם יידן, לייענער פֿון דער יידישער ליטעראַטור און מיט אַ פּאָזיטיוון צוגאַנג צום נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיוון יידישן לעבן. אמת, ס׳זיינען אויך געווען אַזעלכע מיט אַן אינטערנאַציאָנאַל קאָסמאָפּאָליטישן בליק אויף וועלט און מענטש, זיי זיינען דערצויגן געוואָרן מערסטנס אויף דער סאָציאַליסטישער און אַנאַרכיסטישער ליטעראַטור. אָבער אין אַלגעמיין גענומען, האָבן כמעט אַלע געהאַט אַ געוויסע שטעלונג און נייגונג צום בעסערן וואָרט און יידישע קולטור ווערטן. ס׳פֿאַרשטייט זיך, אַז פֿון אַזאַ עלעמענט, האָט אַפֿילו אונטער די שווערסטע באַדינגונגען, געמוזט אָרגאַניזירט ווערן עפּעס אַן אָנהויב פֿון אַ קולטורעל, גייסטיק לעבן. ס׳איז דעריבער פֿאָרמירט געוואָרן אַ גרופּע, וועמענס אויפֿגאַבע ס׳איז געווען צו באַזאָרגן מיט גייסטיקער שפּייז, אַזוי צו זאָגן, אונדזער ישוב.

אונדזער ישוב, ביי דער צייט, איז שוין געוואָרן אַ סך גרעסער. מיר האָבן זיך שוין געציילט קרוב צו אַ זעכציק פֿאַמיליעס, מיט אַ היפּשער צאָל קינדער פֿון שול־עלטער און מ׳האָט ערנסט אָנגעהויבן צו טראַכטן און זאָרגן מכוח אַ שול פֿאַר די קינדער צום לערנען. נאַטירלעך האָט מען זיך באַנוצט מיט דער געלעגנהייט און פּריווילעגיע, וואָס דער שטאַט האָט אַסיגנירט אַ געוויסע סומע פֿאַר בילדונג און דערציאונג פֿון די קינדער אין דער קאָלאָניע. דאָס פּראָבלעם אויפֿצוהאַלטן די שול, איז פֿאַר אונדז ניט געווען קיין שווערע, מחמת די הוצאות זיינען מערסטענס געדעקט געוואָרן פֿון דעם סקול דיסטריקט. גיכער איז געווען ביי אונדז אַ פֿראַגע פֿון פֿאַרשטענדיקייט צווישן אונדז, מכוח דעם אינהאַלט און כאַראַקטער פֿון די למודים אין אונדזער שול. דער ישוב האָט געהאַט דאָס רעכט, אויסצוקלייבן זיין אייגענעם לערער, וואָס זאָל קאָנען לערנען מיט די קינדער, חוץ ענגליש, אויך יידיש.

אויף אַזאַ אופֿן איז געשאַפֿן געוואָרן אין אָט דעם פֿאַרוואָרפֿענעם טאָל פֿון דעם ווילדן ווייטן מערב, די ערשטע טאָג־שול, אַן אידייע און אַ חלום, וואָס גאָר פֿילע יידישע שול טוער איבערן גאַנצן לאַנד, חלומען נאָך עד היום, וועגן אַזאַ מעגלעכקייט, ווי די גרינדונג פֿון יידישע טאָג שולן. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז אויך דאָ, האָט זיך אָנגעהויבן אַ חלוקה דעה, מכוח דעם לימוד און פּראָגראַם פֿאַר דער קינדער שול.

די נאַציאָנאַל־געשטימטע, וועלכע זיינען געוועזן ניט אין קיין קליינער צאָל, האָבן נאַטירלעך געטענהט און אויך געפֿאָדערט, אַז די קינדער דאַרף געגעבן ווערן אַ יידיש נאַציאָנאַלע דערציאונג. צו יענער צייט האָבן זיך נאָר וואָס אָנגעהויבן גרינדן די ערשטע פּועלי־ציוניסטישע פֿאָלק־שולן, און זייער פּראָגראַם איז געוועזן אויך אַ מוסטער פֿאַר זיי, פֿאַר די קאָלאָניסטן. די אינטערנאַציאָנאַל געשטימטע, פֿון געגנאָסנשאַפֿטלעכן חדר, האָבן פֿאַרשטייט זיך, געפֿאָדערט דעם קעגנזאַץ. איז אָנגעגאַנגען אַ שטיקל צייט אַ ווערטער קאַמף, ביז ענדלעך האָט מען זיך געמוזט איינִיקן און דאָך איינגיין אויף אַ פּשרה: מ'וועט לערנען מיט די קינדער ענגליש און יידיש, און פֿון ביידע שלחן־ערודס: די עלטערן וואָס ווילן, אַז די קינדער זייערע זאָלן דורכויס לערנען און וויסן יידיש לעבן, יידישע געשיכטע, וכדומה, זאָלן אַזאַ לימוד אין קלאַס האָבן און די עלטערן וואָס ווילן דוקא, אַז די קינדער זייערע זאָלן אַ נאַש טאָן פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, זאָלן אויך אַזאַ קלאַס האָבן.

זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז בנוגע דעם ענין איז מען געוועזן גענוג טאָלעראַנט איינער צום צווייטן. די שול איז עטאַבלירט געוואָרן, די לימודים זיינען איינגעשטעלט געוואָרן צו דער צופֿרידנקייט פֿון אַלעמען.

וואָס שייך אַ ביסל גייסטיקייט פֿאַר די דערוואַקסענע אין דער קאָלאָניע, איז אויך דאָס ניט פֿאַרזען געוואָרן. פֿאַר אונדז דאָרטן, און איך מיין אַז אין דעם פּרט איז עס דאָס אייגענע פֿאַר דער גאַנצער גרויסער פּראָווינץ אין אַמעריקע, האַלט מען, אַז ניויאָרק איז דער גייסטיקער צענטער אונדזערער. מ'ניויאָרק תצא תורה! דאָרטן זיינען דאָך טאַקע אונדזערע גייסטיקע פֿירער און לערער! און אַפֿילו איצט, ווען עס זיינען שוין פֿאַראַן שטעט מיט גרויסע יידישע ישובים, יידישע צענטרען, מיט פֿאַרצוויגטע יידישע קהילות, ווערן די דאָזיקע שטעט, סיי פֿון ניויאָרק און סיי ביי זיך אַליין באַטראַכט אַלס פּראָווינץ שטעט. מ'קוקט ארויף צו ניויאָרק אַלס די אַלוויסנדיקע און אויך די טאָן־געבערן, פֿון אַלץ וואָס עס קומט פֿאַר אין יידישן לעבן. די פּראָווינץ איז ביז היינט צוטאָג געבליבן

די געטרייע נאָכאַמערן פון דעם גרויסן יידישן צענטער — ניויאָרק. ס'איז דעריבער געווען זייער נאַטירלעך, אַז מיר דאָרטן, אין דעם ווייטסטן און קליינעם ישוב, זאָלן ארויסקוקן צו ניויאָרק, פאַר אונדזער גייסטיקער יניקה.

האָט מען צו יענער צייט, למשל, אין ניויאָרק געפייערט אַ זשיטלאָווסקי יובילעעאום, האָבן אונדזערע היגע יידישיסטן, אויך דאָ, אויף דעם לאַנד, אַזאַ קולטור פייערונג דורכגעפירט. ניט הינטערשטעליק, נאַטירלעך, זיינען געבליבן אונדזערע גענאָסן, די אַנאַרכיסטיש־געזאַנענע. אויך זיי, האָבן אויף זייער שטייגער, געפייערט אַ קראַפּאָטקין יובילײ. פון צייט צו צייט, פלעגט מען זיך אויך צוזאַמענקומען און דורכפירן היימישע ליטעראַרישע אָוונטן, ביי וועלכע ס'פלעגט געלייענט ווערן שלום־עליכם, פרץ, מענדעלע און אַנדערע שרייבער. אַזוי, אַז דאָס גייסטיק יידיש קולטורעל לעבן, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן אין ניויאָרק, אויף אַ גאָר גרויסן פאַרנעם, האָט אויך געפונען אַ וואַרעמען אָפּקלאַנג דאָ ביי אונדז, צווישן די שטילע בלויע בערג, וואָס האָבן אַרומגערינגלט אונדזער, מאַנכעס מאָל, גרויזאַמען און ניט זייער פריינטלעכן צו אונדז טאָל, אין אָט דעם ווייטן ווילדן מערב.

דאָס לעבן דאָ האָט זיך צוביסלעך אָנגעהויבן איינאָרדענען, און הגם, ס'איז נאָך אַלץ שווער געווען אַרויסצובאַקומען פון דער ערד, דאָס שטיקל חיונה, קענען אָפּצאָלן חובות און שטייערן, האָט מען אָבער נאָך אַלץ געהאָפט אויף בעסערע צייטן... אָט האָבן איינינקע גענומען האָדעווען ביי זיך עופות, אינדיקעס אָדער גאָר חזרים. די יהודים פון סאָלט־לייק, וועלכע האָבן געזוכט אונדז צו העלפן, מאָראַליש און פינאַנציעל, האָבן אַפילו צוגעשיקט צו אונדז אַ טראַנספּאָרט מיט געהילץ אויף אויפצובויען הינערהייזער, אָפּצאַמונגען און אַנדערע איינריכטונגען, כדי צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די קאָלאָניסטן. מ'האָט אַלץ געפרובירט, געזוכט כלערליי וועגן און ניט אויפגעבן די האָפנונג. אָט דער איינציקער בטחון אויף אַ בעסערן און גרינגערן מאָרגן, האָט אונדז געגעבן דעם כוח און מוט איבערצוטראָגן אַלע שטרויכלונגען און אַלע שוועריקייטן.

אונדזערע שתדלנים, די יהודים

ווי שוין דערמאָנט אין די ערשטע קאַפּיטלען, האָבן מיר זיך אָפּגע־

שטעלט אויף דעם יוטא פּראָיעקט, בשעת די קניה פֿון דעם לאַנד, פֿאַר אונדזער קאָלאָניע. דער פֿירער אונדזערער האָט לכתחילה גענומען אין באַטראַכט די דאָרטיקע יהודים, אַלס אַ זייער וויכטיקער פֿאַקטאָר, וואָס וועט אונדז ניט ווייניק ארויסהעלפֿן אין דער עטאַבלירונג פֿון אונדזער קאָלאָניע. ער האָט געפֿילט, און אין דעם פּרט האָט ער זיך ניט אָפּגע־נאַרט, אַז וועט מען נאָר זיי שטאַרק פֿאַראינטערעסירן אין דעם קאָלאָניע פּראָיעקט, וועלן זיי שוין מיטגיין. אמת, מ׳קען ניט לייקענען, זיי האָבן געוויס אַ סך ארויסגעהאָלפֿן מיט ראָט און מיט מעשים. אפֿשר ניט אַזוי פֿיל ווי זיי וואָלטן געקענט העלפֿן, אָבער געהאָלפֿן האָבן זיי.

ווער זיינען זיי געווען, די דאָזיקע יהודים? וואָס איז געווען זייער קוק אויף דעם יידישן לעבן בכלל? ווי אַזוי האָבן זיי זיך באַצויגן צו אונדז בכלל און צו אָט דעם נייעם פֿאַר זיי עקספּערימענט פֿון אונדזער יידישער קאָלאָניע, בפּרט?

אַ צאָל פֿון די דערמאָנטע יהודים זיינען אָנגעקומען אַהערצו אין דעם יוטאָ שטאַט, נאָך אין די פֿריע אַכציקער. אויך זיי, ווי די מאַרמאָנען, זיי־נען געווען פּיאָנערן אויף זייער געביט. זיי זיינען ניט נאָר געווען עדות אָדער פּאַסיווע צוקוקער צו דעם אויפֿבוי און וואוקס פֿון אָט דעם גלאָרייכן שטאָט יוטאָ און זייער הייליקע שטאָט סאָלט־לייק, נאָר, זיי זיינען אויך געווען אירע מיט־שאַפֿער און מיט־בויער. אייניקע פֿון זיי האָבן אַפֿילו געפֿילט דאָס זעלביקע, ווי זייערע שכנים, די מאַרמאנען, אַז צווישן די יידן און די מאַרמאָנען איז פֿאַראַן אַ סך געמיינשאַפֿטלעכעס. פּונקט ווי די מאַרמאָנען, זיינען געווען פֿון די ערשטע פּיאָנערן אויפֿן לאַנד און אַנט־וויקלט דאָ אַ רייכע שפּעדיקע אַגריקולטור, אזוי האָבן די יידן דאָ אַנטוויי־קלט אַ גרויסע אינדוסטרי און קאָמערץ, און ניט ווייניק צוגעטראָגן צו דער באַרייכערונג פֿון דעם שטאָט.

זייער מהות דיינקען און פֿעאיקייט, האָט זיך מערסטנס אָריענטירט ארום די מעגלעכע געלעגנהייטן דאָרטן, וואָס מערער געלט צו מאַכן. אין דער צייט פֿון זייער איינוואַנדערונג אַהערצו, האָבן זיי ניט געהאַט קיין שטערונגען און גרענעצן; האָבן זיי זיך טאַקע אַריינגעוואָרפֿן דאַן, אין דעם נייעם רוישיקן און קאָכיקן לעבן און געגאַנגען האַנט און האַנט מיט די פּיאָנערן בויער פֿון דער יונגער, דאַן נאָך רוי־אַנטוויקלטער מערבדיקער קעניגרייך פֿון דער מארמאנען דינאַסטיע...

וואָס שייך יידישקייט, אָדער יידיש גייסטיק לעבן, ווי מיר פֿאַרשטייען עס איצט, האָבן זיי מיט זיך זייער ווייניק מיטגעבראַכט און ממילא האָבן

זיי אויך ניט געטראָגן מיט זיך דעם יידישן „וועלט שמערץ”, דעם יידישן עול. זייער צוגעבונדנקייט צום יידישן לעבן איז געווען דעריבער מיט זייער שוואַכע פֿעדעם. צו זייער שבח, אָדער ריכטיקער פֿעאיקייט, דאַרף געזאָגט ווערן, אַז זייער ציל האָבן זיי פֿולשטענדיק דערגרייכט: זיי האָבן טיפֿע וואָרצלען דאָרטן געשלאָגן אין דעםווירטשאַפֿטלעכן, אינדוסטריעלן און קאָמערציעלן לעבן. זיי זיינען געוואָרן דאָרטן די געלט מאַגנאַטן און לאַנד באַלעבאַטים; גרויסע דעפּאַרטמענט געשעפֿטן אין זייער באַזיץ, און פֿאַרנעמען עד היום אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער פּאָליטישער פֿירערשאַפֿט פֿון יענעם שטאַט. איינער למשל, פֿון זיי, מר. באַמבוירגער, וועלכער האָט ניט ווייניק זיך אינטערעסירט מיט דעם אויפֿבוי פֿון אונדזער קאָלאָניע, איז געווען אַפֿילו איינציקע יאָר, דער גאָווערנאָר פֿון דער יוטא שטאַט.

נו, זיינען געקומען רוסישע יידן אַהינצו, פּשוטע פֿאָלקס־מענטשן און האָבן געזוכט אין זייערע גרענעצן דאָרטן, אַ יידישע קאָלאָניע אויפֿצובויען. האָט דער שטאַט זיך גראָדע פֿאַראינטערעסירט מיט דעם פּראָיעקט, געגעבן כלערליי קאָנצעסיעס, גוטע באַדינגונגען, כדי זייערע לענדערייען די פּוס־טע, באַזעצן און קולטיווירן. און, ווי איר ווייסט שוין פֿון די פֿריערדיקע קאַפּיטלען, איז אַזוי דער שידוך געשלאָסן געוואָרן.

די דאָרטיקע יהודים, אונדזערע גלויבנס ברידער, האָבן פֿאַרשטייט זיך ניט געקענט בלייבן שטיין פֿון וויטנס און זיין גלייכגילטיק צום ענין. זיי האָבן זיך שוין געמוזט פֿאַראינטערעסירן, צי מיט חשק אָדער אָן חשק. אין דער דאָזיקער סיטואַציע האָבן זיי אָנגענומען די ראָלע פֿון די באַ־וואוסטע פֿילאַנטראָפּישע „ביג בראָדערס”, אַזוי צו זאָגן. זיי האָבן גע־האָפֿט, דאס מיט זייער פֿאַראינטערעסירונג אין דער קאָלאָניע פֿון זייערע גלויבנס־גענאָסן, וועלן זיי האָבן די געלעגנהייט אַ שיין צו טאָן פֿאַר די אויגן פֿון זייערע גוישע שכנים, אַלס גרויסע פֿילאַנטראָפֿן און טאַקע אויך קענען זיך אַ וויִיז טאָן פֿאַר זיי, אַז אויך מיר יידן האָבן אַ פּויערטום און ניט בלויז פּעדלערס און קרעמערס. ווארים דאָס איז דאָך די באַשעפֿטי־קונג מיט וועלכער די מערסטע פֿון די יידן אין יענע מקומות האָבן זיך באַשעפֿטיקט... פֿון צייט צו צייט, פֿלעגט מען זיי דאָס אויך פֿאָרוואַרפֿן. דאָך האָבן די דאָרטיקע יהודים, די ערשטע צייט באַצויגן זיך צום קאָ־לאָניע פּראָיעקט, מיט אַ ביסל פֿאַרזיכט—ווי ס'איז כסדר געווען זייער מידה בנוגע אַן ענין פֿון די אָסט־יידן.

מיט ניט קיין איבריקן צוטרויען, האָבן זיי פֿונדעסטוועגן אָנגעהויבן וואָס אַמאָל מערער איינגעצויגן ווערן אין דעם פּראָיעקט און מיט ניט

ווייניק אינטערעס. ס'פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן אויך ניט פאַרפעלט צו האַלטן אַ וואַכזאַם אויג אויף דער קאָלאָניע, צי ס'ווערט דאָרטן געפירט ווי ס'באַדאַרף צו זיין, צי דער גאַנצער לעבנס־איינשטעל אונדזערער, איז לויט זייער מאָראַלישן באַגריף: ד. ה. זיי זאָלן חלילה ניט דאַרפן ליידן קיין חרפות ובושות פון אונדז. פלעגן זיי טאַקע פון צייט צו צייט, אַליין אַראָפּפאָרן צו אונדז אָדער צושיקן אַ פאַרטרעטער זייערן, זען וואָס ס'קומט דאָ פאָר אין אונדזער קאָלאָניע און צי אַלץ איז אין בעסטן אָרדנונג...

ס'פאַרשטייט זיך, אַז פאַר אַזאַ אינספּעקציע קאָמיסיע, האָט מען געוויזן דאָס בעסטע און דאָס שענסטע וואָס מ'האָט געהאַט, מ'האָט זיך געוואַלט אויספּיינען, נאַטירלעך... דער לערער, די קינדערלעך פון דער שול, די מוטערס, אַלע צוזאַמען מיט דער אינספּעקציע קאָמיסיע, האָט מען אַ בילד פון זיי גענומען. מ'איז מיט דער קאָמיסיע אַרומגעפאָרן איבער די פעלדער, געוויזן די קאָלאָניע ביי דער אַרבעט. זיי האָבן באַזוכט אייניקע הייזער פון די קאָלאָניסטן, באַטראַכט זייער באַלעבאַטישקייט, די היימישע גערטנער פון די קאָלאָניסטקעס. די קאָמיסיע האָט אויך געפרעגט ביי אייניקע פראַגן וועגן זייער לעבן דאָ און צי זיי זיינען צופרידן דאָ צו זיין.

קיינער פון די קאָלאָניסטן האָט זיך ניט באַקלאָגט, אינערלעכע אומצופרידנקייט האָט מען ניט אַרויסגעוויזן. ווי גייט דאָס ווערטל: „אַ קניפ אין באַק כדי די פאַרב זאָל שטיין". און אגב האָט שון טאַקע געהאַלטן דערביי, אַז דער לאַנג צוגעזאָגטער פּלאַן פון דעם „יו. סי. עף." (יוטאַ קאָלאָניזיישאַן פאַנד") האָט גערדאַרפט אָנהויבן פונקציאָנירן: אַ פאָנד אָדער אַ באַנק אַזאַ, פון וועלכע די יהודים אונדזערע זיינען געווען די גרינדער. די „שערס" און „באָנדס" זיינען שוין פּאַרטיק געווען אַרויסגעלאָזט צו ווערן צום פאַרקויפן, כדי צו קענען פינאַנסירן די קאָלאָניע און פאַרענדיקן דעם אָנגעהויבענעם בוי־פּראָיעקט פון די הייזער, פאַר די וואָס זיינען שוין דאָ און אויך פאַר די וואָס וואַרטן אין דער „איסט", מיט גרויס אומגעדולד אַרויסצוקומען.

די אינספּעקציע קאָמיסיע האָט אַלץ אַרומגעקוקט און גענוי באַטראַכט. אַלץ האָט אויסגעזען צו זיין גוט און אין בעסטן אָרדנונג. זיי זיינען ממש נשתומם געווען פון דער גרויסער ענדערונג וואָס זיי האָבן געפונען אין דער קאָלאָניע, זינט זייער לעצטן באַזוך. איצט האָבן זיי שוין געזען, דאָ און דאָרט, ביי אַ הויז פון אַ קאָלאָניסט, אַ היים־גאָרטן מיט כלערליי גרינצייג, אַ ביסל בלומען נעבן די שטיבלעך, אַ פּאָר בוימלעך

נעבן דעם אריינפאָר פון יעדנס פאַרם־הויף און, אויף דעם הויפט שליאַך אין מיטן פון דער קאָלאָניע, זיינען אויך געווען באַזעצט פון ביידע זייטן וועג, יונגע אַקאַציע בוימלעך. דער גאַנצער וועג און אַרום די הייזער, איז געווען ריין, צוגערוימט, טאַקע ווי פאַר אַן אינספּעקציע פון אַ רע־וויזאָר אָדער גאָר אַ גובערנאַטאָר, וואָס האָט געדאַרפט דורכפאָרן אַ שטעטל, אין דער אַלטער היים, ווען מ'האָט זיך פאַר אים געגרייט.

פון דער אינספעקציע איז די קאָמיסיע פון די יהודים געווען זייער צופרידן. מיר האָבן געמאַכט אויף זיי דעם געווינטשטן איינדרוק. איידער זיי האָבן אונדז פאַרלאָזן, ביים געזעגענען זיך, האָט איינער פון זיי מנדב געווען די סומע, וואָס ס'וועט קאָסטן דאָס גראָבן נאָכאַמאָל אַ ברונעם. ער האָט גע־ראָטן מ'זאָל נאָכאַמאָל פּרובירן, אפשר וועט מען דאָך געפינען וואַסער, אין וועלכער מ'האָט זיך נאָך אַלץ, זייער און זייער גענויטיקט. (אַ פּאָר מאָל האָט דער איריגאַציע קאַנאַל, אין יענער צייט, אין אַ פאָר ערטער געפּלאַצט, און ביז מ'האָט די צובראָכענע ערטער פאַרריכט, איז מען גע־בליבן פאַר דער צייט, כמעט ווי אָן וואַסער). אַ צווייטער פון דער אינספּעק־ציע קאָמיסיע האָט צוגעזאָגט צו געבן אַ מתנה פון אַ הונדערט דאָלאַר, צו דער פּרוי פון אַ קאָלאָניסט, וועלכע וועט באַווייזן צו האָבן דעם בעסטן און שענסטן גאָרטן אין „קלאַריאָן".

די קאָמיסיע האָט זיך זייער וואַרעם געזעגנט מיט אַלעמען, זיי זיינען אַוועקגעפאָרן פון אונדז באַגייסטערט. די שטימונג איז געווען אַ צופרי־דענע און אַ געהויבענע, מיט אַ שטראַל פון פרישע גוטע האָפנונגען אויף אַ נעענטערע און בעסערע צוקונפט...

אַ וואָלקן איבער אונדזער הימל

אין אַ הייסן מיט־זומער איז דאָס געווען: די אַלפאַלפאַ פעלדער האָבן זיך געדיכט צעוואַקסן און זיינען ווי מיט אַ בלאַנקן גרינעם טעפּיך באַדעקט געוואָרן. די ווייץ און האָבער זאַנגען האָבן זיך געדיכט, הויך און פול־יאָדערדיק אויסגעפּילט און גאָלדיק־שטראַלנדיק געצויגן אויף זיך די ברענענדיקע זון. ביי אַלעמען זיינען די הערצער געווען אָנגעפּילט מיט פרייד און האָפנונג אויף אַ גאָר געראָטענעם שניט און צוגעזאָגטע שפע. דער טאָג איז געווען אַ שיינער, אַ זוניקער און אַ לויטערער. פון יענע לויטערע זומער טעג, וואָס מ'ריכט זיך אַמווייניקסטן אויף רעגן אָדער אַ שטורם...

פאַרנאַכט צו, האָט זיך פּלוצלונג, דאָ און דאָרט, איבערן הימל אַ וואָלקענדל באַוויזן. ביים האָריזאָנט איז דער הימל געוועזן אָנגעצונדן און געברענט ווי שאַרף ברענענדיקע קוילן. אייניקע פון אונדז האָבן באַמערקט מיט זאָרג — ס'וועט נאָך אפשר רעגענען היינט ביינאַכט. קיין צופיל אויפ־מערקזאַמקייט האָט מען צו דעם, אויף דעם מאָמענט, ניט געשענקט. ווען די נאַכט איז אָבער צוגעפאַלן, איז שוין דער הימל געדיכט באַוואָלקנט גע־וואָרן און קיין סימן פון אַ שטערן. אַט דער פאַרוואָלקנטער הימל און די איבערבייט אין דער לופט, האָט שוין גאָר אַ סך פון אונדז ניט וויניק באַ־אומרואיקט מחמת אַ רעגן אין יענער צייט פון יאָר, האָט געמיינט אַ גאָר גרויסע שטערונג צו דער אַרבעט אויפן פעלד, ערב שניט־צייט, און קען אויך אַמאָל ברענגען אַ ביסל שאדן...

די מורא איז געווען אַ ניט אומזיסטע: ארום מיטן־נאַכט, האָט זיך פון די בערג אַ גרויסער שטורם אַרונטערגעלאָזן און ס'האָט אַלעמען פון שלאָף אויפגעוועקט, ס'איז געווען מער ווי אַ שטורם! דער וויינענדיקער שרייען און רייסן פון ווינט, דאָס געררויש פון די בערגיקע בוימער, דער וואָיען פון די „קאָיאָטן" און דער שטאַרקער געלאָף פון די בערגיקע וואַ־סערן און שטיינער, אַלץ צוזאַמען, אַקאָמפּאַנירט מיט די דונערנדיקע קנאַלן פון די אומאויפהערלעכע דונערן און בליצן, האָט אויף אַלעמען אָנגעוואָרפן אַ מורא און אַ גרויס פחד. מ'האָט דערפילט אַז אַ גאָר גרויס אומגליק רוקט זיך אָן אויף אונדז...

אין דרויסן איז געווען אַ סכנות־נפשות אַרויסצוגיין. ס'האָבן זיך אין דער לופטן געטראָגן בלעכן, שטיקער געהילץ און געבראָכענע בוימער־צווייגן; די שוואַכע הילצערנע הייזער און דעכער האָבן זיך געוויגט, די פרויען און די קינדער אין די „שענטיס" זיינען געווען פאַרצווייפלט און דערשראָקן, געוויינט און געיאָמערט. אַנדערע האָבן שטיל גאָט געבעטן און געוואַרט אויף דעם פרימאָרגן, אפשר וועט דער טאָג ברענגען מיט זיך רו און דערלייכטערונג...

מיטן באַגינען איז טאַקע אויך געקומען אַן ענדערונג. דער שטורם האָט נאָכגעלאָזט, דער רעגן האָט אויפגעהערט, אַ שווערער געדיכטער טומאַן האָט זיך געטראָגן איבער פעלד. אייניקע קאָלאָניסטן האָבן זיך ארויסגע־רוקט פון די הייזער, זיך אָנגעזען ווי סילועטן באַוועגן זיך אין דעם דרויסן אַרום. זיי האָבן אָנגעהויבן אַרומקוקן און זען דעם היזק, וואָס דער שטורם־רעגן האָט איבער נאַכט דאָ אָפּגעטאָן. דאָס וואָס זיי האָבן דערזען, איז געווען אַ סך, אַ סך ערגער ווי זיי האָבן דורך דער נאַכט זיך פאָרגעשטעלט.

דער פאַרלוסט איז געווען אַ גרויסער, די פאַרצווייפלונג נאָך אַ גרעסערע. דער גאַנצער ארום האָט אויסגעזען ווי ס׳האָט אַ גאַנצע נאַכט געהאָגלט מיט שטיינער: גאַנצע שטיקער פעלדער, מיט כמעט פאַרטיקע תבואה־זאַנגען, גרייט פאַרן שניט, זיינען באַדעקט געווען מיט שטיינער, מיט צו־בראָכענע צווייגן און דערנער. די גרויסע און שטאַרקע שטראָמען מיט וואַסער צוזאַמען מיטן שטורמדיקן ווינט, האָבן אַוועקגעלייגט די תבואה־זאַנגען פלאַך, צו דער ערד. די גאַנצע שווערע פּראַצע פון דעם פרילינג פאַרזיי און די זומער אַרבעט פון קולטיווירונג און באַוואַסערונג, איז אין איין האַלבע נאַכט אינגאַנצן צו גרונד געגאַנגען. די האָפנונג אויף אַ גוטן שניט און גרויסע שפע איז לחלוטין צערונען געוואָרן.

דער ישוב האָט אויסגעזען ווי נאָך אַן ערד־ציטערניש. די דאָזיקע קאַטאַסטראָפע האָט אריינגעבראַכט די קאָלאָניסטן אין אַ זייער געדריקטער שטימונג. דער דאָזיקער אומגעריכטער שטורם, האָט איבערגעבראָכן דעם ווידערשטאַנד און האַרטנעקיקייט אַפילו צווישן די שטאַרקסטע און גע־דולדיקסטע. די פאַרצווייפלונג איז געווען אַ גרויסע און אַן אַלגעמיינע. אָט דער לעצטער שטורם איז געווען צו די קאָלאָניסטן, ווי זאַלץ אויף די נאָך ניט פאַרהיילטע וואונדן פון פריערדיקע אַנטוישונגען. נאָך אַמאָל האָבן אויפגעוואַכט די טרויעריקע געפילן און מחשבות בנוגע דעם זיין דאָ אינגאַנצן. מ׳האָט ווידער אַמאָל און אָבער אַמאָל, אָנגעהויבן אָפּגעבן זיך אַ חשבון הנפש, גריבלען זיך אין דעם טרויעריקן היינט און פרעגן זיך: וואָס ווייטער? וואָס וועט פאַרט זיין דער תכלית?

ווי לאַנג נאָך קען מען אַזעלכע צרות איבערטראָגן? עפּעס האָט אויסגעזען, ווי גאָטס קללה איז אויף אָט דעם קליינעם יידישן ישוב אַנ־געשיקט געוואָרן! אַלץ איז געווען קעגן אונדז! און ס׳איז איינפאַך גע־גאַנגען פון שלעכט צו ערגער...

אַ צאָל האָבן אָנגעהויבן פאַרלירן דעם מוט און כוח בייצוקומען אָט די אַלע שוועריקייטן און שטערונגען.

די פאָלגן פון שטורם זיינען געווען גרויזאַמע, די באַדינגונגען זיינען געוואָרן מוראדיקע, די נויט איז געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער און דער געשפּענסט פון הונגער האָט אין די טירן אונדזערע געקלאַפּט. האָבן ניט אַלע, די דאָזיקע שוועריקייט געקענט איבערטראָגן און אייניקע האָבן בשתיקה אָנגעהויבן צו טראַכטן און פּלאַנירן צו פאַרלאָזן די קאָלאָניע.

קיין געלט אויף הוצאות איז ניט געווען. דאָס ביסל האָב און גוטס איז טיילווייז פון שטורם און פאַרפלייצונג רואינירט געוואָרן. דאָס איבער־

געבליבענע, ווי אַ פֿערד, אַ קו און עופֿות, כאָטש ס'איז טאַקע געווען אין יעדנס באַזיץ, איז אָבער אין דער אמתן דאָס רעכט אויף דעם אייגנטום האָט געהאַט דערויף די קאָלאָניע אַסאָסיאיישאָן, וועלכע איז, ווי שוין פֿריער דערמאָנט, געווען פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר די הלוואות, וואָס איז געמאַכט געוואָרן דערויף פֿון פֿריער.

האָט איינער למשל געוואָגט און פּרובירט עפּעס צו פֿאַרקויפֿן, צוזאַמענקלאַפּן אַ ביסל געלט, כדי זיך צו דערשלעפּן צו דער נאָענטער גרויסער שטאָט, סאָלט-לייק, האָבן זיך שוין געפֿונען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַלטן אַן אויג אויף אים און, ביים ריכטיקן מאָמענט און פּלאַץ, אים אָפּגעשטעלט, באַלאַגערט און צוגענומען אַלץ, וואָס האָט באַלאַנגט לויט זייער וויסן, צו דער קאָלאָניע אַסאָסיאיישאָן.

אַזעלכע אינצידענטן האָבן זיך אַ פּאָר מאָל ווידערהאָלט און דאָס האָט געמאַכט אויף די מערסטע קאָלאָניסטן ניט זייער קיין גוטן איינדרוק. מ'איז נאָכדעם געוואָרן אַפּאַטיש צו דער גאַנצער זאַך און אויך פֿלעגמאַטיש צו דער אַרבעט. ס'האָבן זיך פּשוט ניט געגומען די הענט עפּעס צו טאָן. — צו וואָס אַרבעטן און פּראָצעווען, האָבן אייניקע געטענהט, אַז ביזט קיינמאָל ניט זיכער מיט דיין שווער פֿאַרהאַרעוועט ביסל אייגנס...

די גאַנצע פֿאַרמע און אופֿן פֿון דעם לאַנד-באַזיץ פֿון די קאָלאָניסטן, האָט זיך איצט נאָכמער בולטער ארויסגעוויזן, צו זיין ניט גינסטיק פֿאַר דער נאָרמאַלער געזונטער אַנטוויקלונג פֿון דער קאָלאָניע אַלס גאַנצע בכלל, און במילא פֿון דעם איינצעלנעם קאָלאָניסט בפֿרט. אין צוגאָב צו דעם, זיינען דאָך געווען אַ היפּש ביסל אַנדערע מניעות און גרויסע טעותן, וואָס מ'האָט ניט געדאַרפֿט גיין צו וויַט זיי צו זוכן, זיי האָבן בולט אַרויסגעשריגן פֿון די שטאַרק צעוויטיקטע הערצער און אַנטוישטע האָפֿנונגען.

דער נאָר וואָס דורכגעמאַכטער און שווער איבערגעלעבטער שטורם, האָט זיך ניט געלאָזט אַזוי גרינג פֿאַרגעסן, ער האָט זיך טיף איינגעשניטן אין יעדנס האַרץ און זכרון. איצט, אין דעם פֿאַרצווייפֿלטן מאָמענט, זיינען אַלע ניט גינסטיקייטן פֿון דעם פּלאַץ בולט ארויפֿגעשוואומען פֿאַר זייערע אויגן: שלעכטער קלימאַט, ווייניק וואַסער, די ניט צופֿירדנשטעלנדיקע פֿאַרמע און רעכט פֿונם לאַנד-באַזיץ, אומדערפֿאַרענע פֿירערשאַפֿט און מיספֿאַרוואַלטונג. אַלץ צוזאַמענגענומען האָט געמוזט פֿירן צום אָנהויב פֿון סוף, פֿון „קלאַריאָן". און, נאָך איידער דער זעקסטער צענדליק פֿאַמיליעס זיינען אויף דעם לאַנד ארויף, האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַ קליינע ירידה פֿון אייניקע קאָלאָניסטן.

ס׳איז געווען ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה, ס׳האָט זיך אָנגע־הויבן אַ ביסל לעבעדיקייט אין פאַרשיידענע פאַכן. אַרבעטער האָבן אָנ־געהויבן פאַרדינען אַ ביסל בעסער, דאָס האָט זיך אויך דערטראָגן אין אונדזער קאָלאָניע, און אייניקע באַלמעלאָכעס, מיט אַ פאַך אין האַנט, האָבן ערנסט אָנגעהויבן טראַכטן גיין צוריק אין שטאָט אריין, וואו מ׳וועט זיך ענדלעך קענען זען מיט אַ דאָלאַר, וואו מ׳וועט קענען לעבן בעסער און באַקוועמער. אַזוי אַז פון דער צייט אָן, פון נאָך דער שטורם־קאַטאַסטראָפע, סוף זומער און ווינטער, איז אָנגעגאַנגען אין דער קאָלאָניע, אַ קליינע עמיגראַציע און אימיגראַציע — אייניקע האָבן פאַרלאָזן, אַנדערע אויף זייער אָרט, זיינען אָנגעקומען.

די פראָספּעקטיווע קאָלאָניסטן פון ניויאָרק און פון פילאַדעלפיע, די מערסטע פון זיי האָבן זיך געריסן אַרויסצוקומען אַהערצו אויפן לאַנד. הגם זיי האָבן שוין געהערט, אַז גאָר גוט איז דאָ ניט, אַז אַ סך זיינען זייער אומצופרידן. אַ סימן האָבן זיי געהאַט, וואָס אַ צאָל האָבן אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן די קאָלאָניע. אָבער, פונדעסטוועגן האָבן זיי דאָס ניט גענומען אין באַטראַכט און זיך לחלוטין ניט געוואָלט רעכענען מיט דעם פאַקט. מסתמא טויגן זיי זיך ניט אויס, האָבן זיי געטראַכט וועגן די וואָס פאַרלאָזן, אפשר זיינען זיי בכלל ניט פּאַסיק פאַר אַזאַ גרויסער אידעאַליסטישער זאַך אָדער, גאָר „בונטאָווטשיקעס", ברעכער און שטערער. אַזוי יעדנפאַלס האָט בי־בי זיי דערציילט.

די „איסטערנער", אונדזערע פראָספּעקטיווע קאָלאָניסטן, האָבן זיך זייער ווייניק צוגעהערט און ניט געוואָלט אַפילו גלויבן די, וואָס האָבן זיי דערציילט וועגן דעם אמתן מצב פון דער קאָלאָניע. די, וואָס האָבן נאָר געהאַט די פינאַנציעלע מעגלעכקייט, אָדער אַפילו נאָר אויף הוצאות הדרך, האָבן זיך באַנוצט מיט דער געלעגנהייט פון אַ דעזערטירטן קאָלאָניסט און געקומען אין דער קאָלאָניע זיין פאַרלאָזענעם פאַרם צו פאַרנעמען. ס׳האָט אויסגעזען הפנים, אַז די אַלע, האָבן אליין געוואָלט דורכמאַכן דעם זעלביקן פּראָצעס, אַליין זיך געוואָלט באַקענען מיט די אַקטועלע געשעענישן און אויסטערלישע איבערלעבונגען. פאַר זיי, ווי פאַר די מערסטע פון אונדז, איז עס געווען אַן אינטערעסאַנטע און כמעט אוואַנטוריסטישע איבערלע־בונג — אַן איבערבייט אין דעם געוויינלעכן טאָג־טעגלעכן רוטינעם לעבן האָט זיי געמאַניעט און אינטריגירט. חוץ דעם, האָבן זיי אויך געוואָלט זיך אליין איבערצייגן צי ס׳איז טאַקע פאַראַן אַ שמץ פון אמת אין די אַלע טענות און קריוודעס פון די אַזוי גערופענע דעזערטירן.

די איבערגעבליבענע קאָלאָניסטן אויפֿן לאַנד, צוזאַמען מיט אַ צאָל נײַ אָריבערגעקומענע, האָבן געלעבט לעת־עתה, צווישן צווייפֿל און האָפֿנונג, צווישן ליכט און שאָטן. מ'האָט ווידער געזוכט צו מאַכן נײַע הלוואות, פֿאַרבאָדן זיך נאָכאַמאָל און מערער אין חובות. מ'האָט געזוכט און פּרובירט אויסגלײַכן דאָ, פֿאַרלאַטען דאָרטן. אפֿשר, טאָמער, וועט דאָך פֿון ערגעץ קומען אַ שטיקל ישועה, אפֿשר וועט דאָך קומען פֿאַר אונדז אַן אָנהויב פֿון ליכטיקערע טעג. אייניקע פֿון די נײַ אָריבערגעקומענע מיט פֿרישער ענערגיע און אויך אַ צאָל פֿון אַלטע קאָלאָניסטן מיט זייער ניט אונטערבראָכענעם עקשנות, האָבן דאָך בײַ זיך אָפּגעמאַכט, אַז זיי בלײַבן אין „קלאַריאָן" אונטער אַלע אומשטענדן! זיי וועלן זיך נאָך מערער אָנשטרענגען, און אפֿשר וועט דאָך געלינגען בײַצוקומען אַלע שוועריקייטן.

אַ צאָל פֿון די ערשטע פּיאָנערן, מער פּעאיקערע און אַרבעטזאַמערע, וועלנדיק זיך טאַקע באַוואָרענען, טאָמער חלילה די קאָלאָניע, אַלס גאַנצע, וועט זיך מוזן אויפֿלייזן, און דאַן וועט דאָך זיכער אַלץ אַוועקגענומען ווערן פֿון דער „לענד באָארד" און אויך פֿון די אַנדערע וועמען מ'איז שולדיק פֿאַר פֿאַרשיידענע זאַכן, און אַזעלכע איז געווען לרוב, און פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד האָט זיך זייער ניט געוואָלט, האָבן זיי פּרובירט צו נעמען רעגירונגס לאַנד, ניט ווײַט פֿון דער קאָלאָניע, אויף זייער אייגענעם נאָמען און אחריות, כּדי זיך צו פֿאַרזיכערן מיט אַ שטיקל לאַנד, מחמת, ווי געזאָגט, זיי האָבן באַין אופֿן ניט געוואָלט שלום מאַכן מיטן געדאַנק אפֿילו, צו פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד, אָט דעם פּלאַץ, וואו מ'האָט שוין אַרײַנגעלייגט אַזוי פֿיל מי, ענערגיע, אַרבעט און געלט, אַ סך אויפֿאָפּפֿערונג און ניט ווייניק שיינע האָפֿנונגען... וואַרים מיט דעם לעבן אין דער גרויסער שטאָט האָט מען דאָך שוין לאַנג איבערגעריסן, פֿאַרברענט אונטער זיך אַלע בריקן, איבערגעריסן אַלע פֿאַרבינדונגען און ס'האָט זיך שוין לחלוטין ניט געוואָלט קומען מערער צוריק צו דער אָפּגעפֿרעמדטער שטאָט, צו דער שטאָטישער שקלאַפֿערײַ, צו דעם כּסדרדיקן הו־האַ און לויפֿעניש און יאָגעניש, פֿון וועלכער מ'איז מיט פֿרייד אַנטלאָפֿן.

צו שטאַרק האָבן אייניקע זיך דאָ שוין אײַנגעלעבט אין אָט דעם געזונטן, נאַטירלעכן ערדישן לעבן. צו טײַער איז געוואָרן בײַ זיי דאָס לעבן דאָ, אויף דער פֿרייער ערד. טראָץ די אַלע שוועריקייטן, האָט מען אַלץ דאָ ליב באַקומען: דאָס געזאַנג פֿון די בערג־פֿויגל, דעם רויש פֿון די בערג־וועלדער, די ווײַסע פֿאַרחלומטע נעכט און די בלוי־ראָזיקע פֿרימאָרגנס. אַלץ איז אײַנגעבאַקן געוואָרן אין האַרצן און, ס'איז געוואָרן ליב און אייגן.

צו דער שווערער אַרבעט האָט מען זיך שוין גאַנץ גוט צוגעפּאַסט, קיין שווריקייטן האָט די מערסטע ניט אָפּגעשראָקן מערער. אויף ווילדע קוים „איינגעבראָכענע” פערדלעך איז מען דרייסט און אומדערשראָקן געריטן, גלייך ווי אונדזערע טאַטעס, וואָלטן אויך גוטע רײַטער געווען און אויך אַזאַ דרעסיאַונג געקראָגן פון קינדערוויז אָן. נײן, כאָטש אונדזערע טאַטעס זיינען קליינשטעטלדיקע מלמדים אָדער קליין־קרעמער געווען און מיר אליין, געוועזענע שטאָטישע שניידער אָדער אַנדערע באַלמעלאָכעס, דאָך פלעגן מיר שוין אָבער, ווי די הי־געבוירענע מאַרמאַנען פאַרמער אין יענעם טאָל, אָפּטמאָל האַלב־ווילדע פערד „איינברעכן” און מיט זיי דאָס פעלד באַאַרבעטן. די שטאָטישע צאַרטע פרויען אונדזערע פלעגן שוין אויך אליין די קי מעלקן, מיט עופות זיך אָפּגעבן, אַליין ברויט באַקן און אַנדערע אַרבעטן, וואָס זיי וואָלטן אין דער גרויסער שטאָט אַפילו ניט געטראַכט פון דעם צו טאָן.

מ׳האָט איצט אָנגעהויבן מער צו טראַכטן פון תכלית פאַר זיך און במילא אויך פאַרן ישוב און פאַרטרייבן פון זיך, ווי ווייט נאָר מעגלעך, די מחשבות פון ספיקות און רעזיגנאַציע.

אַנדערע פון די קאָלאָניסטן האָבן אָנגעהויבן צו מאַכן אַ פאַרזוך צו האָדעווען חזרים. מ׳האָט זיי געזאָגט, אַז די דאָזיקע חזרים באַשעפטיקונג, ברייגנט אריין אַ גאַנץ פיינע הכנסה. און וואָס טוט ניט אַ ייד צוליב פּרנסה? הגם די פרויען האָבן זיך זייער שטאַרק געקווייקלט, האָבן ניט געוואָלט זיך גאָר אינגאַנצן מתעסק זיין מיט דעם, אָבער זיי האָבן זיך ווי עס איז געלאָזט איבעררײדן, אָנווייזנדיק זיי, די גרויסע מעגלעכקייט און נאָענטע געווינסן פון דעם. טוען דען ניט דאָס אייגענע, אונדזערע ניט־אידישע שכנים? — האָבן זיי געטענהט, און זעט — אויף אונדז געזאָגט געוואָרן, זיי מאַכן גרויס דערפאָלג! אַנדערע קאָלאָניסטן וואָס האָבן אָנגעהויבן עקספּערימענטירן מיט עופות, האָט זיך זיי דאָס ניט אינגאַנצן איינגעגעבן, טיילווייז צוליב די אומדערפאַרנקייט און מערער פון אַלץ צוליב געלטמאַנגל.

אַזוי האָט מען פּרובירט צו טאָן אַלץ וואָס איז נאָר געווען מעגלעך כדי אָנצוהאַלטן דעם זיין דאָ. הגם ס׳פלעגט זיך, פון צייט צו צייט, אַ בענק טאָן צו דער גרויסער שטאָט, מיט איר גרויסן פּראַכט און גלאַנץ, מיט די אַלע מאָדערנע איינריכטונגען, וואָס ברייגנט אַ גרינגערן לעבן און וואָס האָט אויסגעפּעלט אין אַזאַ גרויסער מאָס דאָ, אין דעם דאָרפישן לעבן. באַזונדערס האָבן דאָס שטאַרק געפילט און געבענקט נאָך דעם די

פרויען. דאָך האָט מען אָט די דאָזיקע געפילן און שטימונגען וואָס פלעגן אַמאָל זיך אָנרוקן, ווי אומגעבעטענע געסט, געזוכט צו פאַרטרייבן און דערדריקן.

אמת, די אַרבעט איז געווען שווער, זייער שווער. מיט דעם שווייס פון דיין פנים, מיט דעם בלוט פון דיין האַרצן איז אויסגעקומען צו אַר־בעטן, ביז מ׳האָט ארויסגעקראָגן פון דער מאַמע־ערד דאָס טרוקן שטיקל ברויט. אָבער פונדעסטוועגן, דער געפיל און גלויבן, אַז מ׳טוט דאָ אויף אַ גרויסע זאַך, ניט נאָר פאַר זיך אַליין, פאַר אייגענעם נוצן, נאָר מיט אונדזער אָפּקומעניש דאָ טוען מיר עפּעס אויף אויך פאַר אַן אידייע, פאַר אַ געדאַנק, וואָס וועט אויך ברייגנען נוצן און כבוד דעם כלל. אָט דער געדאַנק, האָט אויך גובר געווען אַ סך פּעסימיסטישע געדאַנקען און שטי־מונגען.

— ווארום זאָל אונדזער פאָלק באַשטיין, אין זיין גרויסער מערהייט, פון הענדלער און לופט־מענטשן ? — פלעגט אונדזער קלמן זייער אָפט וועגן דעם ענין מיט אונדז דיסקוטירן. — „אַ פאָלק אָן אַ פּויערטום, איז קיין פאָלק ניט״ — פלעגט ער זיך ניט זעלטן באַנוצן מיט דעם אויסדרוק — לעבט ער דעריבער פון יענעמס פּראַצע. דאָס, וואָס ער טוט פאַר זיין חיונה אין שטאָט איז ניט כסדר פון גאָר גרויס וויכטיקייט. מ״קען זיך באַגיין אָן דעם. דאַרפן מיר דעריבער זיך באַטראַכטן פאַר די מערער גליקלעכערע, וואָס אויף אונדזער גורל איז אויסגעפאַלן צו זיין פון די ערשטע באקערער „צוריק צו ערד״, און אויף אַזאַ אופן וועלן מיר אויך ווערן, מיט דער צייט, אַ מוסטער פאַר אַנדערע אין דער יידישער וועלט.

אָט, דער שיינער אידעאַליזם און גלויבן, האָט ביי אַ סך אָנגעהאַלטן דאַרטן די גאַנצע צייט, און איז געווען ווי אַן עמוד האש אין דעם פינסטערן פאַרוואָלקנטן הימל איבער אונדזער קליינעם יידישן ישוב.

על קידוש השם

אונדזער גוט באַקאַנטער בענדער, ווי איר ווייסט שוין פון די פריער־דיקע קאַפּיטלען, איז געווען אַן אייגנאַרטיקער אינטערעסאַנטער טיפּ ביז גאָר: אַ גרויסער, אַ הויך־געוויקסיקער, אַ ברייט־פּלייציקער, מיט שטאַר־קע געזונטע מוסקולן און שאַרף קאַנטיקע געזיכט־ציגע. ער איז געווען, ווי שוין געזאָגט, אַ פּשוטער, אַ פּראָסטער האָרעפּאַשניק, מיט אַ נאַטיר־

לעכער אינטעליגענץ און פֿאָלקס־חכמה. מיר האָבן אים אַלע ליב באַקו־מען, טאַקע פֿאַר זיין פּשטות און נאַטירלעכן איבערגעגעבענעם אידעאַליזם און מסירת נפֿש. ער איז באמת געווען דער סימבאָל פֿון עכטע פֿאָלקסטימ־לעכקייט. אים איז למשל גאָרניט אָנגעגאַנגען אונדזער אויסטייטשונג פֿון די פֿאַרשיידענע טעאָריעס בנוגע אונדזער צוריקקער צו ערד. אָן קלוגע רייד און אָן פּשטלעך האָט ער געפֿילט, אַז ס'רופֿט אים צום לאַנד, און דאָ, ביים שויס פֿון דער מאַמע־ערד, האָט ער זיך גאַנץ און קרעפֿטיק אויסגע־לעבט.

גרויס און שווערמאָסיק ווי ער, בענדער, האָט אויסגעזען, האָט ער נאָך שטאַרקער און שווערער אויפֿן לאַנד געאַרבעט. אין פֿאַרגלייך מיט אונדז, שטאָטישע דענערווירטע, האַלב אויסגעמאַטערטע פֿון דער גרויסער שטאָט, האָט ער צווישן אונדז ווי אַ ריז זיך אָנגעזען און איז אויף דעם לאַנד אַן אמתע ברכה געווען. ווי פֿאַר מיינע אויגן שוועבט ער פֿאַרביי מיר. אַזאַ זיכערער אין זיך איז ער געווען! ווען ער האָט צום ערשטן מאָל די סאָכע אין דער ווילדער, נאָך פֿון קיינעם ביז דאַן באַטראָטענע ערד, אריינגעגראָבן, האָט דער קאַלטער, בלאַנקער, שטאָלענער מעסער גאַנ־צע פּלאַכטן טרוקענע ברוינע ערד אויפֿגעהויבן, אַ דריי געטאָן דעם אָקער און ראַפּטאָם איבערגעקערט. לאַנגע, גראַדע שרונטן ערד האָבן זיך אויף דעם פֿעלד קעגן דער זון געשוואַרצט, און ווי שווימנדיקע כוואַליעס, האָבן זיי די טרוקענע פֿון זון פֿאַרברענטע ווילד־געוויקסן פֿאַרפֿלייצט און אין דער אינגעווייד פֿון דער ערד אַריינגענומען.

מיר האָבן אים באַוואונדערט, אים מקנא געווען אויפֿן כוח וואָס ער פֿאַרמאָגט. הנאה געהאַט פֿון זיין אויסערגעוויינלעכן פֿלייס. כמעט מיט התמדה פֿלעגט ער אַרומפּאַדען אַרום די פֿערד און קי. פֿאַר אונדז אַלע איז דאָס געווען די ערשטע צייט ניי, פֿרעמד און שווער, פֿאַר אים — גרינג און כמעט שפּילעוודיק. מיר, וועלכע האָבן גאָר אין אָנהויב, איידער מיר האָבן אים באמת דערקענט, געקוקט אויף אָט דעם פּראָסטן, מגושמדיקן יידן מיט ביטול — האָבן מיט אַמאָל געקראָגן פֿאַר אים גרויס אָפּשיי און דרך ארץ. ער, וואָס איז געווען איינס מיט דער ווילדער ערד, האָט זיך מיט אַמאָל פֿאַר אונדזערע אויגן אַ הויב געטאָן, געוואָרן ווי א טורם איבער אונדז. דאָ, אויף דעם לאַנד, וואו האָרעוואַניע איז געוואָרן דער עצם פֿון אונדזער זיין און געדייען, איז אָט דער פּראָסטער האָרעפּאַשניק, דער חשובסטער און ניצלעכסטער געוואָרן.

דער ווילדער, נאָך פֿון קיין מענטשלעכער פֿוס ביז איצט באַטראָטע־

נער באָדן אונדזערער, האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שטיקל ישוב: דאָ און דאָרט אַ כאַלופּקע אָדער אַ שטיבל, וואָס ער האָט געהאָלפֿן אויפֿשטעלן; אָט זע איך אים, ביים שמאָלן טייך, ניט ווייט פֿון אונדזערע געצעלטן, וואו ס׳פּיטערן זיך עטלעכע קי און געפּענטעטע פֿערד, און אָט איז ער ביי דער אַרבעט אויף אַ גרויסער שטרעקע צעאַקערט לאַנד, ריין פֿון ווילד־גראָז, פֿאַרטיק צום פֿאַרזיי, און די ערד ביי אים זעט אויס אַזוי ריין, אויסגעקעמט און פֿאַרפּוצט, אָנגעטאָן אין נייע מלבושים, ווי אַ פֿרומע יידישע טאָכטער ערב שבת...

צווישן די צעאַקערטע, גראַדע און לאַנגע שרונטן ערד, ביים אַריינגאַנג פֿון דער קינסטלעכער באַוואַסערונג, גייט ער אַרום, אונדזער ברוך, אַזאַ הויך־אויסגעצויגענער מיט אַ לאָפּעטע אויפֿן אַקסל, ווי אַ סאָלדאַט אויף פּאַטרול מיט אַ ביקס, און ער גיט אַכטונג אַז אַלץ זאָל צוגיין ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, אַז אין יעדן בייט און שורה זאָל דאָס וואַסער, ווי געהעריק אַריינפֿליסן. ער זעט ווי ס׳גליטשן זיך די זילבערדיקע וואַסער ריטשקעלעך צווישן די צעאַקערטע שורות ערד, וואָס איז פֿאַרזייט מיט ווייץ און האָבער, און זיין האַרץ ווערט איבערפֿילט מיט פֿרייד; ער צעוואַקסט זיך ממש מיט די יונגע שפּראָצונגען, מיט דער רויער, פֿייכטער און וואַרעמער ערד... ער ברומט פֿאַר זיך אַ שטילע תּפֿילה צום בורא פֿון אַלץ...

בענדער איז געוואָרן פֿאַר אונדז אַ מוסטער, אַ מאָדעל. ווען די גויישע פֿאַרמער־שכנים פֿון טאָל פֿלעגן, אויס נייגיריקייט, אַרונטערקומען צו אונדז, כאַפּן אַ קוק ווי אַזוי די יידן גייען דאָ אָן מיט זייער אַרבעט, האָבן מיר כסדר בענדערן אַרויסגעשטעלט אַלס אונדזער מוסטער פֿון אַן ערד אַרבעטער. זיין פֿערמע האָבן מיר זיי געוויזן, מיט זיין קענטעניש זיך באַרימט און געגרויסט. כאָטש די מערסטע האָבן זיך ביסלעכווייז „איינגעבראָכן" אַזוי צו זאָגן, אָבער צו בענדערס נאַטירלעכער צוגעבונדנקייט צו דער ערד האָבן מיר זיך ניט געקענט דערהויבן. האָט ער עפּעס נאָר באַמערקט אַ נייעם וועג, אַ נייעם שטייגער אין ערד באַאַרבעטונג, ביי די גויישע שכנים, האָט ער עס באַלד אויפֿן שטעל, מיטן פּשוטן שכל משיג געווען, אויפֿגעכאַפּט און נאָכגעטאָן.

גרויס און פֿאַרשפּרייט איז געוואָרן בענדערס נאָמען איבערן גאַנצן טאָל. „דהי ביג דזשו", אַזוי האָבן אים די ניט־יידישע שכנים גערופֿן. ער איז פֿאַררעכנט געוואָרן אַלס אַ געניטער, פֿעאיקער און האָרעפּאַשנער פֿאַרמער אַפֿילו ביי די אַלט איינגעזעסענע טאָל און בערג פֿאַרמער.

זיין אַ פאָלקאָמענער אויסגעפּרובירטער פּאַרמער, איןווילדן ווייטן מערב, האָט ניט נאָר געמיינט טאָן אַלערליי שווערע אַרבעטן אין דער היים, אויף אייגענעם לאַנד, נאָר אויך זיין דרייסט, איינשטעלעריש. זיך לאָזן אַמאָל אויף מסירות נפש, זיך אַמאָל אַ שפּיל טאָן מיטן טויט אויך. איינע פון די געוואַגטע בריהשאַפטן ביי די דאָרטיקע בערג און טאָל־פּאַר־מער איז געווען, אַרונטערלאָזן זיך פון אַ הויכן באַרג, איבער זיבן טויזנט פוס הויך, מיט אַן אָנגעפּאַקטער פור האָלץ, וואָס מ׳פלעגט טאַקע אויף יענעם באַרג אָנהאַקן, גוט אָנפּאַקן און אַרונטערפירן.

אין יענעם הויך בערגיקן וואַלד, זיינען די ריזיקע סאָסנאָווע בוימער געוואַקסן. פאַרן אַהינצו אויסהאַקן די קלעצער, און דער עיקר אַרונטער־ברייגגען זיי אין טאַל, האָט פּשוט געמיינט, אין מערערע פאַלן, גע׳הרג׳עט צו ווערן. ניט איין פּאַרמער האָט אַרונטערלאָזנדיק זיך פון יענעם משופּה־דיקן באַרג, זיין לעבן פאַרלאָרן.

בענדערן האָט דאָס פונדעסטוועגן ניט איבערגעשראָקן. ער פלעגט רק טענהן, אַז ער מוז נאָך ווען עס איז, אַרויפפאָרן צום „טייוולס מויל״ — אַזוי האָט מען יענעם באַרג־שפּיץ אָנגערופן — אַרונטערפירן פון דאָרטן אַ פור געהילץ.

מיר האָבן געלאַכט און געחוזקט פון זיין השגה. זיין אַמביציע אָבער איז געווען, צו באַווייזן אונדז און דער עיקר די גויישע שכנים, אַז אויך די יידן קענען זיין געוואַגטע מענטשן. חוץ אַלעמען האָט מען זיך טאַקע זייער גענויטיקט אין אַזאַ געהילץ. אָט וויל ער פאַר זיך אַ שפּייכלער בויען, שטאַלן פאַר זיינע פערד און קי.

קויפן ביי די גויישע שכנים דאָס נויטיקע געהילץ, אָפּגערעדט פון דעם וואָס ס׳איז ניט געווען מיט וואָס צו קויפן, איז פּשוט ניט שיין, האָט בענדער געטענהט : וואָס וועלן זיי זאָגן, די גויים ? — מיר זיינען פּחדנים, שרעקעדיקע מענטשעלעך . . .

דער געדאַנק אַראָפּצוברייגגען אַ פור געהילץ פון דעם „טייוולס מויל״ האָט זייער שטאַרק באַשעפטיקט זיין מוח, אַ סך מערער ווי מיר האָבן זיך באמת געקענט פאָרשטעלן.

סוף זומער, נאָך שניט־צייט, און דרעש־צייט, זיין ביסל תבואה האָט ער שוין געהאַט אַראָפּגענומען, זיין אַלפאַלפאַ האָט ער שוין אויך אָפּגע־שניטן, דאָס אַראָפּגעפירט פון פעלד און געמאַכט אַ גאַנץ הויכן סטויג פון דעם נעבן הויז. די מערסטע דרינגנדיקע אַרבעטן האָט ער אָפּגעטאָן און ער האָט ערנסט גענומען זיך גרייטן צו דער געוואַגטער נסיעה.

ווען דער האַרבסט האָט זיך שוין געהאַט היפּשלעך איינגעפּונדעוועט, די עטלעכע שיטערע בוימלעך,ביים ברעג פון דעם שמאָלן ברודיקן טייך, האָבן זייערע געל־גרינע בלעטלעך פון זיך אַראָפּגעוואָרפן. ווינטן און פרי־מאָרגן־פּרעסטלעך זיינען געוואָרן אָפטע באַזוכער, ברענגענדיק די קאַלטע בשורה פון באַלדיקן ווינטער. בענדער האָט אין יענע טעג באַשלאָסן, איידער די שווערע שנייען לייגן זיך אויף די וועגן, וועט ער זיין פאַר־טראַכטן פּלאַן דורכפירן. ער האָט מיט קיינעם מכוח דעם ניט גערעדט, ביי קיינעם קיין עצות געפרעגט און פאַר קיינעם זיין סוד ניט אַנטפּלעקט.

אין אַ קאַלטן פראָסטיקן פאַרטאָג, ווען אַלץ אין טאָל און אַרום, סיי מענטש און חיה איז נאָך געשלאָפן, אַלץ איז נאָך געווען אַזוי שטיל און סודותדיק, ווי די בלויע בערג, מיט זייער אייביקן סוד אַרום טאָל. געהערט האָט זיך בלויז, מאָמענטנווייז, דאָס וויינענדיקע וואָיען פון דעם הונגעריקן „קאַיאָט" אין די נאָענטע פוס־בערג. אין יענעם מאָמענט האָט בענדער זיך גרייט געמאַכט: איינגעפּאַקט אַ קלימעקל צידה לדרך, מיטגענומען שטריק, האַק און זעק, איינגעשפּאַנט צום גרויסן וואָגן זיינע צוויי סוסים און איז שטיל, אומבאַמערקט פון קיינעם, צום „טייוולס מויל" זיך אַוועקגעלאָזט, דאָרטן וואו די לאַנגע גלייכע סאָסנעס וואַקסן... זיין שוואַרצער קודלאַטער הונט, „ניק", פאַרשטייענדיק דעם ערנסט פון זיין באַלעבאָס עובדה, איז שטיל אָן אַ ביל, נאָכן וואָגן נאָכגעלאָפן.

צוויי גאַנצע מעת־לעת האָבן מיר פון בענדערן ניט געהערט. מיר זיינען זייער אומרואיק געוואָרן. דאָס יאָמערן און קלאָגן פון זיין פרוי און קינדער האָבן אַ שטיין געקענט רירן. מיר האָבן באַין אופן ניט געקענט זיך פאָרשטעלן, אַז ער זאָל אַזאַ געוואַגט שטיקל אַרבעט אַליין אונטער־נעמען.

אויף אונדזער אַלאַרמירנדן רוף און טרעוואָגע, האָבן די אַרומיקע פאַרמער אונדז קיין סך ניט געקענט העלפן. קיינער פון זיי האָט אים לעצטנס ניט געזען, ניט אין טאָל און ניט אין די בערג. האָבן אַ גרופּע קאָלאָניסטן זיך אַוועקגעלאָזט אין דער ריכטונג פון די גרויסע בערג, דאָרטן וואו דער „טייוולס מויל" געפינט זיך, אפשר וועט מען אים דאָך ערגעץ באַגעגענען אָדער אויף די שפּורן זיינע זיך אָנשלאָגן.

ווען מיר זיינען טיף אין טאָל פון די בערג אריינגעפאָרן און זיך דער־נענטערט צום צופוסנס פון דעם גרויסן משופּהדיקן באַרג, האָבן מיר דער־זען פון וויטנס נאָך, אַ גרויסן, לויז געפּאַקטן וואָגן מיט געהילץ, פון

גלייכע לאַנגע דראַנגען. אונדז איז תיכף קלאָר געוואָרן און צוגלייך קאַ־לעמוטנע אויפֿן האַרצן... צוקומנדיק נעענטער האָבן מיר גלייך בענדערס וואָגן דערקענט. לויט דעם צערודערטן געהילץ אויפֿן וואָגן, האָבן מיר שוין פֿאַרשטאַנען, אַז עפּעס ערנסטעס האָט מיט אים זיכער פּאַסירט.

ניט ווייט פֿון וואָגן, אויף דער פֿלאַך פֿון דער ערד, זיינען אויך גע־שטאַנען זיינע צוויי פֿערד, מיט לויזע כאָמאָטן, צעריסענע לייצעס און צע־שראָקענע דאָס ווילדע גראָז פֿון טאָל געגריזשעט...

מיט באַנומענע קולות האָבן מיר זיך פֿאַנאַדערגעשריגן:

— בענדער! ברוך! בענדער!!!

צו אונדז האָט זיך בלויז דאָס ווידערקול אומגעקערט.

קלעטערנדיק אַלץ העכער אויפֿן באַרג־וועג, האָבן מיר מיט אַמאָל דער־הערט „ניקין״, זיין הונט, בילן...

מיט ווילדן אימפּעט און פֿאַרכאַפּטן אָטעם האָבן מיר זיך אַוועקגעלאָזט קלעטערן אַלץ העכער און העכער.

אויפֿן מיט־וועג פֿון באַרג, האָבן מיר בענדערן אַ טויטן, אַ פֿאַרגלי־ווערטן געפֿונען. מיט אַן איבערגעריסענער פֿערד־לייצע, פֿאַרשטייפֿט אין דער פֿאַרגליווערטער האַנט; מיט אַ צעדריקטער ברוסט, פֿון דער שווע־רער וואָגן־משא געהילץ, וואָס איז איבער אים איבערגעפֿאָרן, איז ער גע־לעגן מיטן פּנים און אָפֿענע פֿאַרגלאָזטע אויגן, צום הימל געווענדט...

מיט געבויגענע קעפּ, צעווייטיקטע פֿון צער און טרויער אויף אונדזער גרויסן פֿאַרלוסט, האָבן מיר אים אין טאָל צו אונדזער ישוב אַראָפּגעבראַכט.

באַלד האָט זיך די טרויעריקע נייעס פֿאַרשפּרייט איבער דעם גאַנצן געגנט: — דער „טייוולס מויל״ האָט שוין נאָך אַ קרבן איינגעשלונגען...

צו זיין לויה האָט די גאַנצע קאָלאָניע און די שכנהשאַפֿט פֿון טאָל, זיך צוזאַמענגעקומען. ביים זוים פֿון זיין פֿאַרם האָט מען אים צו קבר ישראל געבראַכט.

אויף דער איינזאַמער ערשטער און אפֿשר לעצטער אידישער מצבה, אין אָט דעם פֿאַרוואָרפֿענעם און ווייטן ווילדן טאָל, האָט מען אָנגעשריבן דעם פֿאָלגנדיקן עפּיטאַף:

פ״נ

ברוך בן אברהם, אַ זון פֿון אונדזער פֿאָלק, אַ פּשוטער
האָרעפּאַשנער איד, מיט אַ גרויסער יידישער נשמה.
אומגעקומען על קידוש השם, צוליב דער דערהויבונג

פון אונדזער מצבֿ און ניט געוואָלט דעם יידישן נאָמען
מבֿזה זיין...

נאָך דעם גרויסן אומגליק־פאַל פון בענדערס טויט, איז די שטימונג אין „קלאַריאָן“ געוועזן זייער אַ געדריקטע. כאָטש אַלע האָבן זייער גוט פאַרשטאַנען, אַז טויט איז אומפאַרמיידלעך און ס׳קען איינעם אויך טרעפן אַפילו אויף אַ גלייכן וועג, דאָך האָבן אַלע מורא׳דיק געפילט דעם גרויסן פאַרלוסט פון אַזעלכן, וועמען אַלע האָבן באמת ליב געהאַט.

— הייסט עס, — האָבן די מערסטע טרויעריק באַמערקט איינער צום צווייטן, — אַז אויף אָט דער ווייטער ווילדער ערד אונדזערער איז שוין אויך געפאַלן אונדזער ערשטער קרבן?!...

— האָבן מיר שוין דאָ, הייסט עס, אויך דעם ערשטן מת און די ערש־טע יידישע מצבֿה?!...

ביים אָפענעם פרישן קבֿר האָבן אייניקע גערעדט, געמאַכט הספדים. באַטאָנט שטאַרק וועגן אים אַלס מענטש, אַלס קאָלאָניסט, וועגן זיין פשטות און ערלעכקייט.

ענדלעכער סוף

ס׳האָט ניט געהאָלפן מער קיין קליגן זיך, צו זוכן נייע וועגן און מיט־לען ווי אָנצוהאַלטן ווייטער. וואָס ס׳איז נאָר מעגלעך געווען צו טאָן איז שוין אויסגעפּרובירט געוואָרן. וואָס פאַרט האָט מען געקענט מערער טאָן, אַז אַלץ וואָס מ׳האָט אונטערנומען, מיט די בעסטע כוונות און אָנגעשטרענג־טע מעשים צו דערגרייכן עפּעס, זיינען ווי אויף צו להכעיס אַלץ כסדר געווען קעגן אונדז צעשטערנדיקע כוחות, מחוץ אונדזער קאָנטראָל, זיי אָפּצושטעלן און פאַרמיידן אַ קאַטאַסטראָפע.

„דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט“. אויך דעם מאָל האָט ניט גע־האָלפן אונדז קיין האָפענונג, קיין בטחון און שטיל געבעט. ס׳האָט טאַקע אויסגעזען, אַז אַלץ איז דאָ געווען קעגן אונדז. דאָס גאַנצע ווילדע אומ־רחמנותדיק־צעשטערנדיקע, וואָס איז נאָר געווען אין דער נאַטור אַרום, האָט געפונען הפנים איר אָפּזאָץ, נאָר אויף יענעם שטח לאַנד, אין דעם טאָל פון אונדזער קאָלאָניע. דאַכט זיך גאָר ניט לאַנג צוריק האָט מען דאָ איבערגעלעבט אַזאַ שוידערלעכע פאַרפלייצונג, וואו אַלץ איז כמעט ווי

רואינירט און צעשטערט געוואָרן. דער יאוש און שרעק פֿון די קאַלאַניסטן צו יענער צייט, איז ניט געווען כמעט ווי אַריבערצוטראַגן, און אַלס פּועל יוצא פֿון יענעם שטורם, האָבן טאַקע אַ צאָל פֿון די קאָלאָניסטן נאָכדעם פֿאַרלאָזן די קאָלאָניע. און די איבערגעבליבע, אויך זיי, האָבן זיך אַרומגעטראָגן די גאַנצע צייט מיט די ניט פֿאַרהיילטע וואונדן פֿון יענעם חורבן. דאָך, האָבן זיי נאָך אַלץ געהאָפֿט און דעם מוט ניט פֿאַרלאָרן. זיי האָבן זיך געפֿילט ווי יענע מענטשן, וואָס לעבן איבער אַן ערד־ציטערניש. נאָך דער קאַטאַסטראָפֿע באַרואיקט מען זיך, מ׳האָפֿט און מ׳גלויבט אַז אַזאַ אומגליק וועט זיך שוין מער ניט אומקערן. נעמען זיי זיך צוזאַמען מיט פֿרישער ענערגיע און כוחות די חורבות גאַנץ מאַכן.

אַזוי האָט מען אויך דאָ געהאָפֿט, אַז די ווילדע נאַטור כוחות פֿון דעם מדבר אונדזערן, וועט זיין צו אונדז אַ ביסעלע מילדער, וועט זיך דערבאַרעמען אויף אונדז, וועט אונדז לאָזן אָפּכאַפּן דעם אָטעם, וועט שוין מער קיין צעשטערונג און פֿאַרוויסטונג אויף דעם יונגן און שוואַכן ישוב אונדזערן ניט אַראָפּברייינגען. ערשט מיט אַמאָל, אַ נייער אומגליק!

דעם מאָל, אין דער געשפּענסט פֿון אַ שרפֿה׳דיקע טרוקעניש!

מיט אַ שרעקלעך העליש פֿייער, האָט כמעט אַ גאַנצן זומער דאָ די זון געברענט און געבראָטן. די ווייץ און אַלפֿאַלפֿאַ פֿעלדער, די האָבער און ווייץ־זאַנגען, ווי פֿאַריתומט, פֿאַרוואַרלאָזט, אויסגעדאַרט, צוטריקנט און ניט דערוואַקסן, האָבן מוראדיק געדורשט נאָך אַ טראָפּן וואַסער, ווי אַן עלנדער וואַנדערער אין דער מדבר...

אַלע געוויקסן זיינען כמעט ווי פֿאַרברענט און אָפּגעשטאָרבן אונטער דער שרפֿהדיקער מדבר־זון. פֿון די בערג, ווי פֿון קאַלך־אויוונס, האָבן הייסע כוואַליעס היץ זיך געטראָגן און האָבן די פֿי, פֿערד און עופֿות, מיד און שוואַך געמאַכט.

וואַסער! נאָך וואַסער האָבן מענטש, חיה און געוויקס, געדורשט! ווי אויף צו להכעית, האָט אין צוגאָב צו דער טריקעניש, אויך דער איריגאַציע קאַנאַל דעם מאָל אויפֿגעבראָכן. און אַז מ׳האָט שוין פֿאַרריכט די אויפֿגעבראָכענע פלעצער און אריינגעלאָזט נאָכאַמאָל די וואַסער אין קאַנאַל, איז ביז וואַנען ס׳האָט געהאָט די מעגלעכקייט צוצוקומען צו אונדזער ברעג, מחמת מיר זיינען געווען די לעצטע פֿון דער ריי — איז דאָס וואַסער כמעט ווי אויסגענוצט געוואָרן פֿון די ניט־יידישע שכנים־פֿאַרמער, פֿאַר אונדז. צוליב דער גרויסער טרוקעניש, האָבן זיי, נאַטירלעך, פֿאַרנוצט

מער וואַסער, און פֿאַר אונדז איז ווייניקער אָדער כמעט ווי גאָרניט גע־בליבן.

מיר האָבן זיך אָנגעהויבן שטאַרק באַקלאָגן, מיר האָבן געפֿאָדערט אונדזער רעכט אויף דאָס וואַסער וואָס קומט אונדז. דער פּועל יוצא איז געווען, אַז מ'האָט אונדז דערלויבט אַרויסצושיקן אונדזערן אַן אייגענעם מענטשן, אַרומצורייטן איבער דער גאַנצער לייִנג פֿון קאַנאַל און אַכטונג געבן אַז די פֿאַרמערס, פֿאַר אונדז, זאָלן ניט פֿאַרנוצן מערער וואַסער ווי זיי זיינען באַרעכטיקט. מיר האָבן באַשטימט אונדזער מאַרטינען, ער זאָל זיין דער אויפֿזעער, אָבער, ס'האָט געהאָלפֿן זייער ווייניק: אייניקע פֿאַר־מער פֿלעגן ביינאַכט, פּשוט גנבענען די וואַסער פֿון קאַנאַל. ביז וואַנען מ'האָט דערלויבט צושטעלן שלעסער ביי די עפֿענונג־טירלעך פֿון וואַסער קאַנאַל, איז שוין געווען צו שפּעט: דער שניט פֿון דעם סעזאָן איז געווען כמעט ווי אַ פֿאַרלאָרענער. דאָס ביסל וואַסער וואָס מ'האָט צוגעקראָגן האָט זייער ווייניק אונדז געהאָלפֿן.

צו דער זעלביקער צייט איז אָנגעקומען אין אָפֿיס פֿון דער קאָלאָניע, אַ שטרענגער און פֿאָרמעלער נאָטיץ פֿון דער „סטייט לענד באָארד": היות מ'האָט שוין געמאַכט ביז איצט צו דער קאָלאָניע אַסאָסיאיישאַן, פֿאַרשיי־דענע עקסטענציעס, און היות ס'איז שוין דאָס דריטע יאָר פֿון אונדזער זיין דאָ אויף דעם לאַנד, און די קאָלאָניע האָט נאָך ביז איצט ניט געמאַכט קיינע צאָלונגען, ניט אויפֿן קרן און ניט אויפֿן פּראָצענט, און היות מיר זיינען ביז היינט צו טאָג שוין שולדיק צו דער „סטייט לענד באָארד" די ניט קליינע סומע פֿון 60 טויזנט דאָלער, מוזן מיר, די קאָלאָניע הייסט עס, צוטראָגן די סומע ניט שפּעטער ווי דעם ערשטן יאַנוואַר, 1915. אויב מיר וועלן דאָס ניט טאָן צו דער באַשטימטער צייט, וועלן אָנגענומען ווערן גע־זעצלעכע מיטלען דעם חוב און די אָבליגאַציעס צו דערליידיקן.

דערהאַלטנדיק די דאָזיקע וואָרנונג, איז געוואָרן, פֿאַרשטייט זיך, אַ גרויס געיאָמער און אַ געפּילדער. אייניקע האָבן די וואָרנונג גענומען גאַנץ ערנסט, פּשוטו כמשמעו. זיי האָבן געמיינט, אַז טאַקע גלייך אויף מאָרגן וועט מען זיך מוזן איינפּאַקן און פֿאַרלאָזן די קאָלאָניע.

די וואָס זיינען געבליבן ביי דער פֿירערשאַפֿט, האָבן די פֿאַרצווייפֿלטע אַ ביסל באַרואיקט: ס'איז נאָך ניט אינגאַנצן טאַקע אַזוי ווי מ'שרייבט. קודם כל, האָבן מיר נאָך אויך עפּעס צו זאָגן. פֿאַרגעסט ניט, האָבן זיי אָנגעוויזן, אַז צוליב דעם וואָס דער איריגאַציע קאַנאַל איז דעם זומער צוויי מאָל אויסגעבראָכן און ניט האָבנדיק די וואַסער אין צייט צום באַ־

וואַסערן אונדזערע פעלדער, האָבן מיר פאַרלאָרן דעם הײַ־יאָריקן שניט, און מיר זײַנען פּשוט צוליב דעם טאַקע, אינגאַנצן רואינירט געוואָרן. מיר דאַרפן האַלטן די „לענד באָארד" פאַראַנטוואָרטלעך און אָנקלאָגן זי פאַרן שאָדן. אויך די יהודים האַלטן מיר פאַראַנטוואָרטלעך צו אונדז, סײַ מאָראַליש און אוודאי פינאַנציעל. האָבן מיר דען ניט איבערגעשריבן דאָס גאַנצע אייגנטום פון דער קאָלאָניע צו דער „יוטאַ קאָלאָניזיישאַן פאָנד", פון וועלכער זיי זײַנען די גרינדער און פירער?...

אַלזאָ, די מוטיקע ווערטער פון די איבערגעבליבענע פירער האָבן אַ ביסל אויפן מאָמענט באַרואיקט. נאָכדעם האָט מען פונדעסטוועגן אַרויסגעשיקט אַ קאָמיטע צו זיי, און מ'האָט פון זיי געפאָדערט, אַז זיי זאָלן זיך מער פאַראינטערעסירן אין דעם ענין, אין אַזאַ עת־צרה, און דאָך אויסווירקן בײַ דער „לענד באָארד", נאָך אַן עקסטענציע און טאַקע אויך אַ פאַרגיטיקונג פאַר דעם פאַרלוסט צוליב דעם אויפברוך פון דעם איריגאַציע קאַנאַל.

אַלעקסאַנדער, אַ באַוואוסטער אַדוואָקאַט, וואָס איז געווען איינער פון די יהודים, און אויך ניט ווייניק פאַראינטערעסירט אין דער קאָלאָניע, האָט גענומען די „קייס" אַזוי צו זאָגן, אין זײַנע הענט. לסוף האָט ער דאָך געפועלט בײַ דער „סטייט לענד באָארד", אַז מ'זאָל ווערן מיט אונדז אַ ביסל נאָכגעביקער און טאַקע האָבן איינזעעניש וואָס צוליב דעם אויפברוך פון וואַסער קאַנאַל און די אויסערגעוויינלעכע טריקעניש, האָט ניט ווייניק בײַגעטראָגן צו דעם פאַרלוסט פון דעם הײַ־יאָריקן שניט.

אַלזאָ, די „לענד באָארד" האָט לעת־עתה געמאַכט דעם פאָלגנדיקן קאָמפּראָמיס: די קאָלאָניע אַסאָסיאיישאַן זאָל קודם כל אויפגעבן דעם גרויסן שטח לאַנד, וואָס איז נאָך אין איר באַזיץ, אָבער נאָך ניט באַאַרבעט און פון קיינעם נאָך ניט באַזעצט. דאָס וועט געבן דער „לענד באָארד" די געלעגנהייט צו פאַרקויפן די איבעריקע לאַנד, וועלכע איז אגב געווען אַ סך מערער, ווי מיר האָבן באַזעסן. זייער טענה איז געווען אַ גערעכטע: ניט איר צאָלט פאַר דעם לאַנד און ניט איר נוצט עס אויס, ווער ווייס, האָבן זיי אויסגעדריקט ספק, צי מיר וועלן זיך גאָר אינגאַנצן מיט דעם באַנוצן?

הגם מיר האָבן געפילט, אַז אינגאַנצן אומגערעכט זײַנען זיי אויך ניט, איז אָבער אַנטשטאַנען פאַר דער קאָלאָניע אַ זייער קאָמפּליצירטער פּראָבלעם: אויב מיר גייען אײַן אויף דעם קאָמפּראָמיס, וואָס וועלן מיר טאָן מיט די „איסטערנער" מיטגלידער, פאַר וועמען דאָס לאַנד איז גע־

קויפֿט געוואָרן און פֿאַר זיי רעזערווירט? קודם כל, האָבן זיי דאָך איינגעצאָלט אַ געוויסע סומע געלט אין דער קאָלאָניע אַסאָסיאיישאָן, עפּעס וועט דאָך מוזן געטאָן ווערן! און בכלל קען מען ניט מאַכן וועלכן ס'איז שריט אין אַזאַ ריכטונג אָן זייער צושטימונג. אויב ס'איז שוין אַזוי באַשערט אַז די קאָלאָניע וועט מוזן רעדוצירט ווערן צו אַ מינימום און בלייבן קליין אין צאָל, מיט די וואָס זיינען דאָ אויפֿן לאַנד, אויב מיר וועלן שוין אַפֿילו שלום מאַכן מיטן געדאַנק און בלייבן אין אַ קלענערער קאָלאָניע, וועט מען מוזן דעם ענין געגנוי דערקלערן צו די מיטגלידער אין דער „איסט“, אַז מיט דער צייט וועט מען זיי, זייערע איינגעצאָלטע געלדער אויסצאָלן, דעריבער וועלן זיי אונדז דאַרפֿן באַפֿרייען פֿון דעם שווערן עול אין איצטיקן מאָמענט.

די פֿריינט אין דער „איסט“ איז ניט געווען שווער צו דערקלערן און איבערצייגן אין דעם גאַנצן פֿאַרפֿלאָנטערטן ענין. זיי זיינען שוין געווען אַנטוישט אין דעם גאַנצן פּראָיעקט און אין די אַלע שיינע צוזאָגעכצן. אַ סך, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך אָנגעהערט פֿון אַלע צרות אונדזערע און שווערע איבערלעבונגען, האָבן אין גאַנצן פֿאַרלאָרן דעם ענטוזיאַזם און חשק און געמוזט אויפֿגעבן די האָפֿנונג פֿון זייער פֿון פֿריער געוועבטן חלום, צו לעבן אויף לאַנד אין אַן אייגענער יידישער קאָלאָניע. קיין צופֿיל געלט האָבן די מערסטע פֿון זיי סיי ווי ניט איינגעצאָלט, זיי האָבן מערער געליטן פֿון דער אַנטוישונג ווי פֿון דעם געלט פֿאַרלוסט. זיי האָבן ענדלעך אויף דער בקשה פֿון די קאָלאָניסטן, מיט חברשע פֿריינטשאַפֿט געענטפֿערט:

— טוט דאָרטן דאָס בעסטע וואָס איר קענט פֿאַר אייך אליין, אונדז דאָ איז שוין אַלץ איינס.

ווי שטאַרק די איבערגעבליבענע קאָלאָניסטן האָבן ניט געוואָלט פֿאַרלאָזן „קלאַריאָן“, האָבן אָבער שוין אַ סך, אָדער טאַקע אַלע איינגעזען, אַז ס'איז דער אָנהויב פֿון סוף... זיי האָבן ענדלעך אַלע געמוזט איינזען, אַז סוף כל סוף, וועט מען מוזן פֿון דעם מדבר אַנטלויפֿן. קיינער האָט מערער ניט געוואָלט ספּעקולירן. צו וואָס בלייבן זיך מאַטערן נאָך אַ יאָר?... צו וואָס? כדי איבערלעבן נאָך אַן אַנטוישונג, נאָך אַ דורכפֿאַל! און אויב אַפֿילו יאָ בלייבן, איז מיט וואָס בלייבן? — קיין געלט איז ניטאָ מערער, און צו לײַען אויך ניט. דער היי־יאָריקער שניט האָט כמעט ווי גאָרניט די ווערט; ניטאָ אַפֿילו קיין זריעה מיט וואָס אָנצוהויבן אַ נייעם סעזאָן און, מער פֿון אַלץ, איז דער חשק און מוט ווייטער צו פֿאַרבלייבן,

אײַנגאַנצן געבראַכן. דאָס גלײַכסטע, האָבן אַ סך געטראַכט, איז שוין איצט, וואָס פריער, צו פאַרלאָזן...

אַ צאָל האָבן טאַקע נאָך אַנהויב האַרבסט פאַרלאָזן די קאָלאָניע: אײַ־בערגעלאָזט אַלץ און אַלעס אויף גאָט׳ס בעראָט. מיטנעמען מיט זיך עפּעס, אָדער פאַרקויפן האָבן זיי ניט געוואָגט אָפילו אַ טראַכט צו טאָן. זיי האָבן שוין געוואוסט פון פריערדיקער דערפאַרונג מיט אַנדערע קאָלאָניסטן וואָס האָבן געפּרובירט עפּעס פאַרקויפן, אַ פערד, עופות, וכדומה, האָט מען דאָס אין צייט אָפּגעשטעלט און אַלץ צוגענומען אַלס דאָס אייגנטום פון דער קאָלאָניע אַסאָסיאיישאָן. ס׳איז געווען פאַרשטענדלעך און נאַטירלעך כל זמן די קאָלאָניע אַלס גאַנצע איז נאָך ניט אויפגעלייזט און טראָגט נאָך די אחריות פון די שולדן און הלוואות פון יעדן באַזונדער, זײַנען די, וואָס האָבן געהאַלטן די פאַרוואַלטונג אין זייערע הענט, געווען זייער פּאַרזיכטיק און שטרענג מיט אַלעמען. נו, זײַנען טאַקע אַ סך, אין דער שטיל, ניט באַמערקט צו ווערן פון די קרעמער אין שטעטל, וועמען מ׳איז שולדיק געבליבן געלט, אַנטלאָפן...

געבליבן זײַנען אַ קליינע צאָל, די וועלכע האָבן זיך געפילט פאַר־אַנטוואָרטלעך און האָבן דורכויס געוואָלט, אַז סיי דער נאָמען פון „קלאַ־ריאָן״ און סיי זייער פּערזענלעכער נאָמען, זאָל בלייבן ריין, אומבאַפלעקט. זיי האָבן זייער גוט געוואוסט, אַז דער גאַנצער אינווענטאַר פון דער קאָ־לאָניע, וואָס איז פאַראַן, סיי דער קהלשער און סיי דאָס וואָס איז געווען אין באַזיץ פון די איינצלנע קאָלאָניסטן, חוץ זייערע ריין פּריוואַטע זאַכן, וועט זײַן מער ווי גענוג צו דעקן אַלע חובות וואָס מ׳איז שולדיק צו אַלע־מען, און מ׳וועט נאָך אויך קענען ארויסקריגן פון אַ „סעטעלמענט״ אויף הוצאות הדרך אַהיים, אָדער וואו ווער ס׳וועט וועלן פאָרן. אַזוי, אַז אויב מ׳מוז שוין יאָ פאַרלאָזן „קלאַריאָן״, זאָל מען ניט סתם אומפאַראַנטוואָרט־לעך, אַלץ איבערלאָזן און אַנטלויפן, נאָר מ׳וועט מוזן די קאָלאָניע ליקווי־דירן אויף אַ געזעצלעכן און פאָרמאַלן אופן, אַרויסגיין פון דאַנען מיט אַ ריינעם געוויסן און ניט באַפלעקטן נאָמען.

דער גרויסער קריזיס אין׳ם לעבן פון „קלאַריאָן״ האָט געבראַכט צו דעם, אַז צוליב כלערליי אינערלעכע און אויסערלעכע סיבות, פאַראורזאַכט ניט ווייניק פון דעם פירער בי־בי, איז ער נאָכדעם געצוואונגען געווען צו רעזיגנירן און פאַרלאָזן „קלאַריאָן״.

די פירערשאַפט פון דער קאָלאָניע, אָדער פּרעזידענט כמו, האָט אײַ־בערגענומען אַ קאָלאָניסט, איינער פון די אַקטיווסטע ביי דער פאַרוואַל־

טונג, א. ווערניק, אַ שטילער, ערלעכער מענטש. אָבער, ס'איז שוין זייער ווייניק וואָס געבליבן צו פירן. זיין עובדה איז געווען איצט צו פאַרענדיקן, אַזוי צו זאָגן, דאָס קאַפּיטל „קלאַריאָן", ליקווידירן די געשעפטן פון דער קאָלאָניע. ס'האָט זיך ניט געזען מערער קיין שום אָנהאַלט, קיין אויסזיכט פאַר דער צוקונפט. סיידן, אַ נס מין השמים, און קיין ניסים האָט מען שוין מערער דאָרטן ניט געקענט דערוואַרטן אָדער אויפטאָן...

די טעג פון דער קאָלאָניע זיינען געווען כמעט ווי געציילטע. די ווייניק איבערגעבליבענע וואָלטן שוין אויך איצט פאַרלאָזט „קלאַריאָן", האָבן זיי פשוט ניט געהאַט קיין פרוטה ביי דער נשמה, כאָטש אויף הוצאות הדרך, האָבן זיי זיך איבערגעגעבן ממש צום ביטערן שיקזאַל, און גע־וואַרט אויף דעם טרויעריקן אומפאַרמיידלעכן סוף, ווי מען וואַרט אויף אַ גוסס, ביי זיין יציאת נשמה...

לאַנג וואַרטן אויף דעם סוף איז שוין ניט אויסגעקומען. די לאַגע פון די קאָלאָניסטן אויפן אָרט איז באמת געוואָרן כמעט ווי אומדערטרעג־לעך. מ'האָט פשוט אָנגעהויבן אונטערצוהונגערן. ליַיען און באָרגן איז שוין ניט געווען וואו און אויף וואָס. דער מאָגערער שניט פון דעם סעזאָן איז געווען כמעט ווי ווערטלאָז, דער נאָמען און קרעדיט איז שוין געווען אַ פאַרלאָרענער, דער מוט און רוקן־ביין פון די ביסל איבערגעבליבענע, אַ צעבראָכענער. און אַז דאָס איז געווען פאַרלאָרן, איז אַלץ געווען פאַר־לאָרן...

דער קלאַנג, אַז די קאָלאָניע „קלאַריאָן" האַלט ביים באַנקראָטירן, האָט זיך באַלד פאַרשפּרייט ווי אַ ווילד פייער, איבערן גאַנצן געגנט מיילן־וויט אַרום. ס'איז געוואָרן אַ בהלה, אַ לויפעניש: קרעדיטאָרס, ווי היישעריקן, זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן, מארבע פינות העולם. מיט גוזעץ און אָן גוזעץ, האָבן זיי געזוכט דעם באַזיץ פון די קאָלאָניסטן, ווי פערד, קי, מאַשינען וכדומה, צו פאַרנעמען.

דער באַנקיר פון שטעטל, וועלכער פלעגט אין גוטע אַלטע צייטן, אין אונדזערע האָפנונגספולע טעג אויף אַ גערעטעניש, פלעגט דוקא ניט איינ־מאָל „גוט מאַכן" אַ טשעק פון דער קאָלאָניע, ווען ס'האָט אויסגעפעלט צום חשבון אין באַנק, און אַזוי גוט מאַכנדיק, איז מען אים שולדיק געבליבן אַרום אַ דריי טויזנט דאָלאַר. דער אַגריקולטור מאַשין קאָמפּאַניע איז מען אויך שולדיק געבליבן אַ ניט קליינע סומע פאַר מאַשינען, און אויך צו די קרעמער אין שטעטל פאַר פראָדוקטן איז מען בעלי חובות געבליבן. דער

באַנקיר האָט דעריבער אַרויסגעלאָזט אַ מודעה און אַ וואָרנונג, אַז מ׳זאָל ביי די יידישע קאָלאָניסטן גאָרניט אָפּקויפן, צוליב דער געשאַפֿענער לאַגע.

די איבערגעבליבענע פֿון די פֿירער אויפֿן פּלאַץ האָבן זיך אָבער אין דעם מאָמענט ניט פֿאַרלאָרן. ווען ס׳האָבן זיך באַוויזן אויף דער קאָלאָניע פֿאַרשיידענע לייט מיט אָנווייזונגען אויף חובות וואָס מ׳איז זיי שולדיק און האָבן שטאַרק געפֿאָדערט זייערס, האָט מען זיי גאַנץ שיין דערקלערט, אַז דאָס גאַנצע אייגנטום פֿון דער קאָלאָניע און פֿון די קאָלאָניסטן, ווי הייזער, „סטאָק״ א. א. וו. איז איבערגעשריבן געוואָרן צו דעם „יוטאַ קאָלאָניזיישאָן פֿאָנד״ אין סאָלט לייק סיטי. זיי דאָרטן זיינען די אייגנטלעכע באַלעבאַטים און האָבן די ערשטע פֿאַרזיכערונגס־רעכט אויף דעם גאַנצן אייגנטום. מוז מען דעריבער זיך צוערשט ווענדן צו זיי דאָרטן, און מיט זיי און דורך זיי וועט דער ענין דערליידיקט ווערן.

די פֿריינט איזגור און ווערניק* האָט מען אינסטרואירט, אַז זיי זאָלן פֿירן די פֿאַרהאַנדלונגען מיט די יהודים אין סאָלט־לייק, וועגן דער ליקווי־דאַציע און „סעטעלמענט״ מיט די אַלע קרעדיטאָרס. דער לאָיער אַלעק־סאַנדער פֿון דעם „יו. סי. עף.״ און איינער אַ דזשאָזעף פֿון סאָלט־לייק, וועמען די קאָלאָניע איז געווען גוט באַקאַנט, האָבן אויפֿגעזוכט אַלע קרע־דיטאָרס און געזוכט מיט זיי צו פֿאַרהאַנדלען אַ פֿרידלעכן סעטעלמענט, אויסער דעם געריכט. זיי האָבן אָבער געמוזט איינגיין אויף געוויסע באַ־דינגונגען וואָס די קאָלאָניע האָט געשטעלט. די פֿאָדערונג, אָדער די באַ־דינגונגען פֿון די קאָלאָניסטן איז געווען אַ גאַנץ פּשוטע און אויך אַ גע־רעכטע, מחמת זיי האָבן געוואוסט, ווי שוין געזאָגט, אַז פֿון דעם אינווענ־טאַר וועט בלייבן גענוג צו דעקן די חובות. היות אַ צאָל קאָלאָניסטן האָבן בדעה צו פֿאַרבלייבן פֿאַרמערס, טאָקע אין יענע מקומות ערגעץ, מוזן זיי דאָך האָבן מיטלען מיט וואָס זיך, כאָטש טיילווייז, איינצואָרדנען, זאָל דעריבער, קודם כל, דער לעבעדיקער אינווענטאַר, ווי פֿערד, קי, עופֿות וכדומה, איבערגעלאָזן ווערן צו די קאָלאָניסטן. אויב עס זיינען פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס ווילן אינגאַנצן פֿאַרלאָזן די לאַנד, זאָלן זיי אויך האָבן די מעגלעכקייט און רעכט דאָס צו פֿאַרקויפֿן, כדי זיי זאָלן האָבן, לכל הפּחות, גענוג אויף הוצאות הדרך. די הייזער, מאַשינערייען און בכלל דער אינווענטאַר פֿון דער קאָלאָניע אַסאָסיאיישאָן, זאָל פֿאַרקויפֿט ווערן,

---

*געניַיער וועגן דער ליקווידאַציע פֿון „קלאַריאָן״ אין פֿר. ווערניקס באַריכט.

און די הכנסה פֿון דעם וועט געצוג זיין צו דעקן אַלע חובות צו די קרע־דיטאָרס.

ס׳האָט לאַנג ניט גענומען און די ליקווידאַטאָרס מיט די קרעדיטאָרס זיינען איינגעגאַנגען אויף דעם, מושווה געוואָרן צווישן זיך און אַן ערנהאַפֿ־טער „סעטעלמענט“ איז דערגרייכט געוואָרן.

אַזוי האָט זיך טרויעריק פֿאַרענדיקט „קלאַריאָן“. אַ קאַפּיטל פֿון אַ באַוועגונג „צוריק צו ערד“ צווישן יידן אין אַמעריקע. — אַ באַוועגונג און אַן אידייע, וואָס האָט אין די יאָרן פֿון 1910 ביז 1915 אַרומגעכאַפּט אַ היפּשע צאָל פֿון יידיש־פּראָגרעסיווע יונגע מענער און פֿרויען, וועלכע האָבן געשטרעבט און געחלומט פֿון אַ שיינעם, פֿרייען אַרבעטזאַמען לעבן אויף דעם שויס פֿון דער מאַמע־ערד...

נאָכוואָרט

אינם יאָר 1926, אומגעפֿער אַ קאַרגע צוועלף יאָר נאָך דעם אונטער־גאַנג פֿון דער קאָלאָניע, איז דעם שרייבער פֿון די זכרונות, אויסגעקומען צו מאַכן אַן אויטאָמאָביל רייזע איבער אַמעריקע. אַ מאָדנער אומרו געפֿיל האָט אים באַהערשט דאָן, זייענדיק אין יענע מקומות, צו פֿאַרפֿאָרן אַהינצו, אין דער אַמאָליקער געוועזענער קאָלאָניע. מיר האָט זיך זייער שטאַרק געוואָלט זיין דאָרטן און זען נאָכאַמאָל דעם פּלאַץ, די ערד וואו איך און מיינע יוגנט חברים האָבן אַזויפֿיל איבערגעלעבט, די שענסטע יוגנט חלומות דאָרטן געוועבט און זיי אויך דאָרטן פֿאַרלאָרן. כ׳האָב געוואָלט באַטרעטן נאָכאַמאָל די ערד וואו ס׳האָט ניט לאַנג צוריק אַ יידיש לעבן וויברירט, גרויסע האָפֿנונגען אויף אַ בליענדיקן יידישן ישוב געבויט.

ס׳איז געווען אַ סוף זומערדיקער פֿאַרנאַכט, די זון איז געשטאַנען ביי דעם ראַנד פֿון די בערג, זיך געגרייט צום פֿאַרגיין און האָט באַלויכטן דעם טאָל און די פֿוס־בערג מיט העל־בלענדנדיקע קאָלירן.

מיט אַ מאָדנעם ציטער און וואַרעמע זכרונות האָב איך מיך דער־נענטערט צום באָדן פֿון אונדזער אַמאָליקן ישוב... אָט בין איך אַריבער־געפֿאָרן דעם אַלטן שמאָלן הילצערנעם בריקל, איבער דעם שמאָלן טייך, מיט זיין כסדר מוטנער וואַסער. די עטלעכע שיטערע בוימלעך אַרום דעם ברעג טייך זיינען ניט גרעסער און ניט געדיכטער געוואָרן. די בערג אַרום האָט זיך מיר אויסגעוויזן דאָן, זיינען עפּעס ווי איינגשרומפּן, נידרי־

גער געוואָרן. אַלץ אַרום און באַזונדערס אין טאָל, וואו די קאָלאָניע איז געווען, האָט איצט געהערשט אַזאַ מאָדנע שטילקייט, ווי אויף אַ בית־עולם.

כ׳האָב מער ניט געזען קיין סימן פון דעם אַמאָל אויסגעלייגטן ברייטן וועג, וואָס איז באַזעצט געווען פון ביידע זייטן וועג, אין דער מיט פון דער קאָלאָניע מיט יונגע אַקאַציע בוימלעך. ניטאָ מערער די מאַסיווע הילצערנע הייזער וואָס זיינען דאַן געווען אויסגעבויט פאַר אַ צאָל קאָ־לאָניסטן. קיין היימישע גערטנער, קיין בלום, קיין בוים. וואו ניט וואו אַן אַלטע, פון ברעטער צוזאַמענגעקלאַפּטע כאַלופּקע, אין וועלכער ס׳האָבן געוואוינט יאַפּאַנעזער וואָס האָבן אָפּגעדונגען דעם טראַקט לאַנד צו באַ־אַרבעטן.

אויף דער הויפּט גאַס, וואו ס׳איז אַמאָל אונדזער קינדער־שול גע־שטאַנען, פון וועלכער ס׳האָט זיך כסדר געהערט אַ יידיש וואָרט, קינדער־געזאַנג און קינדער־געלעכטער, איז אָט די אַלטע שול־געביידע נאָך שטיין געבליבן, ווי אַ זכר לחורבן, פאַרוואַרלאָזט, אָן אַ סימן פון לעבן...

ביים גדר פון בענדערס פאַרם, וואו די איינציקע פאַריתומטע יידישע מצבה איז אַמאָל געשטאַנען אין כבוד פון זיין ערלעכן אָנדענק, אויך פון איר איז ניטאָ מער קיין זכר. אויף דעם גאַנצן שטח לאַנד פון אונדזער אַמאָליקן יידישן ישוב האָט זיך גאַרניט אָנגעזען עס זאָל ווען עס איז פולסירן דאָרטן אַ שפּע׳דיק לעבן.

פאַר מיר איז דאָס געווען אַ צער אַ טיילוויז אַ דערלייכטערונג. איך האָב מיר ווידער אַמאָל איבערצייגט, אַז דער אונטערגאַנג פון „קלאַ־ריאָן" און דער ניט דערפאָלג אירער בכלל, איז געווען ניט דערפאַר מחמת מיר זיינען יידן (כידוע, האָט מען דאָך כסדר געזוכט אונדז איינצורייידן, אַז יידן טויגן זיך ניט אויס צו זיין פאַרמער, ערד־אַרבעטער). ווען „קלאַריאָן" האָט זיך אויפגעלייזט, האָבן אַ סך יידן און ניט־יידן דאַן אַזוי געטראַכט און זיך באַנוצט מיט דעם זעלביקן פּזמון. די „קלאַריאָנער" האָבן אָבער געוואוסט, אַז דאָס איז בשום אופן ניט געווען דער פאַל.

ניין, די אַלע ביז איצט דערמאָנטע סיבות, פּלוס: קלימאַטישע באַ־דינגונגען, שלעכטע טראַנספּאָרטאַציע, ווייטע מערק, אָרעמע ערד, שטיי־נערדיקער באָדן און ווייניק וואַסער; מיט אַזעלכע ניט גינסטיקע באַדינ־גונגען, האָבן אויך די ניט־יידן, יאַפּאַנער, מיט אַ סך אַ נידריקערן מצב און קלענערע פאָדערונגען אין לעבן, ניט געקענט באַוויזן קיין גרעסערן אויפטו אויף אָט דער רוי־ערד, אין דעם ווייטן ווילדן מערב, וואו „קלאַריאָן" האָט איר טרויעריקן סוף געפונען.

אויף קאַליפאָרניער ערד

אויף קאַליפאָרניער ערד

מנשה פערלמאַן, אַ געזונטער קרעפּטיקער ייד, קרוב צו פערציק יאָר אַלט, האָט געצויגן זיין ביסל חיונה פון אַ קליין געשעפט פון „אַלטוואַרג": מענער קליידער, שיך, צווייט־האַנטיקע כלעריי געצייג, וכדומה. צו זאָגן אַז ער האָט ליב געהאַט דאָס געשעפטל זיינס, קען מען ניט. פאַרקערט, ער האָט ארויסגעוויזן אַ גוואַלדיקע אומצופרידנקייט מיט דעם, וואָס ער דאַרף דאָ ליגן, אין דער לאַך פון שמוץ און האַנדל, ווי ער פלעגט וועגן דעם אַליין זיך אויסדריקן. געחלומט האָט גאָר מנשה פון לאַנד, פון ערד־אַרבעט, צו זיין נאָענט צו דער נאַטור. דאָס איז געווען זיין באַרוף אין לעבן. ער פלעגט דעריבער ניט וויניק מקנה זיין די וואָס האָבן דעם מוט און די געלעגנהייט און רייסן זיך אַרויס פון אָט דעם שטאָטישן גע־מאַרק, מיט דעם לויפעניש און יאָגעניש מיט דעם שטענדיקן כאַפּ־לאַפּ...

ניט זעלטן פלעגט מנשה זיך טאַקע באַקלאָגן פאַר זיינע פריינט און נאָענטע: וואָלט נאָר מיין דבורה מסכים געווען מיטצוגיין מיט מיר אויף אַ פאַרם, וואָלט איך אַפילו מאַרגנדיקן טאָג זיך אָפּגעזעגנט מיט דער גרויסער שטאָט, מיט דעם גאַנצן האַנדל און וואַנדל וואָס ליגט מיר שוין אין די ביינער און איז מיר שוין ממש געוואָרן דערווידער.

מנשה האָט דעריבער די גאַנצע צייט געזוכט אַ געלעגנהייט, ווי אַזוי זיך דאָך אַרויסצורייסן פון דעם ברודיקן געשעפט זיינעם, קויפן פאַר זיך אַ שטיקל לאַנד און פירן דאָרטן אַ רואיקן, אַרבעטזאַמען, זעלבסטשטענדיקן און ערלעכן לעבן, אויף דעם שויס פון דער מאַמע־ערד. איז אָבער די הויפט מניעה זיינע געווען, דבורה, זיין ווייב. ניט נאָר האָט זי אים אַנט־מוטיקט, אָפּגערעדט פון דעם, פאַרקערט זי פלעגט גאָר פון אים אָפּחוזקן, אָפּלאַכן פון זיינע פלענער און חלומות. געפילט האָט ער זיך באַליידיקט, ווי מ'וואָלט אָפּגעלאַכט פון זיינס אַ שאַפונג, פון זיין אויסגעטרוימטן חלום וואָס איז געוואָרן אַ טייל פון אים, פון זיין איך...

מנשה האָט זיך דעריבער זייער אָפט געפונען אין אַ געדריקטער שטימונג, וואָס זיין אייגענע פרוי, אַ חבר און פריינט אין לעבן, זאָל אים אַזוי וויניק פאַרשטיין און אַזוי וויניק מיט אים מיטפילן.

נו, איז עפּעס פאַרגעקומען אין זיין פאַמיליע אַ געוויסע ענדערונג וואָס האָט אַ קערעווע געטאָן דעם ווענד־פונקט פון זיין פאַרטראַכטן פלאַן אין אַ געוואונטשענער, פאַר אים, ריכטונג...

צו די פערלמאַנס איז פאַרפאָרן דבורהס אַ שטיף־שוועסטער, זלאַטע, וועלכע איז מיט אַמאָל געבליבן אַן אלמנה מיט צוויי קינדער, אַ בחור

פון אַ יאָר פּופּצן, דניאל, און אַ מיידל פון צוועלף, שרה. דער מאַן אירער, נאָך אַ לענגערער קראַנקהייט, איז געשטאָרבן. בלייבנדיק אַליין מיט די קינדער, אָן מיטלען צום לעבן, איז זי געצוואונגען געווען אָנצוקומען צו די פּערלמאַנס, ביז זי וועט זיך צו עפּעס דערשלאָגן.

זלאַטע איז געבליבן מיט די קינדער ביי די פּערלמאַנס, האָט אַ סך אַרויסגעהאָלפן דבורהן אין דער באַלעבאַטישקייט. זי האָט צוגעזען וואָס ס׳קומט פאָר אין הויז, און האָט אויך גענוג געזען ווי ווייניק דבורה פאַרשטייט מנשהן, זיינע שטרעבונגען און בענקענישן.

זלאַטעס לעבן איז געווען ניט קיין גליקלעכער: אָרעמקייט, נויט, קראַנקהייט אין דער פאַמיליע, דער פאַרלוסט פון איר מאַן, אַלץ צוזאַמענגענומען האָט איר געמאַכט צו זען דאָס לעבן אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט, ווי איר שטיף־שוועסטער דבורה. אין איר כאַראַקטער, אין אירע געפילן איז זי געווען געפילפולער, האַרציקער און פאַרשטענדלעכער.

דאָס ערשטע מאָל אין מנשהס לעבן, אין זיין היים, אַז ער האָט געפונען אַ וואַרעמען אָפּקלאַנג און סימפּאַטיע פאַר זיינע שטימונגען, געדאַנקען און אידעאַלן. זלאַטע האָט אים פאַרשטאַנען און אַפילו אַרויסגעוויזן באַגייסטערונג פאַר זיין פּלאַן צו ווערן אַ פאַרמער. זי האָט אַפילו אויסגעדריקט אַ מיינונג אַז זי וואָלט גערן געגאַנגען אויף אַ פאַרם, ווען אַזאַ געלעגנהייט וואָלט זיך געמאַכט.

אין מנשהס מוח האָט דער אלמנהס סימפּאַטישע רייד פאַר זיינע געדאַנקען און פּלענער זיך שטאַרק באַפעסטיקט. ער האָט אָנגעהויבן ערנסט טראַכטן ווי אַזוי דאָך פּטור ווערן פון זיין האַנדל און ענדלעך זיין פאַרטראַכטן חלום פאַרווירקלעכן.

מנשה האָט אָנגעהויבן איצט ריידן וועגן פאַרמעריי, זייער אָפּט און זייער ערנסט, סיי אין דער אייגענער פאַמיליע און סיי צווישן פריינט. מיט זלאַטען, די אלמנה און די קינדער איז ער זיכער געווען, אַז זיי וועלן מיטגיין. קודם כל האָבן זיי קיין ברירה, און צווייטנס האָבן זיי אַרויסגעוויזן אַ ווילן צו גיין אויף אַ פאַרם. שווער וועט אים זיין צו איבערצייגן זיין דבורהן, האָט ער איצט געטראַכט, אים וועט נאָך גענוג אויסקומען איינטענהן מיט איר, ביז זי וועט צושטימען צו מאַכן דעם איבערבייט אין זייער לעבן. כאָטש ער האָט זיך משער געווען, ווען ס׳וועט קומען צו אמתער האַנדלונג, וועט זי זיך דאָך אַ ביסל בייגן, גאָר אין גאַנצן דאַגעגן וועט זי אויך ניט זיין.

„ערד״ איז ביי מנשהן געוואָרן אַן „אידייע פיקס״, מ׳האָט ממש געזען

אַז דער מענטש איז אינגאַנצן פאַרכאַפּט פון דעם געדאַנק. וועגן וואָס מ׳זאָל מיט אים ניט געוועז רעדן, אויף דעם ענין „ערד” איז ער גלייך אַרויפגעקומען. ער האָט טאַקע גאָר אינגיכן אָנגעהויבן צו זוכן וועגן און מיטלען, ווי אַזוי צוצוטרעטן צו פאַרהאַנדלונגען מכח אַ שטיק לאַנד פאַר זיך קויפן.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן, איז מנשה פערלמאַן געזעסן אין זיין קראָם פון אַלטוואַרג, מיט זיינעם אַ קונד, אַ פאַרמער און אייגנטימער פון לאַנד נעבן סאַנבערנאַרדינאָ, און איז שטאַרק פאַראינטערעסירט געווען אין אַ געשפרעך וועגן די מעגלעכקייטן פאַר אים צו ווערן אַ פאַרמער. ער האָט זיך גע׳עצהט מיט דעם פאַרמער, נאָכגעפרעגט זיך וועגן פילע פרטים מכוח דעם פאַרם־לעבן און פראָדוקציע אין זיינע מקומות. דער פאַרמער דיקענסאָן, אַן אמתער ערד־מענטש, האָט אָן וועלכע עס איז פניות, אים דווקא צוגערעדט צו דעם, האָט ניט מורא געהאַט פאַר אַ קאָנקורענט, ווי ס׳איז דער פאַל ביי שטאָטישע געשעפטלייט. דאָס האָט אים דוקא אימפּאָנירט און געשטאַרקט זיין ווילן נאָך מערער.

ווי אַזוי מנשה, פאַרקויפנדיק אַטלע זאַכן, וועלכע ער האָט אליין גערייניקט און געלאַטעט, לעבנדיק אין אַן אַטמאָספערע פון מאַרק און ניט כסדר כשרן האַנדל, זאָל גאָר בכלל אָנהויבן חלומען פון די אַלע שיינקייטן פון דער נאַטור און אירע וואונדער, און זאָל זיך דערשלאָגן גאָר אַפילו צום געדאַנק פון ווערן אַן ערד־אַרבעטער, אַ פאַרמער, איז שווער געווען צו פאַרשטיין אַפילו פאַר זיינע גאָר נאָענטע און אייגענע.

— אַ ייד נעמט זיך דאָס אריין אין קאָפּ, גאָר אַ פאַרמער צו ווערן?! — האָבן שכנים און פריינט געהויבן מיט זייערע פּלייצעס און אויך ניט ווייניק געחוזקט פון אים, ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט פון זיינע פּלענער.

— הם! מנשה אַ פאַרמער, אַן ערד־אַרבעטער!? — האָבן זיי בשעת מעשה צוגעשמייכלט. די ידיעות וועגן לאַנד און פאַרמעריי, האָט מנשה מערסטנס אויפגעכאַפּט, פון זיינע קונדן, פּויערים, וועלכע פלעגן פאַרפאָרן צו אים קויפן זאַכן און מציאות, און אויך פון די מאָגערע ידיעות פון די ספּעציעלע פאַרם־ביילאַגעס, פון די זונטיקדיקע ענגלישע צייטונגען.

איינמאָל אין אַ שיינעם פרימאָרגן, האָבנדיק מיט זיך אַלע נויטיקע אינפאָרמאַציעס, האָט ער זיך גרייט געמאַכט אַרויסצופאָרן אָנצוקוקן אַ שטיקל לאַנד. ער האָט אויך געפועלט ביי זלאַטען, די אלמנה, מיטצונעמען איר בחור, דניאלן, מיט זיך, אויף זיין נסיעה. די שוועגערן זיינע, האָט מסכים געווען און מנשה און דניאל, זיינען אין אַ גוטער שעה, אָפּגעפאָרן

צו געפינען אַ שטיקל פּאַסיק לאַנד, טאַקע אין דעם געגנט וואו זיין פריינט און פאַרמער דיקענסאָן געפינט זיך. דאָרטן טאַקע, אין שכנות מיט אים, האָט ער בדעה געהאַט צו קויפן אַ שטיק לאַנד און אַ יידישער פאַרמער ווערן.

צו יענער צייט, האָט מען מיט אַ ביסל געלט, אין קאַליפאָרניע זיך נאָך געקענט דערשלאָגן צו אַ גוט שטיקל לאַנד, אָן שוועריקייטן, און אויך מאַכן דערפאָלג, אויב איינער האָט נאָר געהאַט דעם חשק און כוח צו אַרבעטן, און מנשה האָט דאָס געהאַט אין אַ גאָר גרויסער מאָס.

זיי זיינען אָנגעקומען צו די דיקענסאָנס אויפן פאַרם, נאָך האַלבן טאָג. ער האָט זיי אויפגענומען מיט אמתער גאַסטפריינטלעכקייט. דיקענסאָן האָט מנשהן מיט דניאלן אַרומגעפירט איבערן לאַנד, איבער דער שכנה־שאַפט, האָט זיי אַלץ געוויזן, עצות געגעבן און ווי אַן אמתער גוטער פריינט אים געראָטן, וועלכע שטיקל לאַנד ער זאָל קויפן, כדי צו זיין געזיכערט מיט אַ דערפאָלג.

מנשה האָט געהאַט דעם פולסטן צוטרויען צו זיין ניט יידישן פריינט. ער האָט זיינע עצות טאַקע גענומען און אויפן צווייטן טאָג האָט ער האַנט־געלט געגעבן אויף אַ שטיק לאַנד פון זעכציק אַקער, וואָס גרענעצט זיך מיט דיקענסאָנס פאַרם, און דערמיט האָט ער ענדלעך אַוועקגעלייגט דעם ערשטן ווינקלשטיין פון זיין צוקונפטיקער פאַרם־היים.

מנשה איז שוין איצט געווען אין די אָנהויב פערציקער. פאַר די אַלע יאָרן, האָט ער שוין איבערגעטאָן כלערליי אַרבעטן און פרנסות. ער האָט אָבער נאָך קיינמאָל געפילט אזוי זיכער ווי איצט, אַז ביי דעם וועט ער זיך אָפּשטעלן, דאָ וועט שוין זיין, זיין לעצטער האַפן. איז דאָס דען ניט דער חלום פון זיין לעבן? דאָך האָט, אין דער זעלביקער צייט, עפּעס אַן אומ־רואיקייט אים באַהערשט. עפּעס האָט זיך געפּלאָנטערט אין זיין מוח: און ווייטער, ווער ווייסט, האָט ער אַ טראַכט געטאָן, און טאָמער פאַרקערט? בין איך דען ניט אין דעם פאַל, כמעט אַ יוצא מין הכלל? זיינען דען די מערסטע פריינט מיינע און בכלל דאָס רוב פון די יידן, ניט ווייט פון דעם? איז דען דער ענין צו זיי ניט אינגאַנצן פרעמד? באַטראַכטן זיי מיך דען ניט, מיינע נאָענטע פריינט, פאַר האַלב משוגע? — נעמען פּלוצ־לינג און פאַרקויפן אַ געשעפט, וואו דו שטייסט און „מאַכסט אַ לעבן" און גאָר גיין אויף אַ פאַרם?! אָבער, קיין זאַך וועט מיך שוין איצט ניט אָפּ־האַלטן. איך וועל אָנווענדן אַלץ וואָס איז אין מיינע כוחות, כדי צו דער־גרייכן מיין געוואונטשטן ציל. אַזוי האָט מנשה מיט זיך גע'ישובט אין

זיין מאָמענטאַנער טראַכטעניש. ער האָט זיך צוזעגנט מיט זיין פריינט דיקענסאָן און אַ צופרידענער, פול מיט בטחון איז ער אַהיים געפאָרן מיט דניאלן.

אַז מנשה האָט איבערגעטראָטן די שוועל פון זיין קראָם, האָט זיין פרוי, דבורה, אים גלייך דערזען אַ שיינענדיקן און אַ צופרידענעם. ניט וואַרטנ־דיק אויף איר נאָכפרעגן זיך וועגן זיין נסיעה און וואָס ער האָט אויפגעטאָן דאָרטן בכלל, האָט ער אליין איר, מיט אַ סך באַגייסטערונג, אַלץ אויס־דערציילט, וואָס ער האָט געזען און וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט. ער האָט איר איבערגעגעבן די איינדרוקן, וואָס דאָס לאַנד און די סביבה דאָרטן האָט אויף אים געמאַכט און מיט פייערלעכקייט גערעדט וועגן די וואונדער פון זיין אַנטדעקט לאַנד...

— אַך, דבורה, ווען דו וואָלסט נאָר פילן ווי איך פיל וועגן דעם ענין פאַרם, וואָלטן מיר אַפילו מאָרגנדיקן טאָג פון שטאָט אַוועק אַהינצו. גלויב מיר דבורה, אַז ס׳איז גאָר ניטאָ קיין שענערע און בעסערע זאַך, ווי דאָס לעבן אויפן לאַנד! גייסט אַרויס אין פרימאָרגן, די פויגל באַגריסן דיך מיט געזאַנג; די עופות, די קי, די פערד, אַלע היימישע לעבעדיקע באַ־שעפענישן דרייען זיך אַרום דיר אַזוי נאָענט און היימיש. די ערד איז אַזוי שיין צעאַקערט, ריין און יום־טובדיק צוגעפוצט, און מערסטנס איז די ערד דאָרטן באוואקסן און ווי אַרויפגעצויגן אויף זיך, אַ גרינעם מלבוש. ביסטו אויפן לאַנד, פילסטו, אַז דו ביסט עפּעס! ניט ווי אַ וואָרעם צווישן ווערעם און ניט ווי אַ זעמדל צווישן זאַמדן — ווערסט אַ שעפער און אַ שפייזער און אַ טייל פון דער נאַטור... קען דען זיין אַ שענערער לעבן פאַר אונדז? — האָט מנשה נאָכאַנאַנד געזוכט דבורהן צו איבערצייגן.

— דבורה! וועסט דאָרטן האָבן אַן אייגענע נחלה מיט אַ באַלעבאַ־טישקייט פון אַלדאָסגוטס. אונדזערע קינדער וועלן דאָרטן געזונטע און שטאַרקע אויסוואַקסן און ניט דאַרפן, ווי מיר דאָ, צו די שטאָטישע פרנסות אָנקומען. אוי, די שטאָטישע פרנסות! באַזונדערס אונדזער פרנסה! וויפיל עגמת נפש מיר האָבן פון דעם, און וויפיל וועט דאָס די ווערט האָבן ביי אונדז, אַז מיר וועלן ניט דאַרפן מערער האַנדלען און וואַנדלען, ניט האָבן צו טאָן מערער מיט שיכורים, די ערלים און די „דעטעקטיווס" וועלכע קומען רק נישטערן און זוכן, צי האָבן מיר ערגעץ אַ ניט כשר שטיקל סחורה געקויפט. אוי זייערע דורכדרינגנדיקע בליקן וואָס זיי וואַרפן אונדז צו, פול מיט אומצוטרוי און פאַרדאַכט...

— הע! הע! האָבן מיר דאָס אַ מסחר אַ שיינעם! גלויב מיר דבורה,

אַז אָט די פּרנסה אונדזערע, מיט די שמאַטעס, איז מיר שוין נמאס ומאוס געוואָרן!... אָט פאָלג מיר, דבורה׳לע, לאָמיר פון דעם פּטור ווערן. מיר וועלן בעסער אויפן פאַרם, פירן אַן ערלעך, אַנשטענדיק, נאַטירלעך לעבן און ניט ווי די אלע דאָ, אויף דער „גאַס"... און טאַקע, פאַרוואָס זאָלן זיי, „טאָם און דיקענסאָן" און טויזנטער אַנדערע גוים, זיין רואיק, זעלבסט־שטענדיק, צופרידן און גליקלעך און מיר דאָ, דאַרפן פאַרשוואַרצט ווערן, פון פרי ביז שפּעט אין אָוונט אין אָט דער „לאָך" פון שמוץ און אַלטוואַרג? גלויב מיר דבורה, איך בין גרייט שווער צו אַרבעטן, מיטן נאָז די ערד צו אַקערן, אַבי פּטור ווערן פון דעם שטאָטישן וויר־וואַר, פון דעם שרעק־לעכן גהינום.

נאָך אַזאַ פעסטן און ערנסטן רעדן פון איר מנשהן, האָט דבורה שוין גוט פאַרשטאַנען, אַז קיין זאַך וועט שוין זיין באַשלוס ניט אומבייטן, און איר געגנערשאַפט וועט איצט אויך ניט העלפן. האָט זי אים ענדלעך דאָך געגעבן איר שטילע הסכמה, מיטן געדאַנק און האָפנונג, אַז זיין „משוגעת" וועט מסתמה אריבערגיין מיטן אָנהויב פון די ערשטע שוועריקייטן אויפן לאַנד. דאַן, וועט ער איינמאָל פאַר אלעמאָל זיך דאָס ארויסשלאָגן פון קאָפּ. זי האָט דעריבער ניט שטאַרק געוואָלט אים אַנטמוטיקן און זיך שטעלן גאָר אינגאַנצן דאַגעגן. זי האָט אָבער אויך אין זעלביקן מאָמענט אַ טראַכט געטאָן: אפשר, אפשר איז ער דאָך גערעכט און אַלץ וועט זיך טאַקע אויס־לאָזן צום בעסטן און צום גוטן?!...

מנשה האָט אָנגעהויבן מאַכן הכנות פאַר דאָס איבערציען זיך אויף זיין לאַנד. דאָס זיינען געווען ביי אים די האָפנונגספולסטע טעג פון זיין לעבן. אַ וואָך פאַר פסח האָט ער זיין קראָם שוין געהאַט פאַרקויפט און גלייך נאָך פסח, האָט ער אָנגעהויבן איינצופּאַקן פאַרשיידענע זאַכן און נוצלעכע גע־צייג פאַר זיין פאַרם, וואָס ער האָט אָנגעקליבן אין דער צייט פון זיין גרייטן זיך. ווען מנשה איז מיט אַלץ פאַרטיק געוואָרן און פאַרזאָרגט די פאַמיליע מיט אַלעס נייטיקן, איז ער צוזאַמען מיט דניאלן, מיט זיין גאַנצן האַק און פּאַק, זיך צום לאַנד אַרויסגעצויגן אויף זייער צוקונפטיקער פאַרם.

די ווייב דבורה, די שוועסטער זלאַטע און די קינדערלעך זיינען לעת־עתה, געבליבן אין שטאָט, ביז וואַנען אַ שטיקל הויז וועט צוגעגרייט ווערן צו ארייננעמען די גאַנצע משפחה.

מנשה מיט דניאלן זיינען באַגלייט געוואָרן פון די נאָענטע פריינט און שכנים. די לעצטע, ווינטשנדיק זיי גליק אין זייער נייער אונטערנעמונג,

האָבן בשעת מעשה צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי מען באַדויערט איינעם וואָס לאָזט זיך ערגעץ אויף אַ געוואַגטער, אומבאַקאַנטער און ניט זיכערער נסיעה.

דער ברייטער טאָל האָט זיך געוויטלט פֿון דער פֿאַרנאַכטיקער אונטערגייענדיקער זון. ס'האָט זיך געפֿילט אַרום זיי אַ בין השמשותדיקע הערלעכע שטילקייט. ביי מנשהן האָט שטיל דאָס האַרץ זיינס געזונגען: ענדלעך דערנענטערט ער זיך באַלד צום פּלאַץ, וואָס וועט אינגיכן ביי אים ווערן אַ בליענדיקער ישוב. זיין בטחון האָט אים ניט פֿאַרלאָזט.

מנשה האָט איבערגעריסן זיין טראַכטעניש און שווייגן, פֿרעגנדיק דניאלן:

— דענקסטו ניט, דניאל, אַז דער לעבן דאָ, ביי דער נאַטור אויפֿן לאַנד, איז בעסער ווי אין דער גרויסער שטאָט? זע, וואָס פֿאַר אַ שיינע לאַנדשאַפֿט, און ווי רחבותדיק דאָס לעבן דאָ אַרום איז!...

— יאָ, פֿעטער, ס'איז דאָ זייער שיין. אַז איך וועל האָבן די מעגלעכקייט וועל איך אויך זיך באַזעצן אויף לאַנד. אָבער פֿריער וועל איך גיין אין „קאַלעדזש" און אויפֿנעמען פֿאַרמעריי און אַגריקולטור־וויסן.

— ביזט גערעכט, דניאלקע, כ'וועל שוין זען אַז דו זאָלסט זיך טאַקע לערנען און ווערן אַ געלערנטער פֿאַרמער, ס'איז דאָ גענוג צו לערנען און צו וויסן. דו וועסט זיכער האָבן אַ בעסערע געלעגנהייט ווי איך, דניאל.

נאָכן קורצן געשפּרעך זיינען זיי שטיל געבליבן, פֿאַרטיפֿט אין מחשבות וואָס עס דערוואַרטעט זיי דאָרטן. מנשה האָט איצט געטראַכט, וועגן זיינע פּלענער פֿון דער נאָענטער צוקונפֿט, פֿון דעם באַלדיקן מאָרגן, פֿון זיין אַרבעט וואָס ער דאַרף באַלד טאָן מאָרגן, איבערמאָרגן און סוף וואָך. אַזוי טראַכטנדיק און פּלאַנירנדיק איז ער מיט דעם צופֿאַלן פֿון אָוונט, גלייך צוגעפֿאָרן צו זיין לאַנד, צום פּלאַץ וואו ער האָט אַ צייכן געלאָזן, ווען ער האָט דאָס לאַנד געקויפֿט: אַ ווייס טיכל אויף אַ שטעקן פֿאַר אַ צייכן, האָט ער דאַן צוגעבונדן און אין דער ערד אריינגעשטעקט. דאָס ווייסע פֿאָנדל, האָט אים באַשטעטיקט און פֿאַרזיכערט, אַז דאָס איז טאַקע זיין שטיק לאַנד — דאָ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט.

די דיקענסאָנס האָבן מנשהן מיט דניאלן זייער וואַרעם מקרב געווען. אַ גוטן מאָלצייט זיי געגעבן אָפּצועסן און אַ נאַכטלעגער פֿאַר זיי צוגעגרייט.

צומאָרגנס איז מנשה מיט דיקענסאָן צוגעפֿאָרן אין נאָענטן שטעטל, דאָס נויטיקע געהילץ, טיר און פֿענצטער איינקויפֿן, כדי אויפֿצובויען אַ הייזקע, פֿאַר זיך און דער פֿאַמיליע.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער איז מנשה מיט דניאלן, צוזאַמען מיטן שכן דיקענסאָן, אין די נאָענטע בערג ארויסגעפאָרן, האָלץ און דרענגלעך אראָפּ־ברײנגען פאַר באַהייצונג און אויך אַ שטאַל אויפשטעלן פאַר אַ קו און אַ פערד.

דער שכן דיקענסאָן האָט זייער אַ סך אַרויסגעהאָלפן מנשהן אין זיין שווערן אָנהויב: ער האָט געהאָלפן אים אויפשטעלן די הייזקע, געלערנט אים און דניאלן אַ סך זאַכן, וואָס איז צו זיי ביז איצט לחלוטין געווען פרעמד. מנשה האָט באמת ניט געוואוסט, מיט וואָס און ווי אַזוי אים, דיקענסאָנען, אָפּצודאַנקען.

אין משך פון אַ דריי וואָכן צייט, איז שוין געשטאַנען אויף מנשהס באָדן אַ באַקוועמע שטוב, אַ שטאַל פאַר אַ פּאָר פערד און אַ בהמה, אויך אַ שטיק ערד איז שוין געווען צעאַקערט. מנשה און דניאל, האָבן ווי טאַטע און זון, געטריי און געשמאַק געאַרבעט, כדי פאַרטיק מאַכן דאָס לאַנד פאַר אַ באַלדיקן פאַרזיי און אויך צוגרייטן זיך, אַריבערצונעמען די פאַמיליע, וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזן הינטער זיך, אין דער גרויסער שטאָט.

אַ שטח פון זעכציק אַקער לאַנד, גלייך און ריין קולטיווירט האָט מיט זוניקער פרייד אַראָפּגעקוקט צום טאָל און זיך געפרייט מיט אירע נייע באַזיצער. מנשה און דניאל האָבן דאָס לאַנד זייערס זייער ליב באַקומען. פון פרי ביז שפּעט אין אָוונט און אַ סך מאָל ביי דער שיין פון די קלאָרע לבנה נעכט, ביידע, ווי אַ געטרייע פּאָר, האָבן זיי געאַרבעט און שטאַרק הנאה געהאַט פון דער אויפגעטועגער אַרבעט. צוערשט האָבן זיי צעאַקערט אַ פּאָר אַקער לאַנד און פאַרזייט קאַרטאָפל, נאָכדעם האָבן זיי פאַרזייט אַ היפּשע שטיק לאַנד מיט אַלפאַלפאַ. ביים ראַנד פון זייער לאַנד, האָבן זיי פאַרפלאַנצט אַ ריי מיט עקאַליפּטן בוימלעך, וואָס וועט שפּעטער דינען סיי אַלס צוים פאַר דעם לאַנד און אויך אַלס אַן אָפּהאַלטער פון ווינט. מנשה האָט אויך באַשטעלט אַ ברונעם־גראָבער און אויף אַזאַ אופן האָט ער אויך אַרויסגעקראָגן פון דעם ברונעם גענוג וואַסער פאַר זיין געברויך. אַלץ איז צוגעגאַנגען, מער ווייניקער, גאַנץ צופרידנשטעלנד. פון טאָג צו טאָג האָבן זיי זיך מערער צוגעפּאַסט צום פּלאַץ און צום נייעם לעבן און די אַרבעט איז אַוועק ביי זיי מיט פרייד און געזאַנג.

מנשה האָט זיך צוגעבונדן צו דניאלן ווי צו אַן אייגענעם זון. איז געווען צו אים ווי אַ טאַטע און חבר. ער פלעגט זיך מיט אים אַן עצה האַלטן, ווי מיט אַ גרויסן און אַ דערוואַקסענעם.

— איצט, דניאל — האָט מנשה אין אַ שיינעם פרימאָרגן אַ זאָג גע־

טאָן צו אים — אַז מיר האָבן שוין יאָ אַלץ פֿאַרזאָרגט און פֿאַרגרייט: אַ הויז, אַ ברונעם, אַ בהמה איז דאָ, עטלעכע עופֿות לויפֿן שוין אויך אַרום, און מיר זיינען שוין כמעט ווי גרייט אויפֿצונעמען געסט, וועלן מיר אויך אַ טראַכט טאָן ווי אַזוי אַריבערצונעמען אונדזערע פֿרויען און קינדער. איך — מיין ווייב מיט די קינדער, און דו — דיין מאַמע מיט דיין שוועס־טערל. און אַז מיר וועלן האָבן, פֿאַרשטייסטו מיך, דאָס גאַנצע הויז־געזינט אונדזערס, וועלן מיר זיך ערשט דאַן אויף אַן אמת דאָ גוט איינפֿונדעווען.

— וואָס דענקסטו, דניאל, וועגן דעם, איך זאָל מיך אַראָפּכאַפּן נאָך לאָס אַנדזשעלעס און אַראָפּברייינגען אַהערצו די גאַנצע כאַליאַסטרע אונ־דזערע?...

— יאָ, פֿעטער, ס'איז גאָרניט קיין שלעכטער פּלאַן! שוין צייט זיי זאָלן דאָ אַלע זיין מיט אונדז. ס'וועט בעסער זיין פֿאַר אונדז אַלעמען און מיר וועלן טאַקע אויך קאָנען דאָ אַ סך מער אויפֿטאָן.

—גוט, דניאל, איך וועל בעטן דיקענסאָנען, ער זאָל דערלויבן זיין בחור סטיוון, איבערצושלאָפֿן דאָ אין הויז מיט דיר, איבער די עטלעכע נעכט, וואָס איך וועל זיין אַוועק.

— גוט, פֿעטער, פֿאָרט געזונערהייט! איך וועל דאָ אַלץ און אַלעס באַזאָרגן. איר מעגט זיין זיכער — די קו וועט זיין געמאָלקן, די פֿערד וועל איך „וואַסערן”, די עופֿות וועל איך געבן עסן אין צייט, און איך אַליין, וועל שוין מיין שטעטל באַשטיין.

פֿאַר די עטלעכע חדשים וואָס מנשה און דניאל זיינען געווען אויפֿן לאַנד און צוגעגרייט אַלץ, כדי מעגלעך מאַכן אַריבערצונעמען די גאַנצע פֿאַמיליע, האָט מנשה איצט געדענקט, אַז פֿאַר דער צייט, האָט זיין ווייב דבורה איבערגעדענקט זיך און נאָכגעטראַכט וועגן דעם איבערבייט אין זייער לעבן, וואָס זיי האָבן איצט געמאַכט, און וועט ענדלעך אויך איינזען די וויכטיקייט פֿון דעם. איצט וועט זי מיט פֿרייד אים באַגעגענען און וועט זיך אַ סך מערער אינטערעסירן צו וויסן, וואָס עס טוט זיך דאָרטן אויפֿן פֿאַרם, איר נייע היים וואָס זי דאַרף דאָרטן מאַכן.

ערשט די באַגעגעניש מצד דבורהן, איז געווען אַ קאַלטע, אַ גלייכ־גילטיקע, ווי זי וואָלט אים אָפּן געזאָגט, אַז קיין חשק צו פֿאָרן אויפֿן פֿאַרם האָט זי נאָך אַלץ ניט. כאָטש זי האָט דאָס אים ניט ווערטערלעך געזאָגט, האָט ער עס אָבער זייער שטאַרק געפֿילט אין איר גאַנצער האַלטונג. דאָס האָט מנשהן, באַטירלעך, ניט ווייניק ווי געטאָן.

דאַקעגן אָבער האָט זלאַטע, די אלמנה, דניאלס מוטער, אַרויסגעוויזן

אַ באַזונדערן אינטערעס: קודם כל, האָט זי זיך, נאַטירלעך, נאָכגעפֿרעגט אויף איר זון, דניאל, וועגן זיין געזונט און צי האָט ער ליב דעם נייעם פּלאַץ און די אַרבעט אויפֿן פֿאַרם. אָבער גאָר באַזונדערס, האָט זי אַרויסגעוויזן אַ וואַרעמען אינטערעס, אין שייכות מיט זיין פֿאַרם: וואָס פֿאַר אַ לאַנד דאָרטן איז און וואָס זיי האָבן שוין דאָרטן אויפֿגעטאָן פֿאַר דער צייט, וועגן די אויסזיכטן פֿון פּלאַץ, וועגן די שכנהשאַפֿט אַרום און בכלל האָט זי אין אַלץ גענומען אַ וואַרעמען אינטערעס, גאָרניט ווי זיין ווייב, דבורה.

אַך! ווען זיין דבורה וואָלט כאָטש האַלב אַזוי געפֿילט, בנוגע דעם, ווי זלאַטע — האָט ער אַ טראַכט געטאָן אין דעם מאָמענט — וואָלט מיר טאַקע אַ סך גרינגער געווען איבערצוטראָגן די האַרבע שווערקייטן פֿון דער ערשטער צייט אויפֿן לאַנד!

אַ שטיקל טרייסט האָט ער דאָך געפֿונען וואָס דניאלס מוטער, פֿילט מיט אים מיט און פֿאַרשטייט אים. אַלס אַ קלוגע דערפֿאַרענע פֿרוי, האָט ער זיך מיט איר ניט זעלטן אַן עצה געהאַלטן.

יאָ, אין איבערלעבענישן און אין ליידן ווערט דער מענטש, געדאַנקלעך רייפֿער און געלייטערט, האָט ער איצט אַ טראַכט געטאָן פֿון זלאַטען, דאָס וואָס זי האָט אַזויפֿיל דורכגעמאַכט און געהאַט אַ לעבן פֿון דחקות און נויט, האָט עס איר זיכער פֿאַר אַן אַנדערן און בעסערן מענטשן געמאַכט. בכלל, האָט ער געזען אין זלאַטען דעם היפּוך פֿון זיין פֿרוי דבורה. בעת דבורהן האָט געפֿעלט צאַרטקייט און גלויבן אין אים, חברשאַפֿט און ענטוזיאַזם, האָט זלאַטע דאָס פֿאַרמאָגט אין גאָר אַ גרויסער מאָס. זלאַטע איז געווען פֿון יענעם טיפּ פֿרויען, וואָס זיינען כסדר גרייט צו גיין, האַנט אין האַנט מיטן מאַן אין שפּאַן און אין יאָך פֿון לעבן, אונטער אַלע אומשטענדן און באַדינגונגען, באַזונדערס האָט זי אויך ליב געהאַט דאָס פֿאַרם־לעבן, ווי ער.

אין דעם איצטיקן מאָמענט, אין אַזאַ טאָטאַלן איבערברוך און איבערבייט אין מנשהס לעבן, האָט ער זיך ממש גענויטיקט אין אַ נאָענטן פֿריינט און חבר, מיט וועמען זיך אַן עצה האַלטן און וואָס זאָל אים אויך געהעריק פֿאַרשטיין. זלאַטע איז באמת געווען צו אים אַ פֿריינט און אַ חבר און ער איז איר דערפֿאַר באמת דאַנקבאַר געווען פֿון זיין טיפֿן האַרצן.

מנשה האָט אָבער ניט פֿאַרלאָרן די האָפֿנונג. ער האָט נאָך אַלץ געגלויבט, אַז די שטימונג און באַציאונג פֿון זיין פֿרוי צו אים און צו זיין פֿאַרם בכלל, וועט זיך פֿריער אָדער שפּעטער מוזן בייטן. זי וועט זיך,

ווי עס איז, איינלעבן אין דעם נייעם סאָרט לעבן און וועט דאָס מיט דער צייט אויך אפשר ליב באַקומען.

מנשה האָט ענדלעך צוזאַמענגענומען אַלע נויטיקע זאַכן און חפצים פאַר דער פאַרם און איז מיט דער גאַנצער פאַמיליע: דבורה, זלאַטע און די קינדער, אָפּגעפאָרן צו זיין נייעם פלאַץ, צו זיך אַהיים, אויף זיין פאַרם. דער לאַסט־וואָגן האָט זיך לאַנגזאַם געשלעפּט און אַלע זיינען געזעסן דעם גאַנצן וועג אין אַ מאָדנעם אומהיימלעכן שווייגן. יעדער פון זיי איז פאַרנומען געווען מיט אייגענע געדאַנקען און טראַכטענישן: דבורה האָט געפילט באַזונדערס מאָדנע אין דעם מאָמענט. זי האָט ניט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז זי פאָרט טאַקע איצט מיט איר מנשהן אויפן פאַרם, צו וועלכן זי האָט לכתחילה קיין חשק געהאַט צו פאָרן. עפּעס האָט זי געפילט אַז זי פאָרט ניט איצט צו זיך אַ היים בויען און לעבן דאָרטן די גאַנצע צייט, נאָר אַז מנשה פירט זי גאָר ערגעץ צו אַ פרעמדן פלאַץ, צו אַן אומבאַקאַנטן, צו גאַסט. זי ווייסט ניט געגוי ווי זי וועט דאָרטן אויפגענומען ווערן און צי וועט זי דאָרטן בכלל גאָר קאָנען בלייבן? און אויב ס׳וועט איר ניט געפעלן דאָרטן, וועט זי דען קאָנען פאָרן צוריק? האָבן זיי דען ניט אַלע בריקן אונטער זיך פאַרברענט? אָט מיט אַזעלכע אומרואיקע מחשבות און פראַגן איז איר מוח פאַרנומען געווען דעם גאַנצן טאָג פון זייער נסיעה.

אין אַ צווייטן ווינקל איז געזעסן זלאַטע, פאַרנומען מיט אירע טראַכטענישן וועגן איר איצטיקער לאַגע:

אָט פאָר איך איצט צו מנשהן אויפן פאַרם. אמת איז, אַז איך פאָר ניט אַהינצו מיט אַזאַ געהויבענעם געמיט. בין איך דען זיכער, אַז איך וועל דאָרטן זיין צופרידן, ווי גוט אַפילו איך זאָל וועלן דאָרטן זיין? וואָרים איז דאָס דען פאַר מיר אַ תכלית? וועל איך דאָרטן ניט זיין ווי אַ „פינפטער ראָד צום וואָגן", און זיין אַ כסדרדיקער עדות פון דעם אומאויפהערלעכן רוגז צווישן מאַן און ווייב? איז וואָס־זשע פאַר איך? — פרעגט זי זיך, און ענטפערט זיך טאַקע גלייך. — כ׳האָב דען אַן אַנדער ברירה איצט? די קינדער זיינען נאָך ניט אין עלטער צו זיין זעלבסטשטענדיק פאַר זיך. אמת, דניאל האָט טאַקע אויסגעדריקט אַ ווילן און אַ ליבע צו ערד־אַרבעט, צום פאַרם־לעבן, אָבער בלייבן ביי מנשהן אויפן פאַרם, איז אויך ניט פאַר אים קיין תכלית. ער האָט גאָר בדעה און חשק, צו גיין אין אַגריקולטור אוניווערסיטעט, וויל אויפנעמען די לערע פון פאַרמעריי, וויסנשאַפטלעך, דאַרף מען אים טאַקע געבן די געלעגנהייט.

זי וועט אים שיקן אין אַ הויך־שול און זיך גוט צוגרייטן פֿאַר דעם. אַרום און אַרום, האָב איך איצט ניט קיין אַנדער אויסוועג. און מנשהן טאַקע, ווי לאָזט מען איבער אין אַזאַ שווערן מאָמענט, אין סאַמע אַנהויב פֿון אַזאַ אונטערנעמונג, וואָס איז צו אים לעת־עתה פֿרעמד און וואָס ער האָט נאָך ניט באַוויזן זיך גוט איינזעסן דאָרטן און איינאָרדנען זיך ווי געהעריק. חוץ דעם, האָט ער אַפֿילו ניט מיט וועמען זיך אַן עצה האַלטן. מיט דבורהן? ביי איר איז רעכט, אַז מנשה זאָל שוין איצט „פֿאַרקאָר׳עווען דעם דישל״ און פֿאָרן צוריק אין שטאָט אריין.

מיטן צופֿאַלן פֿון אָוונט איז מנשה מיט דער גאַנצער פֿאַמיליע אַריינ־געפֿאָרן אין הויף פֿון זיין פֿאַרם. די הויז איז שוין געווען באַלויכטן. דניאל איז גלייך אַרויסגעלאָפֿן פֿון הויז זיי אַלעמען באַגעגענען. ער האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט דער מאַמען, מיט דער שוועסטערל זיינע, האָט זיי אַלעמען אריינגעפֿירט אין הויז. די דיקענסאָנס, זייערע שכנים, האָבן זיי וואַרעם באַגריסט און פֿריינטלעך אויפֿגענומען, האָבן אויך צוגעגרייט פֿאַר זיי אַ וועטשערע, צוליב זייער קומען. די פֿריינטלעכקייט פֿון די שכנים, האָט דבורהן גערירט. זי האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט און לייכטער אָנ־געהויבן פֿילן אין דער היימישער סביבה פֿון פֿריינטלעכקייט און פֿרייד.

— צווישן מענטשן ווערט מען פֿונדעסטוועגן ניט פֿאַרפֿאַלן — האָט דבורה אַ זאָג געטאָן צו זלאַטען, ווען זיי האָבן צעוואַשן דאָס געשיר, נאָך דער וועטשערע און נאָכדעם ווען די שכנים, די דיקענסאַנס, האָבן זיך מיט זיי צוזעגנט און אָנגעוואונטשן אַלדאָס גוטס.

— זעסטו, דבורה — האָט זלאַטע באַמערקט — האָסט זיך אומזיסט געשראָקן. האָסט אוודאי געמיינט, אַז דו פֿאָרסט ערגעץ אין אַ וואַלד צווישן גזלנים... מענטשן זיינען אומעטום די זעלביקע, זיי קאָנען זיין גוט און קאָנען אויך זיין שלעכט, ס׳הייבט אָפּ אינגאַנצן אין ווערלכע אומ־שטענדן און באַדינגונגען דער מענטש געפֿינט זיך... באַזונדערס זיינען פֿאַרמער, דאָרפֿס־מענטשן, אַ סך פֿריינטלעכער צווישן זיך, ווי עס זיינען די שטאָטישע מענטשן. איך בין זיכער, דבורה, אַז דו וועסט זיך דאָ, מיט דער צייט, איינלעבן און וועסט אַפֿילו מער ניט טראַכטן פֿון דער גרוי־סער שטאָט.

— הלוואַי, רבונו של עולם! — האָט מנשה אַריינגעוואָרפֿן זיין וואָרט אין דעם געשפּרעך, צווישן די צוויי פֿרויען — פֿון דיין מויל אין גאָטס אויערן. זלאַטע, כ׳וואָלט זיך באמת געפֿילט זייער גליקלעך, ווען דבורה וואָלט אויך אַזוי געטראַכט און געפֿילט ווי דו, מכוח דעם ענין.

די אַרבעט אויפֿן פֿאַרם איז איצט אַוועק מיט אימפּעט און מיט פֿרייד. מנשה האָט גאַר אויפֿגעלעבט, ער איז געווען גליקלעך צו זען אַז אַלץ צעוואַקסט זיך ביי אים, בליט און פֿאַרמערט זיך... ווען ער איז צוערשט אויפֿן לאַנד אַרויפֿגעקומען, איז נאָך דאָן קיין סימן פֿון בוים און פֿלאַנץ אויף זיין לאַנד געווען. רוי־ערד איז דאָס געווען. איצט זעט ער פֿאַר זיך אַזאַ וואונדערבאַרן שינוי: די יונגע עקאַליפּטן בוימלעך, וואָס ער האָט מיט דניאלן פֿאַרפֿלאַנצט, ביים ראַנד פֿון זיין לאַנד, צעוואַקסן זיך איצט זייער גוט און אַלץ גרינט און בליט.

אָט איז אין איין פּלאַץ אַ גרויסער פֿיר־עקיקער לעקעך מיט גרינע געדיכטע אַלפֿאַלפֿאַ, אין אַ צווייטן פּלאַץ אַ שטיק פֿעלד, מיט געזונטע קאַר־טאָפֿל־צווייגן און אַנדערע גרינסן. זיין קאָרן פֿעלד האָט זיך אַ הויב געטאָן צו אַ היפּשער הויך, אַ מענטש וועט זיך שוין באַלד ניט קענען אַרויסזען צווישן. יאָ, זיין האָב און גוטס פֿאַרמערט זיך און עס פֿרייט אים זיין האַרץ... פֿון דניאלן האָט ער גאָר הנאה געהאַט און געקליבן פֿון אים אַ סך נחת, ווי פֿון אַן אייגן קינד. דניאל האָט אויף זיין אייגענער אחריות, מיט אייגענער אַרבעט, אַ גאַנץ נישקשהדיקן עופֿות־צוכט איינגעפֿירט. אַ פּאָר הונדערט ווייסע „לעגהאָרנס", „גוטע לייגערס" לויפֿן אַרום אין אַ ספּעציעל אָפּגעצאַמטן פּלאַץ, און ער פּלאַנירט איצט אויסברייטערן און פֿאַרגרעסערן די עופֿות אָפּטיילונג, כאָטש צו אַ טויזנט אַזעלכע געקליבענע „פֿויגלען". עס איז זיין אייגענער אויפֿטו, און ער איז זייער שטאָלץ מיט דעם.

מנשה זעט, אַז מיט יעדן טאָג, מיט יעדער וואָך פֿאַרמערט זיך זיין פֿאַרמעגן און ער זעט שוין די פֿרוכט פֿון זיין אַרבעט מיט אַ ריוח פֿון דער אונטערנעמונג. אין אָנהויב, ווען ער איז אויפֿן לאַנד אַרויף, האָט ער דעם אַקער־אייזן איינגעשפּאַנט צו אַן איינציק פֿערד. מיט די הענט און מיטן גאַנצן קערפּער געשטופּט דעם אַקער־אייזן אין דער ברוינער ערד, גע־שוויצט און שווער געאַרבעט. איצט זיצט ער אַ צופֿרידענער און אַ גע־מיטלעכער אויף אַ צוויי־רעדלדיקן אַקער־אייזן, צוגעשפּאַנט צו צוויי פֿערד, זינגט זיך צו אַ לידל דערביי און האָט גרויס הנאה פֿון אָנטרייבן די פֿערד. ווי אַ יינגל, ווען מען גיט צום ערשטן מאָל די לייצעס אין די הענט אַליין אָנצוטרייבן די פֿערד, וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק ליב, און וואָס האָט אַזוי שטאַרק געגאַרט דאָס צו טאָן, אַזוי פֿריידיק פֿילט זיך מנשה ביי דער אַרבעט.

מנשה איז אָנגעגאַנגען מיט דער אַרבעט אומדערמידלעך און האָט

פֿון אַלץ געשעפּט גרויס נחת, פֿון יעדע צעאַקערטע שטיק ערד, פֿון די ערשטע שפּראָצונגען וואָס האָבן זיך באַוויזן אויף אַ נאָר וואָס פֿאַרזייט שטיק ערד, און פֿון זיין גרויס געראָטענעם קאָרן. ער האָט ליב געהאַט די וואונדער פֿון דער נאַטור און דאָס זעלבסטשטענדיקע שטיל לעבן אויף דער פֿאַרם. די פֿיזישע שווערע אַרבעט אויפֿן לאַנד און אַרום דער באַ־לעבאַטישקייט, איז ביי אים אויך געוואָרן אַ מין גייסטיקע פֿאָדערונג און באַפֿרידיקונג. מיט אַ ליידנשאַפֿטלעכער ליבע פֿלעגט ער זיך אַריינוואַרפֿן אין דער אַרבעט און הנאה געהאַט פֿון דעם, ווי אַ יינגל פֿון אַ פֿריידיקער שפּיל.

— וואָלט נאָר דבורה אַ צופֿרידענע געווען — האָט ער איינמאָל באַ־מערקט צו זיינעם אַ שכן — וואָלט איך מיך געפֿילט דאָ דער גליקלעכסטער אין דער וועלט.

ער איז וועגן דעם געווען זייער שטאַרק באַזאָרגט. דאָס איז געווען ביי אים דער טונקלסטער וואָלקן, וואָס האָט פֿאַרפֿינצטערט זיין ביז איצט קלאָרן האָריזאָנט.

אין אָנהויב, די נייקייט פֿון דער זאַך, די פֿריינטלעכקייט פֿון די שכנים אַרום; זלאַטע, די אלמנה מיט די קינדער, וועלכע האָבן זיי אַזויפֿיל אַרויסגעהאָלפֿן און כסדר זיך אַזויפֿיל ניצלעך געמאַכט אויף דער פֿאַרם און אין דער גאַנצער נייערווירטשאַפֿט. און דער עיקר, די כסדר אָנ־האַלטנדיקע פֿרייד און באַגייסטערונג פֿון מנשהן, האָט עס דבורהן אַ ביסל באַרואיקט. כאָטש זייענדיק אומצופֿרידן, האָט זי דערשטיקט אין זיך דעם פּראָטעסט און געשוויגן.

נאָך אַ לענגערן זיין דאָ, אָן די באַקוועמלעכקייטן פֿון דער גרויסער שטאָט, צו וועלכער זי איז געוואוינט געווען דעם גאַנצן לעבן; ניט האָבנ־דיק אויך דאָ אירע יידישע שכנים און פֿריינט, נאָך וועלכע זי האָט אַזוי שטאַרק געבענקט און אין צוגאָב צו דעם, און טאָקע צוליב דעם וואָס זי האָט ניט באַוויזן נאָך ליב צו באַקומען דאָס דאָרפֿישע לעבן, האָט זי צוביסלעך אָנגעהויבן אַרויסווייזן איר אומצופֿרידנקייט, און אָנגעהויבן מנשהן ממש דערגיין די יאָרן. זי האָט אים אָנגעהויבן נאָגן און פּלאָגן, געהאַט צו אים טענות, פֿריער אין דער שטיל, צווישן זיך, און נאָכדעם שוין אין דער הויך, פֿאַר אַלעמען אין די אויגן, פֿאַרן גאַנצן הויז־געזינד.

— וואָס האָסטו מיך געבראַכט אַהערצו, אין דער וויסטעניש? וואָס האָסטו דאָ? — האָט זי פּרובירט ווירקן אויף מנשהן, אים דערוויזן מיט

אירע טענות און אַרגומענטן, אַט מיט גוטע רייד און אַט מיט שטרענגע וואָרנונגען.

— דו אַרבעסט דאָ שווער, מנשה, טאָג איין און טאָג אויס. קיין גראָשן מזומן, זעסטו ניט אָן אין די אויגן, און די קינדער אונדזערע וועלן דאָ אויפוואַקסן ווי גויים רחמנה לצלן! וואָס האָט דיר געפעלט אין שטאָט?— האָט זי אים געהאַלטן רק אין דערמאָנען — ביסט געזעסן אין קראָם, גע־מאַכט געלט. נו, און אַז דער מסחר איז ניט געווען אַזוי כשר, איז וואָס? וואָס ביסטו פרימער און מערער צדיק פון אַלע אַנדערע?! קיין זאַך האָט אונדז געפעלט דאָרטן, אַלץ איז געווען אין הויז פון דעם בעסטן: שיינע קליידער, אַ פיינע באַלעבאַטישקייט, אַפטע געסט זיינען אין הויז געקומען. וואָס האָסטו דאָ, און וועמען האָסטו דאָ? אָפּגעריסן פון דער וועלט און פון מענטשן... נו, נו, אַזאַ משוגעת גאָר! אַ פאַרם האָט זיך אים פאַר־וואָלט!... הער אויס, מנשה, די אַלע גליקן וואָס דו זאָגסט מיר דאָ צו, וויל איך ניט און איך דאַרף זיי ניט! פאַר וועמען און צוליב וועמען?! אויב דו פאַרקויפסט ניט די פאַרם, מנשה, וועל איך מיט די קינדער, דיך פאַרלאָזן אינגאַנצן און צוריק אין שטאָט אַריינגיין. דו קענסט זיך דאָ פאַרבלייבן מיט דיין פאַרמערקע, מיט זלאַטען און מיט איר בענאַק דניאל, ניט איך! — האָט זי מיט גרויס רוגזה אויסגעשריגן.

זלאַטע און דניאל, וועלכע האָבן זייער ליב באַקומען מנשהן, סיי פאַר זיין ערלעכקייט און סיי פאַר זיין איבערגעגעבנקייט צו זיי, האָבן לעצטנס זייער אָפט געהערט די דאַזיקע מוסר רייד און אָנפאַלן פון דבורהן אויף מנשהן. זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, ניט ווייניק געליטן פון דעם. זיי האָבן זיך, אומ־דירעקט, געפילט כמעט ווי שולדיקע, מחמת זיי האָבן אַרויסגעוויזן אָפענע פאַרערונג פאַר מנשהן, ליב באַקומען דעם פלאַץ און גאָר אַ סך אַרויסגע־האָלפן אין דעם וואוקס פון דער פאַרם, וועלכע דבורה האָט לכתחילה פיינט געהאַט און גאָר אינגאַנצן ניט געוואָלט אַרויסקומען אַהערצו.

דבורה האָט, פאַרשטייט זיך, אין איר פיינטשאַפט צום פלאַץ, אין איר כעס און אויפרעגונג אויף אַלץ און אַלעמען אין שייכות מיט דער פאַרם, מערער פון אַלעמען, באַשולדיקט די אלמנה מיט איר זון דניאל. זיי, האָט זי אויסגעטייטשט, דערמוטיקן מנשהן און רעדן אים צו צו פאַרבלייבן דאָ אויפן פאַרם, צוליב זייערע פערזענלעכע נוצן און אינטערעסן.

מנשה האָט פרובירט מיט איר איינטענהן, געבעטן זיך ביי איר, ממש געוויינט פאַר איר זי זאָל זיך באַטראַכטן און האָבן איינזעעניש...

— וואו וועלן מיר איצט גיין, דבורה? דאָס שווערסטע זיינען מיר דאָך שוין אַריבערגעקומען. איצט וועט אַלץ אַוועק אַ סך גרינגער. מיט דער שטאָט האָבן מיר דאָך שוין אינגאַנצן איבערגעריסן. איך וועל מיך שוין מער ניט קענען צופּאַסן אַפילו צום שטאָטישן לעבן, — האָט ער רק פּרובירט איר איבערצייגן.

נאָך אַזעלכע איבעררעדעכצן און פאָרוואורפן, צווישןביידן, פלעגט דבורה אויף אַ ווייל אים אָפּלאָזן און נאָכדעם ווידער, נאָך מיט מער אײַפער און רוגזה, אים אָנהויבן צו מאַטערן און נאָגן: ער זאָל נאָר די פאַרם פאַרקויפן און צוריק אין שטאָט אַריינגיין, זיך באַזעצן צווישן אייגענע און פריינט. מנשה האָט פון דער שטאָט ניט געוואָלט הערן מער. דער געדאַנק אליין, ער זאָל נאָכאַמאָל דאַרפן אין שטאָט זיין, און ווידער אַמאָל, ווי פריער, לויפן, האַוועןן און זוכן פרנסה און אפשר ווידער זיך מוזן נעמען צו דעם פריערדיקן האַנדל און וואַנדל, פון וועלכן ער האָט זיך ענדלעך באַפרייט. דער געדאַנק האָט אויף אים מוראדיק געווירקט, כמעט ביז משוגעת.

דעם גאַנצן זומער האָט ער זאָרגפעלטיק און שווער געאַרבעט. צו אַלץ וואָס ער האָט געהאַט אויפן לאַנד און אליין כמעט אויפגעכאָוועט, האָט ער זיך באַנומען מיט אַ מערקווירדיקער ליבע און איבערגעבנקייט. ער האָט געפילט, ווי עמיצער וויל דאָס פון אים מיט גוואַלד אַרויסרייסן. ער האָט אויך געפילט, אַז ער וועט באַין אופן ניט, מיט דעם אַלעם וואָס ער האָט דאָ מיט בלוט, מיט שוויס און מיט זיין גאַנצער נשמה דאָ באַשאַפן, ניט קענען זיך שיידן. די שטאָט פאַר אים, האָט געמיינט דאָס אָפּשטאַרבן פון זיין איך, פון זיין פערזענלעכקייט און אינגאַנצן אַ סוף צו זיינע חלומות אויף אייביק. דבורה האָט דאָס ניט געקענט פאַרשטיין און אים ניט געוואָלט פאַרשטיין. זי האָט איר איינגעשפּאַרטן קאַמף ניט געוואָלט אויפגעבן, כאָטש זי האָט געזען, אַז דאָס גראָבט ממש אונטער זיין געזונט. פאַרקערט, זי איז מיט יעדן טאָג מערער פאַרביטערט געוואָרן און אויסגעצעצט אַלערליי וועגן און מיטלען אים שווערער צו מאַכן דאָס לעבן, און אויך שווערער געמאַכט דאָס לעבן פון דעם גאַנצן הויז־געזינד.

דניאל האָט פאַר דער צייט, זייענדיק דאָ אויפן פאַרם, דערפאָלגרייך פאַרענדיקט אַ קאָרעספּאָנדענץ קורס פון אַגריקולטור, אין דעם בוירקלי אוניווערסיטעט. אזוי האָט ער שוין געהאַט סערטיפיקאַטן פון פאַרענדיקטע קורסן אין עופות־צוכט, חזירים, אַלפאַלפאַ, און פאַרשיידענע פרוכט פלאַנצונגען. ער האָט ערנסט איצט אָנגעהויבן טראַכטן, פאָרן

נאָך בוירקלי, כדי אריינצוקומען אין דעם אַגריקולטור אוניווערסיטעט, און ערשט דאָרטן אויסברייטערן און פאַרטיפן זיין וויסן אויף אָט דעם געביט.

מנשה האָט פון דעם אלעם צוזאַמענגענומען, שרעקלעך געליטן און ער האָט אויך אָנגעהויבן צוביסלעך אונטערקריינקען. דאָך האָט ער דעם זומער, דעם פערטן שניט אַלפאַלפאַ פון זיין פעלד ארונטערגענומען און „געסטעגט" און אויך די אַנדערע תבואות אין שפייכלער אַריינגעבראַכט.

דאָס לעבן אויף דער פאַרם, מיט דבורהס כסדרדיקן קריגערישן גע־מיט, איז געוואָרן זייער שווער און מיזעראבל פאַר דער גאַנצער פאַמיליע. דניאל האָט פאַרלאָזן די פאַרם, איז אַוועקגעפאָרן נאָך בוירקלי לערנען. זלאַטע מיט איר מיידל האָבן אויך אָנגעהויבן גאַנץ ערנסט טראַכטן צו פאַרלאָזן די פאַרם, כאָטש זיי האָבן דאָס ניט גערן געוואָלט. זיי האָבן אָבער געדיינקט, אַז מיט זייער אַוועקגיין פון דאַנען, וועט אפשר דאָך ווערן אַ שטיקל שלום בית. וועלן זיי מוזן, ניט ווילנדיק זיך שיידן מיטן פּלאַץ, וואָס זיי האָבן שטאַרק ליב באַקומען, שוין ניט ריידנדיק וואָס זיי האָבן אויך שטאַרק ליב באַקומען מנשהן, ווען זיי האָבן אַ סך פאַרהערלעכט, פאַר די אַלע זאַכן וואָס ער האָט געטאָן פאַר זיי, אין דער צייט ווען זיי האָבן זיך אַמשטאַרקסטן גענויטיקט.

תיכף נאָכדעם, ווי דניאל איז אַוועקגעפאָרן נאָך „בוירקלי", איז מנשה שטאַרק פאַרשלאַפט געוואָרן און געמוזט ליגן צו בעט אַ לייגנגערע צייט. זלאַטע מיט איר מיידל, האָבן שוין געמוזט, ווילנדיק ניט ווילנדיק, בלייבן אויפן פאַרם. זיי האָבן זיך אַנדערש ניט געקענט העלפן. איבערלאָזן מנשהן אין אַ קראַנקן צושטאַנד און לאָזן די גאַנצע באַלעבאַטישקייט גיין צו גרונד האָבן זיי ניט געקענט. זיי האָבן גוט געוואוסט, אַז ס'איז ניטאָ ווער עס זאָל אויף אַלץ אויפפּאַסן. אויף דבורהן האָבן זיי זיך ניט גע־קענט פאַרלאָזן. ניט זי האָט געוואוסט וואָס צו טאָן אַרום דער פאַרם־באַלעבאַטישקייט און ניט זי האָט געוואָלט עפּעס טאָן. נו, האָבן זיי גע־מוזט, ווידער אַמאָל, איינשפּאַנען זיך אין דעם יאָך פון דער אַרבעט, צוליב מנשהן, ביז ער וועט פאַלקאָם געזונט ווערן.

ווען מנשה איז נאָך עטלעכע וואָכן ליגן אין בעט, ענדלעך אויפגע־שטאַנען און אָנגעהויבן צו ביסלעך עפּעס טאָן אויפן פאַרם, האָט דבורה, אין אַ שיינעם פרימאָרגן, איינגעפּאַקט אירע זאַכן, גענומען מיט זיך די צוויי קינדער און איז אַוועק פון דער פאַרם, צוריק אין שטאָט אריין, נאָך לאָס אנגעלעס צו אייגענע, מיטן געדאַנק שוין דאָרטן פאַרבלייבן אויף כסדר. פאַר זלאַטען איז מיט אַמאָל אַנטשטאַנען אַ פּראָבלעם, וואָס איצט

צו טאָן? דבורה, איז איר אייגנטלעך פאַרלאָפן דעם וועג, און איז אַוועק פריער פון איר. איבערלאָזן איצט מנשהן אַליין, אין אַזאַ שוואַכן צושטאַנד ווי ער איז נאָך, וואָלט געווען פאַר אים ממש, קאַטאַסטראָפאַל, דערצו נאָך האָט ער פשוט געוויינט פאַר איר, זי זאָל אים ניט איבערלאָזן אין אַזאַ מאָמענט אַליין, ווי אויפן וואַסער!...

זלאַטע האָט ניט געקענט מער איבערטראָגן דעם צער פון דעם גוטן מענטשן און איז לעת־עתה געבליבן אויף דער פאַרם.

מנשה האָט צוביסלעך אָנגעהויבן קומען צו זיך, האָט אויפסניי אינ־טענסיוו גענומען זיך צו דער אַרבעט, איינשטעלן אַ סדר אין דער שיעור ניט צעשטערטער באַלעבאַטישקייט און פאַרם, וועלכע ער האָט, מיט אַזוי פיל ליבע און ביינקשאַפט אויסגעכאַוועט — אַ ליבע, וואָס איז פון אים אַרויסגעוואַקסן צו זיין היים און צו זיין ערד, וועלכע איז איצט געוואָרן, אַן אומצוטיילבאַרער טייל פון אים, פון זיין גאַנצן איך.

דניאל

ווען דניאל האָט פאַרענדיקט דעם קורס פון אַגריקולטור, אין דעם בוירקלי אוניווערסיטעט, מיט באַזונדערער אויסצייכענונג, איז ער נאָכ־דעם אָנגעשטעלט געוואָרן אויף אַן עקספּערימענטאַלער פאַרמע ביי דעם „קאַלעדזש", אין „דייוויס", צו ווערן דאָרטן אַן אינסטרוקטאָר. אויף דער עקספּערימענטאַלער סטאַנציע האָט ער פאַרבראַכט אייניקע יאָר, דאָרט האָט ער אויך געלערנט און עקספּערימענטירט. זיין וויסן און ערודיציע אויף דעם אַגראַר געביט איז אַ סך באַרייכערט געוואָרן מיט וויסנשאַפט־לעכער פאַרשונג און פּראַקטישער דערפאַרונג. די רעזולטאַטן פון זיינע עקספּערימענטאַציעס אין „דייוויס", זיינען געווען גאָר גלענצנדיקע און האָבן פאַרשפּראָכן צו זיין זייער דערפאָלגרייך פאַר דעם איינקונפט פון די פאַרמערס, ווען די עקספּערימענטן וועלן אָנגעווענדעט ווערן אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב און פאַרנעם, און ס'וועט ווי געהעריק קולטיווירט און „געמאַר־קעט" ווערן.

דניאל האָט ביי זיך באַשלאָסן, אַז תיכף נאָכדעם, ווי זיין טערמין וואָס ער האָט געהאַט מיט „דייוויס" וועט זיך ענדיקן, וועט ער טאַקע דאָ, אין די מקומות, אַ שטיק לאַנד זיך פאַרשאַפן. דאָ, אויף זיין אייגענעם באָדן,

וועט ער זוכן פֿאָרטזעצן זיין אָנגעהויבענע עקספּערימענטאַלע אַרבעט ; דאָ, וועט ער ערשט די דאָזיקע אַרבעט דערגאַנצן, אויסברייטערן אויף זיין איי־גענעם שטייגער און מיט אייגענער אחריות.

פּראָפֿעסאָר נעלסאָן, הויפּט פֿון אַגראַר אוניווערסיטעט אין בוירקלי, ביי וועמען דניאל האָט צוערשט געלערנט, האָט אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערע פֿריינטשאַפֿט און אַכטונג צו אים. נאָכדעם אַפֿילו, ווען דניאל איז פֿון בוירקלי אַריבער אויף דער עקספּערימענטאַלער סטאַנציע אין „דייוויס", איז פּראָפֿעסאָר נעלסאָן נאָך אַלץ געווען מיט אים אין נאָענטער פֿאַרביג־דונג. ער האָט געוואוסט פֿון דניאלס אידייען און פּלענער, וואָס ער האָט בדעה אונטערצונעמען. ער האָט אויך געוואוסט, אַז דניאל זוכט צו קויפֿן פֿאַר זיך אַן אייגענע פֿאַרם, וויל זיך באַזעצן דאָ, אין די היגע מקומות, אויף אייגענעם באָדן, כדי צו קענען פֿריי עקספּערימענטירן און באַאַרבעטן זיין אייגן לאַנד. דניאל האָט געוואָלט זיין, ניט נאָר אַ געלערנטער אַגרי־קולטוריסט, אַן אַגראָנאָם, נאָר טאַקע ווערן אַ פּראַקטישער פֿאַרמער, און דערפֿאַר טאַקע האָט אים נעלסאָן זייער ליב געהאַט, ניט ווייניק געאַכטעט און געלויבט.

פֿאַר דעם פּראָפֿעסאָר נעלסאָן איז ער, דניאל, בכלל געווען עפּעס אַ פֿענאָמען, אַ נייע דערשיינונג. פֿאַר זיינע פֿופֿצן יאָר וואָס ער האָלט די פּראָפֿעסאָר שטעלע אין דעם בוירקלי אוניווערסיטעט, האָט ער כמעט ווי ניט באַגעגענט צווישן זיינע סטודענטן, אַ יידישן יונגנמאַן, וואָס זאָל געוועזן אונטערנעמען אַ סטודיום פֿון אַגראַרישן וויסן. אים איז ביז איצט ניט באַקאַנט געווען אַזאַ רעקאָרד. ער ווייסט, אַז יידן זיינען דורשטיקע און פֿלייסיקע לערנער, צייכנען זיך אויס אויף אַלע געביטן פֿון וועלטלעכן וויסן. די אוניווערסיטעטן זיינען איבערגעפּאַקט מיט יידישע יוגנטלעכע, מענער און פֿרויען, וואָס שטודירן יוריספּרודענץ, אינזשענערעריי, כעמיע, פֿילאָזאָפֿיע און מוזיק. אָבער די לערע פֿון אַגריקולטור, ערד אַרבעט, דאָס ניט, יעדנפֿאַלס זייער ווייניק. די וועלט פֿון פֿלאַנצונגען אימפּאָ־נירט ניט זיי... ער ווייסט זייער גוט אַז די יידן, צוליב פֿאַרשיידענע באַדינגונגען און באַגרענעצונגען, אין משך פֿון זייערע וואַנדערונגען, זיי־נען געבליבן שטאָט־מענטשן און באַשעפֿטיקן זיך דעריבער מיט כלערליי פּראָפֿעסיעס און פּרנסות, וואָס די גרויסע שטאָט האָט נאָר געקענט באַ־שאַפֿן : קאָמערסאַנטן, מעקלער, גרויסע פֿרוכט קאָנטראַקטאָרס, קאָרן און ווייץ ספּעקולאַנטן, פֿלאַקס און וואָל הענדלער און צענדליקע אַנדערע מאַ־טעריעלע און גייסטיקע פֿונקציעס וואָס זיי פֿירן דורך אין דער וועלט און

בכלל אין יעדן לאַנד וואו זיי געפינען זיך. אָבער, זייער ווייניק פון דעם מין פיאָנערן, ערד־אַרבעטער. איז מחמת דעם טאַקע, ווען דניאל איז אויף דעם אַגראַר קורס, אין בוירקלי, אַנגעקומען און נאָכדעם איז ער אַי־בערגעגאַנגען אויף דער עקספּערימענטאַלער סטאַנציע אין „דייוויס", און האָט דאָרטן ארויסגעוויזן אַ מערקווירדיקן אינטערעס און חשק צו וויסן און עקספּערימענטירן, האָט דער פּראָפעסאָר נעלסאָן, גאַר באַזונדערס זיך מיט אים שטאַרק פאַראינטערעסירט, און איז צו אים געוואָרן זייער שטאַרק צוגעבונדן.

איצט, ווען דניאל האָט זיך גענומען דורכצופירן אין לעבן, אין דער פּראַקטיק, דאָס וואָס ער האָט געלערנט און שטודירט און וויל אויך ארויפ־גיין אויף אייגן לאַנד, אויף אייגענעם באָדן; אַרבעטן דאָרטן אַליין, שאַפן און בויען, זיין אַ פיאָנער, ווי זיינע, נעלסאָנס עלטערן האָבן דאָס געטאָן מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, האָט דאָס אים, נעלסאָנען, פאַרכאַפּט און זייער שטאַרק געפעלן. האָט ער זיך טאַקע מיט אים נאָך מערער פאַר־אינטערעסירט און אָנגעהויבן נעמען אַ פּערזענלעכן נאָענטן אינטערעס, אין דניאלס פּראָיעקטירטער אונטערנעמונג.

פּראָפעסאָר נעלסאָן איז געווען אַ קאַליפאָרניער, אַ הי געבוירענער, אָדער אַ „נייטיוו סאָן", ווי מען רופט דאָ אָן אַזעלכן, מיט שטאָלץ, עד היום. זיין פאָטער, נאָך גאַר אַ יונגערמאַן, איז געקומען אַהערצו פון די „קענ־טאָקיס" נאָך אין דער צייט פון דער ערשטער גרויסער עמיגראַציע נאָך ווייטן מערב. געווען איז ער, ווי מען האָט גערופן יענע עמיגראַנטן־פּיאָנערן, פון די „ניין און פערציקער" („49"). געקומען איז ער אין יענער צייט, ווען קאַליפאָרניע האָט נאָר וואָס איבערגעביטן איר הערשאַפט איבער זיך, איז אַריבער פון מעקסיקאַנער הערשאַפט, צו די פאַראייניקטע שטאַטן, און ווען מאַרשאַל און סטוער, די באַרימטע אין דער געשיכטע, גאָלד פּראָס־פּעקטאָרן, האָבן אַנטדעקט גאָלד אין די בערג פון קאַליפאָרניע.

די דאָזיקע נייעס האָט דאַן אַרומגעכאַפּט גאַנץ קאַליפאָרניע ווי אַ ווילד פייער, און ס'איז געוואָרן דאָרטן, כמעט ביי אַלעמען, אַ מאַניע און אַ גייעג נאָך „פּראָספּעקטירן", — זוכן גאָלד. אַלע האָבן גענומען זיך איינפּאַקן זייער אָרעם ביסל באַלעבאַטישקייט און פאַרלאָזן די שטעט, נאָך די בערג און מינען, צו זוכן גאָלד.

באַלמעלאָכעס האָבן דאַן אויפגעגעבן זייער אַרבעט: דער סטאָליאַר האָט פאַרוואָרפן זיין הובל, דער שמיד די קאָוואַדלע, דער בעקער דעם אויוון און דער פאַרמער זיין סערפּ. אַלע, אַלע זיינען אַוועק צו די מינען:

ווער אויף פערד און ווער אויף אָקסן, ווער צופוס און ווער אויף קוליעס... די הייזער האָט מען פאַרלאָזן, געשעפטן האָבן זיך צוגעשלאָסן, די „פּער־ריס״, קליינע ים שיפן, האָבן זיך אָפּגעשטעלט, צוליב מאַנגל אין אַר־בעטער. וואו א כלי, האָט מען מיטגענומען מיט זיך. אַ שיסל, אַ טאַץ, אַ מולטער און אַ זיפּ... וואו אַ שטיק אײַזן, האָט מען פאַרוואַנדלט אין אַ גראַב־אײַזן, אַ לאָפּאַטע און אַ האַק; אַלץ האָט מען מיטגענומען צו די מינעס אין די בערג, — גאָלד גראָבן. געחלומט האָט מען, פאַרשטייט זיך, גיך רייך ווערן, און אַזוי ווי אַ סך האָבן טאַקע גאָלד געפונען און אויך, איבער נאַכט נתעשר געוואָרן, האָט זיך די דאָזיקע נייעס, גיך איבערגע־טראָגן און פאַרשפּרייט זיך איבער די שטאַטן. מיט גרויסן אימפּעט און פאַרכאַפּנדיקן אָטעם האָט מען זיך אָנגעהויבן אַ לאָז טאָן אַהערצו. און געצויגן האָט מען זיך אַהער, פון אַלע פיר עקן פון דער גרויסער אַמעריקע. ס'איז געווען דאָן, ווי ס'איז באַוואוסט אין דער געשיכטע, דער באַרימטער „גאָלד ראַש״, און דער געלאַף אַהערצו, האָט ניט געהאַט צו זיך קיין גלייכן אין דער גאַנצער אַמעריקאַנער געשיכטע.

דער געלאַף אָבער צו יענער צייט, האָט געמוזט זיין אַ לאַנגזאַמער, אַ שווער־דויערנדיקער. קיין באַנען זיינען נאָך דאָן, אין יענער צייט דאָ ניט געלאָפן, אויטאָמאָבילן אוודאי ניט, האָט מען זיך געשלעפּט מיט אָקסן, מיט אייזלען, מיטשלעפּנדיק מיט זיך די נויטיקע זאַכן און מכשרים. פאַמי־ליעס גאַנצע — מענער, פרויען און קינדער, האָבן זיך געצויגן אַהערצו, אין גאַנצע קאַראַוואַנען, איבער די טרוקענע וויסטע פּרעריס און משופּע־דיקע סיעררא בערג, ניט אָפּשטעלנדיק זיך פאַר קיינע שוועריקייטן, ניט רעכענענדיק זיך מיט קיינע אומעגלעכקייטן, כדי צו דערגרייכן דאָס פיל פאַרשפּראָכענע לאַנד: קאַליפאָרניע!!!

אַ סך, זייער אַ סך, זיינען אויפן מיטן וועג אומגעקומען, קיינמאָל זייער חלום און האָפנונג ניט דערגרייכט און גאָר אַ סך, האָבן מיט גוואַלדיקן מסירת־נפש, אומבאַגרענעצטן העראָאיזם און אויסדויער, דאָך דאָס גע־וואונטשטע, צוגעזאָגטע לאַנד פאַר זיך געפונען.

די מערסטע עמיגראַנטן און וואַנדערער, וואָס זיינען געקומען אַהערצו זוכן גאָלד, זיינען געווען, פון אַ פאַרשיידענעם, און טיילמאָל פון אַ צווייפל־האַפטיקן כאַראַקטער: אַוואַנטוריסטן, „געמבלער״ און אַנטלאָפענע פאַר־ברעכער, וכדומה. עס זיינען אָבער אויך געווען, צווישן די וואַנדערער, ניט ווייניק ערלעכע, אַרבעטזאַמע, נאַטור־ליבנדיקע, צו ערד־צוגעבונדענע געזונטע מענטשן; אַזעלכע וואָס האָבן זיך צום ווילדן מערב, צום נייעם

פיל צוזאָגענדיקן און פרוכטבאַרן לאַנד געצויגן. דאָ, אויף דער קאַליפאָר־ניער ערד, האָבן זיי זיך געוואָלט באַזעצן, איינוואָרצלען זיך דאָ, ממשיך זיין די ערד־אַרבעט פון דורות, וואָס איז צו זיי איבערגעגאַנגען בירושה און וואָס איז שטאַרק איינגעוועבט געווען אין זייער פלייש און בלוט.

פראָפעסאָר נעלסאָנס פאָטער איז געווען אָט פון יענעם, נאַטור גע־זונטן, אַרבעטס־וויליקן און שאַפנדיקן מענטשן. געקומען איז ער אַהערצו, מיט אַ סך אַנדערע ווי ער, אין יענער שטורמדיקער צייט, אין 1849, ווען דאָס לאַנד דאָ, האָט זיך נאָך געפונען אין דעם פראָצעס פון באַשאַפונג און עטאַבלירונג. געקומען איז ער אין אַ וועלט אַ נייער פול מיט ראָ־מאַנטישקייט און אַוואַנטורעס; אַ געמיש פון מענטשן, פון פאַרשיידענעם כאַראַקטער און קאַליבר; מענטשן אַזעלכע פאַרהאַרטעוועטע און בראַווע, אַזעלכע ווילד־פרימיטיווע אָבער אויך ערלעכע, מוטיקע און אָן מורא. אָט אין יענער שטורם און דראַנג עפּאָכע, און פון אָט יענער אַנגעלאָפענער פאַרשיידנאַרטיקער און געמישטער שטיק מענטשהייט, אַ דאַנק ווֶעמענס כוח און אומבאַגרענעצטער ענערגיע ס׳האָט אויפגעבליט אָט די פרוכטבאַרע מערבדיקע קעניגרייך, איז נעלסאָנס פאָטער, דאַן נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, געווען איינער פון אירע אַקטיווסטע שאַפער און מיטבויער.

פראָפעסאָר נעלסאָן איז געווען דער זון פון אַזאַ פּיאָנער. געבוירן און דערצויגן אויף קאַליפאָרניער ערד, אויף דעם פעטן באָדן פון דעם סאַקראַמענטאָ טאָל, מיטגעוואַקסן און מיטגעלעבט מיט דעם גאַנצן שאַפנ־דיקן פראָצעס פון דער נייער וועלט, האָט ער פאַרערלעכט דעם פּיאָנער, דעם מאַן פון אַרבעט, דעם שאַפער, דעם בויער, דעם באַן־ברעכער.

דניאלן האָט ער געזען אַלס אַזעלכן: ער האָט אין אים באַוואונדערט זיין גרויסן אינטעלעקט, זיין אומבאַגרענעצטן ווילן און ענערגיע, און דער עיקר, זיין גרויסע ליבע צו דער נאַטור — צו ערד...

אויף אייגענעם באָדן

אין דעם ברייטן און לאַנגן פרוכטבאַרן טאָל, וואָס ציט זיך פאַראַלעל מיטן ריינדזש פון די גרויסע און הויכע סיעררע בערג, איז געלעגן אַ קליין פאַרוואָרלאָזט דאָרף. דאָ, אין אָט דעם דאָרף, ווייט פון דער גרויסער געדיכט באַפעלקערטער שטאָט, וואָס איז געלעגן אין דעם האַרץ פון דעם ברייטן סאַקראַמענטאָ טאָל, וואָס איז דאַן באַשטאַנען, ווען די סיפור המעשה

הויבט זיך אָן, איינגאַנצן פֿון אַ פֿינף־און־צוואַנציק פֿאַמיליעס, האָט דניאל
אַ שטיק לאַנד זיך פֿאַרשאַפֿט. דאָ, אין דעם פֿאַרוואָרפֿענעם ווינקל, נאָך
כמעט ניט אַנטוויקלטן געגנט, האָט ער באַשלאָסן צו באַזעצן זיך, חתונה
האָבן, אויב די צוקונפֿטיקע באַשערטע וועט וועלן אַרויסקומען אַהערצו
צוזאַמען מיט אים פּיאָנערעווען. דאָ, אויף אָט דעם באָדן, וועט ער אויס־
כאָוועז אַ פֿאַמיליע, אַ געזונטע, אַ קרעפֿטיקע, אַן ערדישע, אַ נאַטור־ליבנ־
דיקע, ווי ביי זיי, ביי די שכנים אַרום. וואַקסן וועט ער דאָ מיט דעם
שטעטל, מיט די היגע מענטשן, ווערן וועט ער דאָ איינער פֿון זיי און אַר־
בעטן מיט זיי.

אַזוי האָט דניאל אויסגעלייגט פֿאַר זיך אַ פּלאַן פֿון זיין נאָענטער צו־
קונפֿט. נאָכדעם ווען ער האָט דעם גאַנצן אַרומיקן געגנט באַקוקט און
געלערנט, געגנוי זיך באַקאַנט מיט אַלץ, האָט ער דאַן די פֿערמע זיינע גע־
קויפֿט. די איינוואוינער פֿון דעם דאָרף, וואו דניאל האָט זיין לאַנד גע־
קויפֿט, זיינען באַשטאַנען מערסטנס פֿון אָרעמע פֿאַמיליעס, פּיאָנערן פֿאַר־
מער פֿון אַלטן שניט און שטייגער. צווישן זיי, אויך אַ מעקסיקאַנער פֿאַ־
מיליע מיטן נאָמען קאַנזאַלעס, וועלכע איז באַשעפֿטיקט געווען אַרום דער
באַן־סטאַנציע וואָס איז דאָ געשטאַנען ווי פֿאַריתומט ביים זוים פֿון שטע־
טעלע. די מערסטע פֿון די פֿאַרמערס האָבן זיך דאָ באַזעצט אויף רע־
גירונגס לאַנד, „האָמסטעדס”, וואָס זיי האָבן געקראָגן פֿון דער רעגירונג
פֿריי, און אַזוי ווי די מערסטע פֿון זיי זיינען געווען אָרעם און אָן מיטלען
צו אַנטוויקלען זייער לאַנד און נחלות, האָט דאָס קליינע דאָרף געמאַכט
דאָ דעם איינדרוק ווי פֿאַרוואַרלאָזט און פֿאַרנאַכלעסיקט, פֿאַרלאָזט און
אָפּגעשיידט פֿון וועלט און מענטשן. עס זיינען אָבער אויך געווען אָן אַ
שיעור מעגלעכקייטן און געלעגנהייטן פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון דעם
לאַנד אויף אַ גרויסן פֿאַרנעם.

דער גאַנצער געגנט אַרום איז נאָך כמעט ווי ניט עקספּלואַטירט גע־
וואָרן. לאַנד איז דאָ געווען לרוב און די ערד איז דאָ אַזאַ פֿעטע, אַזאַ
זאַפֿטיקע, אַ טונקל ברוינע און אַ וואָרצלדיקע. וואַקסן קען דאָ כסדר, פֿון
אַלץ און אָן שוועריקייטן. וואָס דאָ האָט באמת געפֿעלט, איז דער מענטש
מיט וויסן, מיט איניציאַטיווע און אַמביציע. און דער עיקר, מיט אַן אויג
פֿאַר דער צוקונפֿט, וואָס ס׳קען פֿון אָט דעם גרויסן שטח לאַנד ווערן,
ווען מען זאָל דאָס ווי געהעריק אויסנוצן, עקספּלואַטירן און פּראָדוקטיווי־
זירן. דאָ, האָט זיך באמת געפֿאָדערט אַזאַ מענטש מיט אַ סך ענערגיע און
מוט און מיט דער וויזיע פֿון אַ געבוירענעם פּירער, בויער און שאַפֿער:

נעמען אָט דאָס רוי, נאָך ניט אַנטוויקלט, כמעט ווילד לאַנד, און דורך און מיט דער ענערגיע פון מענטשלעכן כוח און וויסן, מיט דער הילף פון מאָ־דערנע מאַשינערייען און דערפאַרענער פאַרוואַלטונג, באַשאַפן דאָ אַ גרויס מאָנומענטאַל ווערק; פאַרוואַנדלען אָט דעם ניט אַנטוויקלטן באָדן, אין אַ פּלאַץ פון איבערפליסיקער שפע; פון אָט דער רוי־ערד, באַשאַפן דאָ אַ בליענדיקן גאָרטן פון אַלדאָס גוטס, אויף אָט דער גאָט־געבענטשטער ערד.

דניאל האָט דאָס אַלץ אַרום געזען און געפילט ביי זיך, אַז ער איז דער, וואָס איז באַרופן אַזאַ גרויסע זאַך דורכצופירן. ער האָט געזען אַז די מעגלעכקייטן זיינען פאַראַן, מען דאַרף זיי בלויז אויסנוצן אין דער געהע־ריקער ריכטונג און ווי ס׳באַדאַרף צו זיין.

די לאַנד איז דאָ רייך און פעט, די זון שיינט דאָ כמעט אַ גאַנץ קיי־לעכדיק יאָר, די לאַנגע קייט פון די גרויסע סיעררא בערג, באַשיצן דאָ דעם גאַנצן טאָל פון שטאַרקע ווינטן און שטורמס, די לופט איז דאָ אַ מילדע, אַ וואַרעמע, וואָס איז אַמבעסטן צוגעפאַסט און אַדאַפּטירט פאַר די מערסטע פלאַנצונגען. אייך מניעה נאָר איז דאָ פאַראַן — און אַ זייער שווערע מניעה, האָט ער באַזאָרגט געטראַכט וועגן דעם און דאָס איז, — וואַסער, וואַסער! דאָס איז דער עיקר!

מאַנגל אין וואַסער איז אומעטום געווען אַ שטערונג און אַן אָפּהאַלט פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַ שפע׳דיקן לעבן אויפן לאַנד, און אויך דאָ קאָן דאָס זיין די איינציקע מניעה.

דניאל האָט גוט געוואוסט, אַז פעטע ערד, געזונטע זריעה, אַ גענוג־דיקער איבערפלוס פון וואַסער און זונשיין, זיינען די וויכטיקסטע נאַטור־פיזישע כוחות און באַזיס, פאַר אַ געזיכערט שפע׳דיק לעבן. זיינען טאַקע אָט די אַלע עלעמענטאַרע זאַכן דאָרטן געווען, חוץ וואַסער. דאָס ביסל וואַסער וואָס די פאַרמערס האָבן דאָרטן יאָ געהאַט, איז געווען גענוג בלויז פאַר דעם היימישן געברויך, וואָס אייניקע פון זיי האָבן אַרויסגע־צויגן פון די קליינע ניט אַנטוויקלטע וואַסער קוואַלן, וואָס האָבן זיך גע־אָדערט אין די נאָענטע פוס־בערגלעך. אַנדערע ווידער האָבן, דאָ און דאָרטן, געהאַט קליינע ברונעמער, אָבער אַלץ ניט גענוג צו קענען באַ־וואַסערן אַ גרעסערן שטח לאַנד, ווי זיי האָבן געוואָלט און געוואונטשן. די מערסטע האָבן זיך דעריבער געמוזט אָפּגעבן מיט „טרוקענער פאַרמינג״.

דניאל האָט אָבער אויך געוואוסט, אַז די שווועריקייט פון דעם וואַסער פראָבלעם קען מען אויך בייקומען. ער האָט גוט געוואוסט די טאָפּאָגראַ־

פֿיע פֿון דעם גאַנצן בערגיקן אַרום און אַז אין דעם סאַמע האַרץ פֿון די בערג, אין זייערע קנייטשן און פֿאַלדן און אויך, אויף די גאָר גרויסע, גאָר הויכע, כמעט שטענדיק שניי־באַדעקטע באַרג־שפּיצן און פּלאַכן, זיינען פֿאַראַן גענוג וואַסער שטראָמען און קוואַלן. דאַרף מען אָט די שטראָמען אַנטוויקלען, אָפּציען זיי, דירעקטירן און פֿאַראַנקערן זיי צו אַ באַשטימטן פּאַסיקן פּונקט. דאָס הייסט, דורך דעם אויפֿבוי פֿון אַ גרויסער וואַסער־דאַמבע. די וואַסערן וואָס זיינען דאָרטן איצט פֿאַראַן, לויפֿן איצט אָן אַ זין און אָן אַ ציל, כמעט ווי אין ניוועץ. אָט די אַלע אָנגעשטראָמטע וואַסערן פֿון די צוגעגאַנגענע שנייען און בערג קוואַלן, קען מען אָפּציען צו אָט דער גרויסער אויפֿגעבויטער דאַמבע, און ווען דאָס דערגרייכט, איז דאָס וואַסער פּראָבלעם געלייזט: דעם גאַנצן טאָל וועט מען דאַן קענען פֿאַר־פֿלייצן מיט אַן איבערפֿלוס פֿון וואַסער, און אַז וואַסער וועט זיין, וועט פֿון אַלץ דאָ זיין... דער גאַנצער טאָל וועט זיך צובליען אין איין גרויסן גאָטס־גאָרטן, מענטשן מיט אונטערנעמונגס גייסט און כוח וועלן זיך ציען אַהערצו, באַזעצן זיך דאָ, באַאַרבעטן די ליידיקע און פּוסטע לענדערייען, אויסנוצן די אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן וואָס זיינען דאָ פֿאַראַן, און אַ גרויסע שפֿע וועט זיך דאָ פֿאַנאַנדערוויקלען און די ברכה פֿון דער ערד וועט זיך דאָ פֿאַנאַנדערשפּרייטן.

מיט דעם געדאַנק אין אויג און מיט דעם לעת־עתה ניט גענוי אַנט־וויקלטן פּלאַן, איז דניאל צו זיין באָדן און נחלה צוגעקומען.

די לאַנד און נחלה וואָס דניאל האָט אָפּגעקויפֿט, איז באַשטאַנען פֿון אַ גרויסן שטח לאַנד, אַ דריי הונדערט און צוואַנציק אַקער. ס'איז געווען אַן אַלט פֿאַרוואָרלאָזטער „האָמסטעד"; דער גרעסטער טייל פֿונם לאַנד איז ניט געווען קולטיווירט; אַרום אַן אַלט הויז פֿון פֿיר צימערן, וואָס האָט זיך דאָרטן אויפֿן לאַנד געפֿונען, זיינען בלויז אַ קאַרגע צוויי אַקער פֿאַר־פּלאַנצט געווען אין אַפּריקאָסן, אָבער זייער פֿאַרנאַכלעסיקט. ניט ווייט פֿון דער הויז איז געשטאַנען אַ קליינע שטאַל, כמעט האַלב צעגומען און צעבראָכן. קענטיק מען האָט געבראָכן שטיקער פֿון דער שטאַל פֿאַר פֿייער־האָלץ. די הויז איז געווען שרעקלעך פֿאַרלאָזן, דאָס פּאַפּיר אויף די ווענט איז געווען לויז און ערטערווייז אינגאַנצן אָפּגעריסן. די קאַלך אויפֿן סופֿיט איז געווען ברודיק און אָפּגעקראָכן, די גאַנצע הויז איז געווען כמעט ווי אַ שטיק חורבה. די הויז איז געשטאַנען אַ צייט ליידיק, ניט באַוואוינט; היימלאָזע פֿאַרבייגייערס, „האָבאָס" פֿלעגן ניט זעלטן מאַכן דאָרטן זייער נאַכטלעגער.

די גאַנצע פֿערמע איז געווען אַן אָפּגעלאָזטע, אַ פֿאַרלאָזענע. קענטיק, אַז דער פֿריערדיקער אייגנטימער האָט ניט מיט קיין איבריקער זאָרגעוודיקייט אויפֿגעהאַלטן זיין פּלאַץ. ס׳האָט אויסגעזען, אַז דער פֿריערדיקער באַלעבאָס איז געווען פֿון יענע „האָמסטעדערס" וואָס נעמען לאַנד פֿון דער רעגירונג, מערסטענס פֿאַר ספּעקולאַציע, איידער אויף אַן אמתן זיך באַזעצן אויפֿן באָדן צו באַאַרבעטן און קולטיווירן. אַזוי גיך ווי אַזאַ מין סאָרט פֿאַרמער, ספּעקולאַנט, איז „אָפּגעזעסן" אויף דעם „האָמסטעד" דעם געפֿאָדערטן טערמין פֿון דער רעגירונג, האָט געמאַכט די נויטיקע און געפֿאָדערטע איינריכטונגען און ארויסגעקראָגן פֿון דער רעגירונג די געזעצלעכע אָנווייזונג־רעכט אויף דעם באָדן, האָט ער דעם „האָמסטעד" געזוכט צו פֿאַרקויפֿן און פֿאַרלאָזן.

די פֿערמע וואָס דניאל האָט אָפּגעקויפֿט איז געווען פֿון דעם מין. ער האָט אָנגעהויבן דעריבער פֿון סאַמע אָנהויב, ווי אַ פּיאָנער, מיט רויען באָדן. און דאָס האָט אים דוקא אימפּאָנירט. ער האָט געוואָלט ארויפֿקומען אויפֿן לאַנד און ניט טרעפֿן דאָרטן אַלעס פֿאַרטיק, איינגעריכטעט, וואו איינער האָט שוין פֿון פֿריער אַריינגעלייגט זיין אייגענע פּראַצע, זיין דערפֿאַרונג און געשמאַק. געוואָלט האָט ער אַלץ אליין באַשאַפֿן, מיט זיין אייגענעם מוח פֿאַרטראַכטן, דורכפֿירן פֿון די קלענסטע ביז גרעסערע זאַכן אַליין. ער האָט געוואָלט ארויסקריגן די פֿולע מאָס באַפֿרידיקונג פֿון זיין אייגענעם באַשאַף, זיין אַליין דער עדות און שאַפֿער פֿון אַלץ ביי אים אויפֿן לאַנד, מיט שטאָלץ און פֿרייד זאָל ער קענען אָנווייזן נאָכדעם, אַז דאָס האָט ער אליין געטאָן, ער איז געווען דער באַשאַפֿער פֿון דעם אַלץ, מיט זיין כוח און וויסן האָט ער פֿאַרוואַנדלט אָט דעם ווילדן, פֿאַרוואָרלאָזטן און צובראָכענעם פּלאַץ אין אַ שיינעם בליענדיקן גאָרטן.

ס׳איז געווען האַרבסט צייט, ווען דניאל האָט איבערגענומען די פֿער1מע. קיין צודרינגלעכע אַרבעט אויפֿן לאַנד איז ניט געווען, האָט ער זיך צוערשט גענומען צום הויז און באַלעבאַטישקייט פֿאַרריכטן, ברייגען אַלץ אין אָרדנונג: דאָ האָט ער באַדאַרפֿט שויבן אין אויסגעבראָכענע פֿענסטער אַריינשטעלן, דאָרטן אַ טיר אויפֿהייגען. דאָס טאַר־פּאַפּיר אויפֿן דאַך פֿון הויז איז ערטערווייז געווען אָפּגעריסן, האָט מען דאָס געמוזט, איידער די רעגנס קומען אָן, פֿאַריכטן. אינווייניק אין הויז, האָט ער די סטעליעס וויס געקאַלכט, די ווענט מיט נייעם שפּאַליער טאַפּעצירט און אין דרויסן, האָט ער דאָס גאַנצע הויז און אויך דעם שפּיציקן פֿאַרקענדל אַרום הויז, אָפּגעפֿאַרבט מילך־וויס. דאָס גאַנצע הויז זיינס, האָט זיך אַרויסגעזען פֿאַר

אַ גאַנץ ווייטן שטח אין דעם גרויסן, גרויען, ליידיקן, כמעט ניט באַוואוינטן אַרום.

קאַנזאַלעס, דער געהילפס אַרבעטער פון דער נאָענטער באַן־סטאַנציע, מיט זיין גאַנצער פאַמיליע, פרוי פאַרסעליע, זייער פופצן־יאָריקער בחור ראָבערט, און זייער טאָכטער, מאַגדאַ, — אַ ברוין־הויטיקע, שוואַרץ־אויגיקע מיידל, פון אַ יאָר צוויי־און־צוואַנציק. אַלע צוזאַמען, מיט דניאלן, האָבן גאַנצע דריי וואָכן צייט שווער געאַרבעט אויף דעם פלאַץ, ביז זיי האָבן דאָס געבראַכט צו אַן אַנשטענדיקן און בכבודיקן אויסזען.

ריין, פריש, צוגעפוצט און אָפגעפאַרבט, פון אינעווייניק און דרויסן, איז דאָס פריערדיק אָפגעלאָזן און פאַרוואָרלאָזט הויז, באמת געווען שוין ניט צום דערקענען.

ווען דניאל האָט זיך אָפגעפאַרטיקט מיט זיין אַרבעט אין און אַרום זיין הויז, האָט ער ניט פאַרפעלט צושיקן צו זיין פריינט, דעם פראָפעסאָר נעלסאָן אַ בריוועלע, אין וועלכן ער פאַרבעט אים מיט זיין פאַמיליע, אויף אַ באַזוך צו אים, אויף זיין פאַרם. דרך אגב, האָט ער דערמאָנט אין בריוול צו נעלסאָנען, אַז איצט, ווען ער איז שוין אַ ביסל איינגעאָרדנט, וועט ער האָבן אַ ביסל מער צייט צו שענקען אויפמערק זיינע שכנים־פאַרמער. ער האָפט צו קענען געבן זיי די נויטיקע אינפאָרמאַציע וועגן בעסערער פאַרמינג, מיט דער הילף פון „דייוויס", נאַטירלעך. ער זעט, שרייבט ער נעלסאָנען, אַז די היגע פאַרמער דאָ, באַאַרבעטן זייער לאַנד כמעט פרימי־טיוו, אויפן אַלטן שטייגער. פון געקליבענע, געזונטע זריעה און פלאַנ־צונגען, ווייסן זיי הפנים ניט, און פון דעם גרויסן ווערט פון וואוקס־ראָ־טאַציע האָבן זיי אַפילו ניט געהערט. מען מוז זיי מיט דעם באַקענען. זיי נויטיקן זיך אַבסאָלוט אין עצות און אינפאָרמאַציעס, זיי וועלן זיכער פון דעם אַ סך לערנען און פראָפיטירן, ווען דאָס וועט צו זיי געבראַכט ווערן.

מיט אַ דריי וואָכן שפעטער האָט דניאל דערהאַלטן פון פראָפעסאָר נעלסאָן אַן ענטפער אויף זיין בריוול, אין וועלכן ער זאָגט אים אָן אַ זייער דערפרייענדיקע, פאַר אים, בשורה: ער שרייבט אים, אַז דעם בריוו זיינעם האָט ער געלייענט פאַר דער „באָארד" פון דעם פאַקולטעט. כאָטש דער בריוו זיינער איז געווען אַדרעסירט צו אים פערזענלעך, האָט ער אָבער געפונען פאַר נויטיק צו באַקענען די „באָארד" מיט דעם ענין פון דעם בריוו. מחמת אייערע געדאַנקען און אָפערוויליקייט, זיינען פון אַ פאַר־דינסטפולן אַגריקולטורעלן ווערט. ער שרייבט אים ווייטער אין בריוו,

אַז ער, פּראָפעסאָר נעלסאָן, זעט פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן און אַ סך וואוילזיין פאַר די פאַרמער פון טאָל, מיט זיין, דניאלס באַזעצן זיך דאָרטן.

— איך בין גליקלעך אייך צו אינפאָרמירן, שרייבט ער אים, אַז די „באָארד" פון פאַקולטעט, טיילט אויך די זעלביקע מיינונג, און מען האָט טאַקע גלייך באַשלאָסן, אייך מודיע צו זיין, אַז זיי האָבן בדעה צו עטאַב־לירן אויף אייער פּלאַץ, מיט אייער צושטימונג, נאַטירלעך, אונטער אייער אויפזיכט, אַ „ביוראָ פאַר אינפאָרמאַציע" צו די פאַרמער פון דעם גאַנצן טאָל ארום אייך. ס׳פאַרשטייט זיך, האָט ער אויך ניט פאַרפעלט צו דער־מאָנען אינם בריוו, אַז דער פאַקולטעט וועט זיכער באַשטימען אַ געוויסע סובסידיע פאַר דעם צוועק, וואָס וועט זיין פון אַ ממשותדיקער הילף פאַר אייער וויסנשאַפטלעכער עקספּערימענטאַציע. עס ווערט אַרויסגעשיקט צו אייך, שרייבט ער אים צום סוף פון בריוו, אַלע נויטיקע פּאַפּירן, בולעטינען פון אַגריקולטורעלן און אינפאָרמאַטיוון ווערט פאַר די פאַרמער.

מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, האָט מען אים געלאָזט וויסן פון דער באַן־סטאַנציע אַז ס׳איז פאַראַן דאָרטן אַ פּאַקעט, אַדרעסירט צו אים. ווען קאַנזאַלעס האָט געבראַכט צו פירן דעם פּאַקעט, האָט דניאל געפונען דאָרטן די אַגראַר ליטעראַטור, בולעטינען און פּאַמפלעטן, וואָס נעלסאָן האָט הערמאָנט אין זיין בריוו. אויך האָט ער געפונען צווישן די פּאַפּירן און ביכלעך, אַ שילדל מיט שוואַרץ און גאָלד — „אינפאָרמאַציע ביוראָ פאַר פאַרמערס".

ביים סאַמע פאָדער־אַריינגאַנג, איבערן גאַניקל, האָט דניאל דאָס שילדל אויפגעהאַנגען און דאָס דאָזיקע שילדל האָט גאָר גאוהדיק און מיוחסדיק אַראָפּגעקוקט צום טאָל און זיינע פאַרבייפאָרער. דאָס שילדל האָט צוגעגעבן צום גאַנצן פּלאַץ, עפּעס אַ מין אָפיציאַליטעט און אַרויסגע־רופן צו זיך און זיין באַזיצער אַ מין חשיבות און דרך ארץ.

דניאל האָט דעם פאָדער־צימער פון זיין וואוינונג, זייער שיין און ווירדיק אויסגעשטאַט. ס׳האָט באמת געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אָפיציעלע ביוראָ: די ווענט האָט ער באַצירט מיט פּאַסיקע בילדער. איבער אַ גרויסן טיש, וואָס איז געשטאַנען אין דער מיט, ביי דער מזרח־וואַנט און וואָס ס׳האָט אים אויך געדינט אַלס זיין שרייב־טיש, איז איבער אים אויף דער וואַנט, געהאַנגען דער פּאָרטרעט פון אייברעהעם לינקאָלן. זייט ביי זייט מיט לינקאָלנס פּאָרטרעט, איז געהאַנגען דניאלס אוניווער־סיטעט דיפּלאָמא. אויף די אַנדערע ווענט, זיינען געהאַנגען פאָטאָגראַפיעס פון אַגראַרישן אינהאַלט און כאַראַקטער: אויף איין בילד האָט זיך בולט

געזען אַ גרויסע דרעש־מאַשין, אויף אַ נאָר וואָס אָפּגעשניטענעם ווייצן־פּעלד; אַרבעטער שטייען אַרום אָנגעפּילטע גרויסע זעק מיט ווייץ, און לייגן אָן די זעק אויף גרויסע לאַסט־וועגענער, גרייט אַוועקצופירן זיי אין די שפּייכלערס. אַן אַנדער בילד, ווייזט אָן קלאָר אויף אַ מאָדערנע מילך־ווירטשאַפט — לאַנגע רייען מיט אומצייליקע בהמות, שטייען אין אַ ווייס ליכטיקער געביידע, אין אָפּגעצוימטע, פּאָר זיי, פּלעצער; צו זייערע בריסטן זיינען צוגעריכטעט אַזעלכע גומענע רערלעך און די רערלעך ציען זיך צו אַ גרויסער ווייסער כלי אַזאַ, אַ טאַנק, וואָס נעמט אריין אין זיך די אָנגעצאַפּטע מילך פון די בהמות, געטריבן דורך די גומענע רערלעך, מיט דער הילף פון אַ גרויסן עלעקטרישן מאָטאָר. אַ דריט בילד ווייזט אַ גרויס שפּיל־פּעלד אַרום „בוירקלי״, וואו די סטודענטן שפּילן „פוס־באָל״; צווישן די שפּילער זעט זיך פּראָמינענט ארויס דניאל. נאָך אייניקע בילדלעך דאָ און דאָרט, פון פאַרשיידענעם אינהאַלט.

אויף אַ צווייטן טיש, נעבן אַ פענצטער, איז געלעגן אויסגעלייגט אין אַ סדר אַ ריי מיט בולעטינען, סירקולאַרן און ביכלעך מכוח פאַרמעריי, מיט טיטולירטע אויפשריפטן וועגן מילך־ווירטשאַפט, עופות און בינען־צוכט; ווי אַזוי צו פיטערן חזירים, ווען און ווי אַזוי צו פלאַנצן בוימער, די ווערט פון ראָטאַציע א. א. וו. אין שכנות מיט דער ליטעראַטור אויפן טיש, איז פראָמינענט געשטאַנען אַ קאַרטל מיט אַן אויפשריפט, „נעמט דאָס, ס׳איז פריי״... ביים סאַמע פאָדער־אריינגאַנג פון גאַנעק איבערן הויז איז געהאַנגען די שוין דערמאָנטע שילדל „גאָלד אויף שוואַרץ״ און איינ־געלאַדן צו זיך באַזוכער, דורכפאָרער און פאַרבייגייער.

ס׳איז געווען נאָך שניט־צייט. דער גאַנצער געגנט אַרום פאָר מיילן־ווייט, וואָס איז דעם זומער פאַרפלאַנצט געווען אין ווייץ און אין מאַלעמייז־קאָרן, איז דער שניט שוין געווען איינגאַנצן אַראָפּגענומען; די אָפּגעשני־טענע זאַנגען, קורצע און שפּיציקע, האָבן שאַרף אַרויסגעשטאַרטשעט פון דער טרוקענער ערד און דאָס גאַנצע לאַנד, ווייט ביזן האָריזאָנט, האָט אויסגעזען ווי אַ געל־שטויביקער פלאַכער צודעק. קיין סימן פון גרינקייט אין דעם גאַנצן גרויען אַרום. ס׳האָט אויסגעזען, אַזוי ווי די ערד, נאָך אַ לאַנגן זמן פון שווערן און מידן שאַפן און איבערשאַפן, האָט ענדלעך, נאָך אָט דער שווערער אַרבעט וואָס זי האָט אָפּגעטאָן, איינגעשלאָפן מיט אַ שווערן שלאָף פון מידקייט און אויסשעפּלעכקייט.

ס׳איז געווען די צייט, צווישן סעזאָן, ווען קיין זאַך אויפן לאַנד ווערט געטאָן, ווען די נאַטור־כוחות אין דער ערד לאָזן אָפּ זייער שעפערישקייט

און פראָדוקטיוויטעט. — ניט ס'האָט וואו געבליט, ניט ס'איז עפּעס געוואקסן, ניט ס'איז געווען ווינט און ניט ס'איז געווען רעגן. און אויף רעגן האָבן איצט אַלע פאַרמער פון טאָל מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט. אַ גוטער רעגן אין יענעם מאָמענט, וואָלט די ערד ווייכער געמאַכט אָנצוהייבן דעם ערשטן האַרבסטיקן פאַראַקערן, באַזונדערס האָט דאָס דניאל זייער שטאַרק געוואָלט וואָס גיכער אויפצוברעכן דעם באָדן זיינעם, וואָס האָט שוין זייער לאַנג קיין אַקער אַייזן אויף זיך ניט געהאַט. פאַרפלאַנצן האָט ער איצט געוואָלט אַ ווילדן האָבער, כדי נאָכדעם דאָס נאָכאַמאָל איבעראַקערן, אין פריען פרילינג. ער האָט געוואָלט וואָס גיכער פאַרטיק מאַכן און צוגרייטן די ערד ווי געהעריק, כדי זי זאָל אויפנעמען די ערשטע זריעה און יונגע פלאַנצונגען מיט פאָלקאָמענער פרוכטבאַרקייט.

פיט איראַסמוס

אין אַ שיינעם פרימאָרגן, איז צו דניאלס הויז צוגעפאָרן אין אַ פערד און וועגעלע, אַ מיטל־יאָריקער, הויך־געוויקסיקער און פעסט־געבויטער מאַן. ער איז צוגעקומען צום הויז, באַטראַכטנדיק דאָס שילדל וואָס איז געהאַנגען איבערן פראָנט פון גאַנעק, איז ער מיט ניט געאיילטע, אָבער זיכערע טריט, צוגעקומען צום טיר און אָנגעקלאַפּט.

דניאל איז ארויסגעקומען פון צווייטן צימער און דעם פרעמדן פאַרבעטן אין הויז אריין.

— גוטער מאָרגן אייך, שכן! מיין נאָמען איז פּיט, פיט אַרימסוס, — האָט דער פרעמדער גלייך אָן שום פניות זיך פאָרגעשטעלט.

— כ'בין גליקלעך אייך צו קאָנען, — האָט דניאל אים געענטפערט, פריינדלעך אים אויפגענומען און פאַרבעטן אים זיצן.

— ווי איר זעט, בין איך שוין אין אָט דעם טאָל, באַלד אַ פופצן יאָר. כ'וואוין אָט דאָרטן אָ — ווייזט ער אָן דניאלן מיטן האַנט דורכן פענצטער צו צפון צו — ניט וויט פון דאַנען, אַ מייל און אַ פערטל אינגאַנצן. ס'איז אַ ברוין הויז מיט אַ שפּיציקן שינדל־דאַך, שטייט נעבן דעם קרייץ־וועג פון „באַנעוויל" און „סאנאמא", מען קען דאָס ניט אויסמיידן. געקומען בין איך זיך באַקענען מיט אַ נייעם שכן און טאַקע זיך אויך דורכשמועסן וועגן אַ וויכטיקן ענין. ווי כ'זע, זענט איר פאַרבונדן מיטן

אַגריקולטור קאַלעדזש פֿון סטייט — אַנווייזנדיק מיט זיין האַנט אויף דער ליטעראַטור וואָס ס'איז געווען אויסגעלייגט אין אַ סדר, אויפֿן טיש, — אייך איז מסתמא גוט באַקאַנט די לאַגע פֿון די היגע פֿאַרמער און באַזונדער פֿון אונדז קליינע פֿאַרם־באַזיצער. פֿון איין זייט, ליידן מיר דאָ פֿון אַ שטאַרקן מאַנגל אין וואַסער און פֿון דער צווייטער זייט, ליידן מיר דאָ פֿון די גוואַל־דיק רויבערישע פּרייזן פֿון דער באַן קאָמפּאַניע, וואָס רעכנט אונדז פֿאַר אַריבערשיקן אונדזער ביסל אָרעמע פּראָדוקטן צום מאַרקעט. נו, בין איך געקומען זיך דורכשמועסן מיט אייך, אָט וועגן דעם ענין, הערן אויך אייער מיינונג און טאַקע אויך אַ גוטע עצה, וואָס ס'קען געטאָן ווערן קאָלעקטיוו, כדי צו פֿאַרגרינגערן אָט דעם איבל אונדזערן.

דניאל האָט אים פֿריינטלעך אויסגעהערט, זייער באַשיידן און אָפּנ־האַרציק אים געענטפֿערט:

— פֿריינט איראַסמוס, כ'בין זייער גליקלעך און צופֿרידן, וואָס איר זענט געקומען צו מיר. איר זענט דער ריכטיקער מענטש, גלויב איך, מיט וועמען כ'וואָלט גערן געוואָלט זיך פֿאַרבינדן. קודם כל, וויל איך איר זאָלט וויסן, כאָטש כ'בין אָפֿיציעל פֿאַרבונדן מיטן „קאָלעדזש", בין איך אָבער איינער פֿון אייך. כ'האָב דאָ געקויפֿט דאָס לאַנד ניט פֿאַר ספּעקו־לאַציע, נאָר מיט דעם איינציקן צוועק דאָס צו באַאַרבעטן, זיך איינלעבן דאָ מיט די שכנים פֿון טאָל, זיין איינער פֿון אייך. אייערע צרות און פֿאַר־לוסטן, וועלן אויך זיין מיינע, אייערע פֿריידן און געווינסן, וועלן זיין אונ־דזער אַלעמענס.

— כ'בין געענוי באַקאַנט, האָט ער באַמערקט צו איראַסמוסן, מיט דער לאַגע פֿון די היגע פֿאַרמער אַרום. כ'וויס, ווי שווער ס'לעבט זיך אייך דאָ. אָבער, אָט די שווערע באַדינגונגען קאָנען אַ סך, אַ סך פֿאַר־גרינגערט ווערן, ווען די פֿאַרמער אליין וועלן דאָס וועלן. מיר דאַרפֿן דאָ זיין אָרגאַניזירט, האָט דניאל שוין אָנגעהויבן צו רעדן, ווי איינער פֿון זיי. מיר מוזן זיך צוהערן צו דעם רוף פֿון דער צייט און לערנען פֿון דער פֿאַרונג. עס זיינען פֿאַראַן דאָ אַ סך זאַכן, וואָס קאָנען געטאָן ווערן צוזאַ־מען און פֿאַר אַלעמענס גרויסן נוצן: מיר קענען קאָאָפּעראַטיוו „מאַרקעטן" אונדזערע פּראָדוקטן, טיילווייז אַפֿילו קאָאָפּעראַטיוו באַאַרבעטן דעם באָדן, און ווען נויטיק אַפֿילו, זיין אָרגאַניזירט פּאָליטיש. נאָר דאַן ווען מיר וועלן ווערן אַ מאַכט עקאָנאָמיש און פּאָליטיש, וועלן אַ סך פֿון די איצטיקע שווערע איבלען אונדזערע באַזייטיקט ווערן.

פּיט איראַסמוס איז געווען אַ מאַן אין די מיט־פערציקער; געקומען איז ער אַהערצו, אין דעם סאַקראַמענטאָ טאָל, מיט אַ קאַרגע פופצן יאָר צוריק. גענומען האָט ער דאָ אַ „האָמסטעד״ ווי אַ סך אַנדערע, „געפאַרמט״ האָט ער דאָ זיין לאַנד די גאַנצע צייט, אין ווייץ און האָבער; ניט האָבנדיק געגוג וואַסער האָט ער זיך פאַרנומען מיט „טרוקענער פאַרמינג״ און האָט כסדר ארויסגעקוקט פאַר אַ גערעטעניש, דורך רעגן. איז ניט געווען גענוג רעגן אַ סעזאָן, איז דער שניט פאַרשטייט זיך, געווען אַ מאַגערער. אַ פאַ־מיליע האָט ער געהאַט אַ גרויסע: זיין פרוי, צוויי בחורים און דריי מייד־לעך. איז טראָץ דער הילף פון זיינע דערוואַקסענע קינדער, האָט ער קוים, קוים געקענט דורכקומען. איראַסמוס ווי אַ סך אַנדערע פון זיינע שכנים, האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט איין מין פאַרמעריי: ווייץ און האָבער איז געווען דער אויסוואַל פון דעם גאַנצן געגנט ארום.

די גרויסע לאַנד־באַזיצער, וועלכע האָבן „געפאַרמט״ אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב, מיט גרויסע מאַשינערייען און אַ סך אַרבעטער הילף, האָבן אויך פאַר די לעצטע פאַר סעזאָנען, קיין גאַר גרויסע גליקן ניט געמאַכט. ווייניק רעגן איז געגאַנגען די לעצטע פאַר ווינטערן, און די רויבערשע פּראַכט־פרייזן פון דער באַן קאָמפּאַניע האָט אויך זיי ניט געשאַנעוועט. איז דער דאָזיקער איבל, געהאַנגען איבער זיי ווי דאַמאָקלעס שווערד. פאַר דעם קליינעם לאַנד־באַזיצער, איז דער דאָזיקער מצב, גאָר געווען אַ שלעכטער און זיינען דעריבער אונטערוואָרפן געווען צו אַ קלעגלעכער עק־זיסטענץ. קאָנקורירן מיט די גרויסע לאַנד־באַזיצער האָבן זיי ניט גע־קאָנט, פלעגן זיי זייער אָפּט אַנדינגען זיך צו אַרבעטן פאַר זיי, פאַר די גרויסע, פאַר אַ קליינעם געהאַלט. האָבן זיי טאַקע דעריבער פאַרנאַכלע־סיקט זייער אייגענעם באָדן און ווירטשאַפט.

דניאל האָט דאָס גוט געוואוסט און ניט ווייניק געטראַכט דערפון פריער. ער האָט דעריבער, אין זיין געשפּרעך מיט איראַסמוסן, געזוכט אים צו דערווייזן די נויטיקייט צו אָרגאַניזירן די פאַרמער אין אַ קאָ־אָפּעראַטיוו אָדער אַן אַסאָציאַציע, און מיט דער צייט אויך צו ענדערן דעם מעטאָד פון באַאַרבעטן דאָס לאַנד און אויך בייטן דעם אויסוואַל פון פאַרזיי און פּראָדוקטן פאַרן מאַרקעט.

— די פאַרמער — האָט דניאל געזוכט אים צו איבערצייגן — נוצן דאָ ניט אויס זייער לאַנד פאַר וואָס ס'איז באמת צוגעפּאַסט, אָדער גינסטיק. דאָ, קאָנען וואַקסן אַזעלכע פלאַנצונגען, גרינסן און פּרוכטן, וואָס וועט אריינברייגנען דעם קלענערן פאַרמער ווען ער וועט ריכטיק זיך אָפּגעבן

מיט באַארבעטן די ערד, אַ גאַנץ פֿיינעם און גרויסן איינקונפֿט. די לאַנד איז דאָ רייך און פֿעט און קאָן באַנוצט ווערן, פֿאַר בעסערע און מערער באַצאָלטע פּראָדוקטן, ווי ווייץ און האָבער, מיט וואָס די פֿאַרמער גיבן זיך דאָ אָפּ. ווייסט איר, פֿריינט איראַסמוס, האָט דניאל שטאַרק באַטאָנט, אַז איר דאָ, ווי די מערסטע פֿאַרמער פֿון העם שניט, ווערן דאָך אייגנטלעך קאָנטראָלירט פֿון „וואָל סטריט" און „ליווערפּול"; אייער גאַנצע פּראָצע ווערט דאָך אָוועקגעגעבן די גרויסע „בערן", און אייערע קלעגלעכע פֿאַר־דינסטן ווערן אויפֿגעגעסן פֿון די רויבערשע אַפּעטיטן פֿון די היגע באַן־קאָמפּאַניעס. אָרגאַניזירט, און מיט פּראַקטישער פּלאַנירונג, וועט אונדז געלינגען צו באַזייטיקן די מערסטע שווערע איבלען. מיר וועלן קענען פֿאַרזיכערן דאַן אַ בעסערן עקאָנאָמישן מצב פֿאַר זיך, און מיר וועלן ערשט קענען געניסן די פּרוכט פֿון אונדזער שווערער אַרבעט.

— כ'באַוואונדער אייער האָפֿנונג און גלויבן, שכן דניאל — האָט פּיט איראַסמוס נאָך אַ לענגערע פּאוזע דניאלן אַ זאָג געטאָן, — אויב איר האָט שוין יאָ דערציילט און אָנגעוויזן אויף דעם טרויעריקן איבל, און אויף די רויבערשע אַפּעטיטן פֿון די באַן־קאָמפּאַניעס אין אונדזערע מקומות, לאָזט מיר אייך דערציילן פֿון מיין דערפֿאַרונג וואָס איך האָב דאָ געהאַט און איבערגעלעבט.

פּיט איראַסמוס האָט געהאַט באַזונדערע אורזאַכן פֿיינט צו האָבן די באַן־קאָמפּאַניע פֿון דעם דיסטריקט. אויפֿגעבראַכט איז ער געווען ניט נאָר דערפֿאַר אליין וואָס די באַן־קאָמפּאַניע איז געווען כמעט די איינציקע הערשערן איבערן לעבן און וואוילזיין פֿון די היגע פֿאַרמער, נאָר אין זיין פֿאַל, איז זי אויך געווען די שולדיקע אין דעם טויט פֿון זיין אייגענעם ברודער. דאָס איז געווען ביי אים אַן אָנגעווייטיקטער ענין, און ביי יעדער געלעגנהייט האָט ער העם טרויעריקן אינצידענט דערציילט פֿאַר אַלעמען. איצט, ווען דער ענין וועגן דער באַן־קאָמפּאַניע איז אַרויפֿגעשוואומען, אין שייכות מיט דעם שמועס וועגן זייערע אינטערעסן, האָט איראַסמוס געפֿילט, ווי אים, דניאלן, דערציילן דעם טרויעריקן עפּיזאָד באריכות. ער מעג דאָס וויסן, האָט ער געטראַכט, ער דאַרף דאָס וויסן!

— לאָמיר אייך דערציילן אַ קאַפּיטל פֿון רישעות און גוואַלדזאַמקייט, וואָס כאַראַקטעריזירט זייער שטאַרק די היגע באַן־קאָמפּאַניע, מיט וועלכער אונדז וועט נאָך אויסקומען מלחמה צו האַלטן ניט איינמאָל, — האָט איראַס־מוס אָנגעהויבן זיין מעשה:

— מיין ברודער סטיוונס, אָדער „סטיוו" ווי מען פֿלעגט אים דאָ רופֿן,

איז געקומען מיט מיר צוזאַמען אַהער, אין דעם טאָל, אין דער זעלביקער צייט. איך האָב מיר גענומען צו פֿאַרמעריי און ער איז אַוועק צו דער באַן־קאָמפּאַניע אַרבעטן אַלס לאָקאָמאָטיוו אינזשענער. מער ווי צען יאָר האָט ער געדינט די קאָמפּאַניע ווי אַ געטרייער הונט. קיינמאָל קיין טענות געהאַט, קיינמאָל זיך ניט באַקלאָגט. צו דער יוניאָן פֿון דער „באַן ברודערשאַפֿט” האָט ער ניט באַלאַנגט. געדיינקט האָט ער, אַז פֿאַר זיין געטריישאַפֿט צו זיינע הארן, וועט ער דערהויבן ווערן צו אַ העכערן אַמט מיט אַ גרעסערן געהאַלט, און ער וועט דאַן קאָנען דערהאַלטן זיין גרויסע פֿאַמיליע אין אַ בעסערן מצב. אין דער צייט פֿון דעם גרויסן סטרייק פֿון די באַן ארבעטער אויף דער גאַנצער ליניע, פֿון צפֿון קאַליפֿאָרניע, איז ער ,מיין ברודער, געשטאַנען אויף זיין פּאָסטן און ניט אָפּגעטראָטן. מיט איין האַנט האָט ער געהאַלטן דעם רודער פֿון דער לויפֿנדיקער באַן, מיט דער צווייטער אַ געלאָדענעם רעוואָלווער, טאָמער מאַכט מען אויף אים אַן איבערפֿאַל פֿאַר זיין „סקעבן”. ער האָט דאַן אַפֿילו ניט געטראַכט פֿון קיין געפֿאַר און אומגליק, וואָס ס׳קען פּאַסירן פֿון אַן אונטערגעלייגטער אויפֿרייס־מינע, אויף די באַן־רעלסן אָדער אונטער אַ בריקל, ווי ס׳האָט שוין ניט איינמאָל פּאַסירט אין אַזאַ פֿאַל פֿון אַ סטרייק. ער איז אָנגעגאַנגען מיט זיין אַרבעט, און ווען דער סטרייק איז געבראָכן געוואָרן, די אַרבעטער האָבן פֿאַרלוירן, האָט די באַן־קאָמפּאַניע מיט אַמאָל אָנגעהויבן שניידן די שכירות און פֿאַרלענגערן די שטונדן. פֿאַר זיין הינטישן דינען די באַלעבאַטים זיינע, האָבן זיי אויך זיינע שכירות געשניטן. מ׳האָט אים באַהאַנדלט פּונקט אַזוי שלעכט ווי אַ וואַש־אינגל אַרום באַן־הויף. איר קענט זיך שוין משער זיין, ווי שטאַרק די דאָזיקע האַנדלונג האָט אויפֿגערעגט מיין אָרעמען סטיוו: יענער האָט איינגעשטעלט פֿאַר זיי זיין לעבן, און דאָ אַזאַ אונמענטשלעכע באַהאַנדלונג! איז ער אַוועקגעלאָפֿן צום הויפּט אָפֿיס, פּראָטעסטירט, באַקלאָגט זיך, ווי וועט ער קענען אויסקומען מיט אַזעלכע געשניטענע שכירות און אויפֿהאַלטן אַזאַ גרויסע פֿאַמיליע ווי זיינע? ער האָט ניט פֿאַרפֿעלט זיי צו דערמאָנען, ווי געטריי ער האָט זיי געדינט די גאַנצע צייט און אין צייט פֿון סטרייק. ווייסט איר וואָס זיי האָבן אים געענטפֿערט? — זייער פּאָליסי איז ניט צו מאַכן קיין דיסקרימינאַציעס, ווען שכירות ווערן געשניטן איז פֿאַר אַלע אָנגעשטעלטע גלייך. איר פֿאַרשטייט דאָך, אַז ס׳האָט מיין ברודער די דאָזיקע האַנדלונג זייערע געקאָסט געזונט. זיין בלוט האָט אים אויפֿגעקאָכט ביז גאָר. האָט ער זיי געענטפֿערט, אַז ער קאָן זיי מערער ניט געבן קיין ערשט־קלאַסיקע אַרבעט פֿאַר אַ דריט־קלאַסיקע געהאַלט! נו, האָבן זיי אים

געענטפֿערט, אַז ער האָט זיך זיין ברירה. זיי האָבן אָבער ניט געוואַרט ביז ער וועט אויסקלייבן די ברירה וואָס צו טאָן. גלייך אויף מאָרגן, נאָך דעם געשרפֿעך וואָס ער האָט געהאַט מיט זיי אין אָפֿיס, האָט מען אים געלאָזט וויסן, אַז ער איז ניט מערער ביי זיי באַשעפֿטיקט.

— האָט אייער ברודער ניט געקענט געפֿינען קיין באַשעפֿטיקונג אויף אַן אַנדער ליניע, אַלס אינזשענער? — האָט דניאל, אויסהערנדיק איראַס־מוסן, אים אַ פֿרעג געטאָן.

— אָ יע! — האָט איראַסמוס, כמעט שפּאָטיש, אַ זאָג געטאָן. — זיי האָבן אים גלייך אַוועקגעשטעלט אויף זייער שוואַרצער טאַבעלע, מחמת ער האָט געהאַט די חוצפה צו פֿאָדערן גערעכטיקייט פֿאַר זיך. אָרעמער סטיוו! ער איז אַרומגעגאַנגען אַ לאַנגע צייט אַרבעטסלאָז, די פֿאַמיליע זיינע האָט געהונגערט. אַן אומצופֿרידענער, אַ ווילדער און אַ קריגערישער, האָט ער זיך אַרומגעטראָגן אין זיין האַרצן מיט אַ שטאַרקן נקמה געפֿיל, מיט אַ ברענענדיקן פֿאַרלאַנג זיך אָפּצורעכענען מיט דער באַן־קאָמפּאַניע. געזוכט האָט ער אַלערליי וועגן און מיטלען, ווי אַזוי צו שעדיקן און ברעכן. ער איז געוואָרן אַ „דעספּעראַדאָ"!...

— ער האָט זיי אָנגעטאָן גענוג שאדן. אין איין פּלאַץ האָט ער לויז געמאַכט די רעלסן אויף דער ליין, אויף אַ צווייטן אָרט האָט ער אָפּגע־קייטלט אַ צאָל פֿראַכט וואַגאָנעס פֿון אַן אַוועקגייענדיקן באַן. מען האָט זיך געיאָגט נאָך אים, ווי נאָך אַ ווילדער חיה, פֿאַרפֿאָלגט אים אויף שריט און טריט. ער האָט איבערגעלאָזט די פֿאַמיליע און געוואַלגערט זיך אין די טיפֿע וועלדער.

—— איינמאָל, אין אַ מאָמענט פֿון שטאַרקער פֿאַרצווייפֿלונג, האָט ער אָפּגעטאָן זייער אַ שווערע און גרויזאמע זאַך: ער האָט אָפּגעוואַרט אַ גרויסן פֿראַכט־צוג, אָנגעלאָדן מיט פֿאַרשיידענע מאַטעריאַלן און פּראָוויאַנטן; ער איז מיט אַמאָל אַרויפֿגעשפּרונגען אויף דעם לאַנגזאַם גייענדיקן צוג צווישן די בערג ארויף, און מיט אַן אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער, האָט ער געצוואונ־גען דעם אינזשענער און פֿייערמאַן אַראָפּצושפּרינגען און אליין גענומען דעם רודער און געלאָזט לויפֿן דעם פֿראכט צוג מיט אַ שטאַרקער שנעלקייט און נאָכדעם איז ער אליין פֿון דעם שטאַרק לויפֿנדיקן צוג אַראָפּגעשפּרונגען. פּאַסירט האָט דאַן אַ גרויסע קאַטאַסטראָפֿע: דער צוג מיט אַלע וואַגאָנען זיינען אַרונטער פֿון די רעלסן און פֿאַרפֿלויגן אין אַ טיפֿן טאָל אריין. סטיוון האָט מען נאָכדעם געפֿונען אַ טויטן.

— אין אָט דער ווילדער נקמה, האָט ער געזוכט צו שטילן זיין ווילדן כעס און צאָרן. ער האָט אָבער אליין זיין מיזעראַבעלן לעבן פאַרלוירן.

פּיט איז געבליבן זיצן פאַרטראַכט און באַזאָרגט, דערמאָנענדיק זיך וועגן זיין ברודער האָט ער די גאַנצע טראַגעדיע דאָן איבערגעלעבט, בעת ער האָט עס דערציילט דניאלן.

דניאל האָט אים די גאַנצע צייט מיט אויפמערק אויסגעהערט און איז ממש אויפגעשווידערט געוואָרן פון די רישעות וואָס די הויכע באַאַמטע, די אָנגעשטעלטע באַגייען זיך מיט די קלענערע פון זיך, און בכלל קעגן אַלע וואָס זיינען אין זייערע הענט און אונטער זייער רשות.

— יאָ, — האָט דניאל אַ זאָג געטאָן — ס׳איז אַ מאַכט, וואָס האָט אַלץ דאָ פאַרכאַפּט. ס׳איז ווי אַן אָקטאָפּוס, וואָס מיט זיינע הונדערטער לאַפּעס האָט ער ארומגעכאַפּט די קרבנות זיינע און זויגט פון זיי אַרויס ביזן לעצטן טראָפּן.

— ווייסט איר ווארום איך האָב אייך דערציילט אָט דעם טרויעריקן עפּיזאָד, פריינט דניאל? — האָט פּיט פאַרן געזעגענען זיך מיט דניאלן אַ זאָג געטאָן — איר זאָלט וויסן מיט וואָס פאַר אַ שרעקלעכן מאָנסטער אייך וועט נאָך אויסקומען מלחמה צו האַלטן...

צווישן דניאלן און איראַסמוסן איז געשלאָסן געוואָרן אַ פריינטשאַפט. זיי האָבן אָפּגעמאַכט צווישן זיך צו אַרבעטן פאַר דער אָרגאַניזירונג פון די פאַרמערס אין טאַל. איראַסמוס אַלס לאַנג־יאָריקער תושב אין דעם געגנט, וועמען אַלע פאַרמער אַרום קענען זייער גוט, האָט גענומען אויף זיך די עובדה צוזאַמענצורופן אַלע פאַרמער צו אַ פאַרזאַמלונג אין די נאָענטע וואָכן, וואו ס׳וועט אַרומגערעדט ווערן די גאַנצע לאַגע זייערע. ס׳איז צווישן זיי פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז דניאל, אַלס אַגראָנאָם און אָפיציעלער ראַטגעבער פאַר די פאַרמער פון טאַל, וועט זיין דער הויפּט רעדנער און בעל־יועץ. מיט דער פאַרשטענדיקונג האָבן די נייע פריינט, דניאל און איראַסמוס, זיך צוזעגענט און צוגעזאָגט איינער דעם צווייטן זיך צוזאַמענ־טרעפן אין דער צווישן־צייט, ביז די געפּלאַנטע פאַרזאַמלונג זייערע פון די פאַרמערס אין טאַל, וועט פאַרקומען.

מאגדא

מאַגדאַ, קאָנזאַלעסעס טאָכטער, נאָכדעם ווי דניאלס הויז איז אינגאַנצן פאַרריכט געוואָרן און געבראַכט אין אָרדנונג, איז זי געבליבן שוין אויך אָנגעשטעלט אין דינסט ביי דניאלן. זי פלעגט פאַר אים אויפהאַלטן דאָס הויז, העלפן אַרום גאָרטן. דניאל, ניט האָבנדיק מיט זיך דאָ קיין אייגענע, קיין ווייב, איז מאַגדאַ געוואָרן כמעט די באַלעבאָסטע פון זיין גאַנצער באַלעבאַטישקייט, פלעגט פאַר אים אויך קאָכן, וואַשן און באַדינען.

קאָנזאַלעס און פאַרסעלא, מאַגדאַס עלטערן, זיינען געווען איבערגליקלעך און זייער צופרידן וואָס זייער טאָכטער, מאַגדאַ, האָט ענדלעך זיך צוגעשלאָגן צו אַזאַ גוטער שטעלע ביי אַזאַ פיינעם „דזשענטעלמען", דניאל. און טאַקע דאָ, אין דער היים, נעבן די עלטערן. זי וועט מערער ניט געצוואונגען זיין צו פאָרן אין דער גרויסער סאַן פראַנציסקאָ, ווי פריער, צו זוכן באַשעפטיקונג און פון וואַנען זי איז קוים מיט שרעק און מורא אַנטלאָפן, מחמת פאַסירט האָט מיט איר דאָרטן אַזאַ אומגליקספאַל, וואָס זי וועט דאָס איר גאַנצן לעבן ניט פאַרגעסן...

מאַגדאַ, כאָטש נאָך זייער יונג, האָט שוין אָבער דורכגעטראָגן אויף זיך, אַ גוואַלדיק דערשיטערנדיקע איבערלעבונג, אַן איבערלעבונג פון שרעק און פאַרצווייפלונג. פאַסירט האָט דאָס מיט איר אין סאַן־פראַנציסקאָ. געקומען איז זי דאָרטן זוכן אַרבעט און ניט געפונען. אַ פּאָר וואָכן האָט זי זיך אַרומגעשלעפּט פון איין אַרבעט־ביוראָ אין דער צווייטער. געוואָלט האָט זי וועלכע ס'איז באַשעפטיקונג, האָט אָבער זיך צו קיין זאַך ניט געקענט דערשלאָגן. זי איז ממש געווען פאַרצווייפלט. דאָס ביסל געלט וואָס זי האָט פון דער היים מיטגענומען איז זיך צעקראָכן און זי איז כמעט געבליבן אָן אַ פרוטה ביי דער נשמה. ניט האָבנדיק דאָ קיין פריינט, קיין נאָענטע, איז זי מיטאַמאָל געבליבן אַ היימלאָזע און אַ פאַרוואָרלאָזטע. פאַר איר איז מיטאַמאָל ארויפגעשוואומען די האַרבע פראַגע: וואָס וועט פון איר דאָ ווערן?... וואָס זאָל זי טאָן, וואו זאָל זי גיין, און צו וועמען זאָל זי זיך ווענדן נאָך הילף? פאַר די צוויי־און־צוואַנציק יאָר פון איר יונג לעבן, האָט זי קיינמאָל ניט געוואוסט פון אַזאַ זאַך ווי צו טראַכטן גאָר פון זוכן עפּעס עסן אָדער ניט האָבן וואו איבערצונעכטיקן. ווי אָרעם די עלטערן אירע זיינען אין דעם קליינעם דאָרף געווען, האָט זיי אָבער דאָס נויטיקע, ברויט און אַ דאַך איבערן קאָפּ, ניט געפעלט. איז דאָס דעריבער געווען פאַר איר אַ שמערצלעכע און ערשיטערנדיקע איבערלע־

בונג. זי האָט זיך אָנגעשלאָגן אין אַן האַרבער, שרעקלעכער פּאַר איר, ווירקלעכקייט. קיין הילף אין איר איצטיקן שווערן מאָמענט, האָט זי פון ערגעץ ניט געזען. דאָרטן וואו זי איז איינגעשטאַנען ביז איצט, האָט זי מערער ניט געקענט זיך אומקערן. זייענדיק שולדיק פאַרן צימער שוין אַ פּאָר וואָכן, האָט איר די הויז באַלעבאָסטע פּשוט געוואָרנט ניט קומען מער צוריק און האָט נאָך פאַרהאַלטן אירע זאַכן אַלס משכון, פאַרן חוב אירן. האָט זי זיך אַרומגעשלעפּט, גאַס איין גאַס אויס, מיט אַ שווערן געמיט און נאָך אַ שווערערן קאָפּ־ווייטאָק, אַלץ טראַכטנדיק וואָס דאָך צו טאָן מיט זיך.

ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן, איז זי נאָך אומרואיקער געוואָרן. דער געדאַנק אַז איר וועט אויסקומען אזוי צו וואַנדערן אַ גאַנצע נאַכט, ניט האָבנדיק וואו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן האָט איר מוראדיק געשראָקן און דענערווירט. זי האָט אָנגעהויבן גיין מיט שנעלערע טריט, ווי פון עמיצן געטריבן, ביז זי איז צוגעקומען צו אַ העל־באַלויכטענעם געשעפט־דיס־טריקט. פון דאָרטן איז זי פאַרגאַנגען צו די גאַסן פון די ביליקע „סאַ־לונס" און טאַנץ־זאַלן פון דער דעמאָלסטדיקער, האַלב עקזיסטירנדיקער „באַרבאַרי קאָוסט". אין איר גאַנצער דאָרפישער אומשולד, האָט זי אָבער גלייך אינסטינקטיוו דערפילט, כאָטש אליין ניט ווויסנדיק וואָס פאַר א זינ־דיקער פלאַץ דאָס איז און איז טאַקע תיכף, מיט ניט קיין קליינעם שרעק, פון דאָרטן אַנטלאָפן.

ארויסקומענדיק פון יענע גאַסן, איז זי אריין אין אַ ווייניק־באַלויכ־טענער גאַס, מיט ביליקע האָטעל־הייזער. דאָ האָט זי פון דערווייטנס באַ־מערקט אַ שוואַך באַלויכטענע שילד מיט אַן אויפשריפט: „אַ בעט פאַר איבער נאַכט", פופצן און פינף־און־צוואַנציק סענט. האָט זי זיך דערפרייט, אַזויפיל געלט האָט זי נאָך געהאַט מיט זיך. ווען זי איז אָבער צוגעקומען נענטער צום בנין, האָט זי ניט געקענט ביי זיך פועלן אַרויפצוגיין. די געביידע און דער גאַנצער צוגאַנג אַהערצו, האָט אָנגעוואָרפן אויף איר אַ מרה־שחורה. ס'איז געווען אַן אַלט שמוציק הויז, אַ פלאַץ וואָס האָט סו־געסטירט זינד און פאַרברעכן. איז זי אַרומגעגאַנגען עטלעכע מאָל, הין און צוריק דער געביידע אונאַנטשלאָסן, ניט געקענט אָפּמאַכן ביי זיך דעם געדאַנק, יאָ אָדער ניט ארויפצוגיין? זי מוז דאָס אָבער פאָרט טאָן. ווי אַ שווערע משא האָט די מידקייט זיך געלייגט אויף איר. זי מוז דאָך ערגעץ איבערנעכטיקן! זי וועט דאָך ניט ארומגיין די גאַנצע נאַכט אין גאַס??!

האָט זי זיך אָנגענומען מיט מוט, איז אריין אין דער פאָדער־טיר פון

דעם האָטעל. ברודיקע טרעפֿ האָבן זי אַרויפֿגעפֿירט צום ערשטן שטאָק. ביי אַ טונקל־ברוינעם טיש איז געזעסן אַ מאַן אין אַ גרוי־און־שוואַרץ קעסטלדיק העמד, מיט אַ רויכער־פּיפּקע אין איין זייט מול, די פֿיס האָט ער געהאַלטן אויסגעצויגן אויפֿן טיש און פֿויל אַריינגעקוקט אין אַן אילו־סטריטער „פּאַליס גאַזעט". דער פּאַרשוין, ניט בייטנדיק זיין פּאָזיציע, האָט דער צעשראָקענער און שווייגנדיקער מאַגדאַ, פֿויל אַ פֿרעג געטאָן, וואָס זי וויל. מאַגדאַ האָט שטיל, שעמעוודיק, מיט אַ ציטער אין איר שטים, אים געפֿרעגט אויף אַ פֿופֿצן־סענטיקע בעט פֿאַר איבער נאַכט. דער קלערק מיטן קעסטלדיקן העמד און פּיפּקע אין מויל, האָט איר שמייכלנדיק און וואויל־יונגעריש באַטראַכט און חוצפּהדיק, כמעט ווי מיט רוגזה איר געענטפֿערט:

— וויסטו ניט, אַז דאָס פּלאַץ איז בלויז פֿאַר מענער?

— אָ, אַנטשולדיקט, האָט מאַגדאַ צעשראָקן און פֿאַרוואונדערט זיך פֿאַרענטפֿערט. — כ'האָב ניט געוואוסט, און זי האָט אָנגעהויבן מיט איילן טריט ארונטערלויפֿן די טרעפּ.

דער פּאַרשוין האָט זיך מיט אַמאָל אויפֿגעהויבן, ווי פֿאַרכאַפּט פֿון אַ פּלוצלינדיקן געדאַנק, האָט ער אָנגעהויבן איר נאָכרופֿן:

— יאָ, יאָ, מיידעלע, פֿאַר דיר מיין „זיסקייט" וועל איך שוין געפֿינען פּלאַץ!...

די צעשראָקענע מאַגדאַ האָט שוין די לעצטע ווערטער זיינע ניט געהערט. זי איז מיט אימפּעט אַנטלאָפֿן פֿון דאָרטן, ווי פֿון אַ פֿייער.

מאַגדאַ האָט זיך ווידער געפֿונען אויפֿן גאַס און די האַרבע פֿראַגע, וואָס צו טאָן מיט זיך, איז פֿאַר איר ווידער געשטאַנען ווי אַ שרעקלעכער מאָנסטער, וואָס וויל זי איינשלינגען, פֿאַרצערן... אַ מידע, האָט זי זיך ווידער דערשלעפּט צו די העל־באַלויכטענע גאַסן. דאָ האָט זי דערזען פֿאַר זיך אַזויפֿיל שיין־דעקאָרירטע שוי־פֿענצטער, מיט כלערליי שיינע הויז־זאַכן און אַפּעטיטנע עסנוואַרג, ס'האָט ממש פֿאַרכאַפּט איר אויג און געוואָסערט דאָס מויל...

אַ סך פּאַרלעך, מענער און פֿרויען, האָבן זיך געמיטלעך און זאַט גע־שפּאַצירט געאַרמט, נאָר זי איינע אליין, אין דער גרויסער פֿאַרהאַרטעווע־טער שטאָט פֿון שטיין און אייזן, איז דאָ עלנט, אַליין, הונגעריק און פֿאַר־וואָרלאָזט...

אירע אויגן האָבן דערפֿילט אַ פֿייכקייט און אין האַרצן האָט געקלעמט אַ ווייטאָק. מאַגדאַ האָט געטראָגן אויף זיך דאָס בעסטע וואָס זי האָט גע־

האָט: אַ שיין נעט קליידל אין בלוי, מיט אַ קורץ בלוי מאַנטעלע, גאַנץ אנשטענדיקע שיך און אַ בלוי „סעילאָר" היטעלע. זי איז געווען אויסערגעוויינלעך שיין, אַפּילו אירע מאָמענטאַנע צרות און דאגות, האָבן פֿונדעסטוועגן ווייניק וואָס באַווירקט אירע טיפֿע, טונקל־ברענעדיקע אויגן און אויך ניט פֿאַרבלאַסט אירע קאַרמין־רויטע ליפּן. זי האָט געטראָגן זיך מיט איר רייצנדיקער גראַציעזער פֿיגור, שטאָלץ און ווירדיק און, אין איר איצטיקן צערפֿולן מאָמענט, האָט זי פֿונדעסטוועגן ניט פֿאַרפֿעלט צו באַמערקן, אַז די פֿאַרבייגייענדיקע מענער אין גאַס, קוקן אויף איר מיט אַזעלכע גייציקע הונגעריקע אויגן, און די מערער געשייטערע, קוקן אַפּילו נאָך איר גאַנג, נאָכדעם ווי זי איז זיי פֿאַרבייגעגאַנגען. דאָס איז אָבער געווען בלויז אַ מאָמענטאַנער געפֿיל אַזאַ ביי איר. די שרעק און מורא פֿאַר דער גרויסער שטאָט און די לאַנגע שווערע נאַכט וואָס דערוואַרטעט זי, ניט האָבנדיק וואו איבערצונעכטיקן, איז געהאַנגען איבער איר ווי אַ שאַרפֿער דאַמאָקלעס שווערד.

זי איז פֿאַרבייגעגאַנגען אַ ביליקע צען־סענטיקע קינאָ. אַן עלעקטרישע שילד איז געהאַנגען איבערן אַריינגאַנג און געלאָזט וויסן די פֿאַרבייגייער, אַז דאָ איז אָפֿן אַ גאַנצע נאַכט. מיד און צעבראָכן פֿון אַרומוואַנדערן איבער די גאַסן איז זי געווען, קיין אויסזיכט וואו איבערצונעכטיקן האָט זי ניט געזען, איז איר אַרויפֿגעקומען אַ געדאַנק: זי וועט גאָר אַריינגיין אין דעם קינאָ טעאַטער, זי וועט זיך דאָרטן איינגעסטלען אין אַ זייטפּלאַץ און כאַפּן אַ דרעמל. זי וועט אַזוי אַרום זיך אָפּרוען און אין הונגער פֿאַרגעסן. זי האָט באַצאָלט אַ צען־סענטיקן און איז אריין אין טעאַטער.

אויפֿן לייוונט האָט זיך געוויזן איצט אַ בילד, וואָס ווי שטאַרק מיד זי איז געווען, האָט דאָס איר זייער פֿאַרכאַפּט.

אַ באַנדע גאַלאָפּירנדיקע מענער אויף פֿערד, האָבן זיך געיאָגט דורך טאָלן און משופּעדיקע בערג, כדי צו מאַכן אַן איבערפֿאַל אויף אַ גרויסן און רייכן גוט־באַזיצערס ריינדזש. דער ריינדזש איז געלעגן אַרומגערינגלט פֿון קלענערע און גרעסערע פֿוס־בערגלעך. אַ גרויסער שטח לאַנד פֿון הונדערטער און הונדערטער אַקער, ווייט און ברייט, וואָס גרענעצט זיך מיטן האָריזאָנט אַזוי ווייט, ווי דאָס אויג קען נאָר כאַפּן פֿון אַלע זייטן, צו צפֿון, צו דרום, צו מזרח און צו מערב, דאָס אַלץ איז געווען דאָס אייגנטום פֿון דעם רייכן לאַנד־באַזיצער, מענדאָזאַ. אויף דעם גרויסן גרינעם פֿעלד האָבן זיך געפּאַשעט זיינע פֿעטע קי, שאָף און פֿערד. פֿון ווייטנס האָט זיך געזען אַ גרויסער שלאָס, אַ פּאַלאַץ, אין וועלכן ס'האָט געוואוינט

דער רייכער סעניאָר, מענדאָזא און זיין איין־און־איינציקע, שיינע טאָכ־טער, אַנדזשעלינאַ. די איבערפֿאַלער האָבן זיך געיאָגט צו פֿאַרכאַפּן אַ טייל פֿון דער סטאַדע שאָף און בהמות און דער עיקר אָבער, האָבן זיי גע־פּלאַנט מיטצונעמען מיט זיך, די שיינע אַנדזשעלינאַ. אַ ביטערע שלאַכט איז אָנגעגאַנגען צווישן די איבערפֿאַלער און מענדאָזאס אָנגעשטעלטע און אַרבעטער. פּעדראָ, מענדאָזאס געטרייער דינער, האָט מיט אויסערגע־וויינלעכער העלדישקייט, אָפּגעשלאָגן די אַטאַקירער און אַרויסגעראַטעוועט די שיינע אַנדזשעלינאַ פֿון דער באַנדעס הענט...

פֿאַר זיין גרויסער העלדישקייט און זיין איינשטעלן דאָס לעבן פֿאַר דעם באַלעבאָס טאָכטער, ווערט פּעדראָ, באַגיטיקט און דערהויבן פֿון דעם סעניאָר מענדאָזאָ. ער מאַכט אים פֿאַר דעם הויפּט אויפֿזעער פֿון זיין גאַנצן, רייכן גוט.

אַנדזשעלינאַ איז באַזונדערס דאַנקבאַר געווען צו פּעדראָן און אים זייער שטאַרק ליב באַקומען. צווישןביידן אַנטוויקלט זיך אַ שטילער און זייער שיינער ראָמאַן — אַזוי שיין און אידיליש, ווי די גאַנצע אַרומיקע נאַטור איז דאָרטן געווען. ביז וואַנען דער אַלטער מענדאָזא געפֿינט אויס, וואָס ס'קומט פֿאָר צווישן דעם יונגן־פּאָר, איז שוין אַנדזשעלינאַ ווייט אַוועק אין דער ליבע מיט איר פּעדראָן און איז נאָענט אַפֿילו באַלד מוטער צו ווערן... און דאָ פּאַסירט דאָס געוויינלעכע: דער רייכער מענדאָזא איז שטאַרק אומצופֿרידן, איז אין כעס און בייזערט זיך. איז גרייט דעם אָרעמן טייוול, פּעדראָן, צו שיסן. ער וויל באַין אופֿן ניט זיך מתחתן זיין מיט זיינעם אַן אָרעמען פּועל. זיין איין־און־איינציקע טאָכטער, אַנדזשעלינאַ, אין וועמעס אָדערן ס'פֿליסט דאָס נאָבעלע אַריסטאָקראַטישע בלוט, זאָל זיך גאָר צוזאַמענפּאָרן מיט אַזאַ נידריקן פּראָסטאַק, מיט זיינעם אַ דינער, אַ שקלאַף! דאָס האָט ער בשום אופֿן ניט געקאָנט איבערטראָגן. פּעדראָ ווידער, איז געווען גרייט, מיט פֿייער און שווערד צו קעמפֿן פֿאַר זיין גע־ליבטער אַנדזשעלינאַ... און זי ווידער, איז אויך גרייט געווען אויף אַלץ, ווען נויטיק. זי וועט מיט אים אַפֿילו אַנטלויפֿן אין די טיפֿעניש פֿון די בערג אָדער אין די טאָליקע פֿלאַכן! פּאַסטוכער וועלן זיי ווערן, אַן אָרעמען לעבן וועלן זיי פֿירן, אַבי מיט איר געליבטן און העלדישן פּעדראָ צוזאַמען זיין...

די ליבע צווישן פּעדראָ און אַנדזשעלינאַ, די נאַטור־שיינקייט אַרום דעם בילד און בכלל די גאַנצע סיפּור המעשה, האָט אַזוי שטאַרק פֿאַר־כאַפּט דער דאָרפֿישער נאַאיווער מאַגדאַן, אַז זי האָט כמעט ווי פֿאַרגעסן

אין איר הונגער, אין איר גאַנצער איצטיקער לאַגע, און האָט אפילו אויף אַ מאָמענט ניט דערפילט אויף איר פוס אַ האַנט פון דעם נעבן איר זיצנ־דיקן שכן...

זי איז גלייך צו זיך געקומען, האָט מיט שרעק זיך אַ כאַפּ געטאָן און מיט שטילן פּראָטעסט אָוועקגעשאַרט דעם פרעמדנס האַנט פון איר פוס, און זיך אַפּגערוקט פון אים אַ ביסל. איר ערשטער אימפּולס איז געווען צו אַנטלויפן, האָט זי זיך אָבער גלייך דערמאַנט, וואו וועט זי לויפן? האָט זי דען אַ היים, אַ פריינט, צו וועמען צו לויפן, ביי וועמען צו זוכן באַ־שיצונג?

ווען דאָס ערשטע בילד איז פאַרענדיקט געוואָרן און ס'איז אַ ביסל ליכטיקער געוואָרן אין טעאַטער, האָבן זיי זיך ביידע, פון דער זייט, איינער דעם צווייטן איבערגעקוקט. ווי איבעראַשט איז זי געוואָרן צו זען, אַז דער נעבן איר זיצנדיקער פאַרשויך, פון וועמען זי האָט נאָר וואָס מיט פּראָטעסט אָוועקגערוקט זיך פון זיין זייט, איז גראַדע געווען אַ גאַנץ אנגענעמער, שיינער, עלעגאַנט געקליידעטער יונגערמאַן, מיט אַ זייער פיין סימפּאַטיש פּנים, וואָס רופט ארויס צו זיך צוטרויען... איר געפיל צו אים האָט זיך מיט אַמאָל געביטן. אין דעם מאָמענט האָט זי זיך גע־וואונטשן אַז ער, דער נעבן איר זיצנדיקער, זאָל כאָטש זיין אירער אַ ברו־דער, אַ באַשיצער... ער איז איר אויפן ערשטן אויגנבליק געפעלן גע־וואָרן. עפּעס האָט זי דערפילט צו אים, כמעט ווי אַ נאָענטקייט. אין איר איצטיקן עלנדן מאָמענט פון איר לעבן, האָט זי זיכער געמוזט האָבן אַ נאָענטן, אַ פריינט. געדיינקט האָט זי, אפשר, אפשר וועט זי ביי אים, פריינטשאַפט און הילף געפינען?

זי האָט אים צוגעוואָרפן אַן אומשולדיקן שמייכל, וואָס ס'האָט כמעט ווי געמיינט, אַז זי האָט מיט אים שלום געמאַכט.

ווען אַ צווייט בילד האָט זיך אויפן לייוונט באַוויזן און אין טעאַטער איז ווידער אַמאָל פינצטער געוואָרן, האָט דער אומבאַקאַנטער שכן אירער, דרייסטער און שוין נענטער זיך צוגערוקט צו איר. נאָכדעם, ווען זיין האַנט האָט ווידער אַמאָל אויף איר פוס פאַרבלאָנדזשעט, האָט זי שוין דעם מאָל זיין האַנט ניט אָוועקגעשאַרט, נאָר זיין נאָענטקייט אויף זיך געלאָזט פילן...

מאַגדאַ איז שפּעטער ארויס פון טעאַטער, און דער אומבאַקאַנטער יונגערמאַן וואָס איז נעבן איר געזעסן, האָט איר גלייך נאָכגעפאָלגט. אויס־געגלייכט זיינע טריט מיט אירע, האָבן זיי נאָכדעם צוזאַמען שטיל און

באַשיידן, אין דער העל־באַלויכטענער מאַרקעט גאַס שפּאַצירט, ווי אַ סך אַנדערע נאַכטיקע־פּאַרלעך, צווישן זיך יאָ און ניט באַקאַנטע...

אין איינעם פֿון די פֿריילעכע „סאַלונען" איז מאַגדאַ, ביז אין דער שפּעטערער נאַכט, געזעסן מיט איר אומבאַקאַנטן פֿריינט, ביי אַן אָפּגע־זונדערט טישל, מיט כלערליי מאכלים און געטראַנקען און מיט גרויס אַפּעטיט פֿון אַ הונגעריקער, געשמאַק פֿאַרצערט די שפּייז. בשעת מאַגדאַ איז געווען פֿאַרנומען מיטן עסן, האָט דער אומבאַקאַנטער באַגלייטער אירער, אויסגעפֿרעגט איר אַלץ וואָס ער האָט געוואָלט וויסן. ווער און וואָס זי איז, פֿון וואַנען זי קומט, מיט וואָס זי באַשעפֿטיקט זיך, צי האָט זי דאָ פֿריינט, ווי לאַנג שוין אַז זי איז דאָ אין „פּריסקאָ" און וואו זי וואוינט?...

מאַגדאַ האָט אין איר דאָרפֿישער נאַאיוויטעט, אים אויף אַלע פֿראַגן זיינע געענטפֿערט. צו זיין צופֿרידנקייט, האָט ער שוין געזען פֿאַר זיך, זיין קרבן געפֿאַנגען, אַ סך, אַ סך גרינגער ווי ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט.

מאַגדאַ איז פֿון דעם אומבאַקאַנטן פֿריינט אירן, אָנגעשטעלט געוואָרן אין „דינסט" צו אַרבעטן אין אַ „ביוטי פּאַרלאָר", אַ מין שיינהייט סאַלאָן פֿאַר פֿרויען און מענער. ס'הייסט זי וועט דאַרפֿן דאָרטן אַרבעטן און לערנען זיך די מלאכה פֿון „מאַסאַזשירן" — שיין און יונג מאַכן די, וואָס קומען אַרויף אַהינצו פֿאַר דעם צוועק. פֿאַר דער דאָזיקער אַרבעט וועט זי קריגן גוט באַצאָלט, — האָט ער איר איינגערעדט.

מאַגדאַ האָט זיך אין דעם אָנגעכאַפּט ווי אין אַן אבן־טוב! אויף אַזאַ „גליק" האָט זי זיך גאָרניט געריכט! איר וועט שוין מער ניט אויסקומען צו הונגערן און זי וועט אויך האָבן אַ דאַך איבער איר קאָפּ. האָט זי זיך טאַקע געפֿילט זייער גליקלעך פֿון דער געלעגנהייט, וואָס האָט זיך אַזוי אומדערוואַרטעט אונטערגערוקט צום האַנט.

מאַגדאַ איז פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון זיינע שיינע רייד. האָט אים אַלץ געגלויבט וואָס ער האָט איר אַזוי ליבלעך און שיין צוגעזאָגט... זי איז אָבער אַזוי קונציק פֿון איר עלעגאַנטן אומבאַקאַנטן פֿריינט אַריינגעדרייט געוואָרן, אַז זי האָט אין אָנהויב ניט געוואוסט און זיך אַפֿילו גאָרניט גע־קענט פֿאָרשטעלן, אַז די דאָזיקע, אַזוי־גערופֿענע „ביוטי־פּאַרלאָר", איז גאָר אַ נעסט פֿון זינד און פּראָסטיטוציע. ווען זי האָט שוין באַגריפֿן, ווי אַזוי זי איז דאָ פֿאַרנאַרט געוואָרן און וואָס מען פֿאָדערט פֿון איר, איז זי שוין געווען אין אַן אייזערנעם קלעם, אין די נעגל פֿון אַ מאַכט, וואָס איז שוין ניט אַזוי גרינג געווען זיך פֿון דאָרטן אַרויסצודרייען.

מאַגדאַ האָט שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, מיט איר ביטערן מזל און גורל און מיט דער אומגליקלעכער לאַגע אין וועלכער זי האָט זיך געפֿונען. אָן ווידערשטאַנד, אָן פּראָטעסט, אויסערלעך שטיל און באַשיידן, האָט זי זיך אונטערטעניק, נאָכגעבעריש אונטערוואָרפֿן, כאָטש אינערלעך איז דאָס האַרץ אירס, פֿון פֿאַרדרוס און ווייטיק, שטאַרק צוריסן געוואָרן. איר שטילע נאָכגעביקע האַלב־שקלאַפֿישע נאַטור, איר מורא אַרויסצואווייזן ווידער־שטאַנד, מען זאָל איר ניט גוט צעשלאָגן, ווי די אַנדערע מיידלעך אין דער זעלביקער לאַגע, האָט זי אָנגעהויבן צוביסלעך מאַכן דעם איינדרוק אויף איר „באַלעבאָסטע" אַז זי, מאַגדאַ, איז אַזוי ווי צופֿרידן מיט איר „שטעלע". מ׳האָט אָנגעהויבן צוביסלעך, אַ וויניקער וואַכזאַם אויג אויף איר האַלטן. מ׳האָט אַפֿילו אָנגעהויבן צו געבן איר אַ ביסעלע מערער פֿרייהייט, ווי די אַנדערע, די מערער פּראָטעסטירנדיקע מיידלעך.

איינמאָל, נאָך אַ זעקס־וואָכיקן אָפּזיין אין דעם אַזוי גערופֿענעם „שיינ־הייט־סאַלאָן", האָט זי אומבאַמערקט פֿון קיינעם, אַליין אַרויסגעשפּאַצירט אין גאַס ניט האָבנדיק אַפֿילו אַ טראַכט געטאָן פֿון צו אַנטלויפֿן. ניט זעענדיק פֿאַר זיך אַזאַ מעגלעכקייט, איז זי זיך לאַנגזאַם געגאַנגען, גאַס איין גאַס אויס, ביז זי האָט פֿאַרבלאָנדזשעט אין אַ לאַבירינט פֿון גאַסן, ניט וויסנדיק דעם וועג אויף צוריק.

דער טאָג איז געווען אַ וואָלקנדיקער, אַ נאַסער און אַ טונקעלער. דער אָונט איז מיט אַמאָל ווי צוגעפֿאַלן און אַ שווער־געדיכטער נאַסער טוי האָט זיך פֿון ים־ברעג געטראָגן, אַרומגענומען די גאַסן מיט דעם שווערן טומאַן און געדיכט געלייגט זיך אויף די הייזער און פֿאַרבייגייער.

מאַגדאַ האָט פּלוצלינג זיך דערפֿילט, אַז זי איז פֿריי, קיינער יאָגט זי ניט נאָך... אַפֿילו אַז זי וואָלט וועלן גיין ערגעץ צוריק, איז אויך דער וועג איר פֿרעמד... איר געדאַנק האָט מיט אַמאָל אָנגעהויבן פֿיבעריש צו אַרבעטן: ווי אַזוי צו אַנטלויפֿן פֿון דאַנען, איז געוואָרן איר עיקר־ציל. זי מוז זיך ראַטעווען, — איצטער אָדער קיינמאָל!... זי וועט בעטן מענ־טשן, אָפּשטעלן פֿאַרבייגייער, מ׳וועט איר מוזן העלפֿן, אָפּשיקן איר אַהיים, צו אירע עלטערן.

דער דאָזיקער געדאַנק האָט געשטאַרקט און געמוטיקט איר ווילן. זי האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און כוח און מיט דער הילף פֿון אַ פֿריינט־לעכן מענטשן, וועמען זי האָט גענוי דערציילט איר טרויעריקע לאַגע, איז זי מיט זיכערקייט אָפּגעשיקט געוואָרן צו אירע עלטערן, אין דאָרף אַריין.

אָט די קורצע אָבער שרעקלעכע און ביטערע דערפֿאַרונג אירע, האָט

מאַגדאַ באַין אופן ניט געקענט פאַרגעסן, און האָט ווי אַ קאָשמאַר זיך אָנגעזעצט אויף איר געוויסן... אַ צייט לאַנג איז זי נאָכדעם אַרומגעגאַנגען ווי פאַרחלומט און פאַרמרה־שחורהט...

געוואָלט האָט זי פאַרגעסן אָן יענער, פאַר איר שרעקלעכער איבער־לעבונג. זי האָט דאָס אָבער ניט געקענט. הילפלאָז איז זי געווען כמעט, קעגן איר אייגענעם אינערלעכן רוף פון לעבן. איר יונג שטורמדיק בלוט, וואָס האָט זיך איינמאָל אַדורכגעשלאָגן די אַרטעריס פון געשלעכטלעכער באַפרידיקונג, האָט געפאָדערט און געמאָנט פון איר צו אַ ווייטערן, אַ פרישן פאַרלאַנג צו ליבע און באַפרידיקונג...

זינט מאַגדאַ אַרבעט פאַר דניאלן איז אָט דער געפיל ביי איר נאָך מערער פאַרשטאַרקט געוואָרן. זי זעט אים יעדן טאָג, אָט אויפן פעלד ביי דער אַרבעט פון דערווייטנס, און אין הויז פון נאָענט, און איר האַרץ איז פול מיט ליבע פאַר אים. די קורצע דערפאַרונג וואָס זי האָט געהאַט אין דער גרויסער שטאָט און דער עיקר, צוהערנדיק זיך צו די אָפענע און פרייע רייד פון די מיידלעך אין דעם „שיינהייט סאַלאָן”, זייערע איבערלע־בונגען און דערפאַרונגען, אָט די אַלע זאַכן האָבן איר מער אָדער ווייניק, אויסגעלערנט די וועגן און אומוועגן פון דער דערפאַרענער פרוי, ווי אַזוי און מיט וועלכע מיטלען צו פאַראינטערעסירן אין זיך דעם מאַנסביל. זי האָט אָבער ניט געוואָלט און ניט געוואַגט אַפילו, אַזאַ געפיל אַרויסצואווייזן דניאלן. זי האָט אים ניט געגעבן קיין שום צייכן אָדער מיט עפעס אַן אָנדייט, כדי אים צו פאַראינטערעסירן אין זיך. שטיל און באַשיידן, כמעט ווי צוריקגעהאַלטן, איז זי געווען דאָ ביי אים די גאַנצע צייט, און כאָטש איר האַרץ איז פול געווען מיט ליבע פאַר אים, האָט זי אָבער אָט דעם דאָזיקן געפיל, מיט אַן אויסערגעוויינלעכן כוח געמוזט אין זיך דערשטיקן.

מיט דעם חוש פון דער פאַרזיכטיקער און צו דער זעלביקער צייט, זינדיקער פרוי, האָט זי דערפילט אַז ער, דניאל, איז אַנדערש, גאָר אַנ־דערש פון די וועלכע ס׳איז איר אויסגעקומען צו באַגעגענען און גאָר באַ־זונדער אַנדערש פון די מענער, מיט וועלכע זי האָט געהאַט די טרויעריקע געלעגנהייט צו קומען אין נאָענטער באַרירונג זייענדיק דאָרטן אין דער גרויסער שטאָט. אין איר פאַנטאַזיע וועגן אים, האָט זי ווי ווייט מעגלעך, אָפגעשטופט דעם געדאַנק און ניט געוואָלט צולאָזן אַזאַ מחשבה ווי צו קענען זיין מיט אים אינטים. כאָטש איר האַרץ, איר גאַנצער וועזן האָט זיך צו אים געריסן, און די אויגן, אָט די טיפע, ברוינע, לאַסטשענדיקע מאַדאָנע־אויגן אירע, האָבן כסדר שטיל און אונטערטעניק, ווי תפילה גע־טאָן און געבעטן אַ דערלייזונג...

דניאל איז צופיל פאַרנומען געווען מיט זיינע פאַרם־פּראָיעקטן און עקספּערימענטאַציעס צו קענען זיך אומקוקן אויף איר. באַזונדערס האָט ער זיך איצט אָפּגעגעבן מיט דעם פּלאַן, ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן די קליין־פאַרמער פון דעם גרויסן טאָל אַרום אין איין גרויסן קאָאָפּעראַטיוו.

דער טאָג פאַר דער גרויסער פאַרזאַמלונג פון די פאַרמערס, וואָס ער און זיין פריינט איראַסמוס האָבן באַשטימט צו פאַררופן, דערנענטערט זיך שוין. אויף יענעם צוזאַמענקונפט פון די אַלע פאַרמערס אין טאָל, האָט ער און זיין פריינט איראַסמוס, געלייגט גאָר גרויסע האָפנונגען. דאָרטן וועט ער פאַרברייגען פאַר זיי זיינע פּלענער און פּראָיעקטן. ביי יענער פאַרזאַמלונג וועט געמאַכט ווערן דער נויטיקער אָנהויב פון אַן אָרגאַני־זירטן פאַרמער־לעבן און אַ פּלאַנירטע ווירטשאַפט.

מיט אַ ליכטיקער האָפנונג האָט דניאל אויף יענער ערשטער פאַר־זאַמלונג אַרויסגעקוקט, און מיט אַ גוואַלדיקן ציטער און אומגעדולד אויף איר געוואַרט.

די זון האָט זיך געקליבן צום פאַרגיין, צו מערב זייט איז דער הימל־ראַנד געווען ווי אין פלאַמען. ס׳איז געווען איינער פון יענעם וואונדער־באַרן זון־פאַרגיין, וואָס איז אַזוי גוט באַקאַנט און באַליבט צום מערבדיקן מענטשן, באַזונדערס צו די וואָס געפינען זיך נאָענט צו די שיינע נאַטור לאַנדשאַפטן, פון די ברייט־טאָליקע פּלאַכן און ארומרינגלענדיקע סודות־פולע בערג. די שטראַלן פון דער פאַרגייענדיקער זון, האָבן באַלויכטן די אַרומיקע בערג מיט בלענדנדיקע קאָלירן פון גאָלד און פיאָלעט. אויף אַלץ האָט איצט גערוט אַ פאַרנאַכטיקע שטילע זוניקייט.

ס׳איז געווען אָנהויב פרילינג, די ערד האָט דערוואַכט פון איר ווינ־טער־האַרטן שלאָף און געעפנט איר ברייטן טראַכט, גרייט אויפצונעמען זריעה, טראָגן און ברייגען פּרוכטבאַרקייט. אומעטום האָט זיך גרינקייט באַוויזן. אויף די פעלדער, וואָס די פאַרמער האָבן סוף ווינטער פאַרזייט מיט ווינטער־ווייץ, האָבן שוין געל־גרינע שפּראָצונגען אַרויסגעשפּאַרט זיך פון דער ווייכער ערד, דאָס לאַנד און די בערג־פּלאַכן אַרום האָבן אויף זיך אַ גרינעם מלבוש אַרויפגעצויגן.

ביי דניאלן אויפן לאַנד האָט שוין געגרינט איצט אַ גרויסע פיר־עקיקע שטיק ערד אין אַלפאַלאַפאַ און אַרום זיין הויז, אַ היפּשער פרילינג־גאָרטן. ער האָט נאָר וואָס אומגעקערט זיך פון פעלד, מיט אַן אנגע־נעמען צופרידענעם געפיל פון זיין געראָטענעם פאַרזיי און געזונטן אויפ־גאַנג. זיין האַרץ איז איבערגעפילט געווען מיט פרייד, מיט אַ פרייד, וואָס איינער פילט ווען ער טוט אַן אַרבעט וואָס איז אים ליב און אייגן...

גייענדיק צום הויז, האָט ער אונטערגעברומט פֿאַר זיך צו יענער צייט, אַ פּאָפּולערן פֿאָלקס־ניגון. אַ זינגענדיקער איז ער צוגעקומען צום טיר פֿון זיין הויז. ביים עפֿענען די טיר האָט ער זיך אָנגעשלאָגן אָן מאַגדאַן. ער, וועלנדיק אַריינקומען אין הויז, זי, גרייט געווען אַרויסצוגיין. ביידע זיינען אָבער שטיין געבליבן אין דער אָפֿענער טיר, שמייכלנדיקע איינס אַנטקעגן אַנדערן.

אַ כוואַליע מיט זון־ליכט, האָט זיך אַריינגעריסן אין דער אָפֿענער טיר און באַלויכטן איר גאַנצן וועזן: איר מאַט־ברוין געזיכט, אירע טיפֿע טונקעלע און לויכטענדיקע אויגן, אירע פּעך־שוואַרצע האָר, אירע שלאַנקע דינע פֿיס און קנאָפּל, איר גאַנצער קערפּער, פֿון קאָפּ ביז אַרונטער, איז איינגעטונקען געווען אין אַ זון־פֿאַרגייענדיקער ליכטיקייט... אין דעם מאָמענט האָט זי אויסגעזען צו אים ווי אַ ליכטיקער חלום. ערשט איצט, אין זיין געהויבענער גוטער שטימונג, האָט ער זי ווי פּלוצלינג צום ערשטן מאָל דערזען אין אַזאַ זוניקער און שטראַלנדיקער געשטאַלטקייט.

ער האָט פֿריידיק זי באַגריסט, נאָכגעפֿרעגט זיך וועגן אייניקע הויז־זאַכן, ניט פֿאַרפֿעלט זי אויך אַ פֿרעג טאָן אויף אירע עלטערן און גלייכ־צייטיק גוטמוטיק אַ זאָג געטאָן:

— מאַגדאַ, כ׳בין הונגעריק ווי אַ וואָלף!

— דער טיש איז געגרייט, הער דניאל, — האָט אים מאַגדאַ מיט ליב־לעכער אונטערטעניקייט געענטפֿערט. ער האָט זיך איינגעוואַשן, די הענט און ס׳פּנים און ווען מאַגדאַ האָט אים אַ וייס־פֿרישן האַנטוך דערלאַנגט, האָט ער, נעמנדיק פֿון איר דעם האַנטוך, ווי אומגערן אירע לאַנגע פֿינגער באַרירט און האָט די פֿינגער אירע, אַ ביסל לענגער, ווי נאַטירלעך, גע־האַלטן... ער האָט אָבער גלייך, ווי אימפּולסיוו זיך אַ כאַפּ געטאָן, אָט ווי ער וואָלט זיך דערמאָנט עפּעס אין אַ וואָרנונג און אַ זאָג געטאָן, כמעט ווי האַלב פֿאַרשעמט:

— אַנטשולדיק, מאַגדאַ!

מאַגדאַ האָט אים דערלאַנגט דאָס עסן און יעדעס מאָל, ווען זי האָט זיך דערנענטערט צום טיש, דערלאַנגענדיק און צונעמענדיק די טעלער, האָט ער אויף איר איצט, מיט צאַרטער ליבשאַפֿט געקוקט און אין אירע טיף שוואַרצע אויגן אַריינגעבליקט.

מאגדא האָט דערפֿילט אויף זיך זיינע וואַרעמע בליקן, האָט געזען אַז עפּעס אומגעווינלעכעס קומט איצט פֿאָר אין דניאלן, אַ גרויסע ענדערונג אין זיין באַנעמונג און האַלטונג. זיין שמייכלען צו איר, זיין האַנט באַ־

רירונג מיט אירער, אַלץ האָט עפּעס אַ באַדייט און אַ מיין. כאָטש אַ שטראַל פון אַ שטיקל האָפנונג האָט זיך פאַר איר באַוויזן, האָט זי אָבער ניט געוואָלט זיך פאַרראַטן, ניט נאָכגעבן איר ברויזנדיקן געפיל און ליבע, וואָס זי טראָגט פאַר אים פאַרבאָרגן אין איר האַרצן... ניין, זי וועט בע־סער וואַרטן פאַר דער גינסטיקער געלעגנהייט, האָט זי איצט געטראַכט, אפשר וועט ער דאָך, צו איר אליין, מיט מער געוואַגטקייט דערנענטערן זיך. ביז אָט יענעם הערלעכן און האָפנונגספולן מאָמענט וועט זי וואַרטן, וואַרטן און ליידן...

נאָכן עסן, האָט דער אַלטער קאָנזאַלעס, מאַגדאַס פאָטער, געבראַכט צו טראָגן פון דער באַן־סטאַנציע, וועלכע האָט אויך געדינט פאַר דעם לאָקאַלן פּאָסט אָפיס, אייניקע בריוו פאַר דניאלן. צווישן די בריוו האָט ער אויך געפונען איינעם פון זיין פריינט, פּראָפעסאָר נעלסאָן. מיט אַ פריידיקן ציטער און נייגער, האָט ער דעם בריוו צום אַלעם ערשט געעפנט און געלייענט. ער שרייבט אים, אַז ער מיט זיין פאַמיליע, פרוי נעלסאָן און זייער טאָכטער נענסי, און אויך צוויי פריינט זיינע פון אוניווערסיטעט, וועלן טאַקע אויף זיין וואונטש זיין ביי אים נאָך סוף פון דער וואָך, דעם שבת, צו גאַסט. פאַר איינוועגס, וועלן זיי אויך באַטראַכטן זיין פלאַץ און די שכנהשאַפט אַרום.

דניאל האָט גלייך די פריידיקע צו אים בשורה, געלאָזט וויסן מאַגדאַן און אויך איר מוטער, פרוי קאָנזאַלעס, זיי זאָלן טאַקע זען צוצוגרייטן אַ גאָר פיינעם און שיינעם מאָלצייט אויף אָט דעם באַשטימטן טאָג, ווי עס פּאַסט פאַר אַזעלכע גרויסע, אָנגעלייגטע, זייער חשובע געסט...

געסט

סוף וואָך, לויט דער ידיעה אין דעם בריוו פון נעלסאָנען, זיינען די געסט אָנגעקומען, אין אַן אויטאָמאָביל, צו דניאלס פאַרם. די גרופּע געסט איז באַשטאַנען פון דעם פּראָפעסאָר נעלסאָן, פרוי נעלסאָן, זייער טאָכטער נענסי און צוויי יונגעלייט, סטודענטן פון דעם אוניווערסיטעט, וועלכע האָבן געקענט דניאלן, נאָך פון זיין „קאָלעדזש"־צייט.

די געסט צוזאַמען מיט דניאלן, האָבן זייער פריידיק און אַנגענעם פאַרבראַכט דעם גאַנצן טאָג. זיי האָבן ארומגעקוקט דעם פלאַץ זיינעם,

די באַלעבאַטישקייט, די „גלאָז־הויז" מיט אייניקע נייע זעלטענע פּלאַנ־צונגען, אויף וועלכע ער עקספּערימענטירט איצט און בכלל געשמועסט וועגן אַגראַר ענינים און אַלגעמיינע זאַכן.

מאַגדאַ מיט דער הילף פֿון איר מוטער, האָבן צוגעגרייט אַ גאַר פֿיינעם געשמאַקן מאַלצייט. אין דרויסן, נאָענט צום הויז, אונטער אַ שטאַרק באַצווייגטן און גרין באַבלעטערטן פֿעפֿער־בוים, איז אַ גרויסער ווייס־געדעקטער טיש געשטאַנען, אויף וועלכן ס'איז פֿאַר די געסט, אַ שפּאַנישער מאַלצייט געסערווירט געוואָרן.

דער טאָג איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך שיינער, אַ מילדער, כמעט אַ האַלב־טראָפּישער. די גאַנצע גרופּע פֿריינט האָבן נאָכן מאַלצייט אָנגעהאַלטן זייער וויכטיקע געשפּרעכן, וואָס זיינען פֿאַר דניאלן, אין זיין איצטיקער אומאָפֿיציעלער פֿירנדיקער פּאָזיציע וואָס ער פֿאַרנעמט איצט דאָ, צווישן די היגע פֿאַרמערס, געווען זייער וויכטיק און אינפֿאָרמאַטיוו. דער עיקר האָט אים פּראָפֿעסאָר נעלסאָן, צווישן אַנדערע זאַכן, אויך פֿאַרטרויט אַ סוד, אַז די קומנדיקע לעגיסלאַטור אין סאַקראַמענטאָ, וועט פֿאַרהאַנדלען אַ פּראָיעקט וועגן אַן איריגאַציע סיסטעם פֿאַר אָט דעם גאַנצן טאָל און אַרום. דער פּראָיעקט, האָט אים נעלסאָן דערציילט, איז שוין איצט אין די הענט פֿון אַ גרופּע אינזשינערן, וואָס דאַרפֿן די פּלענער פֿאַרפֿערטיקן און טאָקע ביי דער ערשטער סעסיע נאָך וועט מען דעם פּראָיעקט פֿאַרהאַנדלען און באַשליסן אים דורכצופֿירן.

— ס'וואָלט נאַטירלעך געווען זייער ראַטזאַם און קלוג, האָט אים נעלסאָן גע'עצהט, אַז די גאַנצע שכנהשאַפֿט פֿון טאָל, זאָל זיך אָרגאַניזירן פֿאַר דעם צוועק און אַרבעטן אין דער געהעריקער ריכטונג דורך מענטשן מיט איינפֿלוס, כדי, איר אַלע דאָ, זאָלט קענען בענעפֿיטירן פֿון דעם פּלאַנירטן וואַסער פּראָיעקט. איר וועט דאַרפֿן, האָט אים נעלסאָן געגעבן צו פֿאַרשטיין, — כאָטש דניאל האָט דאָס אליין אויך זייער גוט געוואוסט — דעם ענין שטאַרק פּרעסן, אַרבעטן געשמאַק, כדי צו פֿאַרגיכערן דעם געפּלאַנטן פּראָיעקט און זיין פֿאַרווירקלעכונג. איר וועט אויך דאַרפֿן, פֿון צייט צו צייט, שיקן אייערן אַ פֿאַרשטייער צו דער לעגיסלאַטור, זיין ביי די פֿאַרהאַנדלונגען פֿון דעם פּראָיעקט און כסדר זיין אינפֿאָרמירט וועגן דעם.

— צו אייער גוטן גליק, דניאל, זיינען פֿאַראַן זייער גוטע אויסזיכטן, אַז די לעגיסלאַטור וועט דעם וואַסער פּראָיעקט גיכער דורכפֿירן, ווי מ'האָט זיך געקענט פֿאַרשטעלן, מחמת די באַן־קאָמפּאַניעס, וועלכע ווי איר ווייסט

זיינען דאָ אַ מאַכט, זיינען אויך אין דעם פּראָיעקט זייער שטאַרק פאַר־אינטערעסירט, צוליב גאַנץ פאַרשטענדלעכע טעמים: טויזנטער אַקער לאַנד ליגן אין זייערע הענט, אַלס זייער אייגנטום. דאָס האָבן זיי געקראָגן פון דער פעדעראַלער רעגירונג אַ מתנה פאַר דעם, וואָס זיי האָבן דאָ אָוועקגעלייגט אַ באַן־ליניע אין די היגע מקומות, און איר ווייסט דאָך אויך, אַז מיט דער איינפירונג פון אַן איריגאַציע סיסטעם דאָ, וועט זייער לאַנד ממש פאַרצענפאַכט ווערן אין ווערט. די פאַרם באַפעלקערונג וועט אַ סך פאַרגרעסערט ווערן, די פּראָדוקציע וועט פאַרמערט ווערן און דאָס מיינט, מערער און גרעסערע טראַנספּאָרטאַציע פון מענטשן, פון מאַטע־ריאַלן, פּראַכט און מערער פון אַלץ, די אויסברייטונג פון זייער מאַכט און קאָנטראָל איבער אַלץ און אַלעמען.

— דענקט איר ניט, פּראָפעסאָר — האָט דניאל באַמערקט — אַז אויך מיר, די קליינע פאַרמער, וועלן פון דעם פּראָיעקט אַ סך געווינען? ס'וועלן זיך עפענען אַ סך מעגלעכקייטן און געלעגנהייטן פאַר אַ בעסערן, באַקווע־מערן לעבן. אַ דאַנק דעם איריגאַציע סיסטעם, וועט אַן אַ שיעור באַריי־כערט ווערן די פאַרם־פּראָדוקציע און אַ סך אַ בעסערן עקאָנאָמישן מצב פאַר אונדז, פאַרמער?

— זייער ריכטיק, פריינט דניאל! דער איריגאַציע סיסטעם וועט זיין אַ גרויסע מזל און ברכה פאַר אַלעמען פון אייך, ווען ער זאָל נאָר ניט אַרונטער אונטער דעם קאָנטראָל פון דער באַן־קאָמפּאַניע. דאָ אין שטאַט, ווי געזאָגט, איז זי אַ מאַכט און האָט דעם קאָנטראָל איבער אַ סך זאַכן. זי האָבן זייערע באַצאָלטע מענטשן אין דער לעגיסלאַטור, זייערע „לאָ־ביאיסטן" אין סאַקראַמענטאָ און די אַזוי־גערופענע שטאַט באַן־קאָמיסיאָ־נערן וועלכע דאַרפן דינען די אינטערעסן פון פאָלק, דינען צום באַדויערן מערער די אינטערעסן פון דער באַן־קאָמפּאַניע, האָט נעלסאָן אים באַ־מערקט, מיט ניט ווייניק באַדויערן.

— כ'ווייס ניט צי איר זענט גענוי באַקאַנט מיט דעם גאַנג פון דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק — האָט נעלסאָן פאַרגעזעצט דעם געשפּריעך, ווענ־דנדיק זיך צו דניאלן — ס'איז אָבער אַ פאַקט, אַז סיי אין די לאָקאַלע רעגירונגען און סיי אין די פעדעראַלע, ווערט די פּאָליטיק, מערסטנס, אינסטיגירט און באַאיינפלוסט פון „לאָביאיסטן", געדונגענע פּראָפעסיאָ־נאַלע פּאָליטישנס, וועלכע פאַרטרעטן די אינטערעסן פון דער אָדער יענער גרופּע אין אונדזער געזעלשאַפט, אַנהויבנדיק מיט גרויס קאַפּיטאַל און ענדיקנדיק אַפילו מיט דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט און פאַרמער.

אַלע האָבן זיי באַצאָלטע שתדלנים, אויך אַזעלכע אַפּילו וואָס פֿונקציאָנירן, ניט זעלטן, אויף אַן אומלעגאַלן, קאָרופּטן און ניט אָפֿענעם וועג, אָבער מיט ניט ווייניק איינפֿלוס אויף אונדזערע געזעץ־געבער. אָט די „לאָביאיסטן״ פֿאַרטרעטן געוויסע גרופּן פֿון גאָר גרויסן פֿאַרנעם, וואָס מ׳מוז זיך מיט זיי רעכענען... כ׳האַלט ניט, נאַטירלעך, אַז ס׳איז ריכטיק און ערנ־האַפֿט, אָבער אַזוי הפּנים איז דער שטייגער אין דער פּאָליטיק. אָן באַ־צאָלטע שתדלנים קען מען זיך דאָ ניט אַ ריר טאָן! ס׳פֿאַרשטייט זיך, וואָס שטאַרקער די גרופּע איז אין געלט און אין מאַכט, אַלץ אַ שטאַר־קערן איינפֿלוס האָט זי אויף דעם גאַנג פֿון דער פּאָליטיק, דורך אירע געדונגענע, אָפֿיציעלע און אומאָפֿיציעלע פֿאַרטרעטער. אין דעם פֿאַל, פֿון דעם וואָסער פּראָיעקט — האָט נעלסאָן צוגעגעבן — קען זיין אַז ס׳וועט אַ סך גרינגער זיין פֿאַר אייך צו אַרבעטן און אויך מיט אַ סך ווייניקער געלט־מיטלען, מחמת אַלעמענס גרויסער אינטערעס פֿאַר דער איינפֿירונג פֿון דעם איריגאַציע סיסטעם, גיסט זיך גראָדע צוזאַמען מיט די אינטערעסן פֿון דער באַן־קאָמפּאַניע. אָבער, מיין פֿריינט דניאל — האָט נעלסאָן באַטאָנט— אַ וואָכזאַם אויג וועט איר מוזן האַלטן, אַ פֿאַר־טיידיקער און אַ באַשיצער פֿון אייערע אינטערעסן וועט איר דאָרטן מוזן האָבן אויפֿן פּלאַץ, כדי די רעכט אויפֿן וואָסער זאָל אייך גאַראַנטירט ווערן, דורך יושר און מענטשלעכקייט און ניט דורך פֿאַרשקלאַפֿונג פֿון פּריוואַטע אינטערעסן...

נעלסאָן, אַלס אַ הי־געבוירענער, אַ „נייטיוו״, אַ זון פֿון אַ פֿאַרמער, פֿון אַ קאַליפֿאָרניער פּיאָנער, האָט געננוי געוואוסט די שווידערלעכע ראָל, וואָס די היגע באַן־קאָמפּאַניעס האָבן דאָ געשפּילט, זייערע מאַניפּולאַציעס און לאַנד־ספּעקולאַציעס. נאָך עד היום באַהערשן זיי כמעט דעם עקאָ־נאָמישן און פּאָליטישן לעבן פֿון שטאַט. ער איז אַליין אויך געווען אַן אויגן־עדות, פֿון פֿאַרשיידענע פֿאַרברעכערישע מעטאָדן, מיט וועלכע מען האָט זיך דאָ באַנוצט קעגן די היגע פֿאַרמער: אין איין פּלאַץ האָבן זיי אַרונטערגעטריבן אַלט־איינגעזעסענע פֿאַרמערס פֿון זייער לאַנד, וועלכע האָבן אַריינגעלייגט אַ לעבן־לאַנג מיט אַרבעט און פּראַצע; אין אַ צווייטן פּלאַץ, האָבן זיי געבראָכן קאָנטראַקטן מיט די פֿאַרמער, וועלכע האָבן ביי זיי געדונגען לאַנד אויף אַ געוויסע צאָל יאָרן. נאָכדעם ווי זיי, די פֿאַרמער, האָבן געמאַכט אַ סך פֿאַרבעסערונגען, באַארבעט דאָס לאַנד, אַריינגעלייגט זייער גאַנצן פֿאַרמעגן און פּראַצע, זיינען זיי געבליבן ביי גאָרניט. אין די מערסטע פֿאַרם־פּלעצער, אונטער זייער קאָנטראָל, האָבן זיי אַזויפֿיל באַשטייערט מיט אַ הויכע פֿראַכט־ראַטע, אַז די גאַנצע פֿאַרדינסטן פֿון

די אָרעמע פאַרמערס זיינען געבליבן אין די קופּערטס פון די באַן קאָמ־פּאַניעס.

נעלסאָן האָט די אַלע פאַקטן צו גוט געוואוסט און דעריבער, האָט ער כסדר באַדויערט דעם פאַקט, וואָס דער גורל פון די פאַרמערס ווערט פאַרזיגלט ביי דעם דירעקטאָרן־טיש פון די באַן־קאָמפּאַניעס. האָט ער דעריבער אויך וועגן דעם פּלאַנירטן וואַסער פּראָיעקט געוואָרנט דניאלן ער זאָל וועגן דעם וויסן און אויך, ניט וויניק, אַכטונג געבן.

צווישן פאַרטרויענסווערטע פריינט, האָט נעלסאָן כסדר די דאָזיקע פאַקטן ניט פאַרפעלט ארויסצוברייגען און אַלס פריינט פון די פאַרמער, האָט ער געזוכט ביי יעדע געלעגנהייט צו קריטיקירן דעם דאָזיקן מצב. ס'פאַרשטייט זיך, אַז די געלעגנהייט האָט ער אויך איצט ניט דורכגעלאָזן ביי אָט דעם אינטימען געשפּרעך, ביי דניאלס טיש.

דער שמועס איז געווען אַן אַלגעמיינער, אַן אינטענסיווער. דניאל פון זיין זייט, האָט ארויסגעזאָגט אַ מיינונג וועגן דעם ענין און דערציילט וועגן דער קורצער דערפאַרונג וואָס ער האָט דאָ געהאַט אויפן לאַנד, די געשפּרעכן וואָס ער האָט דאָ געהאַט מיט די שכנים מכוח דעם ענין און זייער פאַרביטערונג געגן דעם דאָזיקן מצב.

נענסי, די טאָכטער פון די נעלסאָנס, האָט זיך אויך ניט צוריקגע־האַלטן פון צו נעמען אַן אַנטייל אין דעם אַלגעמיינעם געשפּרעך. זי, אפשר מערער ווי אַן אַנדערער, האָט געוואוסט די אינערלעכע אנגעלעגנהייטן פון דעם מעכטיקן פּאָליטישן אַפּאַראַט, וואָס די באַן־קאָמפּאַניעס האָבן איינ־געשטעלט, מחמת זי איז געווען די הויפּט סעקרעטאַרין פון דער קאַלי־פאָרניער באַן־קאָמיסיע. איר זיינען דעריבער לחלוטין ניט פרעמד געווען די אונטערוועגן און איינפלוסן, וואָס די באַן־קאָמפּאַניעס איבן אויס אויף די אַזוי־גערופענע פאָלקס־קאָמיסיאָנערן אונדזערע, לטובת זייערע אינ־טערעסן.

ס'פאַרשטייט זיך, אַז אונטער דעם בלויען קלאָרן הימל, אין דער פרייקייט פון פעלד, ניט געצוימט צווישן די ענגע ווענט פון די געזעצ־לעכע שטאַט אינסטיטוציעס און דער עיקר טאַקע, צווישן אייגענע מענ־טשן, מיט דעם זעלביקן קוק אויף די דאָזיקע פּראָבלעמען, האָט זיך גע־רעדט, נאַטירלעך, פרייער און לעבעדיקער.

דער שמועס פון דעם גאַנצן נאָכמיטאָג, איז שוין אַוועק אויף דער טעמע: פון דעם עקאָנאָמיש־פּאָליטישן כאַראַקטער אין שייכות מיט דעם היגן שטאַט און לאַנד.

נענסיס מיטפֿאָרן מיט אירע עלטערן צו דניאלן אויפֿן פֿאַרם, איז געווען פֿאַר איר לכתחילה פֿון אַ קוריאָזן אינטערעס, זי האָט דעריבער געזוכט די געלעגנהייט דניאלן צו באַגעגענען. זי האָט זיך אָנגעהערט פֿון איר פֿאָטער אַזויפֿיל לויב פֿאַר אָט דעם אַמביציעזן ייִדישן יונגנמאַן, אַז ווען די געלעגנהייט איז געקומען, האָט זי די איינלאַדונג פֿון אירע עלטערן מיטצופֿאָרן אָנגענומען מיט ניט וויניק פֿרייד. איר פֿאָרשטעלונג וועגן אים, האָט זי ניט אָפּגענאַרט. ער איז איר געפֿעלן געוואָרן פֿון ערשטן אויגנבליק. אַזעלכן ווי ער איז, האָט זי אים זיך פֿאָרגעשטעלט אין איר פֿאַנטאַזיע: — אַן ענערגיש, שיין, סימפּאַטיש פּנים, טונקל ברוינע קלוגע אויגן, אַן אנגענעמער שמייכל און אַ ברוין פֿון זון־פֿאַרברענט געזיכט; איז קלוג און שאַרף אין אויסדרוק, מיט אַ פֿיינער און שיינער דיקציע, אַ ווייכע אנגענעמע מעלאָדישע שטים, אָן אַ סימן פֿון אַקצענט. ניט ווּסנדיק זיין אָפּשטאַם, וואָלט מען אים געמעגט אָננעמען פֿאַר אַן עכטן „יענקי". האָט זי טאַקע דעם גאַנצן נאָכמיטאָג וואָס זיי האָבן דאָ פֿאַרבראַכט, פֿון אים כמעט קיין אויג ניט אַרונטערגענומען. זי האָט אָנגעהויבן פֿילן צו אָט דעם, כמעט פֿרעמדן יונגנמאַן, דניאל, אַ וואַרעמן אינטערעס און עפּעס אַ מין מאָדנע נאָענטקייט.

דער אָוונט האָט שוין אָנגעהויבן צופֿאַלן, די זון איז שוין געווען אַריבער די מערבדיקע שפּיצן־בערג, און אַ מילד ווינטל האָט זיך געטראָגן איבער דער ברייט פֿון טאָל. די געסט האָבן זיך אָנגעהויבן גרייטן אין וועג אַריין, מ'האָט זיך נאָכדעם פֿריינטלעך צוזעגנט, געוואונטשן דניאלן געזונט, שפֿע און דערפֿאָלג. פֿרוי נעלסאָן האָט פֿאַרבעטן דניאלן אויף אַ וויזיט צו זיי, אין פּאַלאָ אַלטאָ. נענסי פֿון איר זייט, האָט פֿאַרשטאַרקט די איינלאַדונג פּערזענלעך, מיט די ווערטער:

— כ'וואָלט געווען זייער גליקלעך, הער דניאל, אייך צו האָבן ביי אונדז אַלס גאַסט.

איר אָפֿנהאַרציקייט האָט אים זייער גערירט און פֿון איבעראַשונג האָט ער אויפֿן מאָמענט איר גלייך ניט געענטפֿערט. ער האָט אָבער נאָך אַ קורצער פּויזע אויסגעדריקט אַ סך דאַנקבאַרקייט צו איר פֿאַר דער פֿריינטשאַפֿט, און האָט אויך ניט דרייסט באַמערקט, אַז ער וועט וואַרטן פֿאַר דעם טאָג און געלעגנהייט צו זיין קומען מיט דער גרעסטער שפּאַנונג און אומגעדולד.

ווען דער אויטאָמאָביל מיט די געסט זיינען אָפּגעפֿאָרן, איז דניאל נאָך געבליבן שטיין אַ לייגערע צייט אויפֿן גאַניקל פֿון הויז. ער האָט

נאָכגעפֿאָלגט דעם אָפּפֿאָרנדיקן אויטאָמאָביל, דעם גרויסן וואָלקן שטויב, וואָס האָט זיך אויפֿגעהויבן און איז זיי נאָכגעלאָפֿן. ער איז אַזוי געשטאַנען און נאָכגעקוקט ביז זייער אָנזען איז אינגאַנצן פֿון זיין אויג פֿאַרשוואונדן. ער איז נאָכדעם געבליבן שטיין אַליין אויפֿן גאַניקל פֿון הויז, געקוקט אין אַן אומבאַשטימער וייטקייט, זיך צוגעהערט צו דער אַרומיקער בין־השמשותדיקער שטילקייט. געטראַכט פֿון דעם נאָר וואָס דורכגעגאַנגענעם טאָג, וועגן די געסט און וועגן די זייער וויכטיקע נייעס וואָס פּראָפֿעסאָר נעלסאָן האָט אים היינט פֿאַרטרויט, נעמליך: וועגן דעם גרויסן וואַסער פּראָיעקט וואָס ס׳ווערט פּלאַנירט פֿאַר דעם טאָל.

אויף דעם מאָמענט, זייענדיק פֿאַרנומען מיט די געסט, האָט ער קיין צייט געהאַט אַ טראַכט צו טאָן וועגן דעם. איצט, זייענדיק אַליין מיט זיך, האָט ער ערשט פֿיבערדיק אָנגעהויבן צו טראַכטן און פּלאַנירן. ער האָט ערשט איצט דערזען די גרויסע מעגלעכקייטן און די אויסערגעוויינלעכע פּערספּעקטיוון פֿאַר דער רעאַליזירונג פֿון זיינע פּלענער. ערשט איצט, וועט ער האָבן מיט וואָס צו קומען צו דער געפּלאַנטער פֿאַרזאַמלונג פֿון די פֿאַרמער. ער וועט טאַקע תיכף זיך דורכשמועסן מיט זיין פֿריינט איראַסמוס, און ביי דעם ערשטן צוזאַמענקונפֿט פֿון די פֿאַרמער־שכנים, וועט ער אַנטפּלעקן פֿאַר זיי די נייעס, וועגן דעם וואַסער־פּראָיעקט און זיינע אויסזיכטן אויף אַ באַלדיקער רעאַליזירונג. דאָס וועט זיכער שטאַרקן זייער נייע אָרגאַניזאַציע, דאָס וועט זיי ענגער צוזאַמענבינדן, געבן שוואונג און אימפּעט דער אַרבעט פֿאַר זייער געפּלאַנטן קאָאָפּעראַטיוו.

אין זיין פֿאַנטאַזיע האָט ער שוין געזען וויכטיקע, גרויסע פּלענער און מעגלעכקייטן פֿאַר אַ גרויסע געענדערטע אַגראַר ווירטשאַפֿט און שפֿעדיק לעבן דאָ אין טאָל.

נענסי האָט אויך געלאָזט אויף אים אַ זייער וואַרעמן איינדרוק, סיי מיט איר ליכטיקן אויסזען און סיי מיט אירע קלוגע רייד. עפּעס איז זי אַזאַ לויכטנדע באַשעפֿעניש, האָט ער אַ טראַכט געטאָן איצט. אַזעלכע בלויע לאַסטשענדיקע אויגן, גאָלדן־בלאָנדע האָר, און איר הויט, אַזאַ צאַרט ווייסע. איר שטימע, אַזאַ קלינגנדיקע־מעלאָדישע, כאָטש אירע געשפּטלעך פּאָליטישע רייד פֿון היינטיקן נאָכמיטיק, אין וועלכן זי האָט אויך אַנטייל גענומען, איז געווען כמעט ווי אַ דיסאָנאַנס צו איר גאַנצן ראָמאַנטישן וועזן, איז געווען אַ גרויסער קאָנטראַסט צו אָט דעם שיינעם בלאָנדן מלאך.

כלערליי אָפּגעריסענע געדאַנקען, שטיקלעך און ברעקלעך פֿון איינדרוקן און זעאונגען, האָבן זיך געפּלאָנטערט איצט אין זיין מוח. ער האָט

זיך איצט ניט געקענט קאָנצענטרירן אויף איין זאַך. אַ פּלוצלינגע אונ־באַשטימטע ביינקשאַפֿט נאָך עפּעס האָט אים אַרומגענומען. דערפֿילנדיק די קילקייט און די פֿינצטערניש פֿון אָוונט, איז ער אריין אין הויז.

מאַגדאַ האָט נאָר וואָס פֿאַרענדיקט דאָס אויפֿראַמען פֿון דעם היינטיקן נאָך־מאָלצייט און נאָכדעם האָט זי אויך אריינגעבראַכט אַ פֿולן עמער מיט פֿרישע אייער, אַן אָפּקלייב פֿון היינטיקן טאָג פֿון זיינע עופֿות, אַ סך אַ גרעסערן אָפּקלייב דעם מאָל, ווי ביז איצט. זי האָט מיט צופֿרידנקייט וועגן דעם באַמערקט צו דניאלן, אויף וואָס דניאל האָט מיט פֿרייד פֿאַר דעם איר זייער באַדאַנקט.

דניאל האָט זיך געפֿילט זייער באַפֿרידיקט, וואָס מאַגדאַ נעמט אַזאַ נאָענטן און וואַרעמען אינטערעס אין זיין גאַנצער באַלעבאַטישקייט און ווירטשאַפֿט.

די פֿאַרזאַמלונג

די פֿאַרזאַמלונג פֿון די פֿאַרמער, פֿאַררופֿן פֿון פּיט איראַסמוס, איז געווען אַ גרויסער דערפֿאָלג: אַלע פֿאַרמער פֿון טאָל זיינען זיך צוזאַמענ־געקומען צו פּיט איראַסמוסן אויף זיין פֿאַרם. אין אַ גרויסן ליידיקן שפּײַכער איז אויפֿגעקלאַפּט געוואָרן אַ פּלאַטפֿאָרמע פֿאַר די רעדנער. די ווענט פֿון שפּײַער האָט מען אויסגעקאַלכט, די סטעליע און ווענט זיינען געווען דעקאָרירט מיט גרינס. אויף דער פּלאַטפֿאָרם, פֿון דער רעכטער זייט, איז געשטאַנען די אַמעריקאַנער פֿאָן און פֿון דער לינקער זייט, די פֿאָן פֿון קאַליפֿאָרניער שטאַט — דער „בער" אויסגעהעפֿט מיט גאָלד און שוואַרצן זייד. אַלע זיינען געווען אין גרויסער שפּאַנונג. אַלע האָבן געוואָלט זען און באַקענען זיך מיט דעם, פֿון זיי אַזוי פֿיל אָנגעהערטן, דניאל און ניי־געריק געווען אויסצוהערן זיינע פּראָיעקטן. בכלל איז דאָס געווען פֿאַר זיי אַ וויכטיקע נייעס און אַ גרויס געשעעניש. ס׳איז דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פֿון זייער טאָל, וואו ס׳וועט גערעדט ווערן וועגן זייערע אייגענע נאָענטע אינטערעסן אויף אַ קאָלעקטיוון אופֿן און באַזיס. איז די שטימונג געווען אַן אָנרעגנדע, אַ נערוועז געשפּאַנטע.

פּיט איראַסמוס איז געווען דער פֿאַרזיצער פֿון דער פֿאַרזאַמלונג. ער האָט אויף אַ פֿאַרמערשן שטייגער, פּשוט און פֿאָלקסטימלעך, דערקלערט פֿאַר די פֿאַרזאַמלטע דעם צוועק פֿון דעם צוזאַמענקונפֿט און האָט נאָכדעם

פֿאָרגעשטעלט דעם הויפּט גאַסט און רעדנער, אויף וועלכן אַלע האָבן געוואַרט, דניאלן.

דניאל האָט אָנגעהויבן זיין רעדע מיט אַ ביסל וואַקלעניש און ציטער אין זיין שטים. ער האָט אָבער באַלד געוואונען דעם צוטרוי צו זיך אליין און אויך פֿון דער אוידיענץ.

— מיינע גוטע שכנים — האָט ער אָנגעהויבן — אויף דער איניציאַטיוו פֿון אונדזער אַלעמענס פֿריינט, ברודער איראַסמוס, זענט איר אלע אַהערצו היינט געקומען. מיר ווילן דאָ מיט אייך זיך דורכשמועסן און באַראַטן וועגן זייער אַ וויכטיקן ענין, וואָס ס'איז דורכאויס לטובת אונדזער אַלעמענס אינטערעסן. ס'איז אמת, כ'בין דאָ ביי אייך, אין טאָל, אַ ניי צוגעקומענער, כ'האָב זיכער ניט דורכגעמאַכט די אַלע שוועריקייטן און ליידן, וואָס ס'איז אייך אויסגעקומען אַלס פּיאָנערן און ערשטע סעטלערס איבערצולעבן. כ'בין אָבער געקומען אַהערצו, אין דעם טאָל, ניט אַלס אַ פֿאַרבייגייער, נאָר צו זיין איינער פֿון אייך און בלייבן מיט אייך. כ'וויל צוזאַמען מיט אייך, אַרבעטן פֿאַר דער פֿאַרבעסערונג פֿון אונדזער אַלעמענס אינטערעסן, קען איך דעריבער רעדן צו אייך ניט אַלס אַ דרויסנדיקער אָדער פֿרעמדער, נאָר אַלס אַן אייגענער און איינער פֿון אייך.

כ'בין געגוי באַקאַנט מיט דער אומגינסטיקער לאַגע און דעם שווערן עקאָנאָמישן מצב פֿון די פֿאַרמערס דאָ אין טאָל. כ'האָב דאָס געוואוסט טיילווייז, נאָך איידער כ'האָב געקויפֿט דאָ מיין לאַנד. מיך, האָט דער היגער צושטאַנד ניט אָפּגעשראָקן, מחמת איך האָב געוואוסט און געזען דאָ אַ סך פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן. כ'בין איבערצייגט, מיינע גוטע שכנים, אַז מיט אונדזער פֿאַראייניקטן כוח און פֿאַרשטענדיקונג פֿון דער לאַגע, קענען מיר אַ סך, אַ סך איבלען באַזייטיקן, אַ סך זאַכן פֿאַרבעסערן און נייע זאַכן געווינען.

כ'האָב גערעדט מיט ברודער איראַסמוס וועגן אַ פּראָיעקט פֿון אַ פֿאַרמער קאָאָפּעראַטיוו. מיר האָבן זיך פֿאַרשטאַנען און געאייניקט אויף דעם געדאַנק, וועגן דער צוועקמעסיקייט פֿון דעם, מיר ווילן אָבער אויך הערן אייער מיינונג און צושטימונג. כ'דאַרף אייך ניט דערציילן, אַז מאַנגל אין וואַסער איז אונדזער הויפּט איבל. מיר האָבן דאָ אלע גוטע און פֿרוכטבאַרע ערד. מיט גענוג וואַסער פֿאַר אונדזערע פֿעלדער, וואָלטן מיר זיך דאָ פֿאַנאַנדערגעבליט אין שפֿע און אין רחבות. מיט פֿאַראייניקטע כוחות און ווי געהעריק אָרגאַניזירט, קענען מיר אָט דעם ציל אונדזערן, וואַסער— אויך דערגרייכן.

דער פּראָיעקט אונדזערער, אין קורצן, איז, אַז מיר די פּאַרמער פֿון טאָל, פֿון דעם גאַנצן אַרום, אָרגאַניזירן זיך אין אַ קאָאָפּעראַטיוו. דער צוועק פֿון דעם קאָאָפּעראַטיוו איז: צו קויפֿן און צו פֿאַרקויפֿן אונדזערע פּראָדוקטן צוזאַמען. קויפֿנדיק אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב און פֿאַרקויפֿנדיק אין גרויסער קוואַנטיטעט, וועלן מיר אַפֿילו קענען דיקטירן די פּרייזן ביז אַ געוויסער מאָס און אויך רעדוצירן די פּרייזן פֿון טראַנספּאָרטאַציע פֿון אונדזערע פּראָדוקטן.

— גערעכט ביזטו, דניאל, גערעכט! — האָבן זיך געהערט אויסגע־שרייען פֿון איינציקע צווישן די פֿאַרזאַמלטע און נאָכגעפֿאָלגט מיט שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן.

נאָך אַ קורצער פּויזע, האָט דניאל פֿאָרגעזעצט זיין רעדע:

— ברידער פֿאַרמער! זייענדיק אָרגאַניזירט, קענען מיר אָט דעם איבל אומבייטן. האָבנדיק וואָסער פֿאַר אונדזערע פֿעלדער, וועלן מיר אויך ענדערן די ביז איצטיקע מעטאָדע פֿון אַרבעט און איינפֿירן נייע וועגן און מיטלען. אונדזער פֿעטע ערד, קען זייער גרינג אַדאַפּטירט ווערן צו אַן אַנדער פֿאַרזיי און צו נייע פֿלאַנצונגען, וואָס וועט אונדז, מיט דער צייט, ברענגען אַ סך בעסערע רעזולטאַטן און אַ גרעסערע הכנסה. ווען אָרגאַ־ניזירט, קענען מיר דאָ אויפֿבויען אַ גרויסן קאָאָפּעראַטיוון שפּייכלער, אין וועלכן מיר וועלן קענען אַנזאַמלען אונדזערע אַלעמענס פּראָדוקטן, פּרע־זערווירן ווען נויטיק, און „מאַרקעטן” אין צייט, ווען די פּרייזן זיינען די העכסטע. מיר וועלן זיך אויך קענען אָפּגעבן מיט אַזאַ אינטענסיווער פֿאַרמינג, וואָס קען „געטראַקט” ווערן פֿון די פֿעלדער דירעקט צום מאַרק.

האָבנדיק אונדזערע אייגענע „טראָקס” וועלן מיר ניט כסדר מוזן אָנקומען צו די באַן־קאָמפּאַניעס, וועלכע פֿלעגן אין די מערסטע פֿאַלן צו־נעמען ביי אייך דעם גרעסטן טייל פֿון דעם פּראָפֿיט אייערן, און ניט זעלטן פֿלעגט איר גאָר דאַרפֿן צוטראָגן און דערלייגן. אין אַנדערע ווערטער, מיר וועלן ווערן די באַלעבאַטים פֿון אונדזער אייגענער טראַנספּאָרטאַציע, פֿון אונדזער אייגענעם פֿאַרקויף. ערשט דאַן, וועלן מיר געניסן פֿון דער ברכה פֿון אונדזער מאַמע־ערד און פֿון אונדזער אייגענער אַרבעט. דאָס, מיינע ליבע פֿריינט און שכנים, איז ניט קיין חלום אָדער פֿאַנטאַזיע, נאָר אַ פּראַק־טישע און נאָענטע מעגלעכקייט, אויב איר אַלע, נאָטירלעך, וועט מיט אונדז מסכים זיין און מיטאַרבעטן אין אחדות, פֿאַר דער גרויסער אידייע פֿון אונדזער צוקונפֿטיקן פֿאַרם־קאָאָפּעראַטיוו.

און איצט, מיינע גוטע שכנים, וועגן אונדזער וואַסער פּראָבלעם. די לייזונג פֿון דעם פּראָבלעם איז איצט אַ סך, אַ סך נענטער, ווי מיר אַלע

האָבן ווען ס׳איז זיך גאָר געקענט פאַרשטעלן. כ׳וויל דאָ פאַר אייך, איצט, אַנטפּלעקן אַ זייער גוטע נייעס, וואָס וועט אייך אַלעמען, בין איך זיכער, פרייִדיק איבערראַשן. כ׳האָב דאָ לעצטנס געהאַט ביי מיר איייניקע געסט פון פּאַלאָ־אַלטאָ, גוטע פריינט מיינע. זיי האָבן מיר איבערגעגעבן די נייעס, פון גאַנץ פאַרטרויענסווערטע קוואַלן, אַז די קומנדיקע סעסיע אין סאַקראַ־מענטאָ, וועט פאַרהאַנדלען אַן איריגאַציע פּראָיעקט פאַר דער באַוואַסערונג פון דעם גאַנצן טאָל. ס׳איז אַ סברה, זאָגן זיי מיר, אַז די אינזשינערן זיינען שוין פאַרטיק מיט דעם גאַנצן פּראָיעקטירטן פּלאַן, מיט דעם אויס־לייג פון די וואַסער קאַנאַלן און דאַמבעס. די קומענדיקע סעסיע פון דער לעגיסלאַטור, וועט דאַרפן די אַלע פּלענער גוטהייסן און אַ בודזשעט פאַר דעם באַשטימען. ס׳וועט זיך פאָדערן, פון אונדזער זייט, צו זיין דאָרטן, אין סאַקראַמענטאָ פאַרטראָטן ביי די פאַרהאַנדלונגען און זען, אַז אויך מיר, אין דעם טייל טאָל, זאָלן האָבן דאָס רעכט אויף דעם וואַסער געברויך, ווערן גלייכבאַרעכטיקטע קאָנסומירער. אויך מיר זאָלן געווינען פון דעם גרויסן אויפטו, און דער עיקר פון אַלע עיקרים, מיר זאָלן ניט באַ׳עוולהט ווערן.

— יאָ, מיינע ליבע שכנים, ס׳איז זיכער, אַז מיר פון אָט דעם פּרוכטבאַרן טאָל, וועלן ניט זיין אויסגעשלאָסן פון דעם פּראָיעקט. אמת, ניט אַזוי צוליב אונדז פּערזענלעך, אָדער צוליב אונדזער וואוילזיין, וואָס ס׳איז זיי, מיט אַמאָל נאָענט געוואָרן, ניין! אונדזער גליק באַשטייט איצט אין דעם, וואָס אין דעם זכות פון די באַן־קאָמפּאַניעס און גרויסע לאַנד־באַזיצער, וועלכע האָבן אין אונדזער שכנהשאַפט, צענדליקער הונדערטער אַקער לאַנד, איז דאָס, נאַטירלעך, אין זייערע אינטערעסן אַז זייערע לענ־דערייען זאָלן קענען באַוואַסערט ווערן, וואָס דאָס מיינט, אַז זייער לאַנד וועט פאַרצענפאַכט ווערן אין ווערט. און דאָרטן וואו ס׳האַנדלט זיך וועגן די אינטערעסן פון די באַן־קאָמפּאַניעס, קענט איר זיכער זיין אַז דער פּראָיעקט וועט שוין דורכגיין און וואָס גיכער אויך!...

— גערעכט דניאל, גערעכט! — האָבן זיך געהערט באַגייסטערטע שטימען פון די פאַרזאַמלטע.

— אָבער פונדעסטוועגן — האָט דניאל פאַרגעזעצט זיין רעדע — פאַר־לאָזן זיך אויף זייער גוטן ווילן און יושר, טאָרן מיר באַין אופן ניט. אויב מיר וועלן דאָרטן ניט זיין פאַרטראָטן אַלס אַ גאַנצע איינהייט, אַלס אַ קאָ־לעקטיוו, איז פאַראַן אַ סכנה אַז דאָס אויסשליסלעכע רעכט אויף דאָס וואַסער, זאָל בלייבן אין דעם רשות פון דער באַן־קאָמפּאַניע און די גאָר גרויסע לאַנד באַזיצער פון דעם דיסטריקט, און מיר, די קליינע פאַרמער,

וועלן מוזן אָנקומען צו זיי. מיר וועלן זיין אָפּהענגיק פֿון זיי פֿאַר יעדן טראָפּן וואַסער און, איר ווייסט וואָס דאָס מיינט, דאַרפֿן אָנצוקומען צו דער באַן־קאָמפּאַניע אָדער צו די „גרויסע״? מיר וועלן זיך קיינמאָל פֿון זיי ניט אויסצאָלן און אייביק פֿאַרשקלאַפּט זיין צו זיי.

מיר וועלן דעריבער מוזן שיקן אונדזערן אַ מענטשן נאָך סאַקראַמענטאָ, ער זאָל ערלעך, ווי פֿאַר זיך אַליין, פֿאַרטרעטן אונדזערע אינטערעסן. און קומען דאָרטן דאַרפֿן מיר ווי אַן אָרגאַניזירטע אַסאָסיאַציע, און פֿאָדערן דאַרפֿן מיר אַז דאָס וואַסער געברויך פֿאַר אונדזער לאַנד, אויב דאָס דאַרף פֿאַרוואַלטעט ווערן דורך אַ געוויסע אַגענטור פֿון דעם דיסטריקט, זאָל דאָס זיין דורך אונדזער אייגענער אַגענטור — דורך אונדזער אַסאָסיאַציע. נאָר דורך אַזאַ אופֿן קענען מיר דערוואַרטן, כאָטש טיילווייז, גערעכטיקייט פֿאַר אונדזער זאַך.

די רעדע פֿון דניאלן וועגן דעם אַלגעמיינעם פּראָיעקט און וועגן דעם מצב פֿון די היגע פֿאַרמער, האָט געמאַכט אויף די אַלע פֿאַרזאַמלטע אַן אויסערגעוויינלעכן רושם. זיי האָבן אַלע דערפֿילט, אַז ס׳רעדט צו זיי אַ מענטש אַן אייגענער, וואָס פֿילט מיט זיי מיט און פֿאַרשטייט זיי, אַ מענטש מיט אַ האַרץ און נשמה פֿאַר זייער זאַך. די פֿאַרזאַמלונג איז גלייך צוגעטראָטן צו דער אַרבעט פֿון אָרגאַניזאַציע. ס׳איז איינשטימיק באַשלאָסן געוואָרן, אַז אַן אַסאָסיאַציע פֿון די פֿאַרמערס פֿון דעם טאָל, זאָל גלייך עטאַבלירט ווערן און די נויטיקע באַאַמטע זאָלן דערוויילט ווערן.

דניאל ווערט איינשטימיק דערוויילט אַלס דער פּרעזידענט פֿון דער אַסאָסיאַציע און פּיט איראַסמוס, איר סעקרעטאַר.

נאָכדעם ווי די פֿאַרזאַמלונג איז אָפֿיציעל געשלאָסן געוואָרן, זיינען נאָך די פֿאַרמער־שכנים פֿאַרבליבן. מ׳האָט גערעדט צווישן זיך וועגן דעם וואַסער פּראָיעקט און די אויסזיכטן אויף זיין רעאַליזירונג, וועגן דעם וואונדער־מענטש, דניאל, וועגן דער אַסאָסיאַציע און די גרויסע מעגלעכקייטן, וואָס קען זיך פֿאַנאַנדערוויקלען. ערשט שפּעט אין אָוונט איז מען זיך פֿאַנאַנדערגעגאַנגען אין אַ גאָר געהויבענער שטימונג, מיט אַ סך פֿרייליקע האָפֿנונגען פֿאַר אַ שפּעדיקע נאָענטע צוקונפֿט.

דניאל און איראַסמוס האָבן זיך מאָמענטאַל גענומען צו דער אַרבעט: זיי האָבן זיך געשטעלט אין פֿאַרבינדונג מיט די נויטיקע מענטשן אין סאַקראַמענטאָ, האָבן צוגעשטעלט די נויטיקע פּאַפּירן און אַפּליקאַציעס פֿאַר דעם געברויך פֿון דאָס וואַסער, פֿון דעם געפּלאַנטן וואַסער פּראָיעקט און אויך האָבן זיי פֿאַרפֿערטיקט די געזעצלעכע פּאַפּירן פֿון דער ניי־געגרינדעטער פֿאַרמער־אַסאָסיאַציע פֿון דעם סאַקראַמענטאָ טאָל.

די ערשטע סעסיע פון דער לעגיסלאַטור האָט דעם וואַסער פּראָיעקט פאַרהאַנדלט, און ווי פאַראויסגעזען, גוטגעהייסן זיין רעאַליזירונג. ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז דער פּראָיעקט איז ניט גאָר אינגאַנצן קיין נייער. אַ דאַנק דעם דרוק פון די גרויסע, איז דער דאָזיקער איריגאַציע פּראָיעקט אַ סך פריער פאַרווירקלעכט געוואָרן, ווי די מערסטע האָבן זיך געקענט פאָרשטעלן.

די סטאַטוטן פון דעם קאָנטראַקט וואָס די לעגיסלאַטור האָט אַרויסגעגעבן, האָט געלויטעט, אַז דער גאַנצער איריגאַציע סיסטעם דאַרף פאַרטיק ווערן ניט שפּעטער ווי אין צען חדשים פון דעם דאַטום ווען דער קאָנטראַקט איז געחתמעט געוואָרן. אַלע צעמענטירטע וואַסער קאַנאַלן, גרעסערע און קלענערע דאַמבעס, דאַרפן פאַרטיק זיין אין דער באַשטימטער צייט, אויפצונעמען די וואַסער פאַר דער איריגאַציע. ס'איז געווען פאַרשטאַנען, אַז נאָך צו דעם קומענדיקן פרילינג, וועלן די פאַרמער זיך שוין קענען באַנוצן מיט דער וואַסער און אָנהויבן זיך גרייטן פאַר דעם פרילינג פאַרזיי.

▼

דער וואַסער קאַנאַל

די אַרבעט אַרום דעם איריגאַציע סיסטעם איז אָנגעגאַנגען אינטענסיוו און פיבערהאַפטיק. באַלד האָבן זיך אין טאָל באַוויזן „סורווייערס" מיט „דריי־עקס" און קאָמפּאַסעס. אינזשינערן און זייערע געהילפן האָבן געמאָסטן דאָס לאַנד, די ברייט און די לענג פון די קאַנאַלן וואָס דאַרפן טראָגן דאָס וואַסער. אָנגעצייכנטע נומערירטע פלעקלעך האָבן זיי אריינגעשטעקט אין דער ערד אויף געוויסע שטחים, און גלייך נאָך זיי האָט זיך באַוויזן אַ גרויסער טראַקטאָר און גראָב־אייזן מאַשינען, כדי אויסצוגראָבן די דאָזיקע קאַנאַלן, וואָס וועלן דאַרפן צופירן דאָס וואַסער צו די באַשטימטע ערטער, פאַר דעם געברויך פון די פאַרמער.

אין גאַנצן טאָל און אַרום איז געוואָרן זייער לעבעדיק, מ'האָט נאָך קיינמאָל ביז איצט, אַזאַ אַקטיוויטעט פון אַרבעט דאָ ניט געזען: ס'איז געוואָרן דאָ אַ גרויסע נאָכפראַגע אויף אַרבעטער. האָט מען זיך באַנוצט מיט די היגע פאַרמערס פון אַרום, מיט זייערע פערד און וועגענער, כדי אַוועקצופירן די אויסגעגראָבענע ערד פון די קאַנאַלן און אויסשפּרייטן די ערד אויף די אויסוואַשן אָדער נידריקערע פלעצער אויפן לאַנד. אויך

האַנט־אַרבעטער מיט „פּיקס״ און לאָפּעטעס, מיט גראַב־אַייזנס און אויס־גלייכערס האָבן דאָ געאַרבעט און אויך אַ צאָל באַלמעלאָכעס, סטאָליאַרעס, האָבן צוגעגרייט די פאָרמס פאַר די צעמענטענע ווענט פון די קאַנאַלן. פאַר די אַרבעטער פון די וויטערע געגנטן, זיינען אָוועקגעשטעלט געוואָרן לייוונטענע געצעלטן, פאַר ביינאַכט צו שלאָפן און אויך אַן אַלגעמיינע קיך און אַן עס־פּלאַץ. דער גאַנצער טאָל איז מיט אַמאָל באַלעבט געוואָרן פון אַ גרויסער פיבערהאַפטיקער אַרבעט און אַ פריילעך געזאַנג.

יעדע פרישע ידיעה וואָס די פאַרמער פון טאָל האָבן געהערט אין שייכות מיט דעם איריגאַציע סיסטעם, האָבן זיי מיט פרייד און אינטערעס אויפגענומען. אין יעדן שפּאַן ערד וואָס איז אויסגעגראָבן פאַר די קאַנאַלן, האָבן זיי געזען אַ דערנענטערונג צו זייער ציל. דאָך, האָט זיך יעדער טאָג און יעדע וואָך, אין דער צייט פון דער בויאונג פון דעם קאַנאַל, געצויגן ביי זיי, ווי לאַנגע יאָר. דעם גאַנצן זומער און ווינטער האָבן זיי געלעבט און געאָטעמט מיט דער איינציקער האָפנונג, אַז אויף קומענדיקן פרילינג, וועט זיכער דער גאַנצער איריגאַציע סיסטעם זיין פאַרטיק פאַר דעם גע־ברויך פון די פאַרמער. דניאל האָט, פאַרשטייט זיך, מיט ניט ווייניקער האָפנונג אויך געוואַרט אויף יענע טעג אין פרילינג, ווי אַ פרומער ייד אויף משיחן. צו דער זעלביקער צייט, האָט ער אָבער שטאַרק געוואָרנט און גע׳עצהט זיינע פאַרמער־שכנים, זיי זאָלן וואָס מערער קולטיווירן זייער באָדן און די פאַרזייטע פעלדער, כדי צו פרעזערווירן דאָס ביסל פייכקייט אין דער ערד, וואָס ס׳איז נאָך פאַרבליבן פון די ווינטער רעגנס. פאַרלאָזן זיך אינגאַנצן אויף דעם צוזאָגן פון די באַאַמטע פון דעם וואַסער פראָיעקט, אַז די וואַסער וועט זיין אין צייט אין די קאַנאַלן פאַרן געברויך, האָט דניאל פון צייט צו צייט זיי דערמאָנט, טאָר מען אַבסאָלוט ניט.

דער גאַנצער טאָל, אין זיין לענג און ברייט, ביזן ווייטן האָריזאָנט, איז איצט געלעגן ווי אַ פאַרשרפּעטער, געבאַקן און געבראָטן פון דער הייסער יולי־זון. אין די הייסע זומער טעג, האָט די זון, נאַטירלעך, גיך אויסגעטריקנט דאָס ביסל פייכקייט אין דער ערד וואָס איז געווען. די ערד איז געוואָרן ביין־טרוקן און האָט זיך ערטערווייז אַפילו אָנגעהויבן שפּאַלטן, ווי נאָך אַן ערד־ציטערניש. די באַרג־שפּיצן, די אויבערפלאַכן און די ברייט־טאָליקע פּרעיריס, אַלץ האָט איצט אָנגענומען אויף זיך אַן אַש־גרוי קאָליר.

איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון טאָל, האָט געהערשט איצט אַ זון־ברענענדיקע שטילקייט: מענטש און חיה האָבן זיך פאַרקליבן אין שאָטנדיקע באַהעלטענישן פון דער שטאַרק ברענענדיקער זון. די ווייץ

און האָבער־זאַנגען פֿון דעם פֿרילינג פֿאַרזיי, איז צו פֿרי רייף געוואָרן, אָבער זייער קליין און מאָגער, צוליב דעם דוחק אין וואַסער. אַלץ איז געווען צעטריקנט און פֿאַרברענט און געדורשט נאָך אַ טראָפּן וואַסער, נאָך אַן אָפּפֿרישונג. די קליינע ברונעמער ביי די פֿאַרמערס, האָבן אויך אָנגעהויבן אויסצוטריקענען צוביסלעך און ס'האָט געהאַלטן ביי אַ שטאַרקן דוחק אין וואַסער, אַפֿילו פֿאַר דעם פּשוטן היימישן געברויך.

ס'איז געווען דער זומער ווען דאָס וואַסער אין די קאַנאַלן, לויט דעם צוזאָג, האָט שוין לאַנג געדאַרפֿט לויפֿן איבער דער גאַנצער לייַנג פֿון לאַנד: דער איריגאַציע סיסטעם איז שוין געווען פֿאַרטיק, די צעמענטירטע קאַ־נאַלן אין וועלכע דאָס וואַסער דאַרף לויפֿן, איז שוין אויך געווען גוט אויס־געטריקנט און גרייט געווען אריינצונעמען אין זיך דאָס וואַסער. אַלץ האָט אויסגעזען צו זיין פֿיקס און פֿאַרטיק. נאָר עפּעס אַן אומפֿאָראויסגעזעענע סיבה, האָט הפּנים פֿאַרהאַלטן דעם אריינקום פֿון וואַסער אין די קאַנאַלן. צו אַלעם דעם איז, ווי שוין געזאָגט, געווען אַ גרויסע טריקעניש דעם יאָר. איז די פֿאַרצווייפֿלונג, פֿאַרשטייט זיך, געווען אַ גרויסע און די שטימונג אַ געדריקטע. זיינען די פֿאַרמערס פֿון טאָל געלאָפֿן צו דניאלן, צו אים, וועמען זיי האָבן געהאַלטן פֿאַר זייער פֿירער, פֿאַר זייער בעל־יועץ.

דניאל — האָבן זיי געטענהט צו אים מיט געבעט — ווען, ווען וועלן מיר שוין די צוגעזאָגטע וואַסער אריינקריגן, כדי צו דערפֿרישן אונדזערע טרוקענע פֿעלדער, שטילן דעם דורשט פֿון אונדזערע פֿי, פֿון אונדזער גאַנצערווירטשאַפֿט?

דניאל האָט זיי מאָמענטאַל גאַרניט געקענט העלפֿן, ס'איז געווען אַן אַלגעמיינע קלאָג און אומגליק, אויפֿן גאַנצן געביט.

צו דער טריקעניש זיינען נאָך אויך צוגעקומען אָפּטע ווינטן, וואָס האָבן אויפֿגעהויבן גאַנצע וואָלקנס מיט שטויב, האָבן באַדעקט און וויס־גרוי געמאַכט די צוימען אַרום די פֿעלדער, די בלעטער אויף די ביימער און געברעקלט די האַלב־רייפֿע קערנער פֿון די ווייץ און האָבער זאַנגען.

דניאלס אַלפֿאַלפֿאַ פֿעלד, וואָס איז געווען דער שטאָלץ פֿון זיין פֿאַרם, צוליב די גרינקייט און געדיכטקייט, וואָס ס'האָט כסדר געבלענדט מיט פֿריש לעבן אין דעם גרויסן גרוי־טרוקענעם ניט באוואקסענעם אַרום, איז אויך איצט געלעגן, געל און צעטריקנט, נידריק קליין און שיטער גע־וואקסן. זיין קאָרן־פֿעלד איז איצט געשטאַנען ווי פֿאַריתומט געבויגן, האַלב רייף, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּלעך און אויערן.

ס'האָט דניאלן געוויטיקט דאָס האַרץ, צוזעענדיק דאָס אַלץ. עפּעס ווי די נאַטור האָט זיך געוואָלט נוקם זיין אין זיי, און דווקא אין דעם יאָר

ווען זיי האָבן זיך מערסטנס פאַרלאָזט אויף דער איריגאַציע וואַסער, און דעריבער ווייניקער קולטאַווירט די ערד, טראָץ די וואָרנונגען פון דניאלן. צוזעענדיק דאָס אַלץ, איז אויך דניאל, פונקט ווי זיינע שכנים, אריינגע־פאַלן אין אַ געדריקטער שטימונג און אין אַ גוואַלדיקער אומגעדולד. מחמת אַ גרויסער פאַרלוסט האָט געדראָעט די פאַרמערס פון דעם גאַנצן טאָל, צוליב אָט דער אומדערוואַרטעטער און אומדערבאַרמדיקער טריקעניש.

דניאל האָט פאַרטראַכט, אַז עפּעס וועט מוזן גלייך געטאָן ווערן. ער האָט זיך דורכגערעדט מיט פּיט איראַסמוס און אַ צאָל נעענטערע וואָס זיינען ביי דער אַרבעט פונם קאָאָפּעראַטיוו, און צוזאַמען האָבן זיי באַ־שלאָסן, אַז דניאל זאָל תיכף אַראָפּפאָרן נאָך סאַקראַמענטאָ, אויך צו דעם פּלאַץ פון דער הויפּט דאַמבע, זען זיך מיט די וויכטיקע באַאַמטע פון דעם וואַסער פּראָיעקט ווי אויך מיט די אינזשינערן. ער וועט מוזן אָנ־הויבן קלאַפּן טרעוואָגע, אָנשלאָגן אין די נויטיקע טירן. אפשר האָט מען בכלל אין זיי פאַרגעסן ?...

דניאל האָט זיך צוזעגנט מיט זיין באַראַטונגס קאָמיסיע פון די פאַר־מער און ואיז דעם זעלביקן טאָג נאָך אָפּגעפאָרן נאָך סאַקראַמענטאָ.

דניאל האָט זיך געזאַמט דאָרטן אַ קאַרגע וואָך צייט. ער איז אַרום־געלאָפן אין די פאַרשיידענע דעפּאַרטמענטס, געמאַכט אויספאָרשונגען וועגן די סיבות פון דער פאַרשפּעטיקונג פון דעם וואַסער צופלוס. ער האָט זיך געזען מיט די נויטיקע מענטשן און באַאַמטע, און זיי דערקלערט אַז נאָר אַ באַלדיקער צופלוס פון וואַסער אויף זייערע פעלדער וועט אפשר טיילווייז געלינגען צו ראַטעווען דעם הײַ־יאָריקן שניט, אויב ניט זיינען די פאַרמערס דאָרטן אַלע פאַרלאָרן. ס'איז אים ענדלעך דאָך געלונגען ארויסצוקריגן אַן אַבסאָלוטע פאַרזיכערונג פון דעם הויפּט פון דער וואַסער ביוראָ, אַז אין דריי טאָג ארום וועלן שוין די וואַסער־שטראָמען אין די איריגאַציע קאַנאַלן לויפן.

מיט אַן אומבאַגרעניצטער פרייד און ליכטיקע האָפנונג, האָט ער די גוטע בשורה געבראַכט צו זיינע שכנים. די דאָזיקע פריילעכע און גוטע בשורה, האָט דער גאַנצער טאָל אויפגענומען מיט אַ סך פרייד און באַ־גייסטערונג און האָבן, פאַרשטייט זיך, צוגעשריבן דעם דאָזיקן אויפטו צו דניאלס איבערגעבנקייט און פעאיקייט אין זיין שליחות.

גרויס און געליבט איז געוואָרן דער נאָמען פון דניאלן אין דעם גאַנצן טאָל און אַרום.

די פּראָצעסיע

אַ טאָג פאַר דעם, איידער דאָס וואַסער האָט שוין געדאַרפט אַריינ־שטראָמען אין די קאַנאַלן, איז אַ ספּעציעלער שליח, אַ רײַטער, געקומען צופליִען אויף דניאלס פאַרם און איבערגעגעבן דניאלן אַן אָפיציעלע ידיעה, אַז מאָרגן באַגינען, וועט מען ענדלעך עפענען די קראַנען פון דער גרויסער דאמבע און די פאַרמערס קענען זיין גרייט זיך צו באַנוצן מיט דעם וואַ־סער ווען ס'וועט זייערע לאַנד־גרענעצן דערגרייכן.

דניאל האָט דעם זעלביקן טאָג צוזאַמענגערופן אַלע פאַרמער פון דער שכנהשאַפט און זיי איבערגעגעבן די לעצטע דערפרייענדיקע נייעס:

— ענדלעך, ענדלעך, — האָט דניאל געטיילט זיין פריידן מיט די שכנים פאַרמער — יאָ, יאָ, מאָרגן איז דער טאָג, די לאַנג דערוואַרטעטע וואַסער וועט שוין מאָרגן דערגרייכן אייערע פעלדער און אַלץ אָפּפרישן און באַלעבן.

ער האָט גערעדט צו זיי, געמוטיקט זייער ווילן און דערוועקט ביי זיי האָפענונגען אויף אַ ליכטיקן און פריידיקן מאָרגן. זייענדיק אליין אויך הינגעריסן און באַגייסטערט אין דעם מאָמענט פון דעם באַלדיקן רעאַלי־זירטן חלום זייערן, איז ביי אים מאָמענטאַל געבוירן געוואָרן אַ בליציקער געדאַנק: די גאַנצע שכנהשאַפט, די אַלע פאַרמער פון טאָל, די מענער, פרויען און יונגוואַרג, זאָלן אַלע אין אַ היילִיקער פּראָצעסיע גיין באַגע־גענען אָט דעם זייער אַנגעלייגטן, לאַנג דערוואַרטעטן גאַסט זייערן, אָט דעם ערשטן קילן וואַסער שטראָם, וואָס וועט צום ערשטן מאָל באַנעצן זייער אויסגעטריקנט דורשטיק לאַנד.

דניאל האָט דעם דאָזיקן בליציקן געדאַנק וואָס ס'איז דורכגעלאָפן זיין מוח, טאַקע גלייך פאַרעלייגט פאַר די פאַרזאַמעלטע, און יונג און אַלט, האָבן זיך געפרייט מיט דעם. די פרייד איז געווען אַ גרויסע, כמעט אַ קינדערישע. אַזוי ווי טאַטע־מאַמע זאָגט צו קינדער מיטצונעמען זיי אין דער גרויסער שטאָט אריין צו אַ פאַראַד, אַזוי אויך האָבן גרויס און קליין זיך געפרייט מיט דעם.

דניאל איז פאַר דעם גוטן און קלוגן איינפאַל, זייער וואַרעם און היל־כיק געלויבט געוואָרן.

באַגינען, ווען ס'האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן שאַריען אויף גרויען טאָג, זיינען שוין אַלע שכנים אויף געווען און זיך געצויגן פון אַלע ריכטונגען פון טאָל צו דניאלס פאַרם. פון דאָרטן איז אָפּגעמאַכט געוואָרן אָנצוהויבן די פּראָצעסיע. אַלע זיינען געווען „באַוואָפנט", ווער מיט גראַבלעס, ווער

מיט לאָפּעטעס אָדער שטעקנס, אויך מיט קלימעקלעך אויף די אַקסלען, צדה־לדרך, איבערצוכאַפּן אויפֿן וועג.

אַלע האָבן זיך אויסגעשטעלט ווי מושטירטע סאָלדאַטן, צו פֿיר אין אַ ריי. דניאל און איראַסמוס זײַנען געווען אין דער פֿאָדערשטער ריי פֿון דער קליינער מחנה, און מיט ניט געאײַלטע טריט, האָט די פּראָצעסיע זיך אַ רוק געטאָן פֿאָראויס.

מוטיק, פֿריידיק און מיט פֿריילעך געזאַנג האָבן זיי אַלע מאַרשירט, פּאַזע דעם גרוי־צעמענטענעם קאַנאַל, וואָס דאַרף באַלד טראָגן אין זיך דעם לאַנג דערוואַרטעטן וואַסער־שטראָם. דער וואַסער קאַנאַל האָט זיך געצויגן מײַלן־ווייט, דורכשניידנדיק פֿלאַכע בערגלעך און קליינע גראָבנס. ס'האָט זיך געשטעלט אַ זוניקער פֿרימאָרגן, די זון איז אַרויסגעקומען אַ לויטערע, אַ פֿײַערדיקע פֿון די אַנטקעגנדיקע מזרח בערג. גייענדיק, האָבן די מאַרשירער זייערע אויגן געהאַלטן געריכטעט, אַנטקעגן פֿאָראויס, פֿון וואַנען דער וואַסער שטראָם האָט געדאַרפֿט אָנקומען. מיטאַמאָל, האָט איינער פֿון דער פּראָצעסיע דערזען פֿון דערווייטנס, אין דער גאָר ווײַטער הויכקייט, פּאַראַלעל מיט דעם ווייס־גרויען צעמענטענעם פּאַס פֿון קאַנאַל, אַ דינעם לענגלעכן זילבערנעם שטראָמעלע, וואָס האָט שעמערירט און גע־שפּיגלט זיך אַנטקעגן די שטראַלן פֿון דער פֿרימאָרגנדיקער זון. דער איינער האָט איבערגעגעבן אַ צווייטן, אַ דריטן און אַ פֿערטן און אַזוי האָבן די מערסטע גייער, דאָס שטראָמעלע פֿון ווייטנס דערזען. אַנדערע ווידער, האָבן זיך אָנגעשטרענגט צו זען דעם וואַסער־שטראָם פֿון ווייטנס, און האָבן מיט די הענט איבער די אויגן, פֿאַרשטעלט די אַנטקעגנדיקע זון־שטראַלן, כדי צו קענען בעסער זען דעם אָנקומענדיקן וואַסער־שטראָם.

אַ ווילדע באַגייסטערונג האָט איצט אַלעמען באַהערשט, ווען די גאַנצע מאַרשירנדיקע מחנה האָט שוין דערזען פֿון גאָר ווייטנס, אָט דעם דינעם, זילבערנעם, אַנטקעגן דער זון שימערירנדיקן, וואַסער־שטראָם. אַ מעכ־טיקער גרויסער אויסגעשריי האָט זיך מיטאַמאָל ארויסגעריסן ביי דער גאַנצער מחנה, וואָס האָט שטאַרק אָפּגעהילכט, ווייט און ברייט, איבער דעם גאַנצן, גרויסן פּוסטן אַרום פֿון דעם מדבר:

— וואַסער! וואַסער! וואַסער!

מיט נאָך אַ מוטיקערן געזאַנג און שנעלערן טעמפּאָ, האָט די פּראָ־צעסיע געשפּאַנט אַנטקעגן דעם אָנקומענדיקן וואַסער שטראָם, האָט געוואָלט וואָס גיכער אים באַגעגענען, טובלען זיך אין אים, תּפֿילה טאָן צו אים...

די מחנה איז ניט מיד געוואָרן גייענדיק, באַרג אַראָפּ און באַרג אַרויף. אָט האָט זיך דער וואַסער־שטראָם אין די הויכקייטן פֿון קאַנאַל

באַוויזן, און אַט האָבן זיי אים אין די נידריקייטן פון די גרובן, פון אויג פאַרלאָרן. זיי האָבן אָבער אַלע געפילט אַז זיי דערנענטערן זיך צום וואַסער שטראָם וואָס אַמאָל, אַלץ נענטער און נענטער. אייניקע האָבן אַפילו אָנגעשטריינגט זייער געהער, צוגעלייגט אַן אויער צו דער ערד, און שוין געהערט אַפילו דעם שטילן רויש פון דעם לויפנדיקן וואַסער־שטראָם...

אַלע זיינען איבערפילט געווען מיט פריידיקער דערוואַרטונג! ס'האָט שוין אָבער איצט לאַנג ניט גענומען. איידער זיי האָבן צייט געהאַט ארומ־צוקוקן זיך און אָפּרוען זיך אַ ביסל פון וועג, איז שוין דער וואַסער־שטראָם אין קאַנאַל, מיט אַ שטאַרקער קראַפט אָנגעלאָפן און האָט זיי אַלעמען, מיט אַ קילער פרישקייט אַרומגענומען... זיי זיינען שטיין געבליבן אין דעם ניט צו טיפן וואַסער פון קאַנאַל ביז די קני, און ווי הייליקע, אַ תפילה געגעבן. זיי האָבן געפילט איצט ווי זיי קריסטלען זיך און טובלען זיך אין אַט דעם הייליקן וואַסער.

דניאל איז געווען דער ערשטער איבערצערייסן זייער אַלעמענס שטיל געבעט און רירנד, מיט געזאַנג אין זיין שטים, האָט ער צום וואַסער און צום לאַנד, ווי אין דער ווייטקייט, זיין געבעט געטראָגן...

— אָ לאַנד, אונדזער לאַנד! מיר ווילן זיך באַלד צו דיר אומקערן מיט פרייד און געזאַנג און מיטברענגען מיט זיך דאָס טייערסטע אין וואָס דו נויטיקסט זיך אַזוי שטאַרק, די פרישקייט נאָך וועלכער דו האָסט אַ צייט לאַנג געדורשט. מיר ווילן זיך צוריקקערן צו דיר, מיט אַט דעם הייליקן שטראָם, מיר ווילן שטילן דיין דורשט און דערקוויקן דיין טראַכט, פון דיר, מאַמע־ערד!... מיר ווילן מער זיך שוין ניט צווינגען אָפּצו־היטן יעדן טראָפּן וואַסער ווי פּריער. אונדזערע פי ווילן איצט קענען טרינקען פון דעם לויפנדיקן וואַסער־שטראָם ביז זעטיקייט, און ווען אונ־דזערע פעלדער ווילן דערפילן די נאַענטקייט פון פריש וואַסער, ווילן די קלענסטע וואָרצלען זיך טיפער אין דער ערד ציען. און בוימער ווילן דאָ וואַקסן, וואָס דאָס לאַנד דאָ האָט נאָך קיינמאָל געזען און כלערליי צווייגן און בלומען ווילן זיך באַווייזן דאָ אָן אַ שיעור, ביי דער באַרירונג פון וואַסער מיט אונדזער גאָט געבענטשטער ערד.

— אונדזער לאַנד וועט באַדעקט ווערן מיט הויכע גראָזן און גע־זונטע פאַשע, אונדזערע קי און רינדער, ווילן עסן צו זאַט און פעט ווערן, און דער שניט פון אונדזערע פעלדער וועט זיין אַ גראַטענער, ווי אין אַלע גוטע שפעדיקע לענדער.

ווען דניאל האָט פאַרענדיקט, כמעט ווי רעליגיעז, זיינע איינדרוקס־

פּולע ווערטער, האָבן אַלע, ווי מיט געבעט און רעליגיעזער שטילקייט, אָפּ־געענטפערט — א מ ן!...

די מחנה האָט מיט אַמאָל דערפילט די ווירקלעכקייט אַרום זיך. האָבן זיך באַפרייט פון דעם כמעט רעליגיעזן טראַנס, האָבן ביסלעכווייז אָנגעהויבן ארויסצוקריכן פון דעם קאַנאַל. מיט דעם איצט שוין לויפנדיקן שטראָם און פאַזע דעם קאַנאַל האָט די פּראָצעסיע, שוין מיט שנעלערע טריט, געלאָזט זיך אַהיים, יעדער צו זיך אויף זיין פעלד, אָנצוטרינקען דאס טרוקענע דורשטיקע לאַנד, מחיה זיין זייערע פּי און אריינלאָזן דעם וואַסער־שטראָם אין די שוין פון פריער פאַרגרייטע בייטן, כדי ענדלעך אָנצוזאַפּן די פאַרחלשטע וואָרצלען פון דעם טרוקענעם קאָרן, ווייץ און האָבער זאַנגען און די האַלב־געלע, טרוקענע אַלפאַלפאַ פעלדער.

מיט גרויס טריאומף און נצחון, מיט פריידיקן געזאַנג און ליכטיקער האָפנונג, האָבן די פאַרמער פון גאַנצן דאָרף, קליין און גרויס, ביז שפּעט אין דער טיפער נאַכט, ביי דער באַלויכטונג פון ברענענדיקע אויל שטור־קאַטשעס, פלייסיק באַוואָסערט דעם טרוקענעם באָדן, יעדערער אַרום זיין פעלד און נחלה.

דניאל צו גאַסט ביי די נעלסאָנס

דניאל האָט דערהאַלטן אַ בריוו פון די נעלסאָנס. ער האָט געהאַט אַ גוואַלדיקן דרך ארץ פאַר זיין געוועזענעם לערער, פּראָפעסאָר נעלסאָן. אַ בריוו פון אים, האָט געמיינט פאַר דניאלן זייער אַ סך, באַזונדערס איצט, ווען נעלסאָן האָט אים דערציילט וויכטיקע איינצלהייטן פון דער קאַליפאָר־ניער לעגיסלאַטור וועגן דעם וואַסער־פּראָיעקט, וואָס ס'איז שוין איצט אַ רעאַליטעט און וועגן אַנדערע וויכטיקע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אַנט־וויקלונגען. ער האָט דעריבער, מיט פריידיקן ציטער, דעם בריוו געעפנט און וויכטיקע נייעס דערוואַרטעט. אין קורצן שרייבן אים די נעלסאָנס:

„חשובער פריינט דניאל: — ס'וועט זיין אונדזער פריידן און פאַרגעניגן צו האָבן אייך אַלס אונדזער ווירדיקן גאַסט, צו דער שמחה וואָס מיר פּראַווען אין כבוד פון אונדזער ליבער און איינציקער טאָכטערס געבוירן־טאָג, נענסי.״

עטלעכע שורות פון נענסין אַליין, אין דעם זעלביקן בריוול, אין וועלכן זי בעט אים באַזונדער ער זאָל קומען. ס'וועט זיין פאַר מיר אַ גרויסער כבוד — שרייבט זי אים — איר זאָלט אנוועזנד זיין ביי מיין פּערזענלעכן יום־טוב.

דניאל האָט דעם בריוו איבערגעלייענט עטלעכע מאָל, זיך פאַרטראַכט און נאָכגעטראַכט, צי מיינט ניט אָט די איינלאַדונג, אַן אָנהויב פון אַ ניי קאַפיטל אין דעם ווייטערן גאַנג פון זיין לעבן? עפּעס האָט ער געפילט, אַז פון דעם איצטיקן באַזוך זיינעם, ביי די נעלסאָנס צו גאַסט, וועט עפּעס פּאָזיטיוועס צווישן אים און זייער טאָכטער נענסי, זיך אַנטוויקלען.

די צווישן־צייט פון דעם בריוו וואָס ער האָט געקראָגן פון די נעל־סאָנס, ביז דעם באַשטימטן טאָג פון דער שמחה, איז געווען נאָך קנאַפּע צוויי וואָכן, האָט ער כמעט די גאַנצע צייט געטראַכט פון די נעלסאָנס, דער עיקר פון נענסין. וואָס פאַר אַ פּערזאָן איז זי, אין דער אמתן? איז דער ערשטער איינדרוק וואָס זי האָט געמאַכט אויף אים ווען זי איז דאָ געווען, אַ ריכטיקער? און ווייל ער האָט געפילט, אַז אויך ער האָט גע־מאַכט אויף איר אַ גאַנץ גוטן איינדרוק איז ער געווען כמעט ווי איבער־צייגט, אַז די נעלסאָנס וואָלטן גאָרניט געהאַט דאַגעגן, ווען צווישן אים און נענסין וואָלט געווען אַ נאָענטע פריינטשאַפט און אַ מעגלעכער שידוך. אין שייכות מיט דעם האָט ער אויך אַ טראַכט געטאָן: צי ס'איז פאַר אים פּאַסיק און ראַטזאַם אַזאַ שריט מאַכן, און צי וואָלט ער ניט געדאַרפט זיך אויך באַראַטן מיט זיין מוטער און שוועסטער, מיט זיין ליבן פעטער מנשה?... און צוריקשמועסנדיק, האָט ער אין זעלביקן אויגנבליק אַ טראַכט געטאָן: צו וואָס? האָט ער דען ניט זיין גאַנצן יונגן לעבן גע־האַנדלט זעלבסטשטענדיק? און פאַרוואָס דווקא איצט זיי יאָ אָנפרעגן?! און אַז זיי וועלן מיר עצהן ניט צו פאַרבינדן זיך מיט אַ ניט יידישער פאַמיליע, וועל איך זיי דען פאָלגן? וועל איך דען ניט האַנדלען ווי מיין האַרץ און געפיל זאָגט מיר אונטער אין דעם מאָמענט? און אגב איז נאָך דאָ צייט וועגן דעם אַ טראַכט צו טאָן...

דאָך איז זיין מוח כסדר געווען באַשעפטיקט מיט דעם געדאַנק און נאָך יעדן ישוב הדעת, איז ער כסדר געקומען צו איינעם און זעלביקן אויס־פיר: — אַז חוץ דעם וואָס נענסי געפעלט אים טאַקע און אוודאי געפעלן אים די עלטערן אויך, האָט ער אויך געזען אין דעם שידוך, גרויסע פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן פאַר זיין פּערזענלעכן שטייגן, סיי עקאָנאָמיש, סיי געזעלשאַפטלעך און אויך פּאָליטיש. דניאל האָט אויף אַזויפיל שוין געלערנט אין דעם אוניווערסיטעט פון לעבן, אַז אַ יידן איז אַ סך שווערער צו דערגרייכן וויכטיקע פּאָזיציעס אין געזעלשאַפט, ווי אַ ניט־יידן. מעג דער ייד ווי פעאיק און ערלעך זיין, וועט דעם ניט־יידן, מיט באַגרענעצטע מעגלעכקייטן און קענטנישן, גיכער און גרינגער זיין צוצוקומען צו זאַכן,

אָדער קלעטערן אויפֿן לייטער פֿון דערפֿאָלג און וועט מערסטנס צוליב דעם טאָקע אויך דערגרייכן העכערע שטאַפּלען אין דער געזעלשאַפֿט.

יאָ, יאָ, האָט ער געצויגן דעם פֿאָדעם פֿון זיין געדאַנקען־גאַנג: פֿאַר־בינדנדיק זיך מיט אָט דער אַלט־איינגעזעסענער קאַליפֿאָרניער בכבודיקער פֿאַמיליע, וועלכע פֿאַרנעמט דאָ אַ גאַר אָנגעזעענעם אָרט אין דער היגער געזעלשאַפֿט, ווערט ער אויך אויטאָמאַטיש איינער פֿון זיי. מיט זיין פֿע־איקייט און וויסן, מיט זיין גוטן נאָמען וואָס ער האָט צווישן די פֿאַרמערס אין טאָל, אַ דאַנק זיין באַמיאונג און אַקטיוויטעט, סיי פֿאַר דעם דורכגע־פֿירטן וואַסער פּראָיעקט און סיי פֿאַר דער אָרגאַניזירונג פֿון דעם פֿאַרם־קאָאָפּעראַטיוו. צוליב אָט די אַלע זאַכן און טוגנטן וועט אים איצט אַ סך גרינגער זיין צו קלעטערן אַלץ העכער און העכער. האָבנדיק דאָס אַלץ אין זינען, האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז טראָץ זיין באַשיידנקייט וועט ער דאָך ביי דער ערשטער געלעגנהייט, ווען ער וועט זיין דאָרטן צו גאַסט, אַזאַ מעגלעכקייט ניט דורכלאָזן.

פֿון דעם געדאַנק און באַשלוס אליין, איז אים געוואָרן פֿריילעכער אויפֿן האַרצן. ער האָט אָנגעהויבן וואַרטן אויף יענעם גליקלעכן טאָג פֿון זיין רייזע צו די נעלסאָנס, מיט באַזונדערער פֿרייד און אומגעדולד.

דניאל האָט אויך באַשלאָסן, איידער ער וועט פֿאַרפֿאָרן צו די נעל־סאָנס אין פּאלאָ־אַלטאָ, וועט ער זיך אָפּשטעלן אויף אַ פּאָר טעג אין סאַן פֿראַנציסקאָ. דאָרטן, האָט ער געטראַכט, וועט ער זיך אויסשטאָטלען אַ ביסל, אָראָפּוואַרפֿן פֿון זיך דעם דאָרף, זיך איינלעבן אַ ביסל אין דער גרויס־שטאָטישער אַטמאָספֿערע, באַקענען זיך אַ ביסל מערער מיט די לעצטע דערשיינונגען און פֿאַסירונגען אין דער קונסט און אין דער ליטעראַטור־וועלט, וואָס ער איז, זינט ער איז אויפֿן פֿאַרם, כמעט ווי אָפּגעפֿרעמדט געוואָרן פֿון דעם. געוואָלט האָט ער, פֿאַרשטייט זיך, מאַכן אויף זיי דאָרטן, ביי די נעלסאָנס, דעם בעסטן איינדרוק. קומט ער דאָך אריין עפּעס אין אַ הויז פֿון דער העכער געזעלשאַפֿט, צווישן געלערנטע און אינטעלעק־טואַלן, דאַרף מען זיין צוגעגרייט. ס׳האָט זיך אויך פֿאַר אים געשאַפֿן כמעט אַ פּראָבלעם: וואָס פֿאַר אַ מתנה זאָל ער ברענגען נענסין צו איר געבוירן־טאָג. סתם אַ זאַך, כדי יוצא צו זיין, האָט ער זיכער ניט געוואָלט און וואָס צו קויפֿן איר, האָט ער פּשוט ניט געוואוסט. אַ בוך אפֿשר? איז וואָס פֿאַר אַ בוך? אמת, וועגן טיפֿע אָדער ליטעראַרישע ענינים האָט ער נאָך ניט געהאַט די געלעגנהייט מיט איר צו רעדן. איר געשמאַק אויף זאַכן איז אים ניט געווען געגוי באַקאַנט, איז עס געוואָרן ביי אים אַ פּראָבלעם, פֿונדעסטוועגן. מיט ווען זיך אַן עצה האַלטן, האָט ער דאָ ניט געהאַט,

מיט מאַגדאַן, די דינסט זיינע, די איינציקע וואָס איז אין און אַרום הויז. אָבער וואָס וויים זי אין אַזעלכע זאַכן, האָט ער אַ טראַכט געטאָן. און אגב, זינט יענעם פּאַרנאַכט, וואָס ער האָט ניט אומגערן באַרירט איר האַנט, האָט עפּעס אַ מאָדנער, כמעט אומבאַוואוסטער צו אים געפיל, זיך דערוועקט צו איר און ער האָט געזוכט זי כמעט ווי אויסצומיידן.

איז וואָס־זשע פּאַרט ברייננט מען פאַר אַ מתנה נענסין צו איר געבוירן־טאָג, אַז זי זאָל טאַקע הנאה האָבן און ער זאָל חלילה ניט דיסקרעדיטירט ווערן אין אירע אויגן פאַר זיין געשמאַקלאָזיקייט? מיט אַזעלכע געדאַנקען און שטימונגען האָט ער זיך אַרומגעטראָגן די לעצטע טעג פאַר זיין נסיעה צו די נעלסאָנס.

אַ פּאָר טעג פריער, איידער ער איז פאַרפאָרן צו די נעלסאָנס, האָט ער, ווי שוין פון פריער ביי זיך אָפּגעמאַכט, אָפּשטעלן זיך אין סאן פראַנציסקאָ. פאַרפאָרן איז ער אין אַ האָטעל, ניט ווייט פון דער צענטראַלער שטאָט־ביבליאָטעק און נאָענט צו אַלע קונסט און וויסנשאַפט אינסטיטוציעס, מוזעאומס און טעאַטערס, וועלכע ער האָט, בלי־נדר, געוואָלט באַזוכן. ער האָט געוואָלט אַלץ זען, אַרומקוקן, אָפּפרישן זיין זכרון און וויסן, עפּעס לערנען פון די סאַמע לעצטע נייעסן אין דער אינטעלעקטועלער וועלט, כדי קומען צו די נעלסאָנס אין דער געהעריקער שטימונג און אין אַ פאַלקאָמענער עקזאַקטער האַלטונג.

פאַר די פּאָר טעג וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין סאן־פראַנציסקאָ, האָט ער פונדעסטוועגן באַוויזן צו באַזוכן אַ סך קולטור און וויסנשאַפט אַנשטאַלטן. ער האָט בכלל זיך צוגעכאַפּט צו די אַלע פלעצער וואָס ער האָט שוין לאַנג ניט באַזוכט, ווי אַ דורשטיקער אין דעם מדבר, צו אַ פרישן קוואַל וואַסער. ער האָט אָפּגעפרישט פאַר זיך אַ סך זאַכן און אריינגענומען אין זיך די אַלע איינדרוקן און דערפאַרונגען, וואָס יעדער גרויס־שטאָטישער אינטעלעקטואַל האַלט דאָר פאַר דורכאויס נויטיק, צו האָבן אין זיין גייסטיקן באַגאַזש.

די שעה איז געקומען ווען דניאל האָט שוין געדאַרפט פאַרלאָזן סאן־פראַנציסקאָ און נעמען די באַן נאָך פּאַלאָ־אַלטאָ, צו די נעלסאָנס, האָט ער זיך דאַן אריינגעכאַפּט אין אַ גרויס בוך־געשעפט און אויסגעקליבן צוויי ביכער פאַר אַ מתנה צו מיס נעלסאָן. איין בוך איז געווען, קאַליפאָרניער דערציילונגען פון דעם „נייטיוו״ קאַליפאָרניער נאָוועליסט, ברעט האַרט. דער צווייטער בוך איז געווען פון זיין באַליבטן דיכטער וואָלט וויטמאַן. מיט אַ שיינער געקינצלטער האַנטשריפט, האָט ער אָנגעשריבן עטלעכע באַשיידענע ווערטער:

„אין אָנדענק פֿון אַ נייעם און אמתן גוטן פֿריינט, דניאל.״

ער האָט די צוויי ביכער געהייסן שיין איינפּאַקן און האָט מיט דער מתנה אונטערן אָרעם, זיך אַוועקגעלאָזט צו דער באַן, וואָס האָט אים גע־דאַרפֿט ברענגען צו די נעלסאָנס.

דניאל איז אָנגעקומען צו די נעלסאָנס אויף זייער גוט צו דער באַ־שטימטער צייט, און איז אויפֿגענומען געוואָרן פֿון די נעלסאָנס זייער פֿריינטלעך. נאָך דער קאָנווענציאָנעלער אויפֿנאַמע און באַגריסונגען האָט מען אים אָנגעוויזן אויף זיין שלאָף־צימער, וואָס איז ספּעציעל צוגעגרייט געוואָרן פֿאַר אים. ס'איז פֿאַר אים געווען אַפֿילו אַ שטיקל איבערראַשונג, מחמת ער האָט עס ניט דערוואַרטעט און זיך אויך ניט געריכט, אַז אים וועט אויסקומען דאָ צו בלייבן נעכטיקן. אָבער, ער האָט דאָס אָנגענומען פֿאַר גוט און כמעט ווי נאַטירלעך. ער האָט זיך נאָכדעם איינגעוואַשן, זיך צורעכט געמאַכט, כדי אָמבעסטן אויסזען און געפֿעלן, און איז נאָכדעם אַראָפּגעקומען אין גרויסן, גראַמען סאַלאָן, וואו ער האָט שוין געטראָפֿן דאָרטן אַ צאָל אָנגעזעענע געסט פֿאַר וועלכע מיס נעלסאָן האָט אים גלייך פֿאָרגעשטעלט און באַקאַנט. דאָ האָט ער אויך געטראָפֿן דעם דיען פֿון דעם בוירקלי אוניווערסיטעט, וועלכן ער האָט געקענט פֿון פֿריער נאָך, פֿון זיינע „קאַלעדזש״ טעג. ער האָט זיך דאָ אויך באַקאַנט מיט אַ פּאָר הויכע באַאַמטע פֿון סאַקראַמענטאָ און אויך מיט אַ יונגנמאַן, אַ זון פֿון אַ רייכן לאַנד־באַזיצער, וועלכער וואוינט אין שכנות מיט די נעלסאָנס, און וועלכער האָט אגב אַרויסגעוויזן ניט ווייניק אינטערעס צו דער מיס נעלסאָן.

אַ גרופּע יונגע דאַמען זיינען געשטאַנען אין אַ ווינקל פֿון זאַל, האָבן שטיל צווישן זיך געשמועסט, משמעות, זיך געסודעט וועגן דניאלן. עפּעס האָבן זיי געשמייכלט און גלייכצייטיק אים באַוואונדערט. דניאל האָט דאָס אינטואיטיוו דערפֿילט און ס'האָט אים טיילוויז געשמייכלט. ער האָט געוואוסט און געפֿילט און איז אויך געווען מיט זיך זיכער, אַז ער האָט ניט מיט וואָס זיך צו שעמען פֿאַר זיי אין דער געזעלשאַפֿט, סיי מיט זיין אויסזען און סיי מיט זיין אינטעליגענץ און וויסן. וואָס ס'איז שייך זיין אויסזען: ער טראָגט אויף זיך אַ שיינעם, טונקל געקרויזטן קאָפּ האָר, אַ פּאָר טיפֿע, טונקעלע, ווייכע אויגן, אַ ברוין, פֿון זון־אָפּגעברענטן פּנים. געזונטע פֿיינע געזיכט־ציגע, אַ ביסל העכער פֿון מיטעלן וואוקס, פֿיין, גע־זונט, אַטלעטיש־אַנטוויקלט, נעט געקליידט און אַ שמייכל וואָס פֿאַרכישופֿט, אַ זאַך וואָס האָט גרויס אָנזען אין די מערסטע געזעלשאַפֿטן.

ער האָט געפֿילט פֿונדעסטוועגן, אַז מ׳קוקט אויף אים דאָך אַ ביסל אַנדערש, אָט ווי מ׳וואָלט באַטראַכט עפּעס אַ נייע, אַן עקזאָטישע זעלטענע פּלאַנץ, וואָס איז אַריבערגעבראַכט געוואָרן צו זיי פֿון גאָר אַנדערע מקומות. אמת, אַ שיינע פּלאַנץ, אָן אַ פּגימה, רופֿט ארויס אַפֿילו באַוואונדערונג, אָבער דאָך אַנדערש. און כאָטש דניאל האָט סיי אין זיין קאָליר, האַלטונג און מאַנערן, געווען ווי אַלע אַנדערע אין דער באַטרעפֿנדיקער געזעלשאַפֿט, דאָך איז ער באַטראַכט געוואָרן פֿון די מערסטע אַנוועזנדיקע מיט אַנדערע אויגן; מיט אויגן, ני טחלילה פֿו זפֿאַראורטייל, פֿאַרן פֿרעמדן, ניין, אָבער מיט אויגן פֿון אינטערעס און נייגער, מחמת אַנדערש...

ווי געשטאַרקט און זיכער מיט זיך דניאל איז געווען און געפֿילט, האָט ער אָבער דאָך, צוליב זיין סענסיטיוויטעט, דערפֿילט דעם אָטעם פֿון זייער אַלעמענס געדאַנקען־גאַנג, און כאָטש ס׳האָט אים טיילווייז געשמייכלט און אינטריגירט, האָט ער אָבער זיך געפֿילט פֿונדעסטוועגן עטוואָס אומבאַקוועם.

דער דאָזיקער געפֿיל האָט לאַנג ביי אים ניט אָנגעהאַלטן, מחמת אין דעם זעלביקן מאָמענט האָט די דינערשאַפֿט געלאָזט וויסן די געסט, אַז זיי זיינען פֿאַרבעטן אין עס־צימער. די מאַדאַם נעלסאָן האָט אַלעמען אָנגעוויזן אויף זייערע פֿון פֿריער באַשטימטע ערטער, ביי אַ גאָר שיין געגרייטן טיש פֿון כל טוב.

דניאלן איז אויסגעקומען צו זיצן רעכטס צו מיס נעלסאָן און לינקס פֿון איר איז געזעסן דאָס רייכע זונדל פֿון דעם גרויסן לאַנד־באַזיצער, אין שכנות מיט די נעלסאָנס. זיין נאָמען איז דזשערי, דזשערי סטואַרט. דאָס איז אפֿנים אַזוי מאַנעווורירט געוואָרן פֿון פֿריער, פֿון דער מאַדאַם נעלסאָן, אַז ביידע בחורים, פּאָטענציעלע חתנים קאַנדידאַטן, זאָלן זיצן נעבן דער פּראָספּעקטיווער כלה־מיידל. מיס נעלסאָן, אין דערמיט צווישן ביידע בחורים, האָט פֿריידיק ארויסגעשיינט ווי אַ ליכטיק שיין געשטאַלט. זי איז געזעסן אַ לויכטנדיקע און שמייכלנדיקע און ווי זי וואָלט געפֿרעגט ביי די געסט, ארום טיש זיצנדיקע: — נו, וואָס דענקט איר, ווער פֿון די צוויי בחורים איז דער בעסטער, דער שענסטער און דער פּאַסיקסטער פֿאַר מיר...

די גרויסע סעודה האָט זיך אָנגעהויבן מיט די בעסטע מאכלים און פֿיינסטע געטראַנקען. די געסט זיינען פֿריילעכער געוואָרן אַ ביסל, אויך די ציינגער זיינען לויזער געוואָרן. ס׳זיינען ארויסגעבראַכט געוואָרן מיינונגען וועגן פּאָליטיק, וועגן די קומנדיקע וואַלן פֿאַר פּרעזידענט פֿון לאַנד; וועגן דער שטאַרק וואַקסנדיקער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין קאַלי־

פֿאַרניע צו יענער צייט; וועגן דער גרויסער סטרייק־כוואַליע אין דער אינדוסטריע. אין שייכות מיט דעם האָט מען שוין אויך דערמאָנט אַן ענין וואָס איז נאָך פֿריש אין זכרון געבליבן ביי אַ סך קאַליפֿאָרניער און מיט ניט ווייניק פֿאַרביטערונג, די „מעקנאַמאַרא קייס", וועלכע האָט בשעתו אויפֿגערודערט ניט נאָר קאַליפֿאָרניער אַליין, נאָר דאָס גאַנצע לאַנד. כידוע, האָט מען דאַן באַשולדיקט די מעקנאַמאַרא ברידער אין אויפֿרייסן מיט דינאַמיט די „לאָס אַנגעלעסער טיימס". קלאַרענס דאַרראָ, דער באַרימטער ליבעראַלער יוריסט, איז ספּעציעל געקומען דאַן אין קאַליפֿאָרניע פֿאַר זייער פֿאַרטיידיקונג. ס'איז געווען אַ זייער אָנגעצונדיקער ענין פֿאַר דיסקוסיעס אין די מערסטע געזעלשאַפֿטן און צוזאַמענקונפֿטן פֿאַר אַ לאַנגע, לאַנגע צייט.

דניאלן האָט דער ענין ניט איבעריק שטאַרק אינטערעסירט. דערווארטעט האָט ער אַז אין דער געזעלשאַפֿט, וועט מען מערסטנס רעדן וועגן געגנשטאַנדן אין שייכות מיט וויסנשאַפֿט, קונסט און ליטעראַטור. ס'האָט אָבער אויסגעזען, אַז דער ענין פֿון פּאָליטיק האָט פֿאַרנומען דעם אויבן־אָן אין דעם געשפּרעך ביים טיש. אזוי ווי דאָס איז ניט זיין פֿעלד, האָט ער כמעט ווי ניט גענומען קיין אָנטייל, אָדער האָט בכלל געוואָלט אויסמיידן דעם גליטשיקן פּאָליטישן ענין. דערפֿאַר, ווען איינער פֿון די סאָקראַמענטאָ באַאַמטע האָט אים אַ פֿרעג געטאָן:

— וואָס דיינקט איר וועגן דעם, דניאל? וועלן די סאָציאַליסטן טאַקע געווינען אין די קומנדיקע קאַליפֿאָרניער וואַלן?

— איך האַלט — איז דניאל כמעט ניט ווילנדיק געצוואונגען געווען צו ענטפֿערן — אַז דער גאַנצער טומל, וועגן דער אַזוי־גערופֿענער סאָציאַליסטישער געפֿאַר איז אַן אויפֿגעבלאָזענער. ס'איז אַן איבערגאַנגס פּעריאָד אַזאַ, וואָס וועט באַלד ווי פֿאַרגעסן ווערן. וואָס אמבאַלאַנגט, מיר פּערזענלעך, אינטערעסירט מיך דער ענין זייער ווייניק.

דזשעררי האָט אפֿנים געזוכט די געלעגנהייט זיין אינסטינקטיוון קאָנקורענט עפּעס אַריינצוזאָגן, האָט ער זיך באַנוצט מיט דעם מאָמענט, און ארויסגעזאָגט זיך מיט אַ וואָרט, וואָס האָט דער געזעלשאַפֿט ביים טיש, אויף דעם מאָמענט, אַ ביסל שאָקירט, מחמת ס'איז געווען כמעט אַ דירעקטער שטאָך דניאלן.

— ווי קומט עס וואָס אייך אינטערעסירט ניט דער דאָזיקער ענין און די סאָציאַליסטישע באַוועגונג בכלל? מ'זאָגט דאָך, אַז די מערסטע

יידן זיינען אָנהענגער און פֿירער פֿון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג דאָ אין לאַנד.

אַלע אויגן פֿון די אַרום טיש זיצנדיקע, זיינען מיט אַמאָל געווענדט געוואָרן צו דזשערין און כמעט ווי מיט אַ שטילן פֿאָרוואורף פֿאַר זיין אומ־טאַקטישקייט, אָבער אין דער זעלביקער צייט, האָבן זיי אַלע געוואַרט געשפּאַנט, וואָס דער גאַסט דניאל וועט אים אויף דעם ענטפֿערן.

דניאל איז אַ ביסל שאָקירט געוואָרן פֿון דזשעריס פּלוצלינגדיקער באַמערקונג אויף דעם חשבון פֿון יידן, אַ באַמערקונג, וואָס ער האָט אַמ־וויניקסטן, אין דער געזעלשאַפֿט, דערוואַרטעט צו הערן. ער האָט זיך אָבער באַלד באַהערשט און נאָך אַ קורצן טראַכטן זיך געווענדעט, מיט זיין ענטפֿער, מערער צו דער גאַנצער געזעלשאַפֿט אַרום טיש, ווי צו דזשערין:

— דער הער סטואַרט איז אַבסאָלוט אומגערעכט. איך האַלט, אַז די וועלכע האָבן ניט קיין פֿאַראורטייל קעגן אַ ראַסע, האָבן זיכער אַנדערע מיינונגען וועגן דעם גאַנצן ענין. און לאָזט מיר אייך זאָגן, אגב, און איר ווייסט דאָס אויך, אַז די פֿירער פֿון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, דאָ ביי אונדז אין שטאַט, זיינען דוקא ניט קיין יידן, כאָטש איך האַלט דאָס ניט פֿאַר קיין עולה, ווען זיי וואָלטן דאָס יאָ געווען. זיי, די קאַליפֿאָרניער סאָציאַליסטן, זיינען דוקא הונדערט־פּראָצענטיקע אייניקלעך פֿון די וואָס זיינען געקומען מיט דער „מייפלאַוער״....

דניאלס ענטפֿער איז געווען צום פּונקט און טרעפֿלעך, און האָט אָפּ־געשטעלט מיט אַמאָל דעם אומגעריכטן שטורם וואָס איז געקומען אַזוי פּלוצלינג, אומדערוואַרטעט, כאָטש טיילווייז פֿאַרשטענדלעך, ווארום און פֿאַרוואָס.

די געסט זיינען נאָכן עסן זיך פֿאַנאַנדערגעגאַנגען, ווער אין דער גרויס־קייט פֿון סאַלאָן, ווער אויף דער וועראַנדע, וואָס איז איצט איינגעהילט געווען אין אַ געדיכט באַבלעטערטע און אַ פֿיאָלעט־באַבלומטע וויסטאַריע. דער אַראָמאַט פֿון דער וויסטאַריע, פֿון דעם „האָניסאָקל״ און פֿון דער קאַ־ליפֿאָרניער מאַגנאָליע, האָבן מיט זייער דופּט אַלעמען באַרוישט און ממש פֿאַרשיכורט.

נענסי האָט זיך נאָכדעם אַוועקגעזעצט ביי דער פּיאַנאָ און אויסגע־שפּילט שומאַנס סאָנאַטע. נאָכדעם ווי זי איז שטאַרק אַפּלאָדירט געוואָרן און מ׳האָט איר אויך געבעטן, האָט זי אויך געשפּילט אַ פּרעלוד פֿון מאָ־צאַרט. זי האָט געוואָלט אויספֿיינען זיך פֿאַר דניאלן מיט איר שפּילן די

קלאַסישע זאַכן. דניאלן איז איר שפּילן זייער געפעלן געוואָרן, טאַקע פאַר דעם אויסוואַל פון די געשפּילטע זאַכן.

„זאָג מיר וואָס דו לייענסט, אָדער אין דעם פאַל, וואָס דו שפּילסט און כ׳וועל וויסן ווער דו ביסט", איז דניאלן ארויפגעקומען אַן אַפאָריזם אויפן געדאַנק. דניאל האָט דערפילט און באַגריפן איר געשמאַק, אין דעם אויסוואַל פון דער מוזיק און אין איר מוזיקאַלישער קענטעניש, אין דעם אופן פון איר שפּילן.

ווען נענסי האָט געענדיקט איר שפּילן האָט דניאל וואַרעם געדריקט איר האַנט און זי האַרציק קאָמפּלימענטירט פאַר איר פיינער טעכניק, פאַר וואָס נענסי האָט אים זייער באַדאַנקט מיט אַ האַרציקן ליבן שמייכל. דזשערי האָט זיך די גאַנצע צייט געפילט מאָדנע, אומבאַקוועם. קודם, פאַר דער ניט טאַקטישער באַמערקונג, וואָס ער האָט געלאָזט פאַלן, אויף דעם חשבון פון דניאלן ביים מאַלצייט־טיש און וואָס אַלע האָבן אים, שווייגנדיק, כמעט ווי פאַרגעוואָרפן. אָבער וואָס אים האָט אמשטאַרקסטן ווי געטאָן איז, וואָס נענסי שענקט די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט דניאלן און אים האָט זי כמעט ווי איגנאָרירט. דזשערי האָט דעריבער געזוכט אַ פּאַסיקע געלעגנהייט זיך צוריקציען און פאַרלאָזן די געזעלשאַפט. ער האָט אָנגעגעבן אַ תירוץ, אַז ער דאַרף באַגעגענען זיינעם אַ פריינט אין שטאָט. ער האָט דעריבער געבעטן ביי אַלעמען אַנטשולדיקונג וואָס ער מוז פאַרלאָזן אַזאַ אנגענעמע געזעלשאַפט. מיט דניאלן האָט ער זיך באַזונדערס פריינטלעך געזעגנט און ביי אים אויך געבעטן אַנטשולדיקונג, פאַר דער באַמערקונג וועגן יידן, וואָס ער האָט געמאַכט דעם נאָכמיטיק:

— כ׳האָב מיט דעם גאָרניט געמיינט קיין שלעכטס חלילה — האָט ער צוגעגעבן.

די געסט האָבן זיך נאָכדעם צעוואָרפן איבער דעם גרויסן געדיכטן גאָרטן, איבער די פאַרשיידענע אַלייען און האָבן פריילעך געשמועסט צווישן זיך. דניאל מיט נענסין האָבן געשפּאַצירט צוזאַמען און גערעדט צווישן זיך וועגן מוזיק, ליטעראַטור און אַנדערע געגנשטאַנדן. ביי דער געלעגנהייט האָט ער איר אויך איבערגעגעבן די צוויי ביכער, וואָס ער האָט איר גע־בראַכט אַלס אַ מתנה. זי האָט אים זייער באַדאַנקט. כאָטש די ביכער האָט זי שוין געלייענט, דאָך איז די מתנה געווען ביי איר זייער און זייער אָנגעלייגט, דער עיקר זיין אונטערשריפט אויף די ביכער איז איר באַ־זונדערס אנגענעם געווען...

דער שמועס האָט זיך שוין נאָכדעם צווישן זיי, איבערגעטראָגן וועגן דעם אינהאַלט פון די צוויי ביכער און זייערע שאַפער:

— ברעט האַרט — האָט נעסי מיט באַגייסטערונג באַמערקט — דער פֿריסטער קאַליפֿאָרניער הערציילער פֿון דער פֿיאָנערן עפּאָכע. ער האָט פֿאַראייביקט די בויער און שאַפֿער פֿון דער יונגער און גלאַרייכער קאַליפֿאָרניע. און וואָלט וויטמאַן, איז דאָך מיין דיכטער, — האָט נענסי מיט באַגייסטערונג אויסגערופֿן: וואָלט וויטמאַן! כאָטש מ׳קען אים שוין באַלד צורעכענען צווישן אונדזערע אַמעריקאַנער קלאַסיקער, איז אָבער זיין פּאָעזיע און ריטם, עכט מאָדערן און האָט גאַר שטאַרק באַאיינפֿלוסט אַ סך פֿון אונדזערע סאַמע יונגסטע.

פֿון דעם שמועס וואָס דניאל האָט געהאַט מיט נענסין, וועגן ביכער און ליטעראַטור בכלל, האָט ער זיך מער ווייניקער איבערצייגט, אַז נענסי איז גוט באַהאַוונט אין דער אַמעריקאַנער פּאָעזיע און בעלעטריסטיק און דאָס האָט אים באַזונדערס זייער געפֿרייט.

דער אָוונט איז מיט אַמאָל צוגעפֿאַלן און אַ קילער ווינטל האָט זיך געטראָגן פֿון דעם „בעי״. די געסט, נאָכן שפּאַציר, זיינען זיך אַלע צונויפֿגעקומען אין דעם גרויסן סאַלאָן פֿון די נעלסאָנס. ס׳זיינען אויך צוגעקומען נאָך אייניקע געסט פֿון פֿאַקולטעט, וואו מ׳האָט שוין נאָכדעם, דעם גאַנצן אָוונט געשמועסט און פֿאַרווילט אין אַ העכסט אינטעלעקטועלער אַטמאָספֿערע. גערעדט האָט מען דאָרט מכוח די נייעסטע דערפֿינדונגען, די לעצטע כעמיש־וויסנשאַפֿטלעכע עקספּערימענטן אין דער אַגריקולטור, אַן ענין וואָס האָט דניאלן זייער שטאַרק אינטערעסירט. דאָ איז ער געווען ווי ביי זיך אויפֿן פֿעלד, דאָ האָט ער געקענט אַרויסווייזן זיין וויסן און ערודיציע. דאָס איז דאָך זיין געביט! ער האָט דעריבער מיט אַ באַזונדערן אויפֿמערק זיך צוגעהערט צו די רייד פֿון דעם דיען פֿון אוניווערסיטעט, מר. וואודבורי.

— בעת די וויסנשאַפֿט אויף אַלע אַנדערע געביטן — האָט וואודבורי אַרגומענטירט — אין דער טעכניק, עלעקטראָניק און אַנדערע דערפֿינדונגען, האָט געמאַכט גרויסן פֿאָרשריט, לטובת דער אינדוסטריע און במילא לטובת דעם קאָנסומער, איז אָבער די וויסנשאַפֿט פֿון אונדזער אַגריקולטור לגבי די אַנדערע וויסנשאַפֿטן, געגאַנגען מיט לאַנגזאַמערע טריט. ס׳איז נאָך פֿאַראַן, מיינע פֿריינט, זייער אַ סך צו לערנען און דער עיקר צו פֿאָרשן און עקספּערימענטירן.

דאָ האָט דניאל געפֿונען די פּאַסיקע געלעגנהייט צו נעמען אַ וואָרט אין דעם אינטערעסאַנטן און געמיטלעכן שמועס. דניאל האָט געזוכט צו באַווייזן די אורזאַכן און סיבות פֿון דעם דאָזיקן מצב אין דער אַגריקולטור. ער האָט מיט טאַקט און פֿיינער דיקציע, מיט אַן אנגענעמער ווייכער שטים

גערעדט וועגן דעם ענין און האָט מאָמענטאַל געצויגן דעם אויפמערק און אינטערעס פון אַלע געסט.

— מיין טעזיס מכוח דעם ענין, הער דיען וואודבורי, איז אַ ביסל אַן אַנדערהער. דערלויבט מיר דאָס צו זאָגן — האָט דניאל אָנגעהויבן זיין רעדע — די אַגריקולטור וויסנשאַפט איז ניט הינטערשטעליק ווי איר דיינקט. עס זיינען פאַראַן געוויסע גרינטלעכע סיבות, אָדער ריכטיקער באַשטימטע כוחות, וואָס דערלאָזן ניט ממש, אַז די שוין דערפונדענע וויסט־שאַפטן און עקספּערימענטן אויף דעם פעלד פון אַגריקולטור, זאָלן באמת קענען קומען צום אויסדרוק, געבן איר די אַנערקענונג און במילא ברייגנען די ניצלעכקייט פאַר דעם קאָנסומער. אזוי לאַנג, ווי די וויסנשאַפט וועט אפּהענגיק זיין פון דער קאָמערץ און ביזנעס, וועט אונדזער וויסנשאַפט אויף דעם געביט פון אַגריקולטור, ניט מאַכן דעם געהעריקן און נויטיקן פּראָגרעס. אָבער, טראָץ די אַלע שטערונגען און אַנטמוטיקונגען מצד געוויסע אינטערעסן פאַר נייע עקספּערימענטן, האָבן אַ סך עקספּערימענטן זיך אַרויסגעוויזן דוקא צו זיין דערפאָלגרייך און וואָלט מען געהאַט אַ פרייע האַנט, וואָלט ערשט זייער אַנטוויקלונג געקענט רעוואָלוציאָניזירן אונדזער גאַנצן ביז איצטיקן צוגאַנג צום ענין פאַרמעריי און אַגריקולטור בכלל.

— דערלויבט מיר אייך צו ברייגנען בלויז אייניקע ביישפּילן פון זאַכן וואָס זיינען שוין איצט אין פּראָצעס פון עקספּערימענטאַציע און ווייזן שוין ארויס וואונדערלעכע רעזולטאַטן. עופות, למשל, דורך אַ געוויסן פּראָצעס וועלן קענען לייגן קאָלירטע אייער; עפּל און אַנדערע פּרוכטן, וועלן קענען ווידערשטיין דאָס געזעץ פון גראַוויטאַציע; גאָר נייע מינים פויגל, בינען און אינזעקטן, באַווייזן זיך שוין איצט. די קרייץ־באַהעפ־טונג פון לעבעדיקע באַשעפענישן, נאָך אייניקע גענעראַציעס, וועלן ערשט באַווייזן וואונדער אין זייער איבערבייט פון קאָליר, סובסטאַנץ, נאַטור אייגנ־שאַפט און פּראָדוקטיוויטעט.

— די עפּל פאַרמער, למשל, האָבן כסדר געהאַט פאַר זיך אַ פּראָבלעם: זיינען די עפּל איבערגעלאָזן געוואָרן אויפן בוים כדי צו ווערן רייף, פלעגן זיי נאָכדעם ארונטערפאַלן צו דער ערד, איידער מ'האָט זיי צייט געהאַט אַרונטערצונעמען פון בוים. האָט מען די פּרוכט צו פרי אַרונטערגענומען, איז זי געווען צו גרין. איןביידע פאַלן איז ניט געווען גוט פאַרן פאַרמער און האָט ניט געבראַכט קיין גוטן פּרייז און איינקונפט. און דאָ קומט די כעמישע וויסנשאַפט צו הילף. ס'איז דאָ, למשל, אַ מיטל, אַ גאַנץ איינ־פאַכער מיטל, וואָס מ'האָט זיך מיט דעם ניט באַנוצט, מחמת מ'האָט פשוט

ניט געוואוסט פון דעם. כ׳מיין דעם עקספערימענט מיט „הארמאנען״. דער דאזיקער עקספערימענט האט אויפגעטאן וואונדער, סיי אין דעם מענטשלעכן און סיי אין דעם חיה־מין... וואס ס׳איז שייך די פרוכט אויף די בוימער, האט א האלב לעפעלע „הארמאן״ סובסקריפציע צו הונ־דערט גאלאן וואסער, ווען מ׳האט באשפריצט די עפל־בוימער אין דער צייט, ווען די פרוכט איז גרייט ארונטערצופאלן. אט אזא באשפריצונג, האט די פרוכט געהאלטן צוויי וואכן לייגער אויף די בוימער. דער פאר־מער וועט דאן קענען ארונטערנעמען רייפע פרוכט, פרישע עפל מיט א ראזעווען קאליר. אדער, מיר נעמען למשל בינען, ס׳ווערן איצט געמאכט עקספערימענטן צו אנטוויקלען אזעלכע בינען מיט גרויסע שנאבלען, וואס קענען ארויסקריגן פון די בלומען מערער נעקטאר און האבן אויך א ספעציעלן רעזערוואר צו האלטן דעם האניק. אדער מ׳זוכט איצט צו אנטוויקלען א נייעם קאראקול פון שאף, נאטירלעך, וואס ווען דאס וועט זיך אנטוויקלען ווי געהעריק און אן אינדוסטריע פאר דעם וועט זיך איינ־שטעלן, וועט די אמעריקאנישע פרוי זיך קענען דערלויבן א פיינעם פער־סישן שאפענעם מאנטל פאר א סך, א סך ביליקער ווי איצט. ווען דער עקספערימענט וועט אינגאנצן געלינגען, וועלן אונדזערע פארמער האבן א נייעם קוואל פון איינקונפט. יא, דאס איז גארניט קיין קליינער אויפטו פון אונדזער כעמישער וויסנשאפט. די זעלביקע עקספערימענטן גייען אן אויף א סך אנדערע געביטן אין דער מאדערנער אגריקולטור. וויסן זאלט איר, אז נייע „מאדל־קראפס״ אזוי ווי נייע מאדל־עראפלאנען, וואקסן ניט בלויז אליין. ס׳מוז זיין אונטער זיי א גרינדלעכע פארשונג און אן ערנסטע שטודיע. ביי דער נייער עקספערימענטאלער וויסנשאפטלעכער אגריקול־טור, ווערט לעבן געמאכט צו ארדער.

אלע געסט זיינען געזעסן די גאנצע צייט און מיט א סך אויפמערק, זיך צוגעהערט צו דניאלס באגרינדעטע רייד. ווען ער האט פארענדיקט זיין ווארט, האבן אלע אים זייער ווארעם אפלאדירט און באגריסט.

נאכן שמועס פון דניאלן, האבן די געסט צווישן זיך גערעדט און פארווײלט. נענסי איז געשטאנען מיט דניאלן און געשמועסט צווישן זיך, זייער ליבלעך און נאענט. דניאל האט איר געבעטן עפעס צו שפילן אויף דער פיאנא, וואס זי האט אים טאקע גלייך צוליב געטאן, ניט לאזנדיק זיך א סך בעטן. געשפילט האט זי דעם מאל א פאפולערע זאך, צו יענער צייט. דניאל, פילנדיק זייער גוט און אויפגעלייגט, האט אין דער שטיל, זינגנדיק איר באגלייט אבער אזוי שטיל, מ׳זאל אים אויך קענען הערן. די געסט און מיס נעלסאן זיינען צוגעשטאנען צו אים ער זאל עפעס זינגען. ער

האָט געזונגען אַ פּאָפּולער ליד און נענסי האָט אים באַגלייט. ס'האָט זיך ארויסגעוויזן אַז דניאל האָט זייער אַן אנגענעמע לירישע שטימע און האָט געזונגען מיט אַ סך געפֿיל און האַרציקייט.

די געסט, די נעלסאָנס און נענסי זיינען אַלע געווען פֿון אים אַנטציקט און באַגייסטערט.

שפּעט אין אָוונט האָבן די געסט אַנגעהויבן צוביסלעך פֿאַרלאָזן. מ'האָט זיך פֿריינטלעך צוזעגנט און באַזונדערס האָבן זיי אויסגעדריקט אַ סך צו־פֿרידנקייט מיט דער באַקאַנטשאַפֿט זייערע מיט דניאלן. מ'האָט דאָס אים אויך באַמערקט, אַז ער איז אַ וואונדערבאַרער געזעלשאַפֿטלער און פֿאַר־ווילער.

די נעלסאָנס האָבן אויך נאָכדעם געוואונטשן דניאלן אַ גוטע נאַכט. יעדער איז אַוועק צו זיך, אויף זיין נאַכט־געלעגער. די הויז איז איינגע־הילט געוואָרן אין אַ נאַכטיקער שטילקייט. דניאל האָט פֿאַר אַ לענגערע צייט ניט געקענט איינשלאָפֿן. פֿאַרשיידענע געדאַנקען האָבן זיך אים גע־פּלאָנטערט אין מוח, וועגן דעם נאָר וואָס דורכגעגאַנגענעם אָוונט. די געסט, זייער באַגעמונג צו אים, די נעלסאָנס און דער עיקר טאַקע נענסי. זי האָט אים איצט בעהרשט אינגאַנצן. ניט ווייניק אָבער האָט אים שטאַרק באַ־אומרואיקט דער שמועסביים מאָלצייט־טיש. עפּעס ווי אַ גוואַלדיקער דיסאַנאַנס האָט זיך מיט אַמאָל אריינגעריסן אין דער גאַנצער, צו אים, פֿריינטלעכער אַטמאָספּערע. ער האָט באַין אופֿן ניט געקענט פֿאַרגעסן דעם איינדרוק פֿון דזשעריס ניט טאַקטישער באַמערקונג, מיט וועלכער ער האָט, דער עיקר, אים פּערזענלעך געמיינט אַ שטאָך צו טאָן. אים איז אויך ניט איבריק געפֿעלן געווען זייער אַלעמענס רעאַגירן אויף דעם ענין. הגם מ'האָט מערער וועגן דעם ענין ניט גערעדט, נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעענטפֿערט דזשערין, דאָך פֿילט ער, אַז אויב די געסט האָבן אַפֿילו ניט געפֿונען פֿאַר נויטיק אַ וואָרט צו זאָגן אין זיין פֿאַרטיידיקונג, באַווייזט עס אים אַז זיי זיינען מערער אין הסכם מיט דזשעריס איינווענדונג. נאָר דער־פֿאַר אפֿשר מחמת ער איז געווען דער גאַסט פֿון די נעלסאָנס, און ניט וועלנדיק מאַכן זיי פֿילן שלעכט, האָבן „זיי" דעם ענין דעריבער אינגאַנצן פֿאַרשוויגן. אין עצם געדאַנק אָבער, האָבן „זיי" געהאַלטן מיט דזשערין.

יאָ, ס'איז טאַקע אמת, ער האָט געמאַכט אַ גאַנץ גוטן איינדרוק אויף די געסט, אויף די נעלסאָנס און אויף נענסין, סיי מיט זיין האַלטונג, סיי מיט זיין רעדן און מיטן זינגען. פֿונדעסטוועגן, גנבעט זיך דאָך אריין צו אים אַ געפֿיל פֿון ספֿיקות: אפֿשר, אפֿשר בין איך דאָ גאָר אינגאַנצן ניט אויפֿן ריכטיקן פּלאַץ? אפֿשר בין איך גאָר צווישן „זיי" אַ פֿרעמדער?!

כאַטש אורטיילנדיק פֿון די פּערזענלעכע און פּריוואַטלעכע נאָענטשאַפֿט פֿון די נעלסאָנס צו אים און באַזונדערס נענסיס אַנטציקונג פֿאַר אים, וואָלט אין איצטיקן מאָמענט, פֿאַר קיינעם קיין איבעררעאַשונג געווען, ווען ער און נענסי וואָלטן דערקלערט פֿאַר דער געזעלשאַפֿט, אַז זיי זיינען ביידע גרייט אַפֿילו זיך צו פֿאַרבינדן אַלס מאַן און פֿרוי.

אָט צווישן די אַלע געדאַנקען, געפֿילן און איבערלעבונגען האָט ער זיך געפּלאָנטערט די גאַנצע נאַכט און ניט געקענט ממש צומאַכן מיט אַן אויג. איינגעשלאָפֿן איז ער ערשט, ווען ס'האָט אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג.

ווען דניאל איז אויפֿגעשטאַנען אין שפּעטן פֿרימאָרגן, זיינען שוין נענסי'ס עלטערן, די נעלסאָנס, אין הויז ניט געווען. ער האָט זיך איינ־געוואַשן, געמאַכט זיך אין אָרדנונג און איז ארונטערגעקומען אין עס־צימער פֿאַר אָנבייסן. נענסי האָט געוואַרט אויף אים, מיטצועסן. נאָכן אָנבייסן האָט נענסי געהייסן אָנזאָטלען צוויי „ריַיטערלעך", די בעסטע צוויי פֿערדלעך פֿון זייער שטאַל און זיינען ארויסגעפֿאָרן רייטנדיק, אויפֿן וועג צום שטעטעלע „כרמל ביים ים". דאָרטן איז פֿאַראַן אַ קינסטלער־קאָלאָניע פֿון שרייבער, פּאָעטן און מאַלער, מיט וועלכע נענסי איז באַקאַנט געווען און זי האָט געוואָלט דניאלן פֿאַר זיי פֿאָרשטעלן, אים אויך באַקענען מיט זיי.

דניאל האָט געריטן די גאַנצע צייט, זייט ביי זייט מיט נענסין. פֿאַר־גאַפֿט פֿון דער שיינקייט פֿון דער נאַטור און באַהויכט פֿון דעם זוניקן שטילן פֿרימאָרגן, האָבן זיי געריטן אַ שטיק צייט, כמעט ווי שווייגנדיק. נענסי האָט איבערגעריסן די שטילקייט, האָט מיטאַמאָל אַ שפּור געטאָן איר „ריי־טערל" און איז גאַלאָפּירנדיק, אַ שמייכלנדיקע שנעל אַוועקגעלאָפֿן אין פֿאָראויס. דניאל האָט דאָס זעלביקע געטאָן און מיט אימפּעט זי נאָכ־געיאָגט. ער האָט זיך אויסגעגלייכט מיט איר און זיי זיינען שוין ווידער געריטן זייט ביי זייט. זיי האָבן זיך איצט איבערגעוואָרפֿן מיט רייד וועגן פֿאַרשיידענע זאַכן, דער עיקר אָבער, וועגן די וואונדערלעכע נאַטור שיינ־קייטן אַרום דעם פּלאַץ און וועגן די ריזיקע גיגאַנטישע ביימער אין דעם וואַלד.

— ביימער זיינען ווי מענטשן, פֿאַרשיידן — האָט האַלב פֿילאָזאָפֿיש דניאל באַמערקט — און מיר דאַ, אין אָט דעם געדיכטן וואַלד, זיינען ווי מילבן, אין אָט דעם גרויסן גיגאַנטישן אַרום.

דער וועג איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך שיינער און אין די אַלייען, צווישן די הויכע סאָסנאָווע ביימער, האָבן זיי זיך ביידע געטראָגן אויף די

„רײַטערלעך״ ווי אַ גאָט־געבענטשטע פּאָר. די זון האָט הערלעך געשיינט און געוואָרפן איר׳ע שאָטן און ליכט־שטראַלן אויף דעם געדיכט באַבוי־מערטן און באַבלעטערטן וואַלד, וועלכער איז געווען אי יונג, אי אַלט און טיף מיסטעריעז. דער ריטם פון זייער גאַנג און דאָס פויגל־געזאַנג איז געוואָרן איינס און זיי, ווי אַ טייל פון דעם גאַנצן אַרום.

זיי האָבן זיך ענדלעך אָפּגעשטעלט אין אַ געדיכט יונג וועלדל וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט אַ שטאַרק־לויפנדיקן שמאָלן טייך. דאָס גאַנצע פּלאַץ איז געווען אויסערגעוויינלעך נאַטור־רייך, שיין און קאָלירפול. דאָ האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. זיי האָבן צוגעבונדן זייערע פערדלעך צו אַ בוים און האָבן גענומען שפּאַצירן האַנט אין האַנט אין אָט דעם נאַטור־שיינעם פאַרכישופטן אָרט.

ס׳איז געווען אין מיטן פרילינג, אַלץ איז געווען איינגעטונקען אין גרין און אין זון־גאָלדיקייט. די זון האָט מוטערלעך געטריי געוואָרעמט און ליכטיק קאָלירפול באַשטראַלט די בערג, דעם טאָל, פעלד און וואַלד, חיה און מענטש. אַרויסגייענדיק פון דעם וועלדל, האָבן זיי ניט ווייט, נעבן די פוס־בערגלעך, אויף אַ גרינער פלאַך, דערזען אַ גרויסע סטאַדע שאָף זיך פּאַשען. אַן איינזאַמער פּאַסטוכל, באַגלייט פון זיין הונט, האָט נאָכ־געפאָלגט די שאָף־סטאַדע. אויף דער סאַמע הויך, פון אַן אַנטקעגנדיקן באַרג, איז געשטאַנען, ווי עמיצער וואָלט אים אַוועקגעשטעלט, אַ קורץ־געוויקסיקער בוים אין דער פאָרם פון אַ גרויסן שירעם. ניט ווייט פון דעם בוים איז אויך געשטאַנען אַן איינזאַמער, אַן איינאיינציקער פערד, אומבאַוועגלעך.ביידע, בוים און פערד, האָבן אויסגעזען, ווי פון שטיין אויסגעהאַקט. דאָס גאַנצע בילד אַרום איז געווען איין שטיק אידיליע. „שטיל לעבן״ געמאָלן פון אַ געניאַלער קינסטלער האַנט.

דניאל און נענסי זיינען ביידע פאַרכאַפּט געוואָרן פון אָט דער וואונ־דערבאַרער נאַטור שיינקייט און שטילקייט. זייענדיק באַגייסטערט פון אָט דער ערלעכער שיינער פּאַנאָראַמא, האָט דניאל איבערגעריסן די שטילקייט מיט דער באַמערקונג:

— זעסט, נענסי, אָט די גאַנצע שיינע נאַטור פּאַנאָראַמע, דערמאָנט מיר אין וואַן־גאָגס בילדלעכע נאַטור־שאַפונגען. אָט האָסטו פאַר זיך אַ וואונדערלעכע קאָלעקציע פון כלעריי נאַטור שיינקייטן, קאָנצענטרירט אין איין שטח. דאָס איז ניט אַ פּראָדוקט אָדער אַ געמאָלעכץ פון אַ קינסט־לערס פאַנטאַזיע, דאָס איז אַ שטיק „נאַטור און לעבן״.

— יאָ, דניאל — האָט אים מיט ליבשאַפט, נענסי אריינגעקוקט אין זיינע אויגן און געזאָגט — ס׳איז שיין, נאַטור־רייך און אַפילו אייגנאַרטיק.

מ׳דאַרף אָבער זיין אַ דיכטער מיט אַ גרויסער ליבע צו דער נאַטור ווי דו, כדי דאָס אַלץ באַאָבאַכטן, אַריינגעמען אין זיך און דאָס אזוי שיין דורכ־לעבן.

— אַ דאַנק פֿאַר דיין אָפֿנהאַרציקייט און שיינעם קאָמפּלימענט — האָט דניאל מיט צאַרטקייט און אַ סך וואַרעמקייט געדריקט איר האַנט.

זיי זיינען שטיין געבליבן אַ לייַנגערע צייט, האַלטנדיק איינער דעם צווייטנס האַנט און צוזאַמען באַוואונדערט די גאַנצע פּאַנאָראַמע אַרום. נאָכדעם האָבן זיי זיך צוגעזעצט אויף דעם קילן גראָז און שווייגנדיק זיך צוגעהערט צו אַלץ אַרום. דאָ און דאָרטן, האָט זיך געהערט דאָס זשומען פֿון די שמעטערלינגען, דאָס טוויטשערן פֿון פֿויגל, דאָס שטילע רוישן פֿון דעם פֿאַרביילויפֿנדיקן וואַסער. אין די קוסטעס אַרום זיי, האָבן טעטיק געזשומעט בינען, פֿויגעלעך אויף די צווייגן, האָבן זיך צענויפֿגעגאָסן אין אומאַרמונג, געקושט זיך אין די שנאָבעלעך. אין גראָז אויף דער ערד, האָט פֿאַרוויז געשווימלט מיט זשוקלעך און מוראַשקעס. אין דער נאַטור איז אָנגעגאַנגען דער גרויסער אייביקער, שטילער און ערלעכער פּראָצעס פֿון ליבע, פֿון געבורט און וואוקס...

ס׳האָט זיך איצט געפֿילט ווי די גאַנצע נאַקעטע נאַטור אַרום, איז אָנגעפֿילט און פֿאַרכאַפּט מיט עראָטישקייט און וואַרעמע גלוסטנדיקע באַ־גערן...

זיי זיינען ביידע געבליבן זיצן, פֿאַרנומען און באַהערשט מיט דעם זעלביקן געדאַנק און עמאָציעס.

— זעסט, נענסי — האָט דניאל באַמערקט — אָט די גאַנצע נאַטור אַרום, דאָ און אומעטום, סיי אין דער וועלט פֿון פֿלאַנצן און סיי די חיה באַשעפֿענישן, ווייסן ניט פֿון געזעצן וואָס עמיצער האָט פֿאַר זיי געמאַכט. זיי לעבן ניט נאָך פֿאַרפֿאַסטע קאָדעקסן פֿון מאָראַל און עטיק, ווי ביי אונדז, מענטשן. דער גאַנג פֿון זייער לעבן און דער פּראָצעס פֿון ליבע, געננוס און באַפֿרידיקונג, גייט דאָ אָן אומגעשטערט פֿון קיינעם. — פֿריי, נאַטור־טריי און אָן רעזערוואַציעס.

זיי האָבן ביידע פּלוצלינג אינסטינקטיוו דערפֿילט, אַז די שפּילעוודיקע פֿינגער פֿון זייערע הענט, וועלכע האָבן די גאַנצע צייט, געהאַלטן און גע־צערטלט איינער דעם צווייטן, זיינען מיט אַמאָל איינגעשלאָסן געוואָרן אין אַ שטאַרקן פֿייערלעכן צודריק און אין דער זעלביקער רגע האָבן זיי זיך קערפּערלעך דערנענטערט איינער צום צווייטן, איינגעקלאַמערט געוואָרן איינס־אין־אַנדערן און פֿאַרזיגלט זייער פּלוצלימדיקן ליידנשאַפֿטלעכן אויס־ברוך מיט אַ לאַנג דויערנדיקן קוש...

אַט דער ספּאָנטאַנער אויפּברויז פֿון אַ הייסן ליבע געפֿיל איינער צום צווייטן, האָט זיי ניט נאָר אינטים דערנעענט, נאָר האָט אויך באַפֿרייט פֿון זיי אַ סך פֿריערדיקע צוימונגען, וואָס האָט זיי אינערלעך באַהערשט. אין איצטיקן מאָמענט האָט זיך געעפֿנט פֿאַר זיי אַ פֿרייער און אומגעשטערטער צוטריט פֿון איינער צום צווייטן. זייערע צינגער זיינען געוואָרן איצט לויזער, זייער באַציאונג פֿונאיינער צום צווייטן איז געוואָרן היימישער, אינטימער און פֿרייער...

ביז איצט האָט דניאל און נענסי, געהאַלטן זיך איינער צום צווייטן, מיט אַ געוויסער דיסטאַנץ, עפּעס ווי אַן אומזיכטבאַרע האַנט האָט פֿאַרהאַלטן זייער מויל, צו זאָגן דאָס וואָס ס'האָט זיך געוואָלט זאָגן איינער דעם צווייטן. אין דעם געגעבענעם מאָמענט, אין אַט דער גאַנצער שטילער נאַטור סביבה, אין דעם גאַנצן נאַטור־שיינעם אַרום, וואו זיי ביידע, צוויי יונגע, לעבעדיקע און קרעפֿטיקע מענטשן, אין דערמיט פֿון אַט דער גאַנצער ליבנדיקער, לעבנס־פּולסירנדיקער און באַהעפֿטנדיקער ערדישער נאַטור, זיינען זיי ביידע, אויך דאָ, געוואָרן אַ מיטווירקנדיקער טייל פֿון אַט דעם גאַנצן פֿרייען נאַטור־שעפֿערישן אַרום. זייער צוגאַנג, באַנעמונג און האַלטונג פֿון איינער צום צווייטן, איז מיט אַמאָל געוואָרן ביי זיי אומגעצוימטער, פֿרייער, געזונט־מענטשלעכער און ערדישער...

פֿון גאָר וויטנס האָבן די באַרג־שפּיצן פֿון די סיעראַס, נאָך געטראָגן אויף זיך שניי־ווייסע מיצן און די באַלויכטענע זון־שטראַלן פֿון אַ מיטןרייפֿן פֿרילינג־טאָג, האָבן געליכטיקט זייערע הויכקייטן, מיט אַ בלענדנדיקער גאָלדיקער זילבערדיקייט.

די צוויי פֿייגעלעך, די „רײַטערלעך״ זייערע, צוגעבונדן צו אַ בוים פֿון דעם דערבייאיקן וועלדל, האָבן שפּילנדיק זיך און ליבלעך געביסן איינער דעם צווייטן. אויך זיי האָבן אנטייל גענומען אין דער שפּיל פֿון דער נאַטור. פֿון צייט צו צייט האָט זיך אָנגעהויבן הערן זייער פֿריידיקער הירזשען, זייער אומרואיקער קלאַפּן מיט די קאָפּיטעס אָן דער ערד און דער שורשן פֿון די טרוקענע בלעטער און קוסטעס אַרום זיי. עפּעס ווי זיי האָבן גערופֿן צו זיך, זייערע באַזיצער, די רײַטער. די אומרואיקייט פֿון די פֿערדלעך זייערע, האָט זיי ביידן, מיט אַמאָל ווי אויפֿגעוועקט, זיי געבראַכט צו זיך...

דניאל האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון גרינעם גראָז, געבליבן שטיין אין אַ גלייכער פּאָזע, קוקנדיק אויף דער, נעבן אים אויף דער ערד ליגנדיקער נענסי אַזאַ פֿריידיקע, אַזאַ באַשטראַלטע, האָט ער, מיט אַ פֿריידיקן שמייכל,

אויסגעצויגן זיינע הענט צו איר און אויפהויבנדיק זי פון דער ערד, האָט ער איר נאָכאַמאָל איינגעשלאָסן אין זיינע שטאַרקע, ברייטע אָרעמס. זיי האָבן זיך ניט געקענט אָפּרייסן איינער פון צווייטן. געאָרעמטע זיינען זיי צוגעגאַנגען צו זייערע „רײַטערלעך". ווי אַ געליבטע כלה ווען דער חתן, ווי דער מנהג איז, טראָגט אריבער די שוועל, פון זייער היים גלייך נאָך דער חתונה, אזוי האָט איצט דניאל מיט אַמאָל אַ נעם געטאָן נענסין אויף זיינע הענט, זי צערטלעך און ריטערלעך ארויפגעזעצט אויף דעם זאָטל פון איר רײַט־פערדל. ער האָט אריינגעשטעלט אירע פיסלעך אין די פוס־האַלטערס פון איר זאָטל און נאָכדעם אליין אַ שפּרונג געטאָן פון פרייד און ארויפגעכאַפּט זיך אויף זיין רײַט־פערדל. אַ ריר געטאָן זיך פון אָרט האָבן זיי ביידע, ווי קינדער, פריילעך אויסגעשריגן צו דעם גאַנצן באַוואַלדערטן אַרום: — אַדיאָ! אַדיאָ!...

אַזוי האָבן זיי זיך פריידיק געזעגנט מיט דעם הערלעכן נאַטור־פּאַר־כישופטן ווינקל וואו דאָס סודותדיק וועלדל, דאָס לויפנדיק וואַסער, דאָס ליכט און שאָטן פון דעם גאַנצן אַרום, זיינען געווען הייליקע און שטילע עדות פון זייער גליקלעכער פאַראייניקונג...

קיין „כרמל ביים ים" זיינען זיי שוין איצט ניט געפאָרן, ווי נענסי האָט פּלאַנירט אין פרימאָרגן. דער אָוונט איז שוין באַלד צוגעפאַלן, האָבן זיי אַ שטאַרקן שפּור געטאָן זייערע „רײַטערלעך" און בליץ־שנעל דורכ־געשאָסן דעם געדיכטן וואַלד און אויפן פרייען וועג, אַהיים צו צו...

אַנקומענדיק אַ היים, האָבן שוין די נעלסאָנס ארויסגעקוקט אויף זיי. די פערדלעך האָט דער שטאַל־מענטש איבערגענומען, און דניאל און נענסי, האָבן זיך גלייך איינגעוואַשן און איבערגעטאָן זיך, און שטראַלנדיקע ארונ־טער צו דעם אָוונט־מאַלצייט.

פּראָפעסאָר נעלסאָן, פרוי נעלסאָן, נענסי און דניאל, זיינען געווען דעם מאָל די איינציקע ביים טיש און די עלטערן, די נעלסאָנס, זיינען פריי געווען איצט צו רעדן וועגן פּערזענלעכע און אינטימערע ענינים. דער פּראָפעסאָר האָט געפרעגט די קינדער וואו און ווי גוט זיי האָבן פאַרבראַכט. אַרויפגעפירט האָט ער דעם שמועס וועגן דער איצטיקער יוגנט, וועגן חתונה, תכלית, וכדומה. דניאל האָט פאַרשטאַנען צו וואָס דער פּראָפעסאָר צילט מיט זיינע רייד. עפּעס האָט ער געפילט אַז ס'וועט קומען צו דעם און ער איז אויך ניט געווען צו איבעראַשט. פאַרבייגייענדיק האָט ער פון־דעסטוועגן אַ פרעג געטאָן די עלטערן צי זיי וואָלטן ניט געהאַט אויסצו־זעצן, אים אַריינצונעמען אין זייער משפחה און מיט זייער הערלויבעניש, צונעמען נענסין פון זיי, פאַר זיך.

— אויב איר קינדער זענט נאָר צופרידן— האָט פרוי נעלסאָן, מיט אַ ציטער אין איר שטים ארויסגעזאָגט — גיבן מיר אייך אונדזער האַרציקסטע ברכה.

נענסי האָט ארומגעכאַפּט איר מוטער און איר פאָטער און האָט זיי מיט אַ סך ליבשאַפט געהאַלדזט און געקושט.

אין אָוונט זיינען די נעלסאָנס, נענסי און דניאל ארויסגעפאָרן נאָך סאַן פראַנציסקאָ צו דער אָפּערע. ס׳איז געווען די דערעפענונגס-נאַכט פון דער אָפּערע. געשפילט האָט מען „לאַ טראַוויאַטאַ". דער פראָפעסאָר האָט רעזערווירט בילעטן פאַר דעם אָוונט, און ווייל ס׳איז געווען דער ערשטער אָוונט פון דער אָפּערע, איז די גאַנצע עליטע פון סאַן פראַנציסקאָ און אומגעגנט זיך צוזאַמענגעקומען. דאָ האָבן די נעלסאָנס באַגעגנט אַ סך פון זייערע באַקאַנטע, אַ צאָל אַריסטאָקראַטישע שכנים פון פּאַלאָ-אַלטאָ, צווישן זיי אויך דזשערי, וועלכער האָט ליב געהאַט נענסין נאָך פון זיין יוגנט אָן, און האָט אַלץ געהאָפט אַז צווישן אים און נענסין, וועט פריער אָדער שפּעטער, דאָך אַ שידוך זיין. הערזעענדיק אָבער די נעלסאָנס, דניאל און נענסין צוזאַמען, אין אַזאַ געהויבענער שטימונג, אין אַזאַ פריינטלעכער און ליבלעכער באַנעמונג, האָט ער גלייך געזען און פאַרשטאַנען, אַז נענסי גליטשט זיך ארויס פון זיינע הענט און זיינע האָפנונגען זי צו האָבן, זיינען ביי אים אינגאַנצן צורונען געוואָרן.

דזשערי האָט לכתחילה געדיינקט זיי אויסצומיידן אינגאַנצן, זיך ניט מאַכן זעענדיק. אָבער אין דעם אויגנבליק האָבן נענסיס אויגן מיט זיינע זיך אָנגעשלאָגן און נענסי האָט אים מיטן האַנט באַגריסט, פון ווייטנס. דזשערי האָט שוין, נאַטירלעך, קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט און איז אויס העפלעכקייט צוגעקומען צו זיי. זיי האָבן זיך אַלע פריינטלעך באַגריסט, געשמועסט וועגן דער אָפּערע, וועגן די זינגער, וועגן דער רייכער אָדיענץ א. א. וו. דזשערי האָט נענסין זייער שטאַרק קאָמפּלימענטירט:

— זעסט היינט אויס, נענסי, אויסערגעוויינלעך שיין, אַטראַקטיוו און אין אַ גאָר געהויבענער שטימונג. — דערביי האָט ער אויך באַמערקט, האַלב שמייכלענדיק און אַ ביסל ביטער — ווער איז דאָס דער גליקלעכער, וואָס האָט דיר היינט פאַרשאַפט אַזוי פיל פרייד, וואָס ס׳לאָזט זיך זען און פילן אין דיין גאַנצער פערזענלעכקייט?...

נענסי האָט פאַרשטאַנען צו וואָס דזשעריס באַמערקונג איז געריכטעט געווען, און אגב האָט זי טאַקע געוואָלט איצט, ער זאָל ווייסן און פאַרשטיין, אַז צווישן אים און איר, קען ניט זיין יענע אינטימע באַנענטשאַפט,

וואָס ער האָט געהאַפּט די גאַנצע צייט ווען עס איז צו דערגרייכן. האָט זי דעריבער אויסגענוצט די איצטיקע פּאַסיקע געלעגנהייט און האָט דרייסט און שטאָלץ אים געענטפערט:

— דזשערי, ביסט גערעכט. שולדיק אין מיין גוטן פילן און שטימונג, איז מיין פריינט דניאל. אים קומט דער גאַנצער קרעדיט. און איצט אַז איך וויים שוין יאָ, וואָס ס'איז גוט פאַר מיר, וועל איך שוין זען, אַז דאָס וואָס ס'איז גוט פאַר מיר און וואָס פאַרשאַפט מיר פרייד און געהויבנקייט, זאָל איך האַלטן נאָענט צו מיין האַרצן...

דזשערי האָט שוין איצט פאַרשטאַנען נעצסיס אָנצוהערעניש. ער האָט געהאַט פון דעם אַ גוואַלדיקן פאַרדרוס און קריינקונג. באַזונדערס האָט ער איצט געטראָגן אַ פאַרביטערטן האַס קעגן דניאלן, אַט דעם ווילד פרעמדן, וואָס האָט זיך, ווי ער האָט איצט געפילט, אריינגעריסן אין זיין מיט, דאָ, וואו ער באַלאַנגט גאָר אינגאַנצן ניט...

ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָפּענטפערן, נאָר אין דעם מאָמענט, האָט שוין דער גלאָק אָנגעהויבן צו קלינגען און די „אַשערס" האָבן אויס־גערופן: „קוירטן", „קוירטן"!

דער פאַרוויילטער עולם פון פאָדער־זאַל און „לאָבי" האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו זייערע זיץ־פּלעצער, מיטנעמנדיק מיט זיך זייערע ניט פאַר־ענדיקטע שמועסן און פלוידערייען.

דזשערין האָבן זיי שוין מערער דעם אָוונט ניט געזען, ניט ביים לעצטן אַנטראַקט און ניט ביים אַרויסגיין פון דער אָפּערע, וואו די מערסטע וויזן זיך מיט זייער רייך און פוץ, וואַרטנדיק פאַר די „טעקסיס" אָדער זייערע אויטאָמאָבילן...

אויף צומאָרגנס האָט דניאל זיך פריינטלעך און האַרציק צוזעגנט מיט די נעלסאָנס. נענסי האָט דניאלן אָפּגעפירט צו דער באַן סטאַנציע אין איר אייגענעם אויטאָמאָביל. נאָכדעם ווי זי האָט אים צוגעזאָגט, אַז זי וועט אַרויסקומען אינגיכן צו אים אויף זיין פאַרם, האָבן זיי זיך וואַרעם און ליבלעך צוקושט, מיט אַ סך פרייד און האָפנונג אויף אַ באַלדיקן צוזאַמענקומען.

נענסי און דניאל

ס'האָט לאַנג ניט גענומען און אַן אָפיציעלער צוזאַמענבונד פון נענסין מיט דניאלן איז צושטאַנד געקומען. זיי האָבן זיך, זינט זיין באַזוך ביי

אירע עלטערן, די נעלסאָנס, זייער אָפּט באַגעגנט. ער פּלעגט זיך מיט איר טרעפן אין סאַן פראַנציסקאָ און זי, נענסי, פלעגט ניט זעלטן, צו אים אויפן ריינדזש ארויספאָרן. אַזוי זיינען זיי וואָס אַמאָל נענטער און אינ־טימער געוואָרן.

איינמאָל, אין אַ שיינעם טאָג, האָט נענסי דערקלערט פאַר אירע על־טערן, אַז דניאל און זי, זיינען שוין פאַרהייראַט. פאַר די עלטערן איז עס ניט געווען קיין גרויסע איבעראַשונג. זיי האָבן געוואוסט פון זייערע באַ־ציאונגען און זיי האָבן אויך געוואוסט, אַז נענסי איז זעלבסטשטענדיק אין איר דיינקען און האַנדלונג און וועט זיך ניט אָפּשטעלן אָדער אָפּהאַלטן פון פאַרמאַליטעטן. קיין אָפיציעלע חתונה האָבן זיי ניט געמאַכט. ניט די נעלסאָנס, ניט נענסי און אויך ניט דניאל, זיינען שטאַרק גערן געווען דורכמאַכן אַן אָפיציעלע חתונה מיט פּאָמפּ און מיט אַלע קליפּערלעך. יעדער פון זיי האָט געהאָט באַזונדערע מאָטיוון פאַר דעם, כאָטש דניאלן האָט דאָס זייער ווייניק געאַרט. פאַרקערט אין אַ געוויסן זין איז ער נאָך געווען צופרידן, וואָס די נעלסאָנס און נענסי באַשטייען ניט דוקא אויף אַזאַ אָפיציעלע חתונה צערעמאָניע. אַזאַ זאַך וואָלט אים צום האַרצן סיי ווי ניט געווען. דאָך, ווי צופרידן ער איז געווען פון דעם אויסגאַנג, האָט עס אים פונדעסטוועגן אַ ביסל באַאומרואיקט. ער האָט אָנגעהויבן זיך צו גריבלען אַ ביסל אין דעם ענין, געזוכט דעם שליסל צו זייער פּאַסיווי־טעט. נענסי איז דאָך זייער איינאון־איינציקע טאָכטער, און עלטערן ביים אויסגעבן אַ קינד, ווילן אוודאי אַ שיין טאָן פאַר פריינט און געזעלשאַפט מיטן שידוך וואָס זיי טוען. און דאָ, אַזאַ גלייכגילט, אַזאַ פּאַסיוויטעט. איז ער געקומען צום אויספיר, אַז סיי די נעלסאָנס און סיי נענסי, ווילן אַפּנים ניט מאַכן דעם ענין פון זייער חתונה האָבן צו פּאָפּולער, צוליב געוויסע מאָטיוון און פאַקטאָרן וואָס באַאומרואיקט זיי זייער שטאַרק לעצטנס.

די נעלסאָנס — האָט דניאל איצט געטראַכט — פילן אפנים וועגן דעם ענין אַ ביסל אומבאַקוועם מחמת, די געזעלשאַפט אין וועלכער זיי פאַרקערן, קריטיקירן זיי אַ ביסל און קוקן אויף אָט דער פאַראייניקונג, צווישן אים און נענסין, אַ ביסל קרום. די „געזעלשאַפט" זייערע, פילן די נעלסאָנס, האָבן אויסצוזעצן, וואָרום זיי האָבן זיך משדך געווען מיט איינעם, ניט פון זייער קלאַס אָדער שטאַם. און אַנדערע באַטראַכטן דעם אויסוואַל זייערן פאַר ניט געראָטן און אויך ניט אין „גוטן געשמאַק". דזשע־רי, גיבן זיי אָנצוהערן, געפעלט זיי בעסער. ער איז איינער פון זיי. ער איז פון זייער „קלען", גוט באַקאַנט צו זיי און זייער פּאָפּולער. ניט נאָר

איז ער אַ זונדל פון אַ רייכן לאַנד־באַזיצער, נאָר איז אויך אַן אַנגעזעענער מיטגליד אין זייערע קלובן, אַ גרויסער ספּאָרטלער, אַן אַקטיווער פּאָליטי־קאַנער און וואָס מער, ער שטייגט וואָס אַמאָל אַלץ העכער און העכער אין דער קאַליפאָרניער פּאָליטיק. אַט שטעלט מען אים שוין אַפילו ארויס אַלס קאַנדידאַט פאַר אַ גאָר הויכן אַמט. ס'האַלט שוין דערביי ער זאָל גאָר נאָמינירט ווערן אַלס דער „די. איי." — דיסטריקט אַטורני, וואָס דאָס איז שוין גאָר אַ גרויסע דערגרייכונג פאַר אַ יונגנמאַן פון זיין עלטער. אַמביציעז איז ער און מיט דער הילף פון געלט, וואָס דאָס פעלט אים אויך ניט, און אויך מיט דער הילף פון פאַרשיידענע „דראָטן ציער", וועט ער שוין זיין ציל דערגרייכן. איז אויף וועמען האָט נענסי, אים, דזשערין, אויסגעביטן?!

אַט דאָס איז געווען דער געדאַנקען־גאַנג, און אויך ניט ווייניק, דער געשפרעך פון נעלסאָנס געזעלשאַפט. ס'פאַרשטייט זיך, אַז אַפּוואַרפן זיך פון אַזאַ אַנגעזענעם שידוך, ווי מיט דזשערין, איז געווען מצד די נעלסאָנס, אין אַ געוויסן זין, אַ מוטיקייט און אַ דרייסטקייט. דאָס הייסט, נעמענדיק אין באַטראַכט די מיינונג פון „זייער" געזעלשאַפט אַז דער איבערבייט איז געווען אויף אַ מער־ווייניקער „פרעמדן", אַ ניט היגן, און דער עיקר, אויף אַ — יידן...

דניאל האָט קיינמאָל ניט געזוכט צו פאַרלייקענען אָדער אויסבאַהאַלטן זיין יידישקייט, ניט פאַר די נעלסאָנס און אויך ניט פאַר פרעמדע. פאַר־קערט, עד איז כסדר אַרויסגעטראָטן אין פאַרטיידיקונג פון יידישן נאָמען און העכט, ווי אַ שטאָלצער ייד, סיי אין „קאָלעדזש" צווישן דער סטודענטנ־שאַפט און סיי אין אַנדערע געזעלשאַפטן. כאָטש נענסי האָט זייער שטאַרק ליב געהאַט דניאלן, און אויך די נעלסאָנס האָבן זייער אַ סך פון אים גע־האַלטן, אַלס אַ גוטער מענטש און וואוילער לערנער, האָבן זיי אָבער זייער ווייניק, כמעט ווי גאָרניט געוואוסט, וועגן זיינע פאַרבינדעטע און משפחה. אין אַן אינטימען געשרפעד מיט נענסין, האָט דניאל, דרך אגב, יאָ דער־ציילט נענסין פון זיין פערזענלעכן לעבן, פון זיין דערציאונג, פון זיין פאָ־טערס טויט, און פון זיין מוטער, די אלמנה, און ווי זיי האָבן געאַרבעט אויף זיין אָנקלס פאַרם, אין סאַן־בערנאַרדינאָ, און ווי ער איז ענדלעך אָנגעקומען אין בוירקלי אוניווערסיטעט, און ווי דורך שווערער אַרבעט זיך דורכגע־שלאָגן און פאַרענדיקט דעם אוניווערסיטעט מיט אויסצייכענונגען און לסוף, די גליקלעכע באַגעגעניש מיט נענסין.

דער יחוס זיינער, איז טאַקע געווען אַ גאַנץ גוטער, מ'האָט זיך ניט

געהאַט מיט אים וואָס צו שעמען. פֿאַרקערט, אַ „סעלף מעיד מען”, וואָס איז דוקא אָנגענומען פֿאַר אַ גאַנץ גוטן סטאַזש און רעקאָמענדאַציע אין דעמאָקראַטישע געזעלשאַפֿטן און קרייזן. אָבער באַרימען זיך און פּאַראַדירן מיט דעם אין אירע קרייזן, האָט נענסי ניט געקענט.

דניאל איז דאָ געווען איינער אליין, צווישן אָט דער ניט יידישער וועלט, וועלכע איז אים, אָפּטמאָל ביי זיין בעסטן ווילן געווען כמעט פֿרעמד. אָן פֿריינט, אָן משפּחה, אָן מחותנים, אַזוי צו זאָגן, איז אים שוין גיכער געווען צום האַרצן, ניט צו האָבן קיין עפּנטלעכע חתונה מיט נענסין. בפֿרט, סיי נענסי און סיי די עלטערן אירע, האָבן אויך, צוליב די שוין דערמאָנטע מאָטיוון, ניט גאָר באַשטאַנען דערויף. אָבער, כאָטש פֿאַר דער ברייטער געזעלשאַפֿט זייערער, איז טאַקע קיין אָפֿיציעלע חתונה ניט געווען און אויך ניט פּובליקירט געוואָרן, ניט מיט וואָרט און ניט אין בילד, ווי ס׳פּירט זיך אין יענע „סאָסייטע” קרייזן, האָבן אָבער אַלע געוואוסט, אַז זיי, דניאל און נענסי, זיינען מאַן און ווייב. אַז דער ייד דניאל איז דער איידעם פֿון דעם גוט־באַוואוסטן פּראָפֿעסאָר נעלסאָן, און אַז ער, דניאל, האָט איצט אַריבערגעבראַכט צו זיך אויפֿן ריינדזש, די שיינע נענסי, די געראָטענע טאָכטער פֿון פּראָפֿעסאָר נעלסאָן, און דניאל בויט איצט אַ גרויס שיין הויז פֿאַר איר אויפֿן פֿאַרם, מיט אַלע נויטיקע איינריכטונגען און באַקוועמלעכקייטן און מיט אַ רחבותדיקער באַלעבאַטישקייט.

די ערשטע צייט אויפֿן פֿאַרם איז נענסי געווען זייער פֿאַרנומען, די נייע הויז זייערע איז געווען אין פּראָצעס פֿון בויאונג. זי האָט זאָרגפֿעלטיק פּלאַנירט דעם בנין, צוזאַמען מיטן אַרכיטעקט, פּלאַנירט און אויסגעלייגט די צימערן, איז געווען אריינגעטאָן מיט אַ סך אינטערעס אין דער אַרבעט, ביז די הויז איז אינגאַנצן פֿאַרטיק געוואָרן. נאָכדעם האָט זי אַ סך אינטערעס אריינגעגעבן אין דעם דעקאָרירן און מעבלירן די נייע הויז, אַלץ נאָך איר געשמאַק נאָך און לסוף, האָט זי אויך זיך אָפּגעגעבן מיט דעם אויסלייגן און פּלאַנירונג פֿון דעם בלומען־גאָרטן, ארום הויז. מיט יעדן דעטאַל פֿון הויז און ארום הויז, איז זי געווען פֿאַרנומען און מיט גרויס אינטערעס. דניאל איז געווען זייער גליקלעך און צופֿרידן וואָס נענסי ווייזט ארויס אַזאַ וואַרעמען אינטערעס אין דעם אויפֿבוי און אויפֿהאַלט פֿון דעם פּלאַץ.

די פֿאַרם און דער גאַנצער ריינדזש זיינער, האָט זיך לעצטנס אַ סך פֿאַרגרעסערט. פֿאַר דער צייט וואָס נענסי איז דאָ מיט אים, האָט ער צוגעקויפֿט נאָך אַ גרויסן שטח לאַנד, וואָס איז געווען אין שכנות מיט זיין

פאַרם, אַזוי אַז דער גאַנצער פּלאַץ זיינער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גאָר גרויסן קולטיווירטן פאַרם, מיט אַ גרויסערווירטשאַפט, וואָס איז גע־וואָרן איינער פון די גרעסטע ריינדזשעס אין דעם גאַנצן געגנט, הן אין גרויס, הן אין פּראָדוקציע.

דער קאָאָפּעראַטיוו ביי דער אַרבעט

מיט דעם צופלוס פון וואַסער פון דעם איריגאַציע קאַנאַל, איז דאָס גאַנצע לאַנד אין דעם גרויסן טאָל גאָר גיך באַגרינט געוואָרן. וואו אַ פּוסט, פון פריער ניט באַארבעט שטיקל ערד, איז איצט קולטיווירט געוואָרן און מיט דער באַרירונג פון וואַסער, לעבן באַקומען. אומעטום, אין יעדן ווינקל איז געוואַקסן, און די פאַרמערס האָבן ערשט איצט דערשפּירט און דערזען די אמתע ברכה פון זייער ערד. מיט דעם איבערפלוס פון וואַסער און גוטע פלייסיקע אַרבעט פון די פאַרמערס אויף זייער לאַנד, איז דער שניט פון דעם יאָר געווען ביי זיי אַ גאָר, גאָר געראָטענער. אונטער דער געטרייער פירערשאַפט פון דניאלן, האָט דער אָרגאַניזירטער קאָאָפּעראַטיוו אָנגעהויבן פּראַקטיש און דערפאָלגרייך פונקציאָנירן. דער קאָאָפּעראַטיוו האָט אָנגעהויבן איינצוקויפן פאַרשיידענע פּראָדוקטן, אין וועלכע די פאַר־מער האָבן זיך געניטיקט, הורטאָוונע; ווי זריעה פאַר קומענדיקן פאַרזיי, מאַשינעריי צו באַארבעטן די פאַרמס און אַנדערע פּראָדוקטן און מכשירים. דער קאָאָפּעראַטיוו האָט אויך געמאַכט פאַרהאַנדלונגען מיט דער באַן־קאָמפּאַניע פאַר טראַנספּאָרטאַציע פון די פּראָדוקטן און תבואות. ער האָט אויסגעדונגען אַ בעסערן פּרייז. יעדנפאַלס, אַ סך ווייניקער געצאָלט, ווי ווען יעדער פאַרמער באַזונדער וואָלט פאַרהאַנדלט מיטן אַגענט פאַר זיין טראַנספּאָרט. שוין די ערשטע פאַר יאָר האָבן די פאַרמערס מאַטעריעל פּראָפיטירט פון זייער אָרגאַניזירט זיין אין דעם קאָאָפּעראַטיוו.

דניאל האָט שפּעטער אויך רעקאָמענדירט, אַז דער קאָאָפּעראַטיוו זאָל אויפבויען אַן אַלגעמיינעם גרויסן שפּייכלער, וואו אַלע פּראָדוקטן און תבואות זאָלן קענען אריינגענומען ווערן. זייענדיק געזיכערט און באַשיצט וועט מען ניט זיין געצוואונגען צו פאַרקויפן די פּראָדוקטן תיכף אויפן אָרט, אין אַ צייט ווען די פּרייזן זיינען גראָדע נידריק, נאָר מ׳וועט קענען פאַרגינען זיך צו וואַרטן מיטן פאַרקויף פאַר אַ העכערן מאַרקעט פּרייז.

ס׳האָט נאָכדעם לאַנג ניט גענומען און אַזאַ קאָאָפּעראַטיווער שפּייכ־לער איז אויפגעבויט געוואָרן און די פאַרמערס פון טאָל האָבן דאָרטן

אריינגעבראַכט און געהאַלטן אַלע זייערע תבואות. דער קאָאָפּעראַטיוו האָט אויך, נאָכן ערשטן שניט, באַזאָרגט די פֿאַרמערס מיט אַ טראַקטאָר מאַשין, כדי צו פֿאַראַקערן זייער לאַנד. יעדער פֿאַרמער באַזונדער וואָלט נאַטירלעך אַזאַ טראַקטאָר־מאַשין זיך ניט געקענט דערלויבן. אַ דאַנק דעם קאָאָפּעראַטיוון טראַקטאָר, איז די אַרבעט פֿון יעדן פֿאַרמער צו פֿאַראַקערן זיין לאַנד, אַ סך גרינגער געוואָרן. דאָס זעלביקע איז געווען מיטן פֿאַרזיי און אַנדערע אַרבעטן. דער פֿאַרמער האָט איצט געהאַט אַ סך מערער צייט פֿאַר זיך ווי פֿריער, און אויף דער עצה פֿון דניאלן, האָבן די מערסטע איינגעפֿירט קליין גערטנעריי, אַ היימישן גאָרטן, פֿרוכט בוימער, עופֿות־צוכט און אַנדערע זאַכן. יעדנס ווירטשאַפֿט איז באַרייכערט געוואָרן, און זייער הוצאה איז אַ סך פֿאַרקלענערט געוואָרן.

דער טאָל האָט אין די לעצטע פּאָר יאָר אָנגעהויבן גאָר אַנדערש אויסזען. ס'האָט זיך מער ניט אָנגעזען דאָס אָפּגעלאָזנקייט און פֿאַרוואָרלאָזטקייט פֿון דעם ישוב. ס'האָט זיך בכלל געפֿילט אַ באַוועגלעכקייט, אַ לעבעדיקייט און אַן אָנזעעוודיקע שפּע ביי די מערסטע וואָס האָבן פֿלייסיק זיך באַשעפֿטיקט מיט זייער ווירטשאַפֿט. איינער האָט אָנגעהויבן מקנא זיין דעם צווייטנס שפּע און ס'האָט אָנגענומען אַ חשק ביי יעדן איינעם צו אַרבעטן, וואַקסן, ווערן אויך פֿאַרמעגלעך ווי דער צווייטער, ווי זיין שכן.

דניאל האָט געהאַט גאָר גרויסע פּלענער אין רעזערוו פֿאַר דעם פֿאַרמער קאָאָפּעראַטיוו. מיט דער צייט, האָט ער געטראַכט, וועט מען דאַרפֿן נאָך אויפֿבויען אַ גרויסע קאָאָפּעראַטיווע „פּעקינג הויז" און אויך אַ „קענינג" פּעקטאָרי פֿאַר פּרעזערווירטע פֿרוכט. זיין געדאַנק איז געווען צו אָרגאַניזירן די פֿאַרמערס פֿון דעם טאָל פֿאַר גרויסע קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען, באַזירט און אין גייסט, אויף אמתע קאָאָפּעראַטיווע יסודות. דורך דעם וועג און אופֿן, וועט דער קאָאָפּעראַטיוו ווערן, מיט דער צייט, אַ ביישפּיל און אַ מוסטער פֿאַר אַנדערע פֿאַרמער פּראָדוצענטן, און אויך אַ ניט קלענערער ביישפּיל פֿאַר אַ סך קאָנסומענטן. ער האָט געהאַלטן, אַז נאָר מיט פּאָזיטיווע ממשותדיקע דערגרייכונגען אויף דעם קאָאָפּעראַטיוון געביט, וועט מען קענען לערנען און דערציִען די פֿאַרמער און שאַפֿער פֿון אַלע רייכטימער. נאָר דורך דעם וועג, וועט מען קענען פֿאַרבעסערן און אויפֿהויבן זייער עקאָנאָמישן מצב.

ווען דניאל האָט די דאָזיקע אידייען און געדאַנקען איינמאָל פֿאָרגעבראַכט פֿאַר אַ קליינער צאָל נאָענטע און אַקטיווע פֿאַרמערס פֿון דעם קאָאָפּעראַטיוו, האָבן זיי אים, ווי כסדר, מיט גרויס דרך ארץ אויסגעהערט,

אָבער שטאַרק באַנומען דעם געדאַנק און אידייע פֿון אַזאַ פֿאַרנעם האָבן זיי ניט. עפּעס האָט עס אויסגעזען צו זיי אַ ביסל צו אויסטערליש. זיי האָבן זיך באַצויגן צו דעם אַ ביסל מיט אומצוטרוי און פֿאַרדאַכט. אַפֿילו זיין פֿריינט איראַסמוס, מיט וועלכן ער האָט זיך באַפֿריינדעט נאָך אין די ערשטע טעג פֿון זיין אָנקומען אַהערצו אין דעם טאָל, און וועלכער האָט געהאָט צו אים דעם פֿולסטן גלויבן און צוטרויען, האָט זיך אויך אַ ביסל דערשראָקן פֿאַר דער געוואַגטקייט און גרויסן פֿאַרנעם פֿון דניאלס ווייט־זיכטיקן פּלאַן. מיט זייער פּשוטן שכל האָבן זיי דאָס לכתחילה ניט גע־קענט משיג זיין. צופֿיל זיינען זיי איינגעוואַקסן געוואָרן אין דעם סיסטעם פֿון דעם „ראָוגעד אינדיווידואַליזם", יעדער איינער פֿאַר זיך, אַז זיי זאָלן דאָס געוועזן גלייך באַנעמען און אויפֿכאַפּן. אַנדערע האָבן זיך גלייך דער־שראָקן פֿאַר דעם געדאַנק און האָבן מורא געהאַט טאָמער וועט דאָס זיי חלילה פֿאַרפֿירן, צו דעם אַזוי געריפֿענעם „באָלשעוויסטישן קאָלעקטיוויזם" וועלכער איז אַזוי שטאַרק פֿאַרדאַמט געוואָרן פֿון דעם „הואָווערייזם" צו יענער צייט.

איראַסמוס, וועלכער האָט גוט פֿאַרשטאַנען זיינע פֿאַרמערס, האָט גלייך דערזען און דערפֿילט דעם איינדרוק וואָס דניאלס רייד האָבן געמאַכט אויף די קאָאָפּעראַטאָרס און ער האָט דאָס אים טאַקע גלייך אויפֿמערקזאַם גע־מאַכט:

— דיין פּלאַן, דניאל, פֿון גרויס קאָאָפּעראַציע איז אפֿשר גוט, אָבער כ'האָב שטאַרק מורא פֿאַר אים. כ'גלויב ניט, אַז ער וועט עמיצן פֿון אונדזערע פֿאַרמער געפֿעלן און וואָס נאָך מער, וועל איך דיר זאָגן, אַז כ'גלויב קוים אַז מ'וועט אונדז אַפֿילו דערלאָזן אַזאַ פּלאַן דורכצופֿירן אין לעבן. אמת, מיר האָבן דאָ טאַקע אַ פֿריי לאַנד, און קענען איינאָרדענען אונדזער לעבן ווי מיר ווילן. אָבער, מיר זיינען פֿאַרבונדן מיט טויזנטער פֿעדים מיט דער עקאָנאָמיק פֿון לאַנד, און, מיר קענען ניט מאַכן „שבת פֿאַר זיך". מיר דאַרפֿן אָנקומען נאָך פֿאַרשיידענע זאַכן און דער עיקר, פֿאַר פֿינאַנסן, צו די גרויסע „קאַרפּן־קעפּ" וואָס קאָנטראָלירן אונדזער לעבן. איז מיין פּשוטער פֿאַרמערשער קאָפּ און שכל זאָגט מיר אונטער, אַז ס'וועלן זיך געפֿינען אַ סך כוחות, ניט נאָר אין אונדזערע אייגענע רייען, וואָס וועלן דיר שטערן אין אַזאַ געוואַגטער אונטערנעמונג, נאָר אויך ניט ווייניק, גאָר גרויסע און שטאַרקע כוחות פֿון דרויסן, מחוץ אונדזער קאָ־אָפּעראַטיוו, וואָס וועלן ניט דערלאָזן אַפֿילו אַזאַ זאַך צו לעבן און עקזיס־טירן. העכסטנס וואָס זיי, די „געלט מענטשן" וועלן דיר לאָזן גיין, וועט

זיין, ביז אַ געוויסן פּונקט. זיי וועלן דיר לאָזן בויען, — ווארום ניט? זיי וועלן דיר לאָזן אינוועסטירן אונדזערע געלדער, זיי וועלן אַפילו דיר צו־זאָגן פינאַנציעלע הילף. זיי וועלן דיר געבן די געלעגנהייט צו פאַרבאַדן זיך, און אונדז אַלעמען, אין חובות און „מאָרטגעדזשעס", און ווען ס׳וועט קומען צו אַ פּונקט, אַז מיר וועלן ווערן אַ געפאַר פאַר זיי, אַ קאָנקורענץ צו זייערע פּראָפיטן, וועלן זיי אונדז צוקוועטשן צום וואַנט, און אונדז פי־נאַנציעל דערשטיקן אינגאַנצן.

— מיר האָבן שוין געזען אַזעלכע זאַכן און ביישפּילן אַ סך, און אויך זייער טרויעריקן סוף. און דערפאַר, מיין פריינט דניאל, האָב איך שטאַרק מורא... „סאָ, האָלד יור האָרסעס, מאַי באָי!...

די רייד פון איראַסמוסן האָבן געמאַכט אויף דער קליינער גרופּע פאַרמער אַ גוואַלדיקן איינדרוק. ער האָט אַרויסגענומען די ווערטער פון זייער מויל. אזוי האָבן זיי אויך געפילט בנוגע דעם ענין און זיי האָבן אים פאַר דעם גוואַלדיק אַפּלאָדירט און באַדאַנקט. דאָס איז געווען דער ערשטער געגן־אַרויסטריט צו דניאלס מיינונגען און פּלענער.

דניאל איז איבעראַשט געוואָרן פון דער פּלוצלונג געענדערטער לאַגע און שטימונג. ער האָט געזען אַז זיינע מיינונגען און געדאַנקען וועגן גרויס קאָאָפּעראַציע, קלעפּן זיך צו זיי לגמרי ניט. ער האָט אויך געמוזט צו־געבן, אַז איראַסמוסעס פּראַקטישע רייד זיינען אַ סך מער רעאַליסטישער ווי זיינע, און לויט דעם איינדרוק און שטימונג וואָס ס׳האָט זיך איצט גע־שאַפן, האָט דאָס זיכער געגעבן זיינע פּלענער אַ גרויסן שטויס אויף צוריק. אמת, ביי דניאלן איז דאָס געווען אַ פּרואוו, אַ מין „אָנטאַפּן דעם וואָגן" וואו ער האַלט מיט זיינע פאַרמער, אין דעם זין פון וויטערן וואַקסן און אַנטוויקלונג צו גרעסערע מעשים. ווייל דאָס וואָס ער האָט ביז איצט דערגרייכט אויף דעם קאָאָפּעראַטיוון געביט, האָט ער איצט געטראַכט, איז דאָך נאָר אַן אָנהויב, אַ קליינער עקספּערימענט, אַ פאַרזוך בלויז פון פּראַק־טישן נוצן פאַר זייער עקזיסטענץ. ווי ס׳זעט אָבער אויס איז אַפילו דאס קויפן און פאַרקויפן זייערע פּראָדוקטן צוזאַמען, כאָטש זיי בענעפיטירן פון דעם אַ סך, איז שוין ביי זיי אַ גרויסע מדרגה פון אַ סאָציאַלער און עקאָנאָמישער דערגרייכונג. גרעסערע קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען, האָבן זיי אַפּנים נאָך ניט געקענט משיג זיין און האָבן זיך פאַר דעם בלויזן געדאַנק שטאַרק דערשראָקן.

דניאל האָט מער דעם ענין ניט באַרירט. ער האָט געזען די ווירקונג וואָס ס׳האָבן אויף זיי געמאַכט זיינע רייד פריער, און די כמעט געגנער־

שאפט צו אים פאַר די ארויסגעבראַכטע געדאַנקען, האָט ער געפילט אַז ס'איז לעת־עתה צו פרי נאָך וועגן אַזאַ שווערן ענין מיט זיי בכלל צו רעדן. ער האָט אָבער געהאָפט אַז די צייט און די היגע באַדינגונגען וועלן ווערן אַזעלכע, וואָס זיי וועלן אליין אָנהויבן לערנען, פאַרשטיין, און וועלן מוזן נאָכדעם געטריבן ווערן צום געדאַנק פון מער קאָאָפּעראַציע, צוליב זייערע אייגענע לעבנס־אינטערעסן.

אינצידענט מיט דער באַן קאָמפּאַניע

דער קאַמף מיט דער „באַן־קאָמישאָן" און מיט דער באַן קאָמפּאַניע פאַר דער רעדוקציע פון די שווערע ראַטעס אויף די טראַנספּאָרטן פון די פאַרם פּראָדוקטן פון דעם קאָאָפּעראַטיוו, האָט דניאלן געקאָסט אַ סך האַרץ־קלעמעניש און געזונט. ער האָט זיך געשאַפן צוליב דעם ניט ווייניק שונאים אין די „דעפּאַרטמענטס" פון די „גרויסע", וועלכע האַלטן אין האַנט און קאָנטראָלירן סיי די „באַן־קאָמישאָן" און סיי די פּאָליטיק פון שטאַט. אומעטום האָט ער זיך אָנגעשלאָגן אויף פאַרשיידענע שוועריקייטן און שטערונגען. עפּעס ווי אַן אומזיכטבאַרע האַנט וואָלט געפירט דעם גאַנג פון די פאַרהאַנדלונגען און באַשלוסן פון דער „באַן־קאָמישאָן". יע־דער באַשלוס זייערער לעצטנס, איז כסדר געווען קעגן די אינטערעסן פון די פאַרמער, וועלכע ער האָט געזוכט צו פאַרטרעטן.

אָט, האָט דער פאַרם־קאָאָפּעראַטיוו זיינער געדאַרפט ארייננקריגן גע־וויסע מאַשינען פון די „איסט", וואָס די באַן קאָמפּאַניע האָט געדאַרפט צושטעלן צו דער סטאַנציע פון זייער ישוב. די ראַטע פון פרייז פאַר דעם טראַנספּאָרט, איז שוין דווקא געווען עטאַבלירט און באַשטימט. און כאָטש די באַן קאָמפּאַניע איז כסדר געווען די וואָס האָט מערסטנס געוואונען אירע פּאָדערונגען מיט דער הילף, פאַרשטייט זיך, פון אירע געדונגענע גוט־באַצאָלטע פּאָליטישענס און „לאָביאיסטן", האָט ער, דניאל, באַין אופן זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז די באַן קאָמפּאַניע וועט נאָך זוכן אַנדערע וועגן, כדי ארייינצוקריגן מער באַצאָלט פאַר דעם טראַנספּאָרט פון די מאַ־שינען, ווי ס'קומט איר לויט דעם אָפּמאַך פון אַן איינגעשטעלטער פרייז.

פיט איראַסמוס, דער סעקרעטאַר פון דעם פאַרם קאָאָפּעראַטיוו, איז גראַדע געווען אַ געוויסן טאָג אויף דער באַן סטאַנציע, ווען די פראַכט וואַגאָנען מיט זייערע מאַשינען זיינען געווען אָנגעקומען. ער האָט טאַקע

גלייך אָנגעפֿרעגט ביים אָפֿיס אַגענט פֿון דער באַן סטאַנציע, צי דאָס זיינען טאַקע זייערע מאַשינען און ווי גיך וועלן זיי אַרונטערגענומען ווערן. דער אַגענט האָט אים דערקלערט, אַז די מאַשינען זיינען טאַקע זייערע, אָבער לויט דער פֿאַראָרדענונג, דאַרפֿן די מאַשינען וואָס זיינען פֿאַרן קאָאָפּעראַטיוו, פֿריער דעסטינירט ווערן נאָך אָקלאַנד, צוזאַמען מיט אַן אַנדער טראַנספּאָרט, און אויפֿן וועג צוריק ערשט וועלן די מאַשינען אויסגעלאָדן ווערן דאָ, אויף דער סטאַנציע.

איראַסמוסן איז דער ענין ניט אינגאַנצן קלאָר געווען. ער האָט ניט געקענט פֿאַרשטיין, וואָרום דווקא אַזאַ צעדרייטער מאַרשרוט. ער איז תיכף אַוועקגעפֿאָרן ברייינגען מיט זיך דניאלן, צוזאַמען וועלן זיי אפֿשר דערגיין מער טאָלק, אויסגעפֿינען וואָס ס׳איז דאָ פֿאַר אַ פּלאָנטער, אפֿשר איז דאָ ערגעץ אַ מיספֿאַרשטייעניש, אפֿשר וועלן זיי דאָך קענען פּועלן אַ באַלדיקע אויסלאָדונג פֿון די מאַשינען, אויף וועלכע זיי וואַרטן שוין גאַנץ לאַנג.

דער אַגענט האָט דאָס אייגענע דערקלערט צו דניאלן:

— יאָ, ס׳איז טאַקע ריכטיק, אייערע מאַשינען זיינען טאַקע דאָ אין די וואַגאָנען, אויף דער סטאַנציע. אָבער ס׳איז אַ דערווייליקער קורצער אָפּשטעל דאָ און אויסלאָדן זיי איצט קען איך ניט. דער טראַנספּאָרט מוז פֿריער גיין נאָך אָוקלאַנד און אויפֿן וועג צוריק, וועט די באַן זיך דאָ אָפּשטעלן פֿאַר אַן אויסלאָדונג. איצט האָבן מיר ניט די צייט און ניט קיין אָרדער. אַן אָרדער איז אַן אָרדער, ווי איר ווייסט, און כ׳מוז אים אויספֿאָלגן!

דניאל און איראַסמוס האָבן גוט געוואוסט, אַז דער אָרדער ניט אויסצולאָדן די מאַשינען שוין איצט, מיינט אַ פֿאַרשלעפּעניש אויף נאָך אַ דריי, אָדער פֿיר וואָכן. און צו דעם וועט מען נאָך דאַרפֿן אויך צאָלן לויטן מייל־שטח און די פּרייז פֿון אַ קורצערן וועג. די האַנדלונג פֿון דער באַן קאָמפּאַניע האָט זיי ביידן מוראדיק אויפֿגערעגט, און כאָטש זיי האָבן געוואוסט, אַז דער סטאַנציע אַגענט איז דאָ ניט שולדיק, ער פֿירט בלויז אויס, ווי ער זאָגט, אַן אָרדער, דאָך זיינען זיי ביידע ארויס פֿון געדולד און כמעט ווי פֿאַרלוירן דעם קאָנטראָל איבער זיך פֿאַר אויפֿרעגונג און כעס. אַלע וואָס זיינען געווען אין יענעם מאָמענט אין אָפֿיס פֿון דער סטאַנציע, האָבן געזען און געפֿילט, אַז די לופֿט איז ממש אָנגעפֿילט געווען מיט דינאַמיט. פֿון דער רוגזה און כעס זייערן, האָט מען געקענט זען אַז אָט באַלד, באַלד און ס׳וועט פֿון זיי עקספּלאָדירן. דניאל האָט דער ערשטער אויסגעשריגן:

— מיין גאָט! און וואָס דענקט איר צו טאָן מיט אונדז ווייטער? ווארום ברעכט איר זיך שוין ניט אריין אין אונדזערע הייזער בייַנאַכט? ווארום גנבעט איר שוין ניט ארויס די זייגערס פון אונדזערע קעשענעס, אונדזערע פערד און כאַמאָטן, אונדזערע אויטאָמאָבילן און לאַסט־וועגענער? ווארום מאַכט איר ניט קיין „האָלד־אַפּ" אויף אונדז? זאָגט אָפן: אָדער אונדזער געלט, אָדער אונדזער לעבן?!...

— יאָ, וואו איז עס געהערט געוואָרן אַזאַ סקאַנדאַליעזע זאַך, — האָט איראַסמוס אויך געלאָזט הערן זיין שטים — מיר אָרדערן אונדזערע מאַשינען פון דער „איסט" צו ברענגען זיי אַהערצוצו, איבער אייערע ליינס; מיר באַצאָלן אייך אייער אייגענע באַשטימטע פּרייז: זייט איר אָבער, אַפּנים, ניט צופרידן מיט דער פּרייז ראַטע פון אַ ליינגערן וועג, ווילט איר נאָך עקסטרא באַצאָלט, אַ העכערן פּרייז לויט דער ראַטע פון אַ קורצערן וועג. דאָס הייסט, פון אָוקלאַנד צוריק צו אונדז. וואו איז יושר? זעט, די מאַשינען שטייען דאָ, ביי אונדזער טיר כמעט, אָבער ניין, מיר קענען זיי ניט האָבן. מ'פירט זיי אַוועק פון אונדז, כדי מיר זאָלן דאַרפן צאָלן נאָך אַ האַלבן דאָלאַר אויפן טאָן אין צוגאָב, פאַר דעם קורצן מייל שטח. מיר דאַרפן האָבן די מאַשינען, קוקן אויס די אויגן פאַר זיי, אָבער ניין, מיר קענען זיי ניט האָבן. די באַן קאָמפּאַניע האָט זיך נאָך ניט גענוג אָנגעזעטיקט מיט אונדזער שוויס און בלוט, קען נאָך אַלץ ניט שטילן איר רויבערישן אַפּעטיט.

— יאָ, ס'איז אַן אומגעהערטער סקאַנדאַל. ס'איז אַן אמתער פאַרס און אַ טראַגיקאָמעדיע צוזאַמען — האָט דניאל, מיט ניט ווייניק סאַרקאַזם, איבערגענומען דאָס וואָרט — זאָגט, וואָס איז אייער פּרייז? וויפיל דאַרפן מיר נאָך באַצאָלן, כדי ס'זאָל דערלויבט זיין אַראָפּצונעמען די מאַשינען שוין איצט? וויפיל איז די סומע, זאָגט אָפן, קומט אַרויס מיט לשון!

דער אַגענט פון דער באַן סטאַנציע האָט געשמייכלט קאַלטבלוטיק און געזאָגט צו דניאלן:

— ס'וועט אייך גאָרניט העלפן, אייער כעסן און קאָכן זיך. מיט אייער עקשנות און קאַמף וואָס איר האָט מיט דער באַן קאָמפּאַניע, וועט איר גאָרניט אויספירן. די קאָמפּאַניע, מר. דניאל, איז שטאַרקער פון אייך און אייער קאָאָפּעראַטיוו. געפינט בעסער אַ פרידלעכערן וועג, מר. דניאל!

דניאל און איראַסמוס האָבן געזען אַז דער שפּיל איז פאַרן טייוול. זיי וועלן מיט רוגזה גאָרניט אויספירן, זיי זיינען ביי דער קאָמפּאַניע אין די הענט. נו, האָבן זיי זיך אַראָפּגערעדט אַ ביסל פון האַרצן, וואָס ס'האָט

זיי געפרעסט. דער אַגענט נאָכאַלעמען, איז דאָך טאַקע ניט שולדיק. ער פירט בלויז אויס דעם אָרדער פון זיין באַלעבאָס. כאָטש קיין באַשטימטער פערזאָן אַלס באַלעבאָס, צו וועמען צו ריידן און טענות האָבן איז אויך ניטאָ. מ׳ווייסט איין זאַך: ס׳איז אַ גרויסער, אַן אומזעבאַרער מאָנסטער, וואָס שטיקט און דריקט זיי אַלעמען. זיי זיינען אויפגערעגטע און זייער אַנ־טוישטע ארויס פון דעם באַן־אָפיס.

דער טראַנספּאָרט מיט די מאַשינען איז טאַקע אַוועק נאָך אָקלאַנד און איז ערשט צוריק אָנגעקומען צו דער זעלביקער סטאַנציע פאַר אויסלאָ־דונג, אין אַ פיר וואָכן שפעטער.

נענסי

כאָטש נענסי איז דערצויגן געוואָרן אין אַן אַטמאָספערע און סביבה פון אַגריקולטורעלן וויסן, וואו דער גאַנצער מהות דענקען און געשפּרעכן זיינען מערסטנס געווען ערד, פלאַנצונגען, און אַלץ וואָס ס׳האָט אַ שייכות צו דעם געביט, פונדעסטוועגן איז איר דער פּראַקטישער אַקטועלער לעבן אויפן לאַנד, לעבן אויף אַ פאַרם אין אַ דאָרפישער אומגעבונג, לחלוטין געווען פרעמד.

נענסי איז געווען אַ קינד פון שטאָט, האָט איינגעזאַפּט אין זיך דאָס גרויס־שטאָטישע מיט אַלע אירע וואונדער און ציוויליזירטע באַקוועמלעכ־קייטן פון דעם מאָדערנעם שטאָטישן לעבן. אין שטאָט פלעגט זי באַזוכן זייער אָפט די בעסטע אָפּעראַס, קאָנצערטן און לעקציעס איבער דער נייעסטער ליטעראַטור און קונסט. אָט די אַלע זאַכן האָבן איר זייער שטאַרק דאָ אויסגעפעלט, האָט זי אָנגעהויבן טאַקע נאָכדעם ארויסווייזן אַן אומצופרידנקייט און בייִנקשאַפט. פלעגט זי טאַקע, פון צייט צו צייט, אַראָפּכאַפּן זיך אין דער גרויסער שטאָט, אין סאַן פראַנציסקאָ, באַזוכן די אַלע פּלעצער, איינזאַפּן אין זיך די אַלע נייקייטן און זאַכן נאָך וואָס זי האָט אַזוי שטאַרק געבענקט, אָנזעטיקן זיך אַ ביסל און קומען צוריק אויפן פאַרם. אָבער אינגאַנצן צופרידן איז זי דאָך ניט געווען. איר אַמביציע און חלום איז גאָר געווען, פאָרן נאָך איירָאפּע, באַזוכן איטאַליע, רוים, נעאַפּאָל, פּאַריז, ווין און בערלין, וואו נאָר ס׳איז פאַראַן פון אָט די אַלע גרויסע קונסט טעמפּלען.

דאָ, אין דעם גרויסן רחבותדיקן ריינדזש, כאַטש מיט אַ סך האָב און גוטס, מיט אַ דינערשאַפֿט און מיט אַלץ וואָס אַ געוויינלעכע פֿרוי וואָלט דאָס באַטראַכט פֿאַר גאָר אַ גרויס גליק, איז עס אָבער פֿאַר אַזאַ עקס־טרעמן באַהעמן כאַראַקטער ווי נענסי, ניט געווען אינטערעסאַנט גענוג און ניט אימפּאָנירנדיק. מערסטנס איז איר דאָ געווען זייער אומעטיק, אָן פֿריינט, אָן חברטעס, אָן מענטשן פֿון איר קאַליבער און סביבה.

דניאל איז מערסטנס פֿאַרנומען געווען מיט קהלשע און פּאָליטישע אנגעלעגנהייטן. אָט איז ער געווען אין סאַקראַמענטאָ און אָט ערגעץ אַנ־דערשוואו. ער האָט זיך אויך אריינגעדרייט אין דעם געווירבל פֿון אַ לאָקאַלן פּאָליטישן קאַמף, און איז מערסטנס פֿאַרנומען געווען מיט זיינע פֿאַרמערס און דעם קאָאָפּעראַטיוו, וואָס ער האָט דאָ אויפֿגעבויט. לעצטנס, איז ער אויך פֿאַרמישט געוואָרן אין אַ קאַמף מיט דער באַן קאָמישאַן, כדי איינשטעלן גערעכטערע און ביליקערע טראַנספּאָרט ראַטעס פֿאַר די פֿאַר־מערס. די הויט־שינדערישע פּרייזן פֿון דער באַן קאָמפּאַניע, פֿאַר איבער־שיקן זייערע פֿאַרם פּראָדוקטן זיינען געווען הימל־שרייענדיק. האָט ער, אין נאָמען פֿון קאָאָפּעראַטיוו, אָנגעפֿירט אַ ביטערן קאַמף פֿאַר דער רע־דוקציע אין פּרייזן. אזוי איז ער כמעט כסדר פֿאַרנומען געווען מיט אַרבעט פֿאַר זיין געזעלשאַפֿט און האָט צו אָפֿט פֿאַרזען זיין פּערזענלעכן און פֿאַ־מיליען גליק.

פֿאַר די פֿאַר יאָר וואָס נענסי איז דאָ אויפֿן פֿאַרם, האָט זי ניט גע־פֿונען קיין פֿאָלקאָמענעם גליק. אירע, כמעט עקסצענטרישע נייגונגען פֿון איר באַהעמיער כאַראַקטער האָבן זיך בשום אופֿן ניט געקענט אריינפּאַסן אין אַן איינגער, פֿאַר איר, כמעט פּרימיטיווער אומגעבונג. אין אירע איינזאַמע טעג און טיילמאָל אָוונטן, פֿלעגט איר ארומכאַפּן אַ מאָדנע נאָגנ־דיקע בייִנקשאַפֿט. דער ריינדזש אין זיין גאַנצער גרויסקייט האָט איר אָנגעהויבן אַ ביסל שרעקן און אַן איינזאַמקייט האָט אָנגעהויבן אריינקריכן אין איר נשמה, פֿון טאָג צו טאָג. פֿלעגט זי טאָקע דעריבער זייער אָפֿט פֿאַרלאָזן דעם ריינדזש, פֿלעגט אַוועקפֿאָרן נאָך סאַן פֿראַנציסקאָ אויף עט־לעכע טעג, און אַמאָל פֿאַר אַ פּאָר וואָכן, פֿאַר אַ ביסל צושטרייאונג און באַרואיקונג. לאַנג אויפֿן פֿאַרם האָט זי שוין ניט געקענט בלייבן, פֿלעגט זי ווידערהאָלן אירע רייזעס, פֿון שטאָט אין דאָרף און פֿון דאָרף אין שטאָט. איר חלום, איר וואונטש צו מאַכן די רייזע איבער אייראָפּע, איז נאָך מער ביי איר איצט פֿאַרשטאַרקט געוואָרן. דניאל האָט איר אַפֿילו צוגעזאָגט, אַז אזוי גיך ווי ער וועט זיך באַפֿרייען אַ ביסל פֿון די אַלע געזעלשאַפֿט־

לעכע פּליכטן, וועלן זיי ביידע מאַכן די רייזע נאָך איראָפּע. אָבער, ער האָט זיך אַלץ מער און מער אַריינגעדרייט אין דעם ראָד פון אַקטיוון פּאָליטישן לעבן. מיט זיין באַטירלעכער פּינקטלעכקייט און אחריות־פולקייט, וואָס ער האָט גענומען אויף זיך, האָט ער שוין אָנגעהויבן גלויבן אַז אָן אים, אָן זיין זיין דאָ, אויפן פּלאַץ, וועט די גאַנצע אַרבעט זיך ניט אָ ריר טאָן פון אָרט. אָן זיין אויפמערקזאַם אויג, וועט ניט זיין ווער עס זאָל אַכטונג געבן אויף אַלץ און דער גאַנג פון דער פאַרוויקלטער אַרבעט און טעטיקייט פון דעם קאָאָפּעראַטיוו, וועט אַוועק אויף זיג־זאַגישע וועגן.

דזשערי זוכט נקמה

זינט דעם עפּיזאָד, ביים אָגענט אויף דער באַן־סטאַנציע, איז דניאל אַרומגעגאַנגען אַ גוואַלדיק צעשרויפּטער און אַן אומצופרידענער מיט אַ סך זאַכן. עפּעס האָט ער געזען און געפילט אַז עמעצנס אַן אומזיכטבארע האַנט, פירט און רעגולירט אַ גרויזאַמע שפּיל מיט אים. וואו ער קערט זיך און וואו ער ווענדט זיך לעצטנס, איז ווי עמעצער שטעלט זיך אין דערמיט און שטעלט אים „אונטער אַ פיסל", מאַכט אים אַלערליי שטערונגען, לייגט אים רק שטיינער אין וועג. יאָ, עמעצער זוכט אים פּערזענלעך צו שעדיקן, און צוזאַמען מיט אים, אויך זיין מייסטערווערק, דעם קאָאָפּעראַטיוו, צו צעברעכן.

דניאל האָט זיך אָנגעהויבן ערנסט צו פאַרטראַכטן, אָפּגעבן זיך אַ מין חשבון הנפש פון אַלץ, וואָס דאָ אַרום אים קומט איצט פאָר. וואו ליגט דאָ דער שליסל צו דער דאָזיקער סיטואַציע? ווארום מיט אַמאָל אַזאַ קעגנערשאַפט צו אים? אַמאָל איז די קעגנערשאַפט אַ פאַרשטעלטע און אַמאָל אַ גאַנץ אָפענע. צי שפּילט דאָ ניט אַמאָל אין דעם פאַל, אין אַ גאַנץ גרויסער מאָס, זיין אָפּשטאַם, זיין יידישקייט? האָט ער זיך דערטראַכט צו דעם געדאַנק, און אויך ניט אומזיסט איז ער געקומען צו דעם געדאַנק: דאָ און דאָרט, אין די „הויכע פענצטער", האָט ער לעצטנס אויפגעכאַפּט באַמערקונגען, אָנדייטונגען אויף זיין חשבון, אויף זיין יידישקייט... דזשערי, דער איצטיקער דיסטריקט אַטורני (ד. א.), זיין אַמאָליקער ליבע קאָנקורענט, וועלכער האַלט אים עד היום פאַר זיינעם אַ בלוטיקן שונא, האָט אויסגעשפּרייט אַ נעץ פון אינטריגעס קעגן אים און לייגט אים ניט ווייניק שטיינער אין וועג. דורך פאַרשיידענע וועגן און

מיטלען, מיט דער הילף פֿון זיינע מענטשן, שטערט מען אים אין דעם פֿאַרווירקלעכן פֿון זיינע פּלענער. דאָס האָט דניאל זייער גוט געוואוסט. ער האָט דאָס אויך אָנגעהויבן אַפֿילו צו פֿילן אין דער באַציִאונג צו אים פֿון אייניקע פֿאַרמער־קאָאָפּעראַטאָרס. ס׳איז פֿאַר אים איצט אויך קלאָר געוואָרן, אַז אין דעם געראַנגל מיט דער באַן־קאָמפּאַניע און דער פֿאַר־האַלטונג פֿון די מאַשינען, איז אויך געווען דאָ די האַנט פֿון דזשערי און זיינע מענטשן. בכלל, האָט ער באַמערקט, אַז פֿאַר דער לעצטער צייט קומט אים אָן זייער שווער צוצוקומען אין די פֿאַרשיידענע שטאַטלעכע אָפֿיסעס, פֿאַר זיינע אַנגעלעגנהייטן.

דאָרטן וואו אַ סך טירן זיינען פֿריער געווען פֿאַר אים אָפֿן און עס פֿלעגט אים ניט זייער שווער זיין ארויסצובאַקומען אַ טובה פֿאַר זיינע פֿאַרמער אין דעם קאָאָפּעראַטיוו, איז איצט זיינען די זעלביקע טירן פֿאַר אים פֿאַרמאַכט. און געלינגט אים יאָ אַמאָל אַ טיר צו עפֿענען, ווערט ער באַגעגנט מיט ניט קיין פֿריינטלעכע בליקן, קאַלט, כמעט קעגנעריש און אַמאָל מיט אַ פֿאַרוואורף. דאָס ערגסטע פֿון דער לאַגע און סיטואַציע, וואָס ס׳האָט זיך געשאַפֿן אַרום אים איז, וואָס אייניקע פֿון זיינע פֿאַרמערס אין טאָל, וועלכע האָבן ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אים אויף די הענט ממש געטראָגן פֿאַר זיין גרויסן אויפֿטו, סיי פֿאַר דעם איריגאַציע פּראָיעקט און סיי פֿאַר דער אָרגאַניזירונג פֿון דעם פֿאַרם קאָאָפּעראַטיוו, וועלכער האָט שטאַרק געהויבן זייער עקאָנאָמישן מצב, זיינען איצט, צוליב געוויסע דרויסנדיקע עקאָנאָמישע סיבות, מחמת אַ קריזיס האָט זיך אָנגעהויבן פֿילן אין לאַנד, און האָט אויך ניט אויסגעמידן די פֿאַרמער, וועלכע האָבן באַ־געגנט ניט ווייניק שוועריקייטן, האָבן אָנגעהויבן גראַמבלען קעגן אים. די שולד אין זייערע נידערלאַגעס, שרייבן זיי צו צו אים.

כאָטש דניאל איז ניט געווען קיין באַצאָלטער אָנגעשטעלטער פֿון דעם קאָאָפּעראַטיוו, האָט מען פֿונדעסטוועגן אָנגעהויבן אים פֿאַרוואַרפֿן, מאַכן אים פֿאַר דעם שולדיקן און דעם שעיר־לעזאזל. ס׳איז פֿאַר אים וואָס אַמאָל מער קלאָר געוואָרן, אַז „עמעצער״ האָט אַ פּערזענלעכן אינ־טערעס אים צו שעדיקן, אים פֿאַרשוואַרצן ס׳פּנים פֿאַר די פֿאַרמערס און זיינע פֿריינט. מ׳העצט קעגן אים מיט יעדן מיטל און ביי יעדער גע־לעגנהייט. כאָטש ער האָט גוט געוואוסט ווער דער „עמעצער״ איז, איז ער אָבער געווען אומבאַהאָלפֿן זיך קעגן אים צו שטעלן. דניאל האָט גע־וואוסט פֿונם כלל, אַז בלאָטע און שמוץ וואַרפֿן איז זייער גרינג, און נאָך גרינגער קלעפּט זיך עס צו צו די, וואָס הערן עס.

ער האָט לעצטנס זייער אָפֿט געהערט פֿאַלן באַמערקונגען אויף זיין אַדרעס: קודם כל איז ער דאָ אַ פֿרעמדער, ער האָט זיך דאָ אריינגעריסן, און ווי אַלע „זייערע״, זוכט ער זיינע פּערזענלעכע נוצן און געווינסן... זעט ווי רייך ער איז געוואָרן! און ווי גרויס זיין פֿאַרם און פֿאַרמעגן! און וואָס נאָך מער, די פֿרוי זיינע, דעם פּראָפֿעסאָר נעלסאָנס טאָכטער, וויל דאָ אויך מיט אים ניט זיין! אַ פֿרוי פֿאַרלאָזט ניט אַ מאַן סתם אַזוי זיך, אויף גאַנצע לאַנגע וואָכן, אָן אַ פֿאַרוואָס. דאָס איז זיין שולד! דאָס באַווייזט אַז ער איז אַ דעספּאָט, אַ דיקטאַטאָר און זי וויל מיט אים דערפֿאַר ניט זיין דאָ. צווישן אונדזערע פֿאַרמער אין דעם קאָאָפּעראַטיוו, איז ער אויך ניט בעסער. וואָס ער וויל טוט ער, איר ווייסט דען אַ חשבון פֿון זיינע מעשׂים? און נאָך אַ זאַך, ער איז אַפֿילו אויך אומטריי זיין אייגענער פֿרוי. אָט דער „ייד״, אָט דער „אומגלויביקער״... וואָס מיינט איר, אומזיסט האַלט זיך ביי אים די אַלע יאָרן, אָט די שיינע מאַגדאַ?

אַזוי האָט מען אָנגעהויבן פֿאַרשפּרייטן וועגן אים כלערליי מעשׂיות און רכילותן. אָט די אַלע זאַכן און „זאָגעכצן״ האָבן זיך גיך דערטראָגן צו זיינע אויערן און ס׳האָט אים, נאַטירלעך, שרעקלעך און גוואַלדיק ווי געטאָן.

דניאל האָט אָנגעהויבן שטאַרק דערפֿילן, אַז דער באָדן אונטער זיינע פֿיס הויבט זיך אָן זייער שטאַרק צו וואַקלען. דער שקר, וואָס מ׳זוכט צו פֿאַרשפּרייטן וועגן אים, נעמט זיך אויסברייטערן איבערן גאַנצן טאָל. גוטע פֿריינט זיינע האָבן מורא אַ וואָרט צו זאָגן פֿאַר זיין פֿאַרטיידיקונג. זיינע שׂונאים ווערן וואָס אַמאָל חוצפּהדיקער און אָפֿענער. די גאַנצע פּראַצע זיינע, די אומבאַגרענעצטע מי און ענערגיע וואָס ער האָט דאָ אריינגעלייגט אין אָט דעם טאָל, גייט צו גרונד. דאָס וואָס ער האָט דאָ, אין אָט דעם רויִען און ווילדן טאָל אויסגעחלומט, אויסגעוויטיקט און באַשאַפֿן, קען מיט אָט דעם שלעכטן שטורם־ווינט וואָס ס׳האָט זיך אויפֿגעהויבן קעגן אים, אָוועקגעטראָגן ווערן ווער ווייסט וואו?

ווי שנעל זיי האָבן פֿאַרגעסן, די וועלכע ער האָט אָרגאַניזירט, אַרויסגעשלעפּט זיי פֿון אָרעמקייט, פֿון אַ דערשלאָגענעם מיזעראַבלען לעבן, אַרויסגעפֿירט זיי אויף אַ מער־ווייניקער זעלבסטשטענדיקן וועג, אויפֿגעהויבן זייער עקאָנאָמישן מצב און אַנזען, די קערן זיך איצט אָפּ פֿון אים. אַלע פּלענער און אידייען וואָס ער האָט געזוכט צו רעאַליזירן, איז דאָך אַלץ געמיינט געוואָרן לטובֿת דעם כּלל, דעם קאָאָפּעראַטיוו. האָבן זיך אָבער באַוויזן אַנדערע פֿאַקטאָרן, פּערזענלעכע קעגנערישע כּוחות, אין

פֿאַרבינדונג מיט פֿינאַנציעלע אינטערעסן און אין צוגאָב אַן עקאָנאָמישער קריזיס, אַלץ צוזאַמען האָט זיך פֿאַרמאָסטן קעגן אים, און מיט אַמאָל אָפּגעהאַלטן דעם ווייטערן גאַנג פֿון זיין אַרבעט. מ׳זוכט אויף אַזאַ אופֿן, אים צו באַזייטיקן פֿון אַלע געזעלשאַפֿטלעכע פּאָזיציעס, מ׳מאַכט אים אַזעלכע שוועריקייטן און שטערונגען, מ׳פֿאַרשאַפֿט אים אַזעלכע עקאָנאָמישע און גייסטיקע ענוים, וואָס ער וועט געצוואונגען זיין דעם פּלאַץ צו פֿאַרלאָזן.

דניאל איז ניט געווען פֿון די קעמפֿערישע נאַטורן, וואָס וואָלט וועלן דווקא זיין דאָרטן וואו ער מוז זיך קריגן און קעמפֿן. ווי גערעכט און אמתדיק זיין קאַמף זאָל ניט זיין, איז ער געווען אליין. אמת, ער איז געווען אַ גוטער אָרגאַניזאַטאָר, אַ הייסער אידעאַליסט און געקענט גאָר אַ סך אויפֿטאָן און דערגרייכן אין אַן אַטמאָספֿערע פֿון פֿריינטלעכקייט און ערלעכער באַציאונג. דאָרטן אָבער וואו ער האָט זיך אָנגעשלאָגן מיט אַ צושטאַנד פֿון שקר, באַטרוג און צביעות, דאָרטן וואו די סביבה זיינען אין וועלכער ער דאַרף לעבן, אַרבעטן און ווירקן, ווערט אַבזיכטלעך פֿאַרסמט קעגן אים, און פֿון דאָרטן וואו ער האָט, לכל הפּחות, דערוואַרטעט אַ ביסל פֿריינטשאַפֿט און גערעכטיקייט, האָט ער דאָס אויך ניט געפֿונען. איז עס גאַנץ נאַטירלעך, ער זאָל געווען האָבן פֿאַרלאָרן דעם פֿריערדיקן מוט, עקשנות און גלויבן וואָס ער האָט געהאַט דאַן, ווען ער איז צוערשט אין דעם טאָל אָנגעקומען.

דניאל איז געבליבן כמעט אין מיטן אַן אַרבעט, סיי פֿאַר זיין פֿאַרמער קאָאָפּעראַטיוו און זיין אויסברייטונג, און סיי אין דעם דרויסנדיקן געזעלשאַפֿטלעך, פּאָליטישן לעבן. אייניקע פֿריינט זיינע פֿון דעם קאָאָפּעראַטיוו, האָבן פֿריער בדעה געהאַט אים ארויסצושטעלן אַלס אַ קאַנדידאַט פֿאַר דער „סטייט אַסעמבלי”. ער איז געווען פּאָפּולער אין דעם דיסטריקט, האָבן זיי געדיינקט, און ער האָט אפֿשר שאַנסן צו געווינען. אָבער ווי קען ער גאָר טראַכטן פֿון אַזאַ זאַך ווי אַ פּאָליטישער אַמט אין איצטיקן מאָמענט. נאָך איידער דער „קאַמפּיין” האָט זיך אָנגעהויבן, האָט מען אים שוין אָנגעהויבן אַטאַקירן פּערזענלעך און מ׳פֿירט שוין אָן אַ העץ־קאַמפּאַניע קעגן אים באַצייטנס, לעת־עתה אין דער שטיל, בלויז מורמלנדיק. וואָס וואָלט אָבער געווען, ווען ער וואָגט אַזאַ נאָמינאַציע יאָ אָננעמען, און דער פּאָליטישער קאַמפּיין וועט זיך צעוואַרעמען? ווער וועט דאַן קענען אָפּהאַלטן זיינע שונאים ארויסצוקומען מיט פֿאַרשיידענע בילבולים און שקרים? דאַן וועט ער ממש דערטרונקען ווערן אין אַ ים פֿון שמוץ און בלאָטע־וואַר־

פֿעריי! אַט די געדאַנקען און געפֿילן האָבן אים איצט באַהערשט. ער האָט געזוכט דעריבער זיך צו באַפֿרייען פֿון דעם קאָשמאַר, צוריקוואַרפֿן לגמרי אַזאַ פֿאַרשלאַג וועגן אַ פּאָליטישער קאַנדידאַטור, אויב אַזאַ פֿאַרשלאַג צו אים וואָלט געמאַכט געוואָרן. מחמת ער האָט קלאָר געזען צו וואָס דאָס אַלץ, אין דער איצטיקער סיטואַציע, וועט אים פֿאַרפֿירן.

דניאל איז ניט געווען פֿון דעם טיפּ געקנאַטן, ווי די אַזוי גערופֿענע פּראָפֿעסיאָנעלע פּאָליטישנס זיינען. צו ערלעך איז ער געווען פֿאַר דעם און צו איידל איז געווען זיין נאַטור, ער זאָל זיך פֿאַרנעמען מיט אַזאַ מין קאַמף, ווי זיך דאַרפֿן באַנוצן מיט די אַזוי גערופֿענע אָנגענומענע פּאָליטישע מעטאָדן, וואו „דער צוועק היילקט דאָס מיטל" און אַלץ איז כשר און אָננעמבאַר. ער האָט דעריבער פֿעסט ביי זיך באַשלאָסן, כדי צו שאַנעווען זיין כבוד און נאָמען, וועט ער זיך, לעת־עתה, גאָר צוריקציען פֿון עפֿנטלעכן און פּאָליטישן לעבן. ער וועט וואַרטן און זען וואָס די נאָענטע צייט וועט ברענגען.

דניאל איז אָבער אויך ניט געווען פֿון דעם מין מענטש, צו קענען זיך אָוועקזעצן אין איינזאַמקייט, זיך איזאָלירן פֿון געזעלשאַפֿטלעכער אַקטיוויטעט. אָפּזונדערן זיך פֿון מענטשן האָט געמיינט צו אים אָפּזונדערן זיך פֿון לעבן. באַזונדערס פֿאַר אַזאַ אַקטיוו שעפֿערישן מענטשן, ווי ער איז געווען. אין דער לאַבאָראַטאָריע פֿון וויסנשאַפֿט, האָט ער אַרגומענטירט מיט זיך איז דאָך אויך אַזוי: וואו מ'טוט זיך אַ קער, צי ס'איז אין דער וויסנשאַפֿט פֿון פֿיזיק, כעמיע אָדער ביאָלאָגיע און פּסיכאָלאָגיע, געפֿינען מיר דעם זעלביקן געזעץ, אַז אָפּגעזונדערטקייט, אַליינקייט, איז אַן אוממעגלעכקייט — גאָרניט. די פֿאַרוואַנדשאַפֿט און צוגעבונדנקייט פֿון איינעם צום צווייטן איז — אַלץ. אַן איינזאַמע מענטשלעכע באַשעפֿעניש איז — ווערטלאָז. די פֿאַראייניקונג פֿון אינדיווידיאומס איז אַ דערהויבונג פֿון דעם איינצעלנעם און איז די פֿאַרזיכערונג פֿון געזעלשאַפֿטלעכן פֿרידן. דער מענטש — האָט ער פֿילאָזאָפֿירט — איז לכתחילה געבוירן געוואָרן מיט אַ מוח און געדאַנק, גלייך אריינצוקומען אין געזעלשאַפֿטלעכער פֿאַרבינדונג מיט זיינע מיט־מענטשן. דער מענטש איז אַ געזעלשאַפֿטלעכע חיה, ער ווערט באַאיינפֿלוסט פֿון דער געזעלשאַפֿט, דורך שפּראַך, האַנדלונג און סביבה, וואָס דריקט זיך אָפּ אויף זיין גאַנצער פּערזענלעכקייט, אַמאָל צום גוטן און אַמאָל צום שלעכטן. — אַן מענטשלעכע פֿאַרבינדונגען איז ער איין גרויסער נול...

דניאל האָט זיך איצט געפֿונען אין אַזאַ מין פֿילאָזאָפֿישער מעדיטאַציע,

אין אַ מין חשבון־הנפשדיקן געמיט און האָט זיך אָנגעהויבן צו גריבלען אין זיין אייגענער נשמה, אין זיינע איצטיקע איבערלעבונגען פון אָט דער מאָדנער סיטואַציע, אין וועלכער ער האָט זיך איצט געפונען.

דזשערי

דזשערי איז געווען דער זון פון גאָר אַ רייכן לאַנד־באַזיצער. אין זיין פאָטערס רשות זיינען געווען גרויסע פלאַנטאַציעס. זיין לאַנד האָט זיך געצויגן מיילן ווייט וואָס האָט זיך געגרענעצט מיטן האָריזאָנט, ווי ווייט נאָר דאָס אויג האָט געקענט זען און אפשר נאָך ווייטער, פון אַלע זייטן, צו צפון, צו דרום, צו מזרח און צו מערב. ס׳האָבן ביי אים געאַרבעט אַן אַ שיעור אַרבעטער און אָנגעשטעלטע און באַארבעט האָט מען זיין לאַנד, מיט אייזן און דאַמף. ס׳איז דעריבער געווען נאַטירלעך, אַז אויף אַזאַ מין פאַרם איז ניט געווען יענע דאָרפישע שיינקייט, אָדער דאָס איי־דיליש לעבן פון דער קליינער פאַרם־ווירטשאַפט. זיין לאַנד איז געווען, ווי געזאָגט, גרויס אין שטח און פאַרנעם, אָן הייזער, אָן פלאַנצונגען ארום, אָן בוימער. דאָ און דאָרטן איבער דער ברייט פון לאַנד, זיינען געשטאַנען הילצערנע „באַראַקן״, פאַר די געדונגענע פעלד־אַרבעטער. זייער אָפט האָבן זיי באַשעפטיקט דאָרטן די „אָקיס״, די אָנגעלאָפענע „שער־קראָפּערס״ פון אָקלאַהאָמאַ, וועלכע האָבן געזוכט די „גליקן״ פון דער צוגעזאָגטער צו זיי גאָלדענער קאַליפאָרניע, און זיינען דאָ נאָכדעם עקספּלואַטירט גע־וואָרן אויף אַ גרויזאַמען אופן.

דזשעריס עלטערן, נאַטירלעך, האָבן ניט געוואוינט דאָרטן. זייער היים איז געווען אין פּאַלאָ־אַלטאָ אָדער אין סאַן־פראַנציסקאָ. דזשערי איז דעריבער דערצויגן געוואָרן ניט אין אַן אַטמאָספערע אָדער סביבה פון לאַנד, אָדער אין דער אידילישע פונם קליינעם לאַנד־באַזיצער. אים איז דער ענין פון פאַרמעריי און ערד־אַרבעט לחלוטין פרעמד געווען און ער האָט בכלל ניט געוואוסט פון אַזאַ זאַך ווי אַרבעט.

אַלס יונגער בחור איז ער אריין אין אוניווערסיטעט צו שטודירן גע־זעץ. פּאָליטיקס האָט אים אַממערסטן אינטערעסירט. ער פלעגט זיך אַפילו באַרימען צווישן זיינע חברים סטודענטן, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אַ פּאָליטיקאַנער, מיט אַ חוש פאַר דיפּלאָמאַטיע און טאַלאַנט פאַר אינטריגעס. אויף דעם וועג האָט ער זיך טאַקע גענומען און געמאַכט גרויס דערפאָלג.

פֿאַר דער צייט, זינט ער איז ארויס פֿון אוניווערסיטעט, האָט ער גאָר אַ סך דערגרייכט. ער האָט שוין פֿאַרנומען גרויסע פּאָליטישע פּאָזיציעס אין דער מוניציפּאַלער אַדמיניסטראַציע און אַלס אַ פּעאיקער „לאָביאיסט” האָט ער געהאַט אַן אָפֿענעם צוטריט צו אַלע „קאָמישאָנס”, ריכטער און פּאָליטישענס. פֿון זיין לעצטן קאַמפּיין איז ער ארויס גאָר זייער זיגרייך. ער איז דערוויילט געוואָרן אַלס דער „דיסטריקט אַטוירני” פֿון שטאַט. זיין אַמביציע איז איצט צו ווערן דער גאָווערנאָר פֿון שטאַט. מיט דער צייט וועט ער עס זיכער דערגרייכן. ער האָט זיינע מענטשן אומעטום, מיט אַ גוט אָרגאַניזירטער מאַשין, וואָס אַרבעט פֿאַר אים אויף אַלע פֿראָנטן, כדי ער זאָל זיינע אַמביציעס דערגרייכן.

דזשערי באַלאַנגט צו דער פּאָליטישער שולע, וואָס האַלט אַז ניט מיט בליציקע רעדעס און שיינע אָראַטאָריעס אין דער לעגיסלאַטור אָדער סענאַט, קען מען אויספֿירן זאַכן וואָס מ׳וויל. נאָר דוקא אין די קליינע זיצונגען, פֿון די איינגע קאָמיסיעס און „קאָקוסן”, קען מען מערסטנס דערגרייכן און אויספֿירן וואָס מ׳וויל. און דזשערי האָט אומעטום געהאַט אַ האַנט. אין אַלע מוניציפּאַלע פּראָיעקטן און אויך פֿון שטאַט, האָט זיך זיין מאַכט און איינפֿלוס געלאָזט שטאַרק פֿילן. ס׳איז דעריבער אים גאָרניט שווער געווען אונטערצוגראָבן דניאלס פּרעסטיזש און איינפֿלוס, צו צע־ברעכן זיינע אונטערנעמונגען און צעשטערן זיינע פּלענער. יעדער פֿאַר־לאַנג זיינער און פּעטיציעס לטובת זיינע פֿאַרמער פֿון קאָאָפּעראַטיוו, אין די שטאַטלעכע אָפֿיסעס, אויב ס׳האָט ניט געפֿונען אַ פּלאַץ אין „פּייפּער קאָרב”, איז דאָס פֿאַררוקט געוואָרן טיף ערגעץ אין אַ „טויבן־לאָך”, אַז ס׳האָט שוין די ליכטיקע וועלט מער ניט אָנגעזען...

דניאל, ווי געזאָגט, האָט אָנגעהויבן פֿילן אַ שווערן דרוק אויף יעדן שריט און טריט אין זיין אַרבעט, סיי געזעלשאַפֿטלעך און סיי אין זיין פּער־זענלעך לעבן. אָבער ניט דאָס אַליין איז געווען דער עיקר ציל פֿון דזשע־רין. אים האָט זיך זייער שטאַרק געוואָלט ניט נאָר אים, דניאלן, צו הרגענען פּאָליטיש און עקאָנאָמיש, ער האָט אים געוואָלט גאָר אינגאַנצן באַזייטיקן, אָפּראַמען אים פֿון וועג אַלס זיין פֿיינטלעכער קאָנקורענט אין ליבע. דזשערי איז געווען דורכאויס אַנטשלאָסן צוריקצוקריגן זיין יוגנט חברטע נענסי, וועלכע ער האָט נאָך אויך איצט, שטאַרק ליב געהאַט און וואָלט זייער שטאַרק געוואָלט זי האָבן אַלס געליבטע און זיין פֿרוי. ער האָט זיך דערי־בער ניט אָפּגעשטעלט פֿאַר קיין זאַך. ער האָט אָנגענומען אַלע מיטלען און וועגן, כדי זיין ציל צו דערגרייכן. דזשערי איז געווען ביי זיך זיכער, אַז מיט אַ ביסל אָנשטריינגונג און קלוגע מאַנעוורעס, וועט ער אים, דניאלן,

ברייגנען צו אַזאַ קלעגלעכן צושטאַנד, אַז ער אַליין וועט זיך פון דאַנען באַזייטיקן, מחמת ער וועט קיין אַנדער ברירה ניט האָבן. נענסי ווידער, וועט אַזאַ אַנגעשטרייגגטן לעבן און גרויסע ירידה פון דניאלן ניט אויס־האַלטן. זיין רום און „גלאָריע" איז שוין ווי פאַרלאָרן און, ווען נויטיק, וועט ער אים אויך עקאָנאָמיש צעברעכן.

דזשערי ווייסט, אַז זי, נענסי, איז פאַרכאַפּט און הינגעריסן געוואָרן פון דניאלן מאָמענטאַל פון זיין שיין רעדן, פון זיין אינטעלעקטואַליזם און ניט ווייניקער, אונטערן שטאַרקן איינפלוס פון איר טאַטנס הויכע מיינונג וועגן אים, אַלס גוטער לערנער און אינטעלעקט. זי איז פון אים באַ־איינפלוסט און הינגעריסן געוואָרן און האָט אים אויסגעקליבן. אָבער, ער איז דאָך ניט איר גלייכן. יאָ, זי וועט איינזען איר טעות, זי וועט קומען צו זיך. דזשערי האָט ניט איינמאָל איבערגערעדט פאַר זיינע פאַרטרוי־ענסווערטע פריינט:

— איך קען זייער גוט נענסין און איך ווייס, אַז זי וועט ניט שטיין מיט אַ מענטשן וואָס האַלט אין פאַרלירן. זי וועט זיך ניט וועלן פעדערן מער אין אַ געוויזענער „גלאָריע", מיט איינעם וואָס איז אַ „העז־בין". זי האָט געדיינקט, אַז זי וועט אים, דניאלן, אַריינפירן אין „אונדזער" גע־זעלשאַפט, ער וועט ווערן איינער פון אונדז. אָבער זי האָט געמאַכט אַ גרויסן טעות, ניט ער קען דאָס זיין, און ניט „מיר" ווילן אים. אויך איז נענסי ניט פון דעם מין פרוי, צו זיין אַ היימישע באַלעבאָסטע, אַ פאַר־מערקע, און איינגעזייערט ווערן אין אַן אייגענער באַלעבאַטישקייט אויף אַ פאַרם. נענסי איז אַ „באָהעמיען", אַ וועלט־מענטש און מיט אַמביציעס. האָט שטאַרק ליב די גרויסע שטאָט מיט אַלע אירע רייכקייטן וואָס די מאָדערנע ציוויליזאַציע האָט פאַר אונדז אָנגעגרייט.

פון דעם געשפרעך וואָס דזשערי האָט לעצטנס געהאַט מיט נענסין, ווען ער האָט זי באַגעגנט כלומרשט צופעליק אין סאַן פראַנציסקאָ, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז גאָר גליקלעך איז זי ניט מיט דניאלן. יאָ, ס׳האָט געמוזט קומען צו דעם, האָט דזשערי איצט געטראַכט. כ׳האָב געוואוסט, כ׳האָב געוואוסט, אַז ס׳וועט קומען צו דעם, האָט דזשערי אינערלעך זיך געפרייט. נו, געוויס, איז ער דען אירס אַ גלייכן? ווער איז ער, און פון וואַנען קומט ער? ווי קומט ער בכלל צו אונדזער קלאַס? ס׳איז בלויז געווען אַן אומגליקלעכער צופאַל, וואָס האָט זיי ביידן צוזאַמענגעבראַכט און נענסין פון זיין האַנט, ווי אַרויסגעכאַפּט. די דאָזיקע געדאַנקען האָבן אים איצט אינגאַנצן באַהערשט. די דאָזיקע ווערטער און געפילן זיינע האָט ער געוואָלט אַרויסברייגגען פאַר נענסין.

שטיל, דעליקאַט און מאַנירלעך, מורא האָבנדיק אין אָנהויב טאָמער כאַפּט ער איבער די מאָס אין האַרבע רייד און וועט איר אפשר ווי טאָן, האָט ער דאָ און דאָרטן, פאַרוואָרפן אַ וואָרט וועגן דעם ענין און וועגן זיין פּערזענלעכן לעבן. אָבער ווען אים איז געלונגען צו פּועלן ביי איר, נאָך אַזאַ באַגעגעניש, איז ער שוין געוואָרן מער דרייסטער, אָפענער. ער האָט אָנגעהויבן ארויסברייינגען פאַר איר זיינע ליבע געפילן. איצטער, נאָך מער ווי ווען עס איז, איז ער מוראדיק פאַרליבט אין איר און ער וואָלט געטאָן אייניקעס, זי זאָל אים כאָטש בלויז געבן אַ שטראַל פון האָפ־נונג, אויף אַ נאָענטער פאַראייניקונג. דזשערי און נענסי האָבן זיך אָנ־געהויבן אָפטער טרעפן. פריער, פאַר אומשולדיקע באַגעגענישן, ווי יוגנט חברים און נאָכדעם איז ער צוגעשטאַנען צו איר, מיט הייסע ליבע דער־קלערונגען:

— נענסי טייערסטע, מיר זיינען דאָך באַשאַפן איינער פאַר דעם צווייטן. ס׳איז געווען בלויז אַ טעות פון די געטער, וואָס האָט דיך פאַר אַ געוויסער צייט פון מיר אָוועקגעריסן. זאָלן מיר דאָס באַטראַכטן פאַר די אומגליקלעכסטע טעג פון אונדזער לעבן! גלויב מיר, נענסי, אַז איך האָב שרעקלעך געליטן פון דעם געפיל, אַז דו האָסט מיך פאַרביטן אויף דעם יידן, דניאל! גלויב מיר, נענסי, איך האָב ניט אויפגעהערט צו ביינקען און חלומען פון דיר די גאַנצע צייט. אָט זעסטו דאָך, נענסי, כ׳האָב גע־וואָרט פאַר דיר די אַלע יאָרן און ניט חתונה געהאט ביז איצט, מחמת כ׳האָב געפילט אין מיין בלוט, אין מיין גאַנצן וועזן, אַז פריער אָדער שפּע־טער וועלן מיר זיך ווידער באַגעגענען און שוין בלייבן צוזאַמען אויף אייביק. יאָ, נענסי טייערסטע, מיר זיינען „געמיינט" איינער פאַר דעם צווייטן. באַטראַכט זיך נענסי, קום צוריק צו דייניקע!...

כאָטש נענסין זיינען אין אָנהויב אַזעלכע רייד וועגן איר לעבן מיט דניאלן, ניט גאָר אנגענעם געווען צו הערן, האָט זי דען ניט איבערגעגעבן זיך צו אים אימפּולסיוו, פול מיט עקסטאַז און ליבע? האָט זי דען, אין יענעם מאָמענט, ניט געטראַכט און געפילט אַז ער, דניאל, און נאָר ער איז דער אויסוואַל פון איר האַרצן? דאָך האָבן דזשעריס רייד, פול מיט ליבע און גרייטקייט צו טאָן פאַר איר אַלץ אין דער וועלט, ניט געבליבן גאָר איינגאַנצן אָן ווירקונג. מחמת צוליב די שוין פון פריער דערמאָנטע סיבות אין זייער צוזאַמענלעבן, האָבן זיך צוביסלעך אָנגעהויבן אריינ־גנבענען ספק געדאַנקען, אָפּנויגונגען און טיילווייז אויך אַ חרטה געפיל. מיט דניאלן קומט איר אויס, לעצטנס, זייער ווייניק צו רעדן. ער איז

אומצופרידן, דערשלאָגן און פאַרביטערט קעגן אַלץ און אַלעמען. דאָס מאַכט זיין לאַגע און סיטואַציע נאָך ערגער.

דניאל האָט געוואָלט שטייגן הויך אין אָט דער רשעותדיקער וועלט, און ס׳איז אים אין אָנהויב דווקא געלונגען צו קלעטערן אויפן לייטער פון דערפאָלג אַלץ העכער און העכער. ער האָט אַרויסגעוויזן גאָר אַ סך טאַלאַנט און פעאיקייטן און וואָלט עמיצער, אַ שטאַרקערער כוח פון אים, ניט צעבראָכן די שטאַפלען אין הערמיט פון זיין קלעטערן, וואָלט ער זיך זיכער ניט אָפּגעשטעלט אין דער מיט. ער וואָלט געשטיגן אַלץ העכער און העכער, צו ווייטערע צילן און גרעסערע פאַרמעסטונגען. איז ער אָבער געבליבן הייגען אין דער לופטן, אין דעם סאַמע מיטן, ווי מ׳וואָלט אים די פיס אונטערגעהאַקט.

אַרום דניאלן איז געשאַפן געוואָרן אַ זייער שווערע סיטואַציע, וואָס נאָר שאַרקע נאַטורן און קעמפערישע עקשנים, וואָלטן אפשר געקענט זיך דורכשלאָגן דעם וועג, וואָס איז פאַר אים מיט אַמאָל פאַרשטעלט געוואָרן. וואָלט ער נאָך געשטאַנען אין אַ קאַמף מיט זיינס אַ גלייכן, מיט גלייכע כוחות, וואָלט ער נאָך אפשר פאַרמאָסטן זיך און געזוכט אַרויסצוקריכן פון אָט דעם טעמפּן ווינקל, אין וועלכן ער איז פון שלעכטע מענטשן און אומשטענדן אַריינגעשפאַרט געוואָרן. זיכער וואָלט ער אויך אַרויסגעקומען פון דעם קאַמף אַ געווינער. איז דען דער אמת ניט געווען אויף זיין זייט? האָט ער אָבער אויך געמוזט קעמפן קעגן בלינדן פאַראורטייל, קעגן אומוויסנקייט און שקר, וואָס אַ מעכטיקער כוח פאַרשפרייט קעגן אים.

דניאל האָט זיך מיטאַמאָל געפונען אין אַ סביבה פון ניט גלייכע, פון שלעכט דיינקנדיקע און אָפּטמאָל, אים ניט פאַרשטאַנענע. אַלס פועל־יוצא פון דעם איז ער געבליבן איצט אליין, און פונקט ווי ער איז אין אָנ־הויב געליבט און געאַכטעט געווען פון די פאַרמער אין טאָל, אַזוי איז ער איצט, אין זייער בלינדקייט און סם וואָס זיינע שונאים האָבן פאַרשפרייט קעגן אים, פאַראַכטעט געוואָרן. כאָטש די איצטיקע שווערע עקאָנאָמישע לאַגע זייערע, איז געקומען צוליב דעם אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן קריזיס אין לאַנד, און עס האָט אויך דניאלן ניט אויסגעמיטן, דאָך האָט עס זיי ניט אָפּגעהאַלטן, זיך צוהערן און גלויבן זיינע שונאים, אַז פאַר זייער איצ־טיקער שווערער לאַגע איז ער, דניאל, פאַראַנטוואָרטלעך.

ס׳איז געווען דער אָנהויב פון דעם באַרימטן עקאָנאָמישן קריזיס אין לאַנד, אין דעם יאָר 1929. דאָס גאַנצע לאַנד כמעט איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ „סטאַק מאַרקעט" פסיכאָז. כמעט אַלע האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין

דער „שפּיל״: דער אַרבעטער און דער פאַרמער, דער באַנקיר און קרעמער. אַלע, אַלע האָבן „געגעמבעלט״, ווער מיט מזומן און גאָר אַ סך אויף באָרג, אָדער „מאַרדזשין״ ווי מ׳האָט עס אין „סטאָק״ לשון גערופן. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די מערסטע דאָ אין לאַנד, זיינען געווען פאַרוויקלט אין אַזאַ ווילדן אומפאַרשעמטן שווינדל, וואָס די געשיכטע פון קיין לאַנד האָט נאָך ביז דאַן אַזעלכעס ניט געהערט און געזען.

אין חודש אָקטאָבער 1929, ווען דער גרויסער „וואָל־סטריט״ קראַך האָט פּאַסירט, האָבן גלייך די באַנקן צוגעמאַכט זייערע טירן, איינע נאָך די אַנדערע. פאַקטאָריס און שעפער האָבן נאָכגעפאָלגט, געשעפטן און האַנדלס הייזער האָבן באַנקראָטירט, די אַרבעטסלאָזיקייט איז געוואָרן גוואַלדיק גרויס. ברויט־רייען האָבן אָנגעהויבן זיך פאָרמירן, באַלעבאַטישע פאַמיליעס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען נאָך צדקה, זעלבסטמאָרדן זיינען געוואָרן אָפטע דערשיינונגען און די באַריטמע „הוּאָווערווילס״ האָבן אָנגעהויבן ספּאָנטאַן אויפקומען דאָ און דאָרטן.

די עקאָנאָמישע דעפּרעסיע איז טיף אריינגעקראָכן אין די ביינער צו אַלעמען און אומעטום — אין שטאָט, אין דאָרף און אויפן פאָרם. די מלווים אויף די פאַרמס האָבן אָנגעהויבן צושטיין, מ׳זאָל זיי כאָטש מיט עפּעס משלם זיין. אָבער גיי „זויג בלוט פון אַ רעטעך״, אַז ס׳איז ניטאָ, אַז מ׳קען ניט דורכקומען אַפילו מיטן טעגלעכן לעבן, גיי צאָל חובות נאָך. דער קאָאָפּעראַטיוו אַלס גאַנצער און די איינצלנע פאַרמער באַזונדער, זיינען געווען פאַרבאָדן אין חובות און האָבן זיך קיין עצה ניט געקענט געבן. וואָלט דניאל באַגעגנט פריינטלעכקייט צווישן די שכנים פאַרמער, וואָלט מען צוזאַמען געקענט זיך אפשר אַן עצה האַלטן און אויך זיך מיט עפּעס העלפן. אָבער אנשטאָט פריינטשאַפט, האָט ער אומעטום באַגעגנט האַס און פאַרביטערונג.

וואָלט נענסי געשטאַנען מיט דניאלן די גאַנצע צייט און וואָלט אים איצט אויך ליב געהאַט ווי דעם ערשטן יאָר פון זייער צוזאַמענלעבן, וואָלט זי איצט אויך געטיילט זיין גורל, „פאַר גוט צי פאַר שלעכט״, ווי יעדע געטרייע פרוי וואָלט דאָס געטאָן, וואָלט דאָס זיכער געווען פאַר דניאלן, אַ גאָר גרויסע טרייסט. מיט דעם גאַנג פון דער צייט אָבער, האָבן זיך זייערע באַציאונגען שטאַרק געביטן. נענסי טראַכט איצט, אַז איר פאַרייניקונג מיט דניאלן איז געווען אַ גרויסער טעות. זי האָט ניט געטאָרט אין יענעם פייערלעכן מאָמענט פון זייער באַגעגעניש פון אים אינגאַנצן הינגעריסן ווערן. און אויב אפילו יאָ, ווען זי האָט אַפילו געוואָלט שטילן אַ דורשטיקן פאַרלאַנג אירן צו אים, האָט זי אויך דאָס געקענט אויספירן.

אָבער אָפיציעל זיך מיט אים פאַראייניקן האָט זי ניט געטאָרט. ערשט איצט זעט זי איין, אַז קיין גליקלעכע צוקונפט מיט אים אונטער אַזעלכע באַדינגונגען, וועט זי שוין ניט האָבן. אפשר, האָט זי געטראַכט, איז דזשערי דאָך גערעכט, אַז צוליב אים, דניאלן, ווערט זי אויך, טיילוויז, כאָטש ניט כסדר אָפּן, פאַרשטויסן פון איר פריערדיקער „געזעלשאַפט" און ווערט אויך באַטראַכט צוליב דעם אַ ביסל מינדערוויכטיק? . . .

— יאָ, יאָ, כ'וואָלט גערן געדאַרפט, איינמאָל פאַר אַלעמאָל — ווי דזשערי זאָגט — קומען צוריק צו די „אייגענע" און ניט טראָגן אויף זיך מער דעם „קאָמפּלעקס" ווי עפּעס אַ פרעמדע, אַ שולדיקע, אַן אַנטלאָפענע וואָס האָט פאַרראַטן איר קלאַס, איר שטאַם, איר געזעלשאַפט . . . וואָלט כאָטש דניאל געווען אַ „מיקסער", ווי ער האָט דאָס ארויסגעוויזן אין אָנהויב, אין די ערשטע יאָרן פון אונדזער באַגעגעניש, וואָלט ער זיך גענומען די מי זיך איינצולעבן אָדער אריינפּאַסן זיך אין מיין געזעלשאַפט, ווייל ער דאָס אויך ניט לעצטנס.

נענסי האָט לעצטנס שטאַרק אָנגעהויבן דערפילן אויף זיך דעם דרוק פון איר געזעלשאַפט: ווי נאָר זיין נאָמען אָדער זיין ראַסע ווערט דער־מאָנט אין איר קרייז איז פאַראַן עפּעס אַ מין אָפּגעמאַכטע איינגעהאַלטנקייט צווישן אירע פריינט, עפּעס ווי די צונג זייערע וואָלט זיך מיטאַמאָל אָן עפּעס פאַרהאַלטן. באַזונדערס מערקט זיך דאָס אין איר אַנוועזנקייט. זיי קוקן זיך איבער און שווייגן, אָט ווי מ'וויל ניט דערמאָנען אַ שטריק אין אַ הויז פון אַ געהאַנגענעם. און אפשר זיינען זיי דאָך גערעכט, האָט נענסי נאָכאַנאַנד געטראַכט וועגן דעם, אַז לעצטנס איז ער געוואָרן גאָר איינגעשפּאַרט, שטופּט דוקא ארויס זיין „יידישקייט" ווי אויף צו להכעיס און שרייבט נאָר צו די אַלע דורכרייסן און דורכפאַלן אין זיינע אונטערנע־מונגען נאָר דערפאַר, מחמת ער איז אַ ייד. צוליב דעם, פאַרשטייט זיך, איז ער זייער פאַרביטערט און ס'ווערט זייער שווער מיט אים אויסצוקומען.

די באַציאונגען דעריבער צו דניאלן, מצד נענסין, זיינען איצט גע־וואָרן גוואַלדיק אָנגעצויגן און אָנגעשטריינגט ביז גאָר און מיט אַזעלכע געדאַנקען און שטימונגען, האָט זי אויפן פאַרם מיט דניאלן מער ניט גע־קענט פאַרבלייבן. אויב ביז איצט, פלעגט זי נאָך אַמאָל קומען צוריק, ווען זי פלעגט אַוועקפאָרן אין סאַן פראַנציסקאָ, איז אָבער לעצטנס איז זי שוין געבליבן דאָרטן אינגאַנצן.

אין זיין איצטיקער דערשלאָגנקייט, האָט דניאל מערסטנס געפונען זיך אין הויז און אויף זיין פאַרם. ער האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעזונדערט פון זיין פריערדיקער געזעלשאַפט. ער האָט קיינעם ניט געזען און קיינער איז

אים ניט געקומען זען. פֿון נענסין, ווי געזאָגט, האָט ער אויך מער ניט געהערט און ניט געזען, און האָט אויך ניט געוווּסט וואו זי געפֿינט זיך איצט, צי ביי אירע עלטערן, די נעלסאָנס, אין פּאַלאָ אַלטאָ, אָדער גאָר אין סאַן פֿראַנציסקאָ. ווען אַ פֿריינט זיינער האָט אים דערציילט אַז ער האָט געזען נענסין מיט דזשערין אין סאַן פֿראַנציסקאָ, אין דעם רייכן האָ־טעל־רעסטאָראַן „דרעיקס", האָט ער די „נייעס" אויפֿגענומען און אויסגע־הערט מיט אַ געמאַכטער גלייכגילטיקייט. ער האָט אָבער גלייך אויפֿן מאָ־מענט דערפֿילט, אַז צווישן אים און נענסין, זיינען די באַציאונגען שוין ווי אָפּגעשלאָסענע. אַז אויך נענסי איז שוין פֿאַרכאַפּט געוואָרן אין דער נעץ פֿון ליגן און פֿאַראורטייל, אַז אויך זי איז שוין איינגאַנצן פֿאַרסמט מיט אַ שנאה צו אים. איצט, האָט ער געטראַכט, איז ער פֿון זיין בלוטיקן שונא, דזשערי, איינגאַנצן באַזיגט. ניטאָ איצט מער פֿאַר אים קיין אויסוועג, קיין בריהשאַפֿט... נאָכפֿרעגן זיך אויף איר, אויף נענסין, ביי אירע עלטערן, האָט ער געהאַלטן פֿאַר זינלאָז, כאָטש ער האָט זיי געהאַלטן פֿאַר גוטע פֿריינט זיינע, אין דעם איז ער ניט געווען מסופּק. אָבער נענסי איז דאָך זייער טאָכטער און איז ניט מער קיין קינד. מסתמא פֿילט זי אַזוי צו האַנדלען, איז אים דעריבער ניט אנגענעם געווען גאָר איינגאַנצן וועגן דעם ענין צו שרייבן צו די נעלסאָנס. דניאל האָט דעריבער באַשלאָסן, ווי שווער דאָס איז געווען פֿאַר אים, צו בלייבן מיט זיך אליין, אָפּגעזונדערט פֿון אַלץ און אַלעמען. וועט ער דאָך פּרובירן זיך באַפֿרייען אַ ביסל פֿון דעם קאָשמאַר וואָס האָט אים לעצטנס אַרומגענומען. ער וועט זיך אַ ביסל מער פֿאַרטיפֿן אין זיין אייגענעם פּערזענלעכן לעבן און אין דער גאַנצער מאָדנער סיטואַציע אין וועלכער ער איז אומדערוואַרטעט, פֿאַר אים, אַריינ־געדרייט געוואָרן. אפֿשר וועט ער דאָך קענען קומען צו אַ לאָגישן אויס־פֿירלעכן שלוס און אויסוועג.

מאַגדאַ איז געבליבן אין דינסט ביי דניאלן, אַפֿילו נאָכדעם, ווען נענסי איז אַריבערגעקומען אויפֿן פֿאַרם און איבערגענומען די באַלעבאַטישקייט און ווירטשאַפֿט. זי איז פֿאַרבליבן ביי אים אַרבעטן אויך אויף ווייטער, איז אים געבליבן געטריי און אָפּגעהיט זיין ווירטשאַפֿט, ווי אירס אַן אייגנס. מאַגדאַ האָט איצט באַמערקט דעם גרויסן איבערבייט אין איר באַלעבאָס, דניאל, זיין גוואַלדיקע אומרואיקייט, דאָס פֿאַרלאָזן פֿון נענסין די הויז און דניאלן, זיין איצטיקע צוגעבונדנקייט צום הויז און פֿאַרם, ער איז געוואָרן אַ היים־זיצער, אַן איינגעשלאָסענער אין זיך. מאַגדאַ האָט געוווּסט אַז גאָר גלאָט איז ניט דער ענין. אין שטעטל אַפֿילו, האָט זי אויך אויפֿגע־כאַפּט עפּעס אַזעלכע מאָדנע רייד און רכילותן אויף איר באַלעבאָס דניאל

און זיין פֿרוי נענסי. אַלעס איז געקומען צו איר אַזוי פּלוצלינג און ניט ווייניק שאָקירנדיק. צוליב דעם אַלעם, איז איר דניאל נאָך טייערער גע־וואָרן און זי האָט געדינט אים נאָך געטרייער. זי האָט געפֿילט, אַז ער, דניאל, איז איצט אַליין, אָפּגעריסן פֿון פֿריינט און נאָענטע און איצט מער ווי ווען עס איז, דאַרף ער האָבן אַ נאָענטן פֿריינט, פֿאַר וועמען זיך פֿון האַרצן אַראָפּצורייִדן.

ווען מאַגדאַ האָט אים דעם מאָל דערלאַנגט זיין מאָלצייט, האָט דניאל געבעטן איר זי זאָל זיצן מיט אים ביים טיש, אים האַלטן קאָמפּאַניע, פֿאַר היימישקייט ווענגן, אַזוי צו זאָגן. ער האָט זיך נאָכגעפֿרעגט, ווי געווייגלעך, אויף אירע עלטערן, אויף פֿאַרשיידענע זאַכן בכלל און צו אַלץ איז אין אָרדנונג מיט דער ווירטשאַפֿט. אין משך פֿונם געשפּרעך מיט איר, האָט ער אויך דערפֿילט, אַז רעדנדיק מיט איר, און אין איר אַנוועזנקייט, הויבט ער אָן צוביסלעך פֿאַרגעסן זיין געדריקטע שטימונג און פֿילט זיך אַ ביסל באַרויִקט.

דניאל האָט איצט באַטראַכט מאַגדאַן מיט גאָר אַנדערע אויגן. אַ מאָדנער וואַרעמער געפֿיל האָט זיך איבערגעטראָגן פֿון איר צו אים. ער האָט מיט אַמאָל דערפֿילט, אַז זי איז אים אַ סך נענטער, ווי ער האָט ביז איצט זיך פֿאָרגעשטעלט. כאָטש אין זיינע אויגן האָט זי זיך זייער ווייניק געביטן, זינט זי איז ביי אים, דאָך האָט ער איצט דערזען אין איר געוויסע שיינקייט־שטריכן ,וואָס ער האָט אפֿשר פֿריער ניט באַמערקט. דער אָנ־בליק אירער האָט אים איצט גוואַלדיק פֿאַרכאַפּט און פֿאַראינטריגירט, פּונקט טאָקע ווי ער וואָלט זי צום ערשטן מאָל דערזען. אירע טונקל־שוואַרצע אויגן, זיינען געווען איצט ברייט צעעפֿנט פֿון פּשוטער פֿאַרוואונ־דערונג, אירע ברעמען זיינען געווען געדיכטע און אַרומגענומען אירע טיפֿע אויגן, ווי מיט אַ פֿיינער טונקעלער ליניע, אירע רויט־קאַרמין ליפּן זיינען געווען פֿול און זאַפֿטיק. אירע פּעך־שוואַרצע האָר האָבן געהאַט ביי איר עפּעס אַ מין אייגענעם לעבן: אַ געדיכטע גלאַנציקע לעבעדיקע מאַסע, וואָס איז געלעגן איבער איר שטערן פֿאַרקעמט אין אַ מאָדאַנע־סטיל און געשמעקט מיט אַן אָנגענעם־זאַפֿטיקן ריח, ווי פֿריש אָפּגעשניטן היי. די קלענסטע באַוועגונג פֿון איר קאָפּ און אַקסל האָט אויך געבראַכט אין באַ־וועגונג די ליניעס פֿון איר שיינעם האַלדז און די באַוועגלעכקייט פֿון אירע פֿול־אַנטוויקלטע בריסט, וועלכע האָבן רונדיק, בערגלדיק און שטייף גע־שפּאַרט זיך פֿון איר איינגעפּאַסטן העל־קאָלירטן סוועטער. אַלץ אַרום איר האָט אים, אין דעם מאָמענט, זייער שטאַרק באַרוישט.

אַט אין אַזעלכע אומרואיקע מאָמענטן זיינע, פּלעגט אים אַט דאָס מאַ־דאָנאַ־פּנים פון מאַגדאַן, פאַרפאָלגן און אויך באַרואיקן. מאַגדאַ האָט זיך איינגעפּעסטיקט אין זיין מוח. ער האָט אָנגעהויבן פון איר טראַכטן, אין דער פרי, בייטאָג און ביינאַכט. ער האָט זיך אָנגעהויבן פילן גוט ווען זי איז געווען ארום אים און נעבן אים, און אומעטיק ,איינזאַם, ווען זי איז געווען ווייט פון אים...

דניאלס דילעמא

דניאל האָט אין די לעצטע עטלעכע וואָכן אַ סך נאָכגעטראַכט וועגן אַלץ און אַלעס וואָס ארום אים איז דאָ פאָרגעקומען. ער האָט געגומען ערנסט אָפּגעבן זיך אַ גרינדלעכן חשבון הנפש. ניט איינמאָל, אין מאָ־מענטן פון ווייטיק, פאַרדרוס און פאַרלאָרנקייט, האָט ער זיך געפרעגט:

— נו, און וואָס ווייטער? וואָס וועט דאָך זיין דער תכלית פון מיין אָפּגעזונדערטקייט? האָט עס באמת אַ זין פאַר מיר דאָ לייַנגער צו פאַר־בלייבן? די גאַנצע סביבה אַרום איז דאָך אזוי רשעותדיק און מוראדיק פאַרסמט געוואָרן קעגן מיר, אַז ס'ווערט ממש מיר שווער דאָ צו אָטעמען.

אין זיינע איינזאַמע מאָמענטן, טיף נאָכטראַכטנדיק וועגן זיין איצ־טיקן גורל און די סיבות וואָס האָבן געבראַכט צו דעם, האָט ער זיך דער־שלאָגן צום איינציקן און אויספירלעכן געדאַנק, אַז כאָטש די עיקר סיבה פון אַלעם דעם, איז געווען אַ ליבע־מאָטיוו און אַ פערזענלעכער נקמה פאַק־טאָר, וואָס האָט געפירט צו דער אורזאַך פון זיין איצטיקן מצב, זיינען אָבער די מיטלען און מעטאָדן, וואָס זיין הויפט קעגנער באַנוצט קעגן אים, דורכאויס יידן־פיינטלעכע. אין זיין שטילן, מורמלנדיקן העץ־קאַמפּיין, וואָס זיין שונא און ליבע־קאָנקורענט, דזשערי, פירט אָן קעגן אים, באַנוצט ער זיך מיטן אַלטן אויסגעפּרובירטן מיטל פון יידן־האַס און יידן־פאַראור־טייל. ער זוכט צו פאַרסמען דאָ, יעדן פריינטלעכן געפיל צו אים ביי זיינע פריערדיקע פריינט, און ס'איז אים אויך גוט געלונגען דאָס גוטע וואָס ער האָט געטאָן פאַר זיינע פאַרמער שכנים, האָבן זיי זייער גיך פאַר־געסן. איצט דינען זיי אים אָפּ מיט שענדונג אנשטאָט בענטשונג. דזשערי האָט זיך אויך באַנוצט מיט דער איצטיקער שווער־עקאָנאָמישער לאַגע פון די פאַרמער און הגם דער איצטיקער מצב זייערער איז געקומען אַלס רע־זולטאַט פון אומקאָנטראָלירנדיקע באַדינגונגען, פון אַ נאַציאָנאַלן קריזיס,

האָט עס אָבער פונדעסטוועגן אים ניט אָפּגעהאַלטן צו באַשולדיקן דניאלן אין דעם, אַז דאָס אַלץ איז דער פּועל יוצא פון „זיינע ביזנעס מאַניפּולאַציעס און קאָאָפּעראַטיווע מאַכינאַציעס" ווי ער, דזשערי, האָט ארויסגעלאָזט אַזאַ גאַנג־וואָרט צווישן די שכנים־פאַרמער.

דניאלן האָט ער באַשולדיקט אין דעם, וואָס ער האָט זיי, די פאַרמער, פאַרדרייט דעם קאָפּ און אַרונטערגעפירט זיי אינגאַנצן פון וועג. לאָזט דאָס צו „זיי", מיינענדיק נאַטירלעך, דניאלן, אלס איינער פון די יידן, האָבן זיינע געגנער מיט אַזעלכע ווערטלעך, אין דער סביבה זיך אַרומגעוואָרפן.

דניאל איז איצט געקומען צום אויסשליסלעכן געדאַנק, אַז זיין פּערזענלעכער גורל אַלס ייד, איז זייער שטאַרק פאַרבונדן מיט דעם אַלגעמיינעם יידישן גורל. אין זיין איצטיקן פאַל, אין אָט דער קליינער ניט יידישער פאַרמער געזעלשאַפט, וואו ער איז געווען ביי זיי פריער דער אַזוי גערופענער פירער און בעל יועץ, האָבן זיי אין זייער איצטיקער שווערער לאַגע און בלינדער פאַרפירונג, גראַדע אים פערזענלעך אויסגעקליבן פאַר זייער קרבן, אים געמאַכט פאַר דעם שעיר לעזאזל... אין די גרעסערע יידיש באַפעלקערטע שטעט ווען עס קומט אָן אַן אַלגעמיינע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע אויפטרייסלונג, געפינען זיך אויך דאָרטן אַזעלכע רשעותדיקע מענטשן, וועלכע זוכן צו וואַרפן די שולד פון אַ לאַנד־קריזיס אויפן יידן, אויפן כלל ישראל. דאָס איז אפּנים אונדזער גורל! ניט מער, אין אָט דער קליינער, ניט יידישער סביבה, וואו דער אויסגעקליבענער איין־און־איינציקער ייד, איז ער געווען דער איינער צווישן דער גרויסער צאָל ניט־יידן, קומט אים אויס דעריבער צו ליידן דאָ אַליין, אַממערסטן און אַמשטאַרקסטן.

דניאל האָט אין זיין פריסטער יוגנט דווקא געקראָגן אַ יידישע דערציאונג. ער האָט אריינגעכאַפּט אַ ביסל יידיש און יידישקייט, סיי ביי זיינע עלטערן און סיי ביי זיין פעטער מנשה. הגם ווען ער איז אויסגעוואקסן און געלעבט אין אוניווערסיטעט די גאַנצע צייט צווישן ניט־יידן, האָט ער זיך אָריענטירט אינגאַנצן אויף אַמעריקאַניש, אַסימילאַטאָריש, אויף אַזוי ווייט אַפילו, ווי חתונה געהאַט מיט אַ ניט־יידיש מיידל. דאָך איז ער ניט אינגאַנצן פרעמד געבליבן צום יידישן לעבן. ער האָט געוואוסט און איז גוט באַקאַנט געווען מיט דער יידישער געשיכטע, מיט יידישער מאַרטירערשאַפט. אין איצטיקן עלנדסטן מאָמענט פון זיין לעבן, זיינען אים די דאָזיקע געדאַנקען ארויפגעשוואומען און געמאָנט פון אים עפּעס ווי אַ רעכענונג.

ער זעט איצט איין אַז ער איז פֿאַרבלענדט געוואָרן פֿון אַ דרויסנדיקער סביבה און איינפֿלוס, אַ סביבה אפֿשר פֿון גרויס געלערזאַמקייט אָבער פֿון אַ פֿאַלשן אינטעלעקטואַליזם און עטיק. מענטשן מיט פּאָלירטע מאַניערן, מיט אַ פֿאַרשטעלטער לפֿנימדיקער טאָלעראַנץ און איידלקייט. מע זעט אפֿשר ניט אַרויס ביי זיי דעם פֿאַראורטייל קעגן דיר אַלס ייד אָפֿן, ברוטאַל און חוצפּהדיק ווי ביים פּשוטן המון. אָבער דער פֿאַראורטייל איז פֿאַראַן, ער לאָזט זיך פֿילן. באַזונדערס פֿילט דאָס איצט דניאל, ווען די לאַגע האָט זיך דאָ איינגאַנצן געביטן און געוויסע פֿאַקטאָרן און אינטערעסן האָבן אויך צוגעשפּילט צום רומל פֿון זיין איצטיקער סיטואַציע. אָט, האָט דער טריפֿהנער פּרצוף פֿון אומטאָלעראַנץ, פֿאַראורטייל און יידן־פֿיינטשאַפֿט, זיך בולט און אומפֿאַרשעמט באַוויזן אין זיין גאַנצער העסלעכקייט.

פֿאַר דניאלן איז דעריבער איצט אַנטשטאַנען זיין פּערזענלעכער פּראָבלעם, וואָס פֿאָרט צו טאָן? ער איז איצט דאָ געוואָרן דער צענטער פֿון דער באַטראַפֿנדיקער אומגעבונג. ס׳איז אים ממש געוואָרן דאָ אייננג, שווער און אומבאַקוועם צו לעבן.

אַ גאַנץ פֿאָלק אָדער אַ מינאָריטעט גרופּע ווי די יידן זיינען, האָט ער געטראַכט, וואָס לעבט צווישן אַנדערע הערשנדיקע פֿעלקער און איז באַ־וואוסטזיניק וועגן זיין גורל, אַז ער איז כסדר אונטערוואָרפֿן צו כלערליי בילבולים און רשעותן און, אין די בעסטע לענדער פֿילט ער אַז ער ווערט בלויז טאָלערירט, קען זיך אַמאָל דער קאָלעקטיוו ניט כסדר העלפֿן. אַלס אַ גרופּע קענען זיי ניט מיטאַמאָל אויסוואַנדערן אין אַנדערע לענדער, וואו זיי זאָלן זיך פֿילן אויף אַ פֿעסטערן און זיכערערן באָדן. מוזן זיי דעריבער בלייבן אויף די ערטער וואו זיי לעבן און שאַפֿן, קעמפֿן קעגן דעם אומ־שטאַנד און באַדינגונגען, פֿאַרטיידיקן זיך מיט די מיטלען וואָס זיי האָבן קעגן אָנפֿאַלן אויף זיי. ניט שטענדיק געלינגט עס זיי, ניט כסדר העלפֿט דאָס זיי. פֿאַר מיר, אַלס אַן איינצעלנער, אין אָט דעם געראַנגל, אויב איך קען זיך דאָ ניט פֿאַרטיידיקן און גרינגער מאַכן מיין לאַגע — האָט ער געטראַכט — לכל הפּחות קען איך זיך העלפֿן מיט דעם, וואָס כ׳וועל מוזן פֿאַרלאָזן דעם פּלאַץ, וואָס ס׳איז איצט געוואָרן אַזוי מוראַדיק שווער אונטער מיינע פֿיס.

ניט גאָר גרינג, האָט ער געוואָלט גאָר דערלאָזן צו זיך אָט דעם גע־דאַנק, אָבער ניט ווילנדיק האָט ער זיך געמוזט צו דעם דערטראַכטן, צוליב דער אויסערגעוויינלעכער אומבאַקוועמער לאַגע אין וועלכער ער האָט זיך דאָ געפֿונען.

אָט אין די שווערע טעג און מאָמענטן פון זיין לעבן, האָט דניאל דער־האַלטן אַ בריוו פון זיין פעטער מנשה פערלמאַן. דער בריוו איז געווען פאַר אים איצט, אַן אמתע דערפרישונג און אַ טרייסט. אין זיין גרויסער פאַרנומענקייט ביז איצט, האָט ער כמעט ווי פאַרגעסן אין זיינע אייגענע. פלעגט ער אַמאָל דערהאַלטן אַ בריוול פון זיין פעטער אָדער פון זיין מאַמען, האָט ער דאָס איבערגעלייענט, אַוועקגעלייגט און זעלטן ווען געענטפערט. כסדר געווען פאַרנומען, קיינמאָל קיין צייט געהאט פאַר זיך, פאַר אייגענע, פאַר משפחה. כסדר געווען אריינגעטאָן אין גרויסע פלענער און אונטער־נעמונגען פאַרן כלל, פאַר זיין געזעלשאַפט. דער בריוו פון מנשהן האָט אים איצט געטראָפן אין אַזאַ פסיכאָלאָגיש־צוגעגרייטן מאָמענט, וואָס ער האָט מאָמענטאַל צו דעם זיך צוגעכאַפט מיט אַן אייפערדיקער ליבשאַפט און פרייד, מיט אַ ניט קלענערער פרייד און דערוואַרטונג, ווי ער פלעגט אַמאָל קריגן אַ בריוו פון פראָפעסאָר נעלסאָן אָדער פון נענסין. און פונקט ווי דאַן, אין יענע טעג, האָט ער אין די בריוו געזוכט האָפנונג און דער־וואַרטונג, אין אייך זיך, אזוי האָט ער אויך איצט געזוכט אין דעם בריוו פון מנשהן, אין אַן אַנדער זין, אַן אָנהאַלט, אין עפעס זיך אָנכאַפן, כאָטש אַ ליכט פון האָפנונג אויף עפעס דאָרטן געפינען. אין זיין איצטיקער אויפלייזונג און רעזיגנאַציע שטימונג, איז דער בריוו פון מנשהן געווען צו אים ווי אַן אמתער אבן־טוב, ממש אַ דערקוויקונג, אַ דערלייזונג...

מנשה שרייבט:

„מיין ליבער זון, דניאל! כ׳ווענד זיך צו דיר ווי צו אַן אייגענעם זון, און ווארום ניט? ביזטו דען ניט אַ גליד אין מיין משפחה? האָבן מיר דען ניט צוזאַמען אין דיין יוגנטלעכקייט, געאַרבעט, געחלומט און געהאָפט אויף גליקלעכע, האָפנונגספולע טעג? דיין אָפרייסן זיך פון מיר, דניאל, איז געווען, ווי מ׳האָט אַוועקגעריסן פון מיר אַן אבר, ווי מ׳האָט צוגענומען פון מיר דאָס נאָענטסטע, דאָס אייגענע. אָבער ס׳איז געווען דיין וועג, דער וועג פון דער יוגנט — גיין פאָראויס, צום וויסן, צו ליכט, צום פאַרמעסט פון גרויסע זאַכן. ווי כ׳פאַרשטיי, האָסטו געמאַכט דאָרטן וואו דו ביסט גאָר גרויסן פראָגרעס. ווי כ׳האָב געלייענט אין די צייטונ־גען, האָסטו אויפגעבויט אַ גאָר גרויסע זאַך פאַר דיינע פאַרמער שכנים. זאָלן געשטאַרקט זיין דיינע הענט און זיי מצליח. גוטע מענטשן וועלן דיר דאַנקען און רימען דערפאַר. פונדעסטוועגן, וויל איך דיר אָבער זאָגן, דניאל, און זאָלסט ניט זיין אויף מיר ברוגז הערפאַר. וואָלסטו אַוועקגעגעבן אַזויפיל אַרבעט, איבערגעבנקייט און מסירת נפש פאַר „אונדזעריקע״, פאַר

די מענטשן פֿון אונדזער פֿאָלק, וואָלט עס געווען מער אַנגעלייגט און מער אָפּגעשאַצט.

„ווּעסט אפֿשר זאָגן, ס'איז שאָוויניזם! ניין, דניאל, דו ווייסט זייער גוט וואָס פֿאַר אַ מיינונג כ'האָב געהאַט וועגן דעם ענין. מיר זיינען כסדר דאַנקבאַר געווען פֿאַר בלויז אַ גוט וואָרט וועגן אונדז פֿון אַ ניט־יידן און פֿאַר אַ גוטן טאַט פֿון זיי האָבן מיר אומבאַגרענעצטע דאַנקבאַרקייט און אַכטונג אַרויסגעוויזן. מיר האָבן געגעבן דער וועלט אונדזער טאַלאַנט, אונדזער געניאַליטעט און אַלס באַלוינונג, קריגן מיר שטיינער, הערנידע־רונג און באַליידיקונג. שווערע טעג קומען אָן אויף אונדז יידן, דניאל! אונדזער שונא ישראל, היטלער ימח שמו, שיסט זיינע פֿיילן מיט שנאה און סם אויפֿן יידישן פֿאָלק און דער סם לאָזט זיך אויך פֿילן דאָ ביי אונדז, אין די שטאַטן. כ'ווייס ניט ווי דיינע, ניט־יידישע שכנים באַהאַנדלען דיך און אין וואָס פֿאַר אַ באַציאונג דו ביסט מיט זיי. דאָ, ביי מיר, אין „סאַן־בערנארדינא", האָבן זיי זיך לעצטנס שטאַרק געביטן. אפֿשר צוליב דעם קריזיס אין לאַנד. אַזוי צי אַזוי, זיי זיינען זייער פֿאַרביטערט, און שולדיק איז דער ייד!... הערסטו דניאל, דער מענטש איז אַ מאָדנע באַשעפֿעניש. ער קען זיין גוט ווי אַ מלאך און שלעכט ווי אַ טייוול. און אַ חוץ אַלעם דעם, איז דער לעבן דאָ זייער איינזאַם. ביי מיין בעסטן ווילן, קען איך מיט זיי, מיט די גוישע שכנים, זיך גייסטיק ניט צוזאַמענלעבן. מיר זיינען דאָך אַנדערש, און אויך זיי לאָזן דאָס אונדז וויסן ביי יעדער געלעגנהייט.

„דניאל! יידן דאַרפֿן לעבן צוזאַמען, אַרבעטן און שאַפֿן צוזאַמען און פֿירן אַ נאָרמאַל גייסטיק יידיש לעבן צוזאַמען. כ'ווייס ניט צי דו וועסט מיך און דער מאַמען פֿאַרשטיין, אָבער מיר האָבן זיך דערשלאָגן צום גע־דאַנק, אַז אויב שוין יאָ זיין יידישע פֿאַרמער, יידישע ערד אַרבעטער איז אויף אייגענעם באָדן, צווישן יידן, אויף אייגענער פֿעסטער ערד. בקיצור, דניאל, מיר פּלאַנעווען צו פֿאַרקויפֿן אונדזער פֿאַרם, צוזאַמענעמען אַלץ וואָס מיר קענען נאָר, און פֿאָרן נאָך ארץ ישראל. מירן קויפֿן דאָרט אַ פּרדס, אָדער אַ רויִע שטיק לאַנד, אָדער גאָר אריין אין אַ קאָלאָניע, און אויך זיין פֿון די, צווישן די בויער פֿון אַן אייגן היימלאַנד. מיינער אַ לאַנדסמאַן, איינער אַן אייזעקסאָן, געפֿינט זיך דאָרטן אין אַ קאָלאָניע. שרייבט ער מיר, אַז ער איז זייער גליקלעך און צופֿרידן דאָרטן. אמת, זאָגט ער, דער לעבן אין דער קאָלאָניע איז אפֿשר ניט אַזאַ עקאָנאָמיש רייכער, ווי ביי אייך אין אַמעריקע, דערפֿאַר אָבער איז דער גייסטיקער לעבן דאָרטן, אַ גאַנצער, אַ געזונט־יידישער און נאָרמאַלער. אַ ניי לעבן שאַפֿט זיך דאָרטן און אויף אַ גאָר גרויסן פֿאַרנעם.

„ער שרייבט מיר, אַז דאָס גאַנצע לאַנד דאָרטן, איז אין איין גרויסן פּראָצעס פֿון פֿיבערהאַפֿטיקן שאַפֿן און בויען. ס׳גייט דאָרטן אָן אַ גרויסע קאָלאָניזיר אַרבעט אין דאָרף און אין שטאָט. ס׳ווערן דעראָבערט נייע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע פּונקטן און פֿאַרמס, מ׳גרינדעט און מ׳בויט נייע שטעט, דערפֿער און קאָלאָניעס. מ׳שטייניקט אויס און מ׳טריקנט אויס דאָרטן דעם באָדן. מ׳פֿירט דורך וואַסער־קאַנאַלן, מ׳פֿלאַנצט, מ׳באַוואַל־דערט, מ׳באַוואַסערט און ס׳הויבט זיך כסדר די פּרוכטבאַרקייט פֿונם לאַנד. מ׳פֿאַרנעמט זיך דאָרטן אויך מיט פֿישערייַ אין די טייכן, אָזערעס און ימען; מיט אָנלאָדן און אויסלאָדן שיפֿן און לאַנדן נייע איינוואַנדערער אין די פּאָרטן פֿון לאַנד, מ׳בויט דאָ אַ סך הייזער, וועגן, שאָסייען, אייזנבאַנען, בריקן, טונעלן און קאַנאַלן; פּאָרטן פֿאַר שיפֿן און עראָפּלאַנען; און אונדזער שטאָט, תל־אביב, שרייבט ער, איז גאָר אַ וואונדער. אַן אמת הונדערט־פּראָצענטיקע יידישע שטאָט, אויפֿגעבויט מיט יידישע הענט, מיט יידישער אַרבעט.

„הכלל, דער לאַנדסמאַן עצהט מיר זייער שטאַרק, איך זאָל פֿאַרקויפֿן דאָ די פֿאַרם מיינע און זיך באַזעצן דאָרטן אין אונדזער אייגן לאַנד. דניאל, וואָס זאָל איך דיר זאָגן, זיין בריוו האָט אונדז אזוי באַגייסטערט, אַז זינט דאַן טראַכטן מיר נאָר וועגן דעם ענין, און טאַקע זייער ערנסט. וואָס דיינקסטו וועגן דעם, דניאל? און צו וואָג איך גאָר אַ טראַכט טאָן, אפֿשר? אפֿשר אויך דו, דניאל, זאָלסט אַ טראַכט טאָן בכוח דעם? איך וויים, עפּעס אַזאַ דמיון איז מיר אריין אין קאָפּ. דו, מיט דיין וויסן און פֿאַכמאַנשאַפֿט, מיט דיין פֿיאָנערן גייסט, וואָלסט דאָרטן געקענט אויפֿטאָן וואונדער! סיי ווי, ליבער דניאל, שרייב אונדז אַ בריוול. די מאַמע, די שוועסטער און איר מאַן, גריסן דיר זייער האַרציק.

דיינער מיט אַ סך ליבע און אַכטונג,

מנשה פערלמאַן״.

*

דניאל האָט דעם בריוו איבערגעלייענט אומציילִיקע מאָל. דער בריוו מיט זיין וויכטיקן אינהאַלט איז באמת געווען צו אים אַ גרויסע דערלייכ־טערונג, און ווי אַ היילנדיקער באַלזאַם צו זיין צעווייטיקטער נשמה און שווערן הערדריקנדיקן געמיט. ער האָט זיך באמת זייער טיף פֿאַרטראַכט וועגן דעם וואָס מנשה האָט דאָ באַרירט. זיין מוח האָט פֿיבערהאַפֿטיק אָנ־

געהויבן אַרבעטן אין דער דאָזיקער ריכטונג. דער בריוו פֿון מנשהן איז געקומען צו אים אזוי פּלוצלינג און אין אַ מאָמענט ווען ער האָט אזוי ענערגיש אָנגעשטריינגט זיך צו זוכן אַ לייזונג פֿון זיין דילעמאַ, אַ וועג צו זיין פֿרייהייט פֿון אָט דעם פֿאַרשפּאַרטן טעמפּן ווינקל, אין וועלכן ער איז פֿון אומשטענדן און רשעותדיקע מענטשן אריינגעוואָרפֿן געוואָרן.

דערציילונגען

דאָקטאָר קעסמאַן

— דאָקטאָר קעסמאַן! אַ פֿרוי איז אויף דעם טעלעפֿאָן, זי וויל דורכאויס מיט אייך פּערזענלעך ריידן — האָט נינאַ, דעם דאָקטאָרס אָפֿיס מיידל אים געלאָזט וויסן.

דער דאָקטאָר האָט פֿויל גענומען דאָס טרײַבל צום אויער און גע־פֿרעגט האַלב ברוגזלעך:

— ווער איז דאָרט?

ס׳האָט געריעדט אַ צאַרטע פֿרויען שטימע:

— דאָס זיינט איר, דאָקטאָר ווילי̇אַם קעסמאַן? קען איך האָבן אַ געלעגנהייט מיט אייך פּערזענלעך זיך צו טרעפֿן, אין אייערע פֿרייע שעה׳ן?

— ניין, דאָקטאָר, ס׳איז ניט קיין קראַנקן־וויזיט. אַן אַלט־באַקאַנטע אייערע וועלכע איר וואָלט גערן וועלן זען, אַזוי האָף איך יעדנפֿאַלס... מיין נאָמען? ניין, ניט איצט וועל איך אייך זאָגן. אַז מיר וועלן זיך טרעפֿן וועט איר שוין וויסן מיין נאָמען אויך... צווישן איינס און פֿיר אַזייגער זאָגט איר, גוט. כ׳וועל נאָך היינט קומען אייך זען. אַ גוטן...

דאָקטאָר קעסמאַן האָט אויפֿגעהאַנגען דאָס טרייבל פֿון דעם טעלעפֿאָן, איז געבליבן זיצן פֿאַר עטלעכע מינוטן אַן ערנסט פֿאַרטראַכטער און טייל־ווייז דערצאָרנט.

ווער קען דאָס זיין? ווער איז זי, די פֿרוי, וואָס וויל מיך פּערזענלעך, ניט אַלס דאָקטאָר זען?... אַן אַלט באַקאַנטע זאָגט זי. פֿון וואַנען קומט זי און וואָס וויל זי? — האָט ער רק געטראַכט איצט וועגן דעם נאָר וואָסיקן געשפּרעך אויפֿן טעלעפֿאָן. — וואָס ברייגגט זי מיט זיך, אָט די אומבאַקאַנ־טע? — האָט ער זיך אַלץ פֿון דעם געדאַנק ניט געקענט באַפֿרייען.

ווער ווייס ווי לאַנג ער וואָלט אַזוי פֿאַרטראַכט געזעסן, ווען ניט דאָס אריינקומען פֿון זיין „נוירס״, דערמאָנענדיק אים וועגן זיינע פֿון פֿריער איבערגעלאָזטע פּאַציענטן, וואַרטנדיק אויף אים.

דאָקטאָר קעסמאַן האָט געפֿירט אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן לעבן. זיין לעבנסוועג און שטייגער איז געווען גאַנץ אַנדערש ווי דער פֿון זיינע קאָלעגן. שוין פֿינף און צוואַנציק יאָר זינט ער איז געקומען אַהער פֿון זיין אַלטער היים. געקומען אַלס יונגערמאַן נאָך, האָט ער זיך תיכף גע־נומען צום שטודירן. בייטאָג געאַרבעט, ביינאַכט געלערנט, איבערגעטאָן האָט ער כל עבודת פּרך, ביז ס׳איז אים ענדלעך געלונגען אויסצושטודירן

דאקטאר מעדיקער און פֿרויען כירורג. איצט איז ער איינער פֿון די גרעסטע פֿרויען דאָקטוירים אין שטאָט.

דער לערנען און פּראַקטיצירן האָט ביי אים צוגענומען די מערסטע צייט פֿון זיין לעבן, אַזוי אַז ער האָט וועגן זיין פּערזענלעכן גליק, מכוח אַ תכלית און פֿאַמיליען בונד, כמעט ווי ניט אַ טראַכט געטאָן. ער איז פֿאַרבליבן אַן אַלטער בחור. בכלל האָט ער געהאַט אַ מאָדנע באַציאונג צו דעם שענערן געשלעכט. די פֿרוי אַלס אַזעלכע האָט אים, ווייזט אויס, ווייניק וואָס אינטערעסירט. ער האָט זיך באַצויגן צו זיי, צו די פֿרויען, כמעט ווי אַפּאַטיש. אַזוי יעדנפֿאַלס האָט זיך געשאַפֿן דער איינדרוק וועגן אים. אייניקע האָבן אַזאַ באַציאונג זיינע צוגעשריבן צו דעם פֿאַקט, מחמת זייענדיק דער גרויסער דאקטאר ספּעציאַליסט און האָבנדיק אין זיין פּראַקטיק כסדר צו טאָן מיט די ספּעציפֿישע פֿרויען קראַנקהייטן, האָט די פֿרוי צו אים, אפּנים, אָנגעוואוירן יעדן רייץ און פֿאַרלאַנג.

די פֿרוי, צוליב געשלעכטלעך פֿיזיש־אָרגאַנישע סיבות, איז געניגט געוואָרן צו אַ סך אַבנאָרמאַלע קראַנקהייטן, און זיין כסדר מתעסק זיין זיך מיט די פֿאַרבאָרגנסטע טיילן פֿון דעם פֿרויען קערפּער, האָט אויף אים מאָדנע פּסיכיש געווירקט און כמעט ווי אַטראָפֿירט אין אים די לוסט צו דער פֿרוי. אין זיין פּראַקטיק אַלס פֿרויען כירורג, האָט ער זיך באַצויגן ווי אַ געשיקטער בעל־מלאכה צו זיין שטיקל אַרבעט מיט דעם זעלביקן ערנסט אָדער גלייכגילט. די פּאַציענטינס זיינע האָבן אים באַצייכנט אַלס דער בייזער דאקטאר, דער „פֿרויען האַסער”, פּונדעסטוועגן איז זיין פּראַקטיק געוואַקסן פֿון טאָג־צו־טאָג. די פֿרויען זיינען געלאָפֿן צו אים פּונקט ווי ער וואָלט דער איינציקער דאקטאר אין שטאָט געווען. אַ צאָל פֿון די פֿרויען זיינען צו אים געלאָפֿן אויס פּשוטע נייגעריקייט, הערנדיק די וואונדער וועגן אים. אָבער די מערסטע פֿון די פֿרויען זיינען צו אים געלאָפֿן דערפֿאַר, מחמת אַלס מאַנסביל דאָקטאָר האָבן זיי זיך פֿאַר אים אַמווייניקסטן געשעמט.

דאקטאר קעסמאַן „באַטראַכט” זיי מיט דעם ריין דאָקטאָרישן געפֿיל און ערנסטן באַצי, און קיין זינדיקע מחשבה, אַפֿילו צו די פֿון זיינע שענערע פּאַציענטקעס, האָט ער קיינמאָל ניט ארויסגעוויזן. די פֿרויען האָבן דאָס דערפֿילט, ממש געזען און דערפֿאַר האָבן זיי אים פֿאַרהערלעכט און זיין נאָמען באַרימט געמאַכט.

דעם גאַנצן פֿאָרמיטאַג האָט דער דאקטאר געאַרבעט מיט אַן אומגעדולדיק מאָדנעם געפֿיל: דער פֿרימאָרגנדיקער געשפּרעך אויפֿן טע־

לעפאָן מיט דער אומבאַקאַנטער פרוי, האָט עפּעס מאָדנע אויף אים גע־ווירקט, און אָט, דער ביז איצט צו אים פרעמדער געפיל, איז שוין די גאַנצע צייט פון אים ניט אָפּגעטראָטן. האָט ער אָנגעהויבן פאַרוואָרפן זיך וואָס ער איז פּלוצלינג מיטגעריסן געוואָרן פון עפּעס אַן אומבאַקאַנטער...
— וואָס בין איך וואָס, אַ צוואַנציק יאָריקער סטודענטל וואָס כ׳האָב זיך מיט אַמאָל אַזוי פאַראינטערעסירט און פאַרכאַפּט געוואָרן?...

אויף אַ מינוט צוויי האָט ער פּרובירט פאַרגעסן, פאַרטרייבן פון זיך דעם געדאַנק און ווידער איז דער פרימאָרגנדיקער טעלעפאָן געשפּרעך מיט דער אומבאַקאַנטער פרוי, אַרויפגעשוואומען אין זיין מוח, און דער עיקר טאָקע די באַלדיקע באַגעגעניש מיט איר, האָט פון אים ווי עפּעס געמאַנט און צערודערט זיינע נערוון.

ניין, כ׳וועל זי ניט באַגעגענען — האָט ער ווי ביי זיך עקשנותדיק אָפּגעמאַכט — מעג זי זיין גאָט ווייס ווער. כ׳האָב מיך ביז איצט פון „זיי״ אויסגעהיט און וועל דאָס אייגענע אויף ווייטער אַזוי אָנהאַלטן. ס׳איז ניט אמת, אַז זי איז מיינס אַן אַלטע באַקאַנטע. ניט אַנדערש עפּעס אַן אינטריגע ווערט געפּלאַנט מיך אין אַ פרויען נעץ אַריינכאַפּן...

אַזעלכע געדאַנקען האָבן זיך אים געפּלאָנטערט אין מוח דעם גאַנצן פאַרמיטאָג.

נאָך איידער ס׳איז געוואָרן איינס דער זייגער, ווען זיינע אָפּיס שעה׳ן שליסן זיך, האָט ער אָנגעזאָגט זיין אָפּיס מיידל, אַז אויב אַ פרוי וועט זיך אויף אים באַלד נאָכפרעגן זאָל זי איר זאָגן, אַז דער דאָקטאָר איז איצט ניטאָ. ער איז אַרויסגערופן געוואָרן אויף אַ ספּעציעלער „קייס״. פאַרלאָזן דעם אָפּיס האָט ער פונדעסטוועגן ניט. ער האָט זיך איינגעשלאָסן אין זיין פּריוואַטן אויפנאַם צימער און מיט אַ שטילן האַרץ קלאַפּן, האָט ער אַן אָנגעשטריינגטער, אַן אומגעדולדיקער ווי אויף עפּעס געוואַרט.

ווען ער האָט אַ קלונג אין פאָדער טיר פון זיין אָפּיס דערהערט, האָט ער זיך אינסטינקטיוו אַ הויב געטאָן, צוגעלייגט אַן אויער צום טיר. ער האָט געוואָלט נאָכאַמאָל די שטימע פון דער פרוי הערן. ס׳האָט אים פּלוצלינג אַרומגעכאַפּט עפּעס אַ מאָדנער נייגעריקער פאַרלאַנג, זען דווקא די פרוי, וועלכער ער האָט נאָר וואָס געוואָלט אויסמיידן און וועלכע האָט אין דער זעלביקער צייט אַזוי שטאַרק באַשעפטיקט זיין מוח.

נאָך איידער די אָפּיס מיידל האָט געהאַט די געלעגנהייט צו זאָגן דער פרוי, אַז דער דאָקטאָר איז ניטאָ איצט, האָט דאָקטאָר קעסמאַן פון זיין קאַבינעט זיך מיט אַמאָל באַוויזן. נינאַ, די אָפּיס מיידל, איז מיט אַ האַלב

אָפֿענעם מויל געבליבן שטיין ניט פֿאַרשטייענדיק אינגאַנצן דעם דאָקטאָרס מאָדנע האַלטונג. ער האָט נייגעריק באַטראַכט די פֿרעמדע, זי קאַלט באַגריסט און אָנווייזנדיק איר אויף דער אָפֿענער טיר פֿון זיין אויפֿנאַם צימער, האָט ער איר נאָכגעפֿאָלגט און אַ ביסל פֿאַרדעכטיקט איר יעדע באַוועגונג.

איינשליסנדיק זיך מיט איר אין זיין קאַבינעט ,האָט ער זי געבעטן זיצן און האָט פֿאַר עטלעכע סעקונדן געוואַרט זי זאָל אים דערקלערן דעם צוועק פֿון איר באַזוך.

דאָקטאָר קעסמאַן האָט אין דער זעלביקער צייט באַטראַכט דעם אויס־זען פֿון דער אומבאַקאַנטער פֿרוי: אַ שיין, כמעט ברוין־מולאַטן פּנים, טיפֿע שוואַרצע לאַסטשענדיקע אויגן וועלכע האָבן ווי לעבעדיקע חיהלעך אַרומגעטאַנצט פֿון איין זאַך אויף דער צווייטער, אַן עטוואָס פֿאַרריסן, אָבער געטאָקט נעזל, צוויי חן־גריבלעך אין אירע ניט איבעריק אויסגעפֿילטע באַקן. אַ פּנים וואָס מ׳קען זיך ניט העלפֿן ניט צו באַוואונדערן. די באַ־זיצערין פֿון דעם שיינעם פּנים איז געזעסן און געשוויגן, וואַרטנדיק דער דאָקטאָר זאָל זי דערקענען און זיך מיט איר אַרומכאַפּן, ווי זי האָט דער־וואַרטעט.

דער דאָקטאָר האָט זיך געפֿונען איצט אין אַ מאָדנער פֿאַרלעגנהייט און אויך אַ ביסל אָנגערעגט פֿון דער גאַנצער סיטואַציע. דער באַזוך פֿון אָט דער אומבאַקאַנטער, איר שווייגן און פֿאַרטראַכטקייט האָט אים שיעור ניט געבראַכט צו בייזקייט: וואָס האָט זי זיך אַריינגעריסן צו מיר און פֿאַרנעמט מיין צייט? — האָט ער אַן אויפֿגערעגטער געטראַכט און שיעור ניט אַרויסגעפּלאַצט דערמיט. ער האָט אָבער דערשטיקט אין זיך דעם צאָרנדיקן געפּיל און נאָך אַ קורצער פּויזע, איז ער געווען דער ערשטער איבערצורייסן די שווייגעניש.

— נו, וואָס האָט איר צו זאָגן? — האָט ער האַלב פֿריינטלעך זי גע־פֿרעגט — קיין חולה, זאָגט איר, זיינט איר ניט. קורירן, זעט אויס דאַרפֿט איר זיך ניט, טאָ וואָס־זשע ווילט איר?...

די פֿרוי האָט ווי פֿון אַ חלום זיך אויפֿגעכאַפּט. מיט זיינע כמעט בייז אויפֿרעגנדיקע פֿראַגן האָט ער די געדאַנקען אירע, מיט וועלכע זי איז איצט געווען פֿאַרנומען, אינגאַנצן צעשלאָגן. אַ דינינקער שמייכעלע האָט זיך נאָכדעם באַוויזן אין די ווינקלען פֿון איר קליין מויל און זי האָט דרייסט און מיושבדיק אָנגעהויבן דערציילן פֿון וואַנען זי קומט און וואָס ס׳האָט זי געבראַכט צו אים.

זיין ערשטער אימפּולס איז געווען איר ניט צו גלויבן. עס מוז ניט אַנדערש זיין ווי עפּעס אַן אינטריגע, אַ נעץ פֿאַר אים וויל עמיצער פֿאַר־שפּרייטן, אריינכאַפּן דעם דאָקטאָר וויל מען, דעם רייכן אַלטן בחור זוכט מען, האָט ער אויף דעם מאָמענט אַ טראַכט געטאָן.

אָבער וואָס מער די שיינע סימפּאַטישע פֿרוי האָט גערעדט צו אים, אַלץ מער איז ער מיטגעריסן געוואָרן. דאָס וואָס זי האָט אים איצט דער־ציילט, איז צו אים געקומען אזוי אומדערוואַרטעט, אַז ער האָט זיך קוים געקענט אָריענטירן. זי האָט אים אַוועקגעפֿירט איצט צוריק צו זיינע יוגנט זכרונות: איינצעלהייטן און זיסע דעראינערונגען וואָס זיינען שוין כמעט ווי פֿאַרגעסן געוואָרן, האָט זי פֿאַר אים ארויסגעבראַכט. זיין אַלטע היים, איר באַקאַנטשאַפֿט מיט אים, עפּיזאָדן פֿון זייער יוגנט ווי זיי האָבן פֿאַרבראַכט צוזאַמען, ניט פֿאַרפֿעלט אים דערמאָנען אַפּילו געוויסע אינ־טימע באַציאונגען זייערע... דערציילנדיק איז די פֿרוי אַליין מיטגעריסן געוואָרן פֿון איר אייגענער דערמאָנונג און דורכגעלעבטע מאָמענטן. עס האָט איר, אין דעם מאָמענט, אַוועקגעפֿירט צו יענער צייט און אָרט.

דאָקטאָר קעסמאַן איז געזעסן פֿאַרגאַפֿט. געוואָלט זיך דערמאָנען דעם נאָמען פֿון אָט דער אומבאַקאַנטער און דאָך אזוי צו אים נאָענטער פֿרוי.

פֿאַר די פֿינף־און־צוואַנציק יאָר זינט ער האָט זיין היים פֿאַרלאָזן, האָט ער איבערגעריסן מיט אַלץ און אַלעמען פֿון זיין אַלטער היים. זיין כסדרדיקער לערנען און גריבלען זיך אין די בכער, זיין פֿאַרנומען זיין כסדר מיט דער פּראַקטיק, האָט אים ווי אַוועקגעריסן פֿון אַלע שפּורן פֿון זיין יוגנט און האָט פֿאַרגעסן אַפּילו אַן דער, וואָס האָט אין אים זיין ערשטע ליבע דערוועקט און אָנגעצונדן. די פּלוצלינגע דערמאָנונג פֿון זיינע יוגנט־לעכע זכרונות האָבן אין אים דערוועקט נייע געפֿילן. ער האָט געוואָלט איצט וואָס מער הערן איר דערציילן, איינזאַפּן אין זיך די פֿאַרגאַנגענע איבערלעבונגען. עס האָט אים איצט פֿאַרשאַפֿט אַ געוויסע פֿרייד און באַ־פֿרידקונג פֿון ווייטע בענקנדיקע פֿאַרלאַנגען...

— געדיינקט איר, וויליאַם, — האָט זי אים פֿריינטלעך און האַלב שעמעוודיק דערמאָנט אין אַן עפּיזאָד פֿון זייער פֿריסטער יוגנט, וואָס ניט ער און ניט זי וועלן ווען ס׳איז די דורכגעלעבטע פּאַסירונג קענען פֿאַרגעסן.

— ס׳איז געווען אין די לעצטע טעג פֿון אונדזער אומדערוואַרטעטער שייד־דונג, אַ פֿרייטיק־צו־נאַכטס איז דאָס געווען. איך געדיינק עס ווי איצט. נאָך וועטשערע זיינען מיר ביידע שפּאַצירן געגאַנגען. אַ היים קומנדיק איז

שוין דאָס גאַנצע הויז־געזינד געשלאָפֿן. אייער מוטער, עליה השלום, אייער שוועסטער און שוואָגער, מיין שוועסטער און שוואָגער וועלכע האָבן גע־וואוינט אַלע אין איין שטוב אין שכינות. אַלע זיינען איינגעהילט געווען אין אַ שווערן טיפֿן שלאָף. איר האָט פֿאַר מיר פֿאַרגעלייענט אין דער שטיל עפּעס אַ מעשהלע. מיר זיינען ביידע אויף דעם ברעג פֿון מיין בעטל געזעסן זייער נאָענט געאָרעמט. מיר האָבן געפֿילט אויף זיך אונ־דזערע וואַרעמע אָטעמס, אונדזערע יונגע הערצער האָבן איינצייטיק גע־קלאַפּט אין איין גלייכן ריטם. מיר זיינען באַהערשט געווען פֿון איין רעגונגס־געפֿיל און באַגער... די בענטש־ליכט אין דעם עס־צימער זיינען לאַנגזאַם און צו ביסלעך אויסגעגאַנגען, דאָס לעמפּל אין מיין צימער האָט אָנגעהויבן צאַנקען, דאָס גאַנצע הויז איז איינגעהילט געוואָרן אין אַ שלאָ־פֿענדיקע געדיכטע פֿינצטערניש. די פֿינצטערניש האָט נאָך מער אונדזער יונג בלוט צעצונדן... מיר זיינען ווי פֿאַרשיכורט געווען פֿון אונדזער ליבע, באַטרונקען געווען פֿון יוגנט גליק און ליבע באַגערן...

— אין אָט דעם ברענענדיקן מאָמענט פֿון אונדזער העכסטן ליבע־עקסטאַז, האָט עפּעס פּאַסירט וואָס ניט איך און ניט איר וועלן דאָס ווען עס איז גאָר קענען פֿאַרגעסן... געדיינקט איר, וויליאַם, אַז אין יענעם מאָמענט, האָט עמעצער אַ שטיין אין די לאָדן פֿון מיין פֿענצטער געוואָרפֿן? דערשראָקענע און אויפֿגעציטערטע פֿון דעם פֿאַל, זיינט איר תיכף אין איין אויגנבליק צו זיך, צו אייער געלעגער אַוועקגעלאָפֿן... דאָס גאַנצע הויז־געזינד האָט זיך פֿון שלאָף אויפֿגעכאַפּט, ס׳איז געוואָרן אַ גוואַלד, אַ טרעוואָגע. מיין שוועסטער האָט צעשראָקן געשריען: אַ גנב, אַ גנב! אייער שוואָגער איז ארויסגעלאָפֿן זען דאָרט, וואָס ס׳איז געשען, און מיר, יעדער ביי זיך אויף די געלעגערס זיינען געלעגן מיט איין שטורמדיקן געפֿיל, מיט קלאַפּנדיקע הערצער פֿון אַן אויפֿרעגנדיקער איבערלעבונג... קינדערשע זכרונות!... ניט אמת?...

— אויף מאָרגן האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז דעם „שפּיצל" האָט מיין שוואָגערל אָפּגעטאָן... געווען אַ נידריקער נפֿש, פּלעגט מיר כסדר מיט ליבע פֿאַרפֿאָלגן, האָט געוואָלט זיך אין אונדז נוקם זיין, אונדזער נאָענטשאַפֿט צעשטערן... אין הויז האָבן שוין נאָכדעם אַלע געוואוסט. אייער מוטער, וועלכע האָט דווקא יאָ געהאַלטן אַן אויג אויף אונדז, מחמת אונדזער נאָענטקייט און צוגעבונדנקייט איינער צום צווייטן, די גאַנצע צייט, האָט עפּעס ווי זיך ניט ווייסנדיק געמאַכט מכוח דער פּאַסירונג. עפּעס האָט זי יאָ און ניט געוואָלט עס זאָל זיין צווישן אונדז אַ שידוך, כאָטש דער יחוס איז איר אַפּנים ניט געווען גאָר צום האַרצן, נאָר דער געדאַנק,

אַז זי וועט נאָך דערלעבן אין אייך נחת און וועט נאָך אויך האָבן אַן איי־ניקל, נאָך וואָס זי האָט זייער שטאַרק געביינקט, האָט זי פֿאַרבויגן אַ ביסל איר יחוס און שטאָלץ און האָט שטיל מסכים געווען.

— אַלע האָבן וועגן אונדזער באַציאונג געוווּסט, ס׳איז שוין מער קיין סוד געווען. מיין שוואָגערל האָט זיך שוין באַמיט מ׳זאָל וויסן... אַלע אין „געסל” האָבן מיך פֿאַרפֿאָלגט. די בחורים האָבן מיך ממש מיט די אויגן אויפֿגעגעסן, די עלטערע האָבן מיך פֿאַר אַ חצופֿה, אַ זינדיקע באַטראַכט... גלייך נאָכדעם האָט זיך אייער „פּריזיוו” אונטערגערוקט. אייער מוטער, מורא האָבנדיק מ׳זאָל אייך פֿאַר אַ סאָלדאַט צונעמען, האָט זי אייך נאָך אַמעריקע אַוועקגעשיקט... אַזוי זיינען מיר צושיידט געוואָרן, און פֿון דאַן אָן האָב איך ביז דעם איצטיקן מאָמענט פֿון אייך גאָרניט געהערט...

— נו, געדיינקט איר מיך? — האָט זי פֿאַרענדיקט אירע און זיינע זכרונות.

כאָטש פֿאַר דעם דאָקטאָר איז איצט קלאָר געווען, אַז נעבן אים זיצט איצט די, וועלכע האָט אין אים די ערשטע ליבע געפֿילן דערוועקט און וועלכע האָט מיט נשמה און לייב זיך צו אים איבערגעגעבן, דאָך האָט ער באַין אופֿן ניט געקענט אויף דעם מאָמענט זיך דערמאָנען איר נאָמען. ער האָט שטאַרק אָנגעשטריינגט זיין בליק אויף איר. אָט אויף איר באַ־וועגנדיקן עטוואָס אָפֿענעם בוזעם, אָט אויף איר שיין פּייערלעכן פּנים, און שטום, ווי בעטנדיק איר: — זאָג מיר דיין נאָמען!...

אים האָט מוראדיק וויי געטאָן און פֿאַרדראָסן וואָרום זאָל ער האָבן איר נאָמען פֿאַרגעסן. ער האָט זיך געפֿונען אין אַ מאָדנער פֿאַרלעגנהייט. איר האָט אויך וויי געטאָן זיין פֿאַרלעגנהייט. זי האָט זיך געפֿילט אַ ביסל דערנידעריקט און כמעט ווי באַליידיקט פֿון דעם, וואָס ער האָט פֿאַרגעסן אַן איר און אַפֿילו איר נאָמען. זי האָט אָבער אויך געפֿילט און געזען אויף זיין צערפֿולן פּנים, אין די געציילטע אָנגעשטריינגטע רגעס, אין זיין איצטיקן טראַכטן און שטילן שעפּטשען זיינעם, ווען ער באַלד אַרויס־ברענגען אויף זיינע ליפּן איר נאָמען, וואָס זי האָט אַזוי גערן געוואָלט פֿון אים הערן.

זי האָט איצט ליבלעך געקוקט אויף אים, און מיט אַ פֿינגער אויף זיין פּאָלירטן שרייבטיש צייכנונגען פֿון בוכשטאָבן געמאַכט. ער האָט נייגעריק נאָכגעפֿאָלגט איר פֿינגער באַוועגונג און מיט אַמאָל ווי אַ באַ־גייסטערטער יונגלינג וואָס טרעפֿט אַ רעטעניש, האָט ער פֿריידיק און האַרציק אויסגעשריען — מ אַ נ י אַ!...

— דאָס ביזטו מאַניאַ?!...

— ווי גליקלעך כ׳בין אַצינד, וואָס דו האָסט זיך צו מיר באַוויזן. כ׳האָב ניט איינמאָל אַ טראַכט געטאָן, ווי וואונדערלעך גוט ס׳וואָלט געווען מיר זאָלן זיך נאָכאַמאָל אין לעבן צוזאַמענטרעפן, כאָטש כ׳האָב וואָס אַ יאָר פון אונדזער צעשייד, אַלץ מער די האָפנונג פאַרלאָרן, און דאָ מיט אַמאָל, אַזאַ צופאַל! אַזאַ צופאַל!...

— זע נאָר זע! — האָט דער דאקטאר לייכט און ליבלעך אָננעמנדיק מאַניאַן ביי אירע אַקסלען באַגייסטערט אויסגעשירען — דו זעסט דאָך נאָך אויס גאָר יונג!...

— נו, דערצייל מאַניאַ, וואו האָסטו פאַרבראַכט אָט די אַלע לאַנגע יאָרן. וואו האָט דער שיקזאַל דיך פאַרוואָרפן, ווי אַזוי האָסטו מיך ענדלעך אויסגעפונען, און ווארום האָסטו מיך ביז איצט ניט אויפגעזוכט?!...

— מאַניאַ! — האָט דער דאקטאר נאָכאַנאַנד ווערנדיק באַגייסטערט גערעדט — האָסט מיט זיך געבראַכט צו מיר אַ שטראַל פון פרייד און האָפנונג אין מיין איינזאַמען לעבן, האָסט אין מיר אויפגעוועקט זכרונות, יוגנט חלומות און אַ לעבן־לוסט, וואָס איז אין מיין גרויס פאַרנומנקייט, געווען כמעט אַטראָפירט. יאָ, מאַניאַ, ביזט געקומען צו מיר אין אַ מאָ־מענט פון איזאָלירונג און רעזיגנאַציע.

— ווייסטו, מאַניאַ, אַז איך האָב ביז איצט די „פרוי" פון זיך ווי פאַרוואָרפן! עפעס אַזוי ווי צווישן מיר און דער „פרוי" האָט זיך כסדר דער „דאקטאר" אַריינגעמישט... ווער ווייס, ווען ניט דער גליקלעכער צופאַל וואָס דו ביסט נאָכאַמאָל דערשינען אין מיין לעבן, צי איך וואָלט ווען עס איז צו זיך געקומען און געביטן מיין שטייגער לעבן?...

ביידע האָבן זיך וואַרעם אַרומגענומען. איינשליסנדיק זיך איינע אין צווייטנס אָרעמס, האָט אַ לאַנג אָנגעהאַלטנדיקער קוש פאַרזיגלט זייער באַ־נייטע פריינטשאַפט און ליבע און אָנגעהויבן דעם המשך פון זייער פרי איבערגעריסענער יוגנט ליבע...

חרטה

ס׳איז געווען אָנהויב פֿרילינג. אין אַ שיינעם, לויטערן און זוניקן טאָג, האָט אונדזער אַ קליינע אינטימע גרופּע, מענער און פֿרויען פֿון מיטעלן עלטער, פֿאַרווײַלט אַ גאַנצן טאָג ביי דער פֿרייער נאַטור, אין אַ פּריוואַטן „קעמפּ", אין איינעם פֿון די שיינע וואונדערבאַרע „קעניאָנס" אין דער זוניקער קאַליפֿאָרניע.

דער גאַנצער טאָל, די גרעסערע און קלענערע פֿוס־בערגלעך, זיינען באַדעקט געווען מיט אַ פֿרילינגדיקע, פֿרישע, ליכטיקע גרינקייט. די זון האָט מוטערלעך־געטריי געוואַרעמט און העל באַשטראַלט באַרג און טאָל, פֿעלד און וואַלד.

מיר האָבן מיט באַגייסטערונג, ווי גרויס־שטאָטישע, באַוואונדערט די שיינקייט פֿון דער נאַטור, און די שטילע תמימותדיקייט פֿון דעם גאַנצן אַרום.

פֿון צייט צו צייט, איז די שטילקייט איבערגעריסן געוואָרן פֿון אַ טעמפּן בלאָזן פֿון אַן „אויטאָמאָביל האָרן", דורכשניידנדיק די געשלייגעלטע אַספֿאַלט־וועגן, פֿון די אַנטקעגנדיקע בערג, דערמאָנענדיק אונדז אָן דער שטאָטישער ציוויליזאַציע.

פֿון דער קליינער גרופּע זיינען אַלע, ווער געזעסן און ווער געלעגן, אויף אַ זוניק פֿלאַך, גרין־באַוואקסן בערגל און זאָרגלאָז געפּלוידערט פֿון אַלץ אין דער וועלט.

אייניקע פֿרויען פֿון דעם אינטימען קרייז, זייענדיק היימיש און פֿריי, האָבן לויז געמאַכט זייערע לייכטע אויבער־בלוזקעס, טיילווייז צוגעדעקט זייערע אַנטבלויזטע בריסט. געוואַלגערט זיך אויפֿן גרינעם גראָז און געבאַקן זייערע אינגאַנצן נאַקעטע אָרעמס און פּלייצעס, אַנטקעגן דער פֿרילינג זון. געטאָן האָבן דאָס, פֿאַרשטייט זיך, די פֿרויען, וועלכע זיינען געווען די באַזיצערינס פֿון שיינע, אויסגעפּילטע, גלאַטע אָרעמס און פּלייצעס. זיי האָבן זייער שיין לייב־נאַקעטקייט באַוויזן מער מיט שטאָלץ און מיט ווייניק שעמעוודיקייט.

אייניקע פֿון די מענער אין דער קליינער געזעלשאַפֿט, האָבן נאָך דרייסטער אַרונטערגעוואָרפֿן זייערע אויבער און אונטער העמדער, ביזן גאַרטל, אדם־נאַקעט געבליבן, און פֿריי געלאָזט זייער לייב זיך לופֿטיקן און באַקן, אַנטקעגן די שטראַלן פֿון דער הייסער זון.

ס׳איז געווען פֿון יענע טעג אין פֿרילינג, ווען איר ווערט ווי עפּעס באַהויכט מיט אַזאַ מאָדנער ביינקשאַפֿט נאָך עפּעס, וואָס ווערט אָנגע־רופֿן מיט דעם וואויל באַקאַנטן נאָמען „פֿרילינג פֿיוועד״. באַזונדערס ווערט איר פֿון אַזאַ שטימונג היגעריסן ביי דער נאָענטקייט מיט דער מוטער־נאַטור. ס׳האָט זיך געפֿילט אין יענעם מאָמענט, ווי די גאַנצע נאַקעטע נאַטור ארום, צוזאַמען מיט דער נאַקעטקייט פֿון זייער לייב, איז באַהויכט מיט עראָטישקייט און וואַרעמע גלוסטנדיקע באַגערן... די מער טעמפּע־ראַמענטפֿולע האָבן זיך ליבלעך געטוליעט איינער לעבן צווייטן, און אַ גנבה־קוש איבערגעלאָזט אויף דער נאַקעטקייט פֿון איינערס אָדער איינעמס לייב. שפּעטער האָבן אייניקע פֿאַרלעך אומבאַמערקט פֿאַרבלאָנדזשעט אין די אלייען פֿון דערביאַיקן וועלדל...

ווען ס׳איז טונקעלער און קילער געוואָרן, זיינען זיך עטלעכע פּאָר־לעך צוזאַמענגעקומען אין דעם קליינעם קלוב צימער פֿון „קעמפּ״, און אַרום אַ פֿריילעכן קאַמין־פֿייער, ווידער גערעדט און דערציילט פֿאַרשיידע־נע מעשיות, אייגענע איבערלעבונגען און דערפֿאַרונגען. ביז ענדלעך מ׳האָט זיך דערשלאָגן צו דער אַלט־בייער טעמע: ליבע, הייראַט, אייגנס, פֿרעמדס און אייפֿערזוכט... די מערסטע האָבן אנטייל גענומען אינם שמועס, ווי דאָס רעדן אליין וואָלט געווען שוין אַ באַפֿרידיקונג פֿון אַ גע־מיט... אייניקע האָבן אָפֿן דערקלערט, כאָטש זיי וויסן זייער גוט, אַז אייפֿערזוכט בכלל איז אפֿשר ניט קיין שיינער געפֿיל, דאָך פֿילן זיי ווען ס׳רירט זיי אָן, ווערן זיי באַהערשט פֿון דעם געפֿיל אינגאַנצן. די ליבע־אייפֿערזוכט פּרעסט זיך איין אין דעם מוח, אין זייערע ביינער און גיט זיי דאָן קיין רו...

— און איך וועל אייך דערציילן פֿון אַ פֿאַל און אַ פּערזענלעכע אי־בערלעבונג, וואָס אַ צייט לאַנג איז עס פֿאַר מיר אליין ניט קלאָר געווען, ווי אַזוי דאָס איז בכלל מעגלעך געווען — האָט זיך פּלוצלינג פֿון אַ זייט אָפּגערופֿן דער כסדר שטילער און באַשיידענער הער מייקעלסאָן. ער האָט מיט אַמאָל געצויגן אונדזער אַלעמענס אויפֿמערק און אינטערעס, קענענדיק אים, אַלס דער גרויסער שווייגער פֿון אונדזער קרייז.

— אינטערעסאַנט, אינטערעסאַנט — האָבן אַלע מיט איינמאָל אים אָנגעהויבן בעטן ער זאָל דערציילן.

— דאָס איז געווען — האָט ער געלאָסן אָנגעהויבן, תיכף נאָך דער מלחמה, אין איינע פֿון די גרויסע אינדוסטריעלע שטעט אין אַמעריקע. די שפּע אין לאַנד איז געווען גרויס, אַלץ און אלעס איז געווען באַשעפֿ־

טיקט, אַלע האָבן גוט פֿאַרדינט און מ׳האָט זיך ממש געבאָדן אין וואויל־טאָג. ווי שווער ס׳איז געווען צו קריגן זאַכן, האָט מען אָבער אַלץ גע־קענט האָבן פֿאַר גרויס געלט. איך בין צו יענער צייט נאָך ניט געווען פֿאַרהייראַט. אַן אַלטער בחור, מיט געלט, האָב איך מיך פֿונדעסטוועגן ניט געאײַלט חתונה צו האָבן, כאָטש ס׳האָבן זיך גע׳שדכנט צו מיר, סיי יונגע ווייבלעך און מיידלעך, מיט געלט און אָן געלט. כ׳האָב אָבער ניט געפֿונען דאָן די פּאַסיקע. איר ווייסט דאָך — ווענדנדיק זיך צו אַ פּאָר פּונם קרייז — אַז מיר איז ניט אַזוי גרינג צו צוטרעפֿן...

צו יענער צייט בין איך געווען אַן אַריינגייער צו אַ פֿאַמיליע מילמאַן. געקענט האָב איך די מילמאַנס נאָך פֿון דער אַלטער היים, פֿון אַ קליינער שטאָט אין דער ליטע. געקומען זײַנען מיר אין אַמעריקע כמעט אין דער זעלביקער צייט. אין אויסזען, אין געשטאַלטונג, זײַנען זיי ביידע, דער הער און די מאַדאַם מילמאַן, געווען גוואַלדיקע קאָנטראַסטן: ער, אַ קליין געוויקסיקער, מיט אַ ביסל אַ צו גרויסע שפּיציקע נאָז, צו גרויס פֿאַר זײַן קליין פּנים, מיט אַ ברייט צעעפֿנט מויל און קרומע ציינער. מ׳קען זאָגן אַן אָפּשטויסנדיקע באַשעפֿעניש, אַ פֿאַרזעעניש, אָבער אַ זייער וואוי־לער מענטשל, אַן אמת גוטע נשמה. זי, פֿאַניטשקע, זײַן פֿרוי, איז געווען פּונקט דער היפּוך פֿון אים — אַ הויכע, אַ שלאַנקע, אַזאַ בויגיקע, מיט אַ שיין ברוין פּנים. אירע טיפֿע טונקל ברוינע אויגן האָבן כסדר און נאָכ־אַנאַנד פֿריידיק געשמייכלט. אין איר יעדן ריר און בויג פֿון איר שלאַנ־גיקן קערפּער איז געווען אַן אַ שיעור חנעוודיקער רייץ און פֿול מיט אַרויסרופֿנדיקע באַגערן... ווי אַזוי און וואָרום אַט די צוויי ניט גלײַכע פּאָר האָבן זיך בכלל גאָר געקענט פֿאַראייניקן אַלס מאַן און פֿרוי, איז געווען צו די מערסטע אַ רעטעניש. זײַענדיק מיט די מילמאַנס פֿון איין שטאָט, האָב איך יאָ געוואוסט די סיבות און אויך זייער לעבנס געשיכטע.

געווען איז עס אַ געלט־שידוך. זי, אַן אָרעמע און עלנדע יתומה, ער — אַ רײַכנס אַ זון. נו, האָט זי אים גענומען צוליב די באַקוועמ־לעכקייט און זאַטקייט פֿון לעבן, וואָס זי האָט אַזוי ווייניק פֿון דעם געהאַט אין איר יוגנט, און נאָך וואָס זי האָט אַ לעבן־לאַנג אַזוי שטאַרק געגאַרט.

ניט קיין אומגעוויינלעכע דערשיינונג.

מילמאַן האָט זי גענומען, ווי מ׳זאָגט ביי אונדז, „ווי זי גייט און שטייט" און אָפּגעהיט האָט ער זי ווי אַ פּרינצעסן. **קיין זאַך איז פֿאַר** אים ניט שווער געווען, איר מיט אַלץ און מיט דעם בעסטן באַזאָרגן.

— פּאַניטשקען, האָט ער זיך ניט איינמאָל אַזוי אויסגעדריקט, טאָר קיין זאַך ניט פֿעלן, נאָר פֿאַרגעניגן זאָל זי האָבן — אַ רייכע היים, שיינע מלבושים און פֿון אַלדאָס גוטס. וואָס דאַרפֿט איר מער, אַפֿילו אַ געליבטן פֿאַר איר, האָט ער אויך אַן אונדירעקטן אופֿן געפּרובירט צו פֿאַרשאַפֿן. יאָ, יאָ, ס'איז ניט קיין שפּאַס! מאָדנע ווי דאָס וועט צו אייך קלינגען, אָבער איך דערצייל אייך דאָ ניט קיין איבערדערציילטע מעשה, איך אַליין בין געווען דער פֿאַרגעשלאָגענער פֿון אים, צו זיין דער יעניקער אויסצופּילן אָט די אויסטערלישע מיסיע...

— פֿריינט מייקעלסאָן — זאָגט ער מיר איינמאָל, זייענדיק מיט אים אַליין — וואָרום האַלט איר זיך אַזוי פֿרעמד צו מיין פּאַניטשקען?... וואָרום פֿאַרברייננגט איר ניט מיט איר, גייט מיט איר אויס, זייט מיט איר אַ ביסל נענטער. גלויבט מיר כ'וועל אייך אסור עפּעס זאָגן, אָדער זיין אין כעס אויף אייך. פֿאַרקערט, איך וועל אייך דאַנקבאַר זיין. בפֿרט — פֿאַרטרויט ער מיר אַ סוד — אַז פּאַניטשקע, אויב איך מאַך ניט קיין טעות, איז ניט גאָר אינגאַנצן גלייכגילטיק צו אייך. טוט עס, פֿריינט מייקעלסאָן, זייט ניט פֿרעמד צו איר, — דערמאָנט ער עס מיר ביי מיין פֿאַרלאָזן אים.

כ'האָב אָנגעקוקט דעם פֿאַרשווינדל, ניט געקענט אים פֿאַרשטיין. כ'ווייס, ער איז ניט דער מענטש פֿון לצנות, מיינט ערנסט יעדעס וואָרט וואָס ער זאָגט. כ'ווייס אויך, אַז ער האָט ליב זיין פֿרוי ביז משוגעת. און וועלכער מאַנסביל וואָלט אַזאַ שיינהייט ניט ליב געהאַט? איך מוז זיך פֿאַר אייך מודה זיין, אַז גאָר אינגאַנצן גלייכגילטיק בין איך אויך ניט געווען צו איר. און דאָ רעדט צו דיר דיינער אַ נאָענטער פֿריינט, אַזעלכע מאָדנע רייד... ער וואַרפֿט ממש זיין ליבע פֿרוי, אין מיינע אָרעמס אַריין. דאָך, האָב איך ניט געוואָגט!

זי, פֿון איר זייט, האָט מיר אָנגעהויבן אַרויסווייזן נאָענטשאַפֿט, דורך פֿאַרשיידענע וועגן און אופֿנים. פֿריי אומגעשטערט פֿלעגט זי מיך אַרומנעמען, גייענדיק מיט איר שפּאַצירן, אָדער אין אַ טעאַטער, ביי קאָנצערטן און פֿאַרזאַמלונגען. כמעט אומעטום האָט מען אונדז געזען צוזאַמען. נו, געוויס האָבן זייטיקע מענטשן גערעדט און באַרעדט. וואָרען טאַקע, ווי אַנדערש? אויף אירע אָנצוערענישן וועגן ליבע, אויסלעבן זיך וכדומה, פֿלעג איך זיך מאַכן ניט הערנדיק.

איינמאָל, אין אַ שיינער לבנה נאַכט, אָט ווי היינט, האָבן מיר ביידע, ווי געווינלעך, שפּאַצירט זיך אַזוי געאָרעמט. טוט זי מיר אַזוי פּלוצלינג אַ זאָג:

— מייקעלסאָן, פֿאַר וואָס צום טייוול, זיינט איר אַזאַ צוריקגעהאַלטע־נער, אַזאַ באַשיידענער און אַזאַ שעמעוודיקער ?...

— איר ווייסט וואָס כ׳וואָלט איצט גאָר געוואָלט טאָן ? — זאָגט זי צו מיר דרייסט, און איך פֿיל ווי זי פּרעסט איר ווייכן אָרעם צו מיינעם. — כ׳וואָלט געוואָלט מיט אייך צוזאַמען זיך אָנשיכורן און דורכלעבן אַ משוגענע טייוולשע נאַכט !...

איך האָב עקשנותדיק געשוויגן, זיך ווידער אַמאָל געמאַכט תם׳עוואַטע אויף אירע אָנצוהערענישן... ווען אונדזער שפּאַציר־גאַנג האָט זיך פֿאַר־לאַנגזאַמט און כמעט ווי אָפּגעשטעלט ביים אריינגאַנג פֿון אַ האָטעל, האָב איך זי אָפּגעצויגן פֿון טיר און איר אָנגעגעבן כלערליי תירוצים און דער־קלערונגען :

— ס׳איז ניט שיין פֿאַר אונדז און פֿאַר לייטן. מענטשן קענען נאָך אונדז דערזען דאָ. אייער מאַן וועט זיך דערוויסן, וועט ער זיין ברוגז און אין כעס, אָדער גאָר אַ סקאַנדאַל מאַכן. לאָמיר עס לאָזן פֿאַניטשקע. ניט היינט יעדנפֿאַלס, אפֿשר אַן אַנדערש מאָל, ביי אַן אַנדער געלעגנהייט, אין אַן אַנדער פּלאַץ.

אַ ניט באַפֿרידיקטע, פֿאַרשעמט אַ ביסל פֿון מיינע מוסרדיקע רייד, האָט זי נאָכדעם שטיל אַרויסגעפּליסטערט :

— מייקעלסאָן, „יו אַר נאָ גוד, ענד אַי עם נאָ גוד״...

נאָך אַ פּאָר אַזעלכע אינצידענטלעך איז פֿאַר דער צייט צווישן אונדז פֿאָרגעקומען און איך בין כסדר געווען דער, וואָס כ׳האָב זי און זיך צוריק־געהאַלטן. ניט געוואָגט צו מאַכן דעם שריט.

— וואָס פֿאַר אַ פּרא־אדם, וועט איר זאָגן. אַ טיפּוש ! נו, זיכער. איצט זאָג איך דאָס אויף זיך אַליין. אין דער אמתן, כ׳קען נאָך עד היום זיך ניט פֿאַרגעבן דעם „פֿאַרברעכן״ קעגן מיינע ניט באַגאַנגענע „זינד״...

—מיינט איר אוודאי, אַז איך האָב זי ניט ליב געהאַט ? אָ ! אָ ! נאָך ווי אַזוי ליב געהאַט ! ווען זי איז שפּעטער מיט אַן אַנדערן אויסגעע־פֿאָרן פֿאַרברייננגען, פֿלעגט דאַן אויף מיר ממש די הויט ציטערן און ברע־נען פֿון אייפֿערזוכט... מיין צערודערטע פֿאַנטאַזיע וועגן איר, אַז אין יענעם מאָמענט איז זי וואַרשיינלעך אין די אָרעמס פֿון דעם הער קעי — מיין נאָכפֿאָלגער קאָנקורענט — פֿלעגט דאָס מיר ניט איינמאָל ווילד מאַכן פֿון אויפֿרעגונג...

איך ווייס ניט וואָרום, אָבער, כ׳האָב באַאין אופֿן ביי זיך ניט געקענט פּועלן אַזאַ זאַך צו טאָן. איך האָב דאָס באַטראַכט פֿאַר ניט ערלעך, פֿאַר

ניט מאָראַליש. וואָס הייסט, איך, דער נאָענטסטער און אינטימסטער פֿריינט פֿון איר מאַן, זאָל אים, מיין אייגענעם פֿריינט פֿאַרראַטן! ווי אַזוי וועל איך אים נאָכדעם גאָר קענען קוקן אין די אויגן? מיר פֿלעגט זיך דוכטן, ווען מילמאַן וועט, ווי זיין געוואוינהייט איז געווען, מיך פֿריינטלעך באַגע־גענען מיט זיין האַרציקן ברוך הבא, וואָלט איך בעסער וועלן, האָב איך דאַן געטראַכט, אַז די ערד זאָל זיך פֿאַר מיר עפֿענען אויפֿן אָרט און איך זאָל גלייך אין איר איינגעזונקען ווערן. אָט אַזאַ מין סאָרט מענטש בין איך דאַן געווען!...

שפּעטער, ווען אַן אַנדערער, אפֿשר אַ קליגערער פֿון מיר האָט מיין אָרט, ביי איר פֿאַרנומען האָט עס מיר ניט נאָר גאַנץ גוט פֿאַרדראָסן, נאָר די אייפֿערזוכט האָט ווי אַ קאָשמאַר זיך אָנגעזעצט אויף מיר. כ׳פֿלעג ארומגיין ווי אין אַ דעלידיום און מיט אַ גרויסער ביינקשאַפֿט אין האַרצן. איך בין דאַן געבליבן אליין, ווי אַ נזיר, ווי אַ פּרוש, ווי אַ דורשטיקער וואָס איז געשטאַנען לעבן אַ פֿריש ברויזנדיקן קוואַל, און ניט געטרונקען...

ניט איינמאָל פֿלעג איך אַ טראַכט טאָן פֿון מיין איינזאַמען, עלנטן פֿריינט מילמאַן. איך און ער געפֿינען זיך אין דער זעלביקער טראַגישער לאַגע. ביידע האָבן מיר ליב איין פֿרוי, און פֿון דער תענוגפֿולער ליבע געניסט אַן אַנדערער...

איין עלענט, איין ביינקשאַפֿט, איין גרויסער פֿאַרדרוס, האָט אונדזביידן פֿאַראייניקט — אַזוי האָב איך געדיינקט, אַזוי פֿלעג איך זיך פֿאָר־שטעלן. אַ רחמנות צו אים און צו זיך האָט ביי מיר ארויסגערופֿן.

פֿלעג איך אין די אָוונטן, גאַנץ אָפֿט אריינקומען צו די מילמאַנס. מערסטנס האָב איך שוין פֿאַניטשקען ניט געטראָפֿן.

איינמאָל, אין איינעם פֿון אַזעלכע ביינקענדיקע אָוונטן מיינע, האָב איך זיך צורעדט מיט מיין פֿריינט מילמאַן, אינטים און נאָענט, וועגן אָט דער אנגעלעגנהייט וואָס האָט מיך אזוי שטאַרק באַאומרואיקט. און לויט מיין פֿאַרשטיין און השערה, האָט עס נאָך שטאַרקער און מער באַדאַרפֿט באַאומרואיקן מיין אומגליקלעכן פֿריינט מילמאַנען. כ׳האָב דעריבער רו־איק, מיט פֿאָרזיכט און טאַקט, זיך געווענדעט צו אים, כאָטש כ׳האָב גע־פֿילט בשעתן רעדן, אַז די פֿאַרב אין פּנים בייט זיך מיר יעדע רגע.

— פֿריינט מילמאַן, איר וועט מיר אַנטשולדיקן, — האָב איך מיט ציטער אין קול אָנגעהויבן — פֿאַר מיין געוואַגטקייט און אָפֿנהערציקייט, וואָס איך נעם מיר דאָס רעכט רעדן מיט אייך מכוח אַזאַ אינטימן ענין. נאָך אַלעמען זיינען מיר דאָך עפּעס אַלטע, פֿון יאָרן לאַנגע, גוטע פֿריינט.

ווי קומט דאָס, וואָס איר דערלאָזט אייער פּאַניטשקען אזוי פּריי, אומגע־שטערט, פּאַרברייגגען מיט דעם הער קעי? אַלע אייערע פּריינט און באַ־קאַנטע ווייסן און ריידן אָפּן וועגן דעם, אַז צווישן זיי ביידן קומט עפּעס פּאָר, מער ווי פּריינטשאַפּט בלויז... ווי איך זע איז עס פּאַר אייך גאָר קיין איבערראַשונג ניט!... וואָס מיך וואונדערט אַמשטאַרקסטן, פּריינט מילמאַן, וואָס איר ווייזט אַפילו ניט ארויס קיין סימן פון אייפּערזוכט... אָט פּונקט ווי איר וואָלט אייער פּאַניעטשקען גאַרניט ליב געהאַט, אָדער ווי אייך וואָלט עס גאַרניט באַרירט!...

וואָלט איך געוואוסט, אַז איר האָט זי ניט ליב, וואָלט איך מיר די רעטעניש נאָך ווי עס איז דערקלערט. ווייס איך אָבער, אַז איר זיינט אין איר פּאַרליבט ביז משוגעת. איר וואָלט דאָך געטאָן, און טוט פּאַר איר איבערמענטשלעכעס, פּאַר א בלויזן שמייכל אירן צו אייך. און דאָ, זע איך גאָר פון אייך אַזאַ מאָדנע גלייכגילטיקייט. פּאַרקערט, איך מערק גאָר אין אייך לעצטנס, עפּעס אַ מין אויפּגעלעבטקייט און צופרידנקייט. וואָלט איך אייך ניט געקענט און אויך ניט געוואוסט, אַז איר זיינט אַ קלוגער און ערנסטער מענטש, וואָלט איך געהאַט וועגן אייך גאַרניט אַזאַ שמיי־כלדיקע מיינונג. איך טראַכט דעריבער זייער אָפּט וועגן אייך, פּריינט מילמאַן. איך קוק זיך צו צו אַלץ ארום אייך. באַטראַכט אייער רואיקייט און איך באַוואונדער אייך בנאמנות. איר זיינט פּאַר מיר אַן אומדערקלער־לעכע רעטעניש.

אויף מילמאַנען האָבן מיינע רייד גאָר קיין רושם געמאַכט. ער האָט שמייכלנדיק און גוט ברודעריש ארויפּגעלייגט זיין דאַרע האַנט אויף מיין אַקסל, און גוטמוטיק אַ זאָג געטאָן:

— מיך וואונדערט אויף אייך, פּריינט מייקעלסאָן, איר זאָלט אַזוי דיינקען אַז איך דאַרף זיין אייפּערזיכטיק און אַפילו אין כעס אויף מיין פּרויס האַנדלונג? לאָמיר אייך דאָ זאָגן פּריי און אָפּן דעם ריינעם אמת, אַז כ׳בין דאָס אבסאָלוט ניט... פּאַרקערט, כ׳בין איצט אַ סך גליקלעכער און צופרידענער ווי פּריער. זינט פּאַניעטשקע איז באַפריינדעט מיט דעם הער קעי איז זי גאָר אינגאַנצן אַן אַנדערע געוואָרן... מאָדנע ווי ס׳וועט צו אייך קלינגען, אָבער ערשט איצט, האָב איך אָנגעהויבן צו וויסן דעם טעם און פּאַרגעניגן פון צו האָבן אַ שיינע פּרוי. קיינמאָל ווי איצט, — האָט ער כמעט ווי אויסגערופן מיט צופרידנהייט, — האָט זי מיר אזוי שיין באַהאַנדלט און אַרויסגעוויזן אַזויפיל צערטלעכע איבערגעבנקייט. כ׳האָב

דאָך כסדר, דעם גאַנצן לעבן מײַנעם, געדאַרפֿט אויסבעטלען בײַ איר אַ ביסעלע פֿרײַנטשאַפֿט און ליבע. איצט איז זי צו מיר אײַנגאַנצן אַן אַנדערע — אַזאַ גוטע, אַזאַ ליבלעכע, אַזאַ ליכטיקע און פֿײַערלעכע געוואָרן.

נו, פֿרעג איך אײַך, דאַרף איך אומצופֿרידן און אין כעס זײַן אויף איר דערפֿאַר?... ניין, מײַן פֿרײַנט — האָט ער געמיטלעך און מיט פֿרייד פֿאָרגעזעצט דעם געשפּרעך — כ׳האָב אַלע אורזאַכן צו זײַן גליקלעך און צופֿרידן. אין זכות פֿון איר גליק גענים איך אויך אַ ביסל גליק, צו וועלכן איך בין באַרעכטיקט...

צווישן אונדז ריידנדיק — פֿילאָזאָפֿירט ער מיט מיר ווײַטער — ווייסן מיר דאָך, אַז דער אײַפֿערזוכט געפֿיל איז אַ קינד פֿון דעם אייגנטום געדאַנק, מחמת האָסט מורא, טאָמער נעמט מען אַוועק פֿון דיר דאָס וואָס דו באַטראַכסט אַלס דײַן אייגנס. וואָס שייך מיר, בין איך פֿרײַ פֿון דעם געפֿיל, מחמת פּערזענלעך האָב איך מער געוואונען ווי פֿאַרלאָרן... זי, פֿאַניעטשקע, זאָל זײַן אויס דאַנקבאַרקייט צו מיר, פֿאַר דער פֿרײַהייט וואָס איך גיב איר, קומט צו מיר צוריק און ברענגט מיט זיך אַן אומבאַגרענעצטע פֿרייד און גליק, וואָס טראָגט זיך איבער צו מיר. אַ גליק און אַ פֿרייד, נאָך וועלכע כ׳האָב אַ לעבן לאַנג געבענקט און געחלומט...

— אויסהערנדיק זײַנע אָפֿנהאַרציקע רייד איז ער פֿאַר מײַנע אויגן ריזיק אויסגעוואַקסן. איך האָב געזען פֿאַר זיך אַ מענטשן וואָס האָט רואיק און פֿילאָזאָפֿיש זיך אַליין פֿאַנאַנדערגעגלידערט, שלום געמאַכט מיט זײַן מזל און באַהערשט אַ געפֿיל, וואָס וואָלט אַן אַנדערן אויף זײַן אָרט, זייער שטאַרק באַאומרואיקט און כסדר פֿאַרפֿאָלגט.

כ׳האָב זיך דערפֿילט קליין, דערשלאָגן. מײַן עלנטקייט, מײַן בענקשאַפֿט און אײַפֿערזוכט, האָט מיך פֿונדעסטוועגן ניט אָפּגעלאָזן, איז נאָך מער פֿאַרשטאַרקט געוואָרן... אַ שמערצלעכער פֿאַרדרוס און גרויס חרטה אויף מײַנע „ניט באַגאַנגענע זינד״, האָט מיך נאָכדעם אײַנגאַנצן אַרומגענומען און פֿאַרשלונגען...

אַ שמייכלענדיקע, ליכטיקע גרויסע לבנה האָט אַרײַנגעקוקט אין די פֿענצטער און כמעט ווי באַלויכטן דעם האַלב טונקעלן גרויסן קלוב צימער. מיר האָבן זיך אַ הויב געטאָן פֿון אונדזערע זיץ־פּלעצער און זײַנען פֿאַרוויז אַוועק שפּאַצירן אין דערבײַיאיקן וועלדל...

ווען איינער וואַגט

אַראָנסאָן איז אויפֿגעשטאַנען צו זיין באַשטימטער צייט, אין פֿרימאָרגן, גענומען זיין טעגלעכע קאַלטע שפּריץ־באָד, אָפּגעפֿרישטיקט מיט זיין הויזגעזינד ביי אַ שיין געגרייטן טיש, איז אַ פֿריש מונטערער אריין אין זיין „קעדילאַק" און זיך אַוועקגעלאָזט אין שטאָט אריין צו זיין טעגלעכער באַשעפֿטיקונג אין אָפֿיס.

ס'איז געווען ביי אים אַ געוויינלעכע פּינקטלעכע ווידערהאָלונג יעדן אַרבעטס־טאָג אין וואָך. אָוונט צו פֿלעגט ער אויך צו אַ באַשטימטער צייט קומען אַ היים צו זיין פֿרוי און קינדערלעך, וועלכע האָבן שוין געוואַרט אויף אים מיט אומגעדולד און פֿלעגט שוין פֿאַרבלייבן מיט זיי ביז קומענדיקן מאָרגן. אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען, טאָג איין טאָג אויס, מיט דעם געוויינלעכן איינטאָניקן גאַנג פֿון זיין שטיל רואיקן פֿאַמיליען לעבן.

— אַן אידעאַלער מאַן, האָבן ווייבער־שכנים אויף אים געזאָגט, איז ער, און דער פֿרוי זיינער גאָר מקנא געווען.

אַראָנסאָן, אַ זייער שיין געבויטער, הויך געוויקסיקער מאַן, וואָלט אויך געקענט, ווי אַ סך פֿון זיינע אָפֿיס קאָלעגן, האָבן פֿאַרבינדונגען מיט אַנדערע פֿרויען. אין אים, אפֿשר גיכער ווי אין אַנדערע פֿון זיינע באַקאַנטע, וואָלטן פֿרויען זיך פֿאַראינטערעסירט פֿאַר זיין באמת שיין פּנים און הערלאָיש שלאַנק געשטאַלט, ווען ער וואָלט נאָר געוואַגט און אַרויסגעוויזן אַ ביסעלע דערמוטיקונג.

געווען איז ער אַ שטילער באַשיידענער מענטש און ער האָט אַזאַ זאַך ביז איצט ניט געטאָן. ניט מחמת ער האָט געזען אַ „זינד" אין דעם, אָדער אַ פֿאַרברעך קעגן עמעצן. ניין, ס'האָט אים פּשוט געפֿעלט אַפֿילו אין אַ קלענערע מאָס די געוואַגטקייט און אפֿשר חוצפּה, וואָס אַנדערע פֿון זיין גלייכן האָבן געהאַט און אויך אַרויסגעוויזן.

זיין באַשיידנקייט און טיילווייז זיין שטעלונג אין געזעלשאַפֿט, האָט אים מערסטנס צוריקגעהאַלטן פֿון געוואַגטע אַוואַנטורעס.

זיין פֿרוי, אַפֿילו אַ גאַנץ שיינע, אָבער זייער אַ צוריקגעהאַלטענע, האָט אינם לויף פֿון יאָרן, כסדר איינג צוגעבונדענעם לעבן פֿאַרלאָרן פֿאַר אים דעם אינטערעס, צוציאונג און רייץ, וואָס ער האָט געהאַט צו איר אין די ערשטע פּאָר יאָר פֿון זייער צוזאַמענקומען. איצט איז אַלץ געוואָרן אַזוי געוויינלעך, ווי אַ רוטין, — איינטאָניק און רעגונגסלאָז.

נו, ווידער גערעדט מיט דער פֿרוי וועגן די און יענע קלייניקייטן, מכוח געלט זאַכן און באַלעבאַטישקייטן. און נאָכאַמאָל וועגן דעם און יענעם, מיט דער געוויינלעכער אַפּאַטישער גלייכגילטיקייט.

געביינקט האָט ער נאָך יענעם רעגונגס־ציטער, ווי ס׳פֿילט פֿרעמד־מאַן צו פֿרעמד־פֿרוי.

אַ מאָדנע בייַנקשאַפֿט און דורשט נאָך עפּעס נייס, פֿלעגט אים זייער אָפֿט ארומכאַפּן. געפֿילט האָט ער, אַז עפּעס אַ באַנייאונג און דערפֿרישונג אין זיין לעבן, וואָלט געווען פֿאַר אים ווי אַ קילנדיקער באַלזאַם צו זיין אָפֿט צעהיצטער פֿאַנטאַזיע. ס׳וואָלט געווען פֿאַר אים, האָט ער געפֿילט, ווי אַ ווידערגעבורט פֿון זיין יוגנט... זוכן צו מאַכן פֿאַרבינדונגען מיט פֿרויען, האָט אים עפּעס ניט געפּאַסט, אויך אַ ביסל זיך אונטערגעשעמט און דער עיקר זיך געשראָקן. האָט ער מחמת דעם זיך צוריקגעהאַלטן.

צוגעהערט האָט ער זיך פֿונדעסטוועגן צו די אַלע פּיקאַנטע מעשיות און זאַכן פֿון זיינע געשעפֿט קאָלעגן, ווי זיי האָבן געהאַט „גליק" מיט דער און יענער אָפּיס מיידל. אים האָבן אַזעלכע „גליקן" ניט געטראָפֿן. האָט ער זיך מערערע מאָל געוואונדערט, צי איז דאָס זיין שעמעוודיקע באַנע־מונג, אָדער די אַלע רייד זייערע און מעשיות איז אַ „זשעסט" אַזאַ, און אפֿשר גאָר פּשוטע באַרימעריי. כאָטש די דערציילטע מעשיות האָבן שטאַרק געריצט זיין געזונט שטורמיק בלוט און בייַנקנדיקע פֿאַרלאַנגען.

אריינפֿאָרנדיק אין האַרץ פֿון שטאָט, האָט אראָנסאָן, איבער דעם געדרענג פֿון שטאָטישן באַן־פֿאַרקער, געמוזט זיך יעדן מאָל אָפּשטעלן ביים ארויף און אַראָפּקלעטערן פֿון די גאַס־באַן פּאַסאַזשירן. ביי דער וואַרטנדיקער געלעגנהייט האָט ער הונגעריקע בליקן געוואָרפֿן אויף די, פֿאַר די באַן וואַרטנדיקע פֿרויען פּאַסאַזשירן. אין דעם אויגנבליק, ווי פֿון עמיצן אונטערגעטריבן, האָט ער געוואַגט און פּרובירט „מזל" דעם מאָל. אַ האַלב פֿאַרשעמטן איינלאַדונגס בליק, האָט ער מיט אַמאָל אָנגעשטריינגט אויף אַ שיין געקליידעטער גאַנץ סימפּאַטישער יונגער פֿרוי, וועלכע האָט געוואַרט אויף דער שטאָט־באַן, און אין אַן „אויגן־שפּראַך" געפֿרעגט איר, צי זי וואָלט וועלן מיטפֿאָרן מיט אים. די יונגע פֿרוי, צו וועלכער זיין דירעקטע איינלאַדונג איז געווען געמיינט, האָט דעם גוט באַקאַנטן „מאַנס־ביל־בליק" פֿאַרשטאַנען. און כאָטש ניט אינגאַנצן אַנטשלאָסן, דאָך אָנגע־נומען די "אויגן" איינלאַדונג. איז פֿלינק אין „אויטאָ" אריין, געזעצט זיך זייט ביי זייט נעבן אים, און זיי זיינען אָפּגעפֿאָרן.

אַ געוויינלעכע דערשיינונג!

די ערשטע פּאָר מינוטן דאָס געוויינלעכע אומבאַקאַנטע שווייגן, דורכ־וואַרפנדיקע אומצוטרויִלעכע בליקן פון צווי ניט אייגענע געשלעכטער... מאַן און פרוי, צוויי וועלטן, דאָך מיט איין באַרוף, מיט איין געפיל און דראַנג אין לעבן...

— אַ מוראדיקע איינגשאַפּט אין שטאָט — האָט ער פּרובירט פאַר־בינדן אַ גערייד.

— יאָ, — האָט זי מסכּים געווען, און צוגעגעבן, אַז די איינגשאַפּט אויף די גאַס־באַנען איז גאָר אומדערטרעגלעך.

— ס'איז אַן אויסערגעוויינלעך שיין וועטער דעם זומער ביי אונדז — האָט ער פאַרצויגן דעם געשפּרעך.

— וואונדערבאַר שיין — האָט זי מעלאַדיש אויסגעזונגען, און באַ־מערקט, אַז ס'ווילט זיך גאָרניט גלויבן אַז מיר וועלן דאָ ווען עס איז גאָר האָבן ווינטער, רעגנס און שטורמס.

אַראָנסאָן האָט זיין מיטפאָרנדיקע, נאָך אַ קורצן שווייגן, אַ פרעג גע־טאָן וואו זי דאַרף זיך אָפּשטעלן וועט ער איר צופירן צום באַשטימטן פּלאַץ. זי האָט אים, כמעט ווי פאַרשעמט, געענטפערט אַז גאָר קיין באַשטימטן אָרט וואו צו פאָרן האָט זי אייגנטלעך ניט. ער איז פון דעם אומדערוואַר־טנדיקן ענטפער מאָמענטאַן איבערראַשט געוואָרן און האָט צוגעוואָרפן איר אַ פאַרזיכטיק פאַרדעכטיקטן בליק.

— כ'האָב געדיינקט — האָט זי פאַרטגעזעצט איר ענטפער אויף זיין פאַרוואונדערונג — זיך אַ ביסל דורכפאָרן מיט דער שטאָט־באַן ביז אונ־טערן שטאָט און צוריק. כ'האָב זייער ליב די זוניקע פרימאָרגנס אויף די ברייטע פרייע וועגן אויסערן שטאָט!...

— וואָלט איר ניט געווען דאַגעגן — האָט אַראָנסאָן שוין פרייער און מוטיקער זי אַ פרעג געטאָן — איך זאָל אייך דינען אויף דעם אָרט פון דער באַן און פאָרן מיט אייך אלס אייער באַגלייטער צו דעם אומבאַשטימטן פּלאַץ?

— מיט פאַרגעניגן און דאַנק — האָט זי פריידיק אויסגערופן — אויב די צייט דערלויבט אייך נאָר און אייער גוטער ווילן איז פאָר דעם...

— ווי גוט ס'איז דעם מענטשן וואָס זוכט ניט דאָס געוויינלעכע און כסדר פאַראויס באַשטימטע — האָט ער ווי פאַרטראַכט אַ זאָג געטאָן, און גלייכצייטיק זי אַ פרעג געטאָן:

— מעג איך האָבן דעם פאַרגעניגן צו וויסן אייער נאָמען?

— מיין נאָמען איז איוואַ — האָט זי אים כמעט ווי נאַאיוו גלייך

געענטפערט — און אייער נאָמען, אויב ס'איז ניט צופּיל געוואָגט פון מיר אייך צו פרעגן?

אראַנסאָן האָט אויפן מאָמענט ניט געענטפערט. ער האָט זיך אַ ביסל געישעוועט מיטן געדאַנק צי זאָל ער איר זאָגן זיין אמתן נאָמען. ווער ווייס צו וואָס און ווי ווייט ס'קען אים נאָך פאַרפירן?... דאָך, האָט ער מאָדנע צוטרוילעך אַנגעהויבן פילן צו אָט דער פרעמדער און דאָך נאָענטער פרוי.

ווידער אַמאָל איז זיין בליק געפאַלן אָט אויף איר אומשולדיק שיין פּנים, אָט אויף אירע פיין געפורעמטע שלאַנקע פיס, וועלכע האָבן פאַרשפּרעכנדיק־רייצנד דורכגעזען זיך דורך אירע לייב־קאָלירטע זאָקן. ער האָט זיין נאָמען איר געזאָגט און זיי זיינען פאַרמאַל, כאָטש אָן אַ האַנטדרוק באַקאַנט געוואָרן.

דער „קעדילאַק" האָט זיך טייוולעש־שנעל געטראָגן צו דער „אומבאַשטימטקייט" אויף די שיינע גלאַט געפלאַסטערטע וועגן אויסערן שטאָט, אין דער באַגלייטונג פון אַ ריי פּאַלמען, הויכע עקאַליפּטן און ברייט באַצווייגטע פעפער־בוימער, ערטערווייז האָט דער שטאַרקער אַראָמאַט פון די באַלאָדענע פול מיט בליִעכץ, ציטראָנען בוימער, די דורכפאָרער ווי פאַרשיכורט. די קאַליפאָרניער סוף זומער זון, האָט נאָך ליב און וואַרעם געשטראַלט אויף בוים, גראָז און מענטש.

אַ לאַנגן וועג זיינען זיי אָפּגעפאָרן און געשוויגן, ביידע פאַרטראַכט אין געדאַנקען מיט זיך וועגן דער מאָדנער אומדערוואַרטעטער צופעליקער באַגעגעניש. נאָר וואָס באַקאַנט זיך אפילו, האָבן אָבער דערפילט אַ צוטרוילעכע נאָענטקייט איינער צום צווייטן.

אימפּולסיוו, שוויגנדיק, האָבן זיי זיך פאַרשטאַנען, כאָטש זיי האָבן וועגן זיך, וועגן זייער אייגענעם פּערזענלעכן לעבן, מיט אַ וואָרט ניט דערמאָנט, ניט נאָכגעפרעגט גלייך איינער דעם צווייטן, ווער און וואָס זיי זיינען. ס'האָט זיי אָבער מיט עפּעס צוגעבונדן — מיט פעדעם פון בייַנקשאַפט און ניי פריש לעבן, וואָס ס'האָט אין זיי געיערט, אַנגעקליבן זיך און געזוכט אַן אויסגוס, אַ באַפרידיקונג און דערלייכטערונג.

איווא, באַשאַנקען מיט אַלע מעלות פון אַ יונג־שיינער פרוי, וואָס קען ברענגען אַ סך ערדישן גליק און צופרידנקייט, האָט אָבער זייער ווייניק אייגענעם גליק געפונען אין איר פאַרהייראַטן לעבן. „קאָנטראַסטן פאַראייניקן זיך" — אַליין אַן אימפּולסיווע, פול מיט עמאָציעס און בייַנקשאַפט נאָך אַ ראָמאַנטישן לעבן, האָט חתונה געהאַט יונג, אומדערפאָרן, פאַר אַ מאַן אַ פיל עלטערן פון זיך. אַ פאַרמעגלעכער, אָבער אַ זייער טרוקענער

מענטש, האָט ער איר זייער וויניק יוגנט־גליק געבראַכט און כמעט ווי גאָרניט צוגעטראָגן צו דערפילן אירע מיידלשע יוגנט חלומות. איר ראָ־מאַנטישע נשמה האָט געביינקט און זיך געריסן נאָך דעם, וואָס זי האָט אין איר יונג לעבן ניט געפונען.

אירע מיידלשע יוגנט חלומות זיינען שוין באַלד געווען כמעט ווי פאַרוועלקט, ניט האָבנדיק די אָפּפרישונג פון יענעם ציטער, פון איבער־לעבטע זיסע חלומות און זכרונות.

די באַגעגעניש מיט אראַנסאָנען האָט אין איר אויפגעוועקט דעם מיידלשן בייגקען פון דעם לעטאַרגן־שלאָף, איר אריינגעפירט אין אַ וועלט פון יוגנטלעכן ראָמאַנסירן און ארויסגערופן די נאָך איבערגעבליבענע אין איר שפורן פון מיידלשער איבערגעגעבן־רירעוודיקער לעבעדיקייט.

ווי אַ זאַפטיקע רייפע פרי, וועלכע מוז פון בוים ארונטערגענומען ווערן אין צייט, איידער ס׳ווערט צו שפעט, כדי זי זאָל צו דער ערד ניט אַרונטערפאַלן, אַ געשעדיקטע און אַ פאַרלאָרענע פאַר דעם מענטשלעכן געברויך, אַזוי איז איוואַ, פול מיט ווייבלעכע רחבות און אַ דורשטיק־זוכנדיקע נאָך אירס אַ גלייכן, האָט זי ווי פון גאָט צו איר געשיקטן אראָנ־סאָן, אים מיט צאַרטער ליבע־פרייד באַגעגנט און אויפגענומען.

איוואַ איז צו אראַנסאָנען געווען אַן איבערראַשענדע אַנטפּלעקונג. אַ לאַנג פאַרטראַכטער חלום איז פאַר אים פּלוצלינג, גאָר אומדערוואַרטעט, מקוים געוואָרן. דאָס וואָס ער האָט פאַר זיך די גאַנצע צייט געמאָלן אין זיין פאַנטאַזיע, אַז אזוי אַ דאַרף אַן עכטע פרוי און געליבטע זיין, איז זי, איוואַ, טאַקע אַזוי געווען — צאַרט אין איר האַלטונג און באַנעמונג, עכט און אימפּולסיוו אין איר ליבע. אַן חשבונות און אַן אויסרעכענונגען איז זי אים געוואָרן נאָענט, פריי און אינטים. ערשט איצט האָט ער אָנגע־הויבן צו באַנעמען דעם עכטן תענוג פון זיין ליבע און די נייע פאַר אים איבערלעבונג, האָט אים געפירט צו דעם, ער זאָל די פרוי בכלל אַנהויבן אַנדערש און בעסער פאַרשטיין.

ביז דער באַגעגעניש מיט איוואַן, האָט ער וועגן פרויען געהאַט עפּעס אַ מין נעפּלדיקע פאַרשטעלונג. ניט האָבנדיק ביז איצט קיין פאַרבינדונג מיט אַנדערע פרויען, האָט זיך געשאַפן ביי אים אַ באַגריף איבער זיי, לויט דער כאַראַקטעריסטיק און טעמפּעראַמענט פון זיין אייגענער פרוי. לויט איר, האָט ער די מערסטע פון די פרויען, געאורטיילט. ער האָט זיך משער געווען, אַז די פרוי בכלל איז בטבע פון דער נאַטור מער צוריק־

געהאַלטן, ווי דער מאַן. און ניט נאָר איז דאָס אַזוי צווישן דעם מענטש־לעכן מין, נאָר אויך איז דאָס אַזאַ נאַטור־געזעץ אַפּילו ביי חיות. ס׳איז דער „ער״ דער ערשטער, דער פּרייערער, דער געוואַגטערער און דער אָנגרייפנדיקער. נו, האָט ער שוין כמעט ווי שלום געמאַכט מיטן געדאַנק און מיט זיין גרויען, ביז איצטיקן, גאַנג פון לעבן. מסתמא דאַרף דאָס אַזוי זיין, אַזוי איז דער סדר פון לעבן. ער האָט פאַר זיך אויסגעאַרבעט אַן אייגענע פילאָזאָפיע בנוגע דעם ענין. דאָס הייסט, די מערסטע פרויען, האָט ער געטראַכט, זיינען אפשר גוטע און געטרייע מאַמעס צו זייערע קינ־דער, אָבער ווייט פון צו זיין אמתע געליבטע. וואָס געטרייער די מאַמע, וויניקער געליבטע איז זי. אין אַזאַ ליכט האָט ער דעם ענין געזען.

נאָכדעם ווי ער האָט אַנטפּלעקט זיין איוואַן און געפונען אין איר די פאָלקאָמענע פרוי אין איר פולער עכטקייט, האָט ער שוין אָנגעהויבן אַ ביסל צו ספקן אין דער ריכטיקייט פון זיין אייגענער פילאָזאָפיע. ערשט איצט, אין דער אַנטדעקונג פון דער פרוי האָט ער אויך זיך געפונען. ער האָט דערזען די פרוי אין אַן אַנדער זין און געשטאַלטונג, חוץ אין דער ראָלע פון דער אייביקער מוטער.

אַ באַנייטער און עפּעס אַזאַ זיגרייכער האָט ער זיך דערפילט אויף גאָטס ערד, זינט ער האָט זיך מיט איוואַן באַגעגנט. ער האָט אָנגעהויבן קוקן אויף דער וועלט מיט אַנדערע אויגן, מיט אויגן פון קלוגשאַפט און דערפאַרונג. דרייסט און מוטיק איז ער נאָכדעם געוואָרן אין זיין באַנע־מונג ביי אַ באַגעגעניש מיט אַנדערע פרויען. עפּעס איז ווי אָפּגעווישט געוואָרן פון אים די ביז איצטיקע שעמעוודיקייט און באַשיידנקייט זיינע. מיט אַ שטאָלץ זיגערישן בליק, האָט ער באַטראַכט יעדע צו אים סימפּאַ־טישע פרוי.

די וועלט האָט ליב דעם געליבטן, און פרויען — דעם געוואַגטן...

אַראָנסאָן האָט געוואַגט, און אַלס פועל יוצא פון דעם, האָט ער זיך אַ סך געענדערשט און אויך די באַציאונג צו אים, מצד פרויען, אין זיין געזעלשאַפט, האָט זיך אויך אַ סך געביטן.

ווי אַ דורשטיקער צו אַ קוואַל וואַסער, אַזוי האָט אַראָנסאָן זיך צוגע־כאַפּט צום קוואַל פון לעבן. ווי אַן אויסגעהונגערטער וואָס קען זיך צו זאַט ניט אָנעסן, אַזוי האָט ער מיט אַ תענוגפולער הנאה זיך איבערגעגעבן אינגאַנצן צו זיין נייער פאַר אים איבערלעבונג.

די נאַטור בלייבט ניט קיין בעל־חוב — זי גיט דעם זינדיקן זיין שטראָף, און דעם געקריוודעטן, זיין גאָב פון פאַרלוסט...

אראַנסאַן האָט זיך געפֿילט, אַז ער איז געווען געקריוודעט אין זיין לעבן. ער האָט ניט געהאַט גענוג פֿון דעם גליק וואָס ס׳איז אים געקומען, לויט ווי ער דיינקט. ער האָט געדאַרפֿט ארויסקריגן אין דעם לויף פֿון זיין לעבנסגאַנג. באַזונדערס האָט ער עס דערפֿילט, זינט ער איז מיט איוואן. ציט ער אַ פּאַראַלעל צווישן זיין נעכטן און היינט, צווישן איוואַן און זיין פֿרוי, ווערט פֿאַר אים קלאָר און פֿארשטענדלעך זיין איצטיקער פֿריידיקער געמיט צושטאַנד. ס׳זינגט אין אים זיין האַרץ פֿון פֿרייד און ער קוקט איצט אויף דער וועלט מיט אויגן פֿון אָפּטימיזם, מיט זינלעכקייט, מיט תוך און גלויבן.

מאַכנדיק מיט זיך אַזאַ מין חשבון הנפֿש, איז ער אויך געקומען צום אויספֿירלעכן געדאַנק, אַז אייגנטלעך האָט ער ביז איצט כמעט ווי ניט געלעבט! ס׳הייסט, געלעבט האָט ער, ווי אַ סך אַנדערע ווי ער, געקריוו־דעטע, ניט האָבנדיק קיין פֿאָלקאָמענעם, צופֿרידענעם לעבן...

אמת, אראַנסאַן איז געווען גוט עקאָנאָמיש פֿאַרזאָרגט. ער האָט פֿון אַלץ געהאַט אין וואָס ער און זיין פֿאַמיליע האָט זיך באַנויטיקט: אַ שיינע היים, אַ קליינעם פֿאַרמעגן וואָס האָט אים, מער וויניקער, פֿאַרזיכערט אויף אַ „רעגנדיקן טאָג״. צו גרויס־רייכטום האָט ער קיינמאָל ניט געהאַט קיין צו גרויסן דראַנג און פֿאַרלאַנג. ער האָט געהאַלטן אַז רייכטום האָט נאָך קיינמאָל ניט געבראַכט קיין עכטן פֿאָלקאָמענעם גליק. דער רוב מענטשן וועלכע יאָגן זיך נאָך רייכטום, לעבן אין אַ „נאַר׳ס גן־עדן״, מיט דער אילוזיע, אַז דאָס איז גליק. ער פֿלעגט דעריבער ניט זעלטן מיט זיך אליין פֿילאָזאָפֿירן, גריבלען זיך אין דער אייביק שווערער פֿראַגע: וואָס איז גליק? און ער האָט קיינמאָל, ביז איצט, קיין באַפֿרידיקטן ענטפֿער פֿאַר זיך געפֿונען.

מיט דעם אריינטרעטן פֿון איוואַן אין זיין לעבן, האָט ער מיט אַמאָל געפֿונען פֿאַר זיך דעם שליסל צו אָט דער האַרבער פֿראַגע. ער האָט דערזען איצט דעם לעבן אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט, אין אַ העלערער פּע־רעספּעקטיוו.

אין אַ געהויבענער שטימונג, אַ באַפֿליגלטער, כסדר אַ זינגעוודיקער טראָגט ער אויף זיינע ליפּן די ווערטער:

גליק איז די ליבע פֿון אַ צערטלעכער פֿרוי,
וואָס באַגערט דיך מיט פֿריידיקן ציטער;
און איז דיר אַ חבר, אַ פֿריינט און געליבטע,
און דו ביסט איר מוטיקער ריטער.

און האָסטו אַ היים, איז עס דיין הייליק געצעלט;
וואו דו געפינסט דאָרט אַ וואַרעמע רו,
און אטעמסט מיט גליק, מיט שפּעקע פרייד,
אין אַ געגנוספּולער ליבנדער שעה...

אין דעם איצטיקן מאָמענט, האָט אראַנסאָן זיין לעבן־לאַנג געזוכטן גליק, אין דער צאַרטער ליבנדיקער איוואַן, ענדלעך געפונען.

דער חקרן

פאָגעלמאַן, אַ פאַרמעגלעכער אַלטער בחור, קרוב צו פערציק, איז געווען אַ בן־בית, כמעט אַ טעגלעכער באַזוכער ביי די ראָטשטיינס. ער פלעגט זיך ביי זיי פילן גאָר היימיש, ווי ביי זיך אין דער היים. פלעגט דאָרטן עסן, טרינקען, פאַרברענגען מיט זייערע קינדערלעך און אויך ארויסהעלפן די ראָטשטיינס מיט אַ הלוואה אין צייט פון אַ נויט. אַ סך פון זייערע באַקאַנטע האָבן ניט אַנדערש געדיינקט, אַז ער איז זייערער אַ נאָענטער קרוב. פאָגעלמאַן האָט זיך ביי זיי געפילט מערער ווי אַזעלכער. די ראָטשטיינס זיינען געווען די איינציקע וועלכע האָבן געוואוסט אַלע אייני צעלהייטן פון זיין אָרט לעבן. פאַר די מערסטע אָבער איז ער געווען אַ פאַרשלאָסענער סוד: אַ שווייגער, אַ אין־זיך איינגעשלאָסענער מענטש בטבע, האָט קיינער פון אים ניט געוואוסט וואָס ער איז, ווען ער איז, און מיט וואָס ער באַשעפטיקט זיך. איין זאַך האָט מען יא אויף אים אָנגעזען, אַז ער איז כסדר שיין געקליידט, פאָרט אַרום אין אַ רייכן אויטאָמאָביל, באַוואוינט אַ גאָר פיינעם אַפּאַרטמענט און איז זייער צוגעבונדן צו דער פאַמיליע ראָטשטיין.

איז פאָגעלמאַן, הייסט עס, ווי די מעשה דערציילט זיך, אַ הויז פריינט געווען, און ווי אין די מערסטע פאַלן, זיינען הויז פריינט זייער ניצלעכע מענטשן, איבערהויפּט מאַכן זיי זיך ניצלעך פאַר דער פרוי אין הויז. אין אונדזער פאַל דאָ איז פאָגעלמאַן ניט געווען קיין אויסנאַם, ער האָט זיך זייער ניצלעך געמאַכט. ער פלעגט פאָרן מיט דער פרוי ראָטשטיין, אָדער עדנאַ ווי ער פלעגט זי כסדר רופן, איינקויפן זאַכן און באַלעבאַטישקייטן, פלעגט אַוועקפירן די קינדערלעך אין שול און בכלל באַזאָרגן כמעט אַלץ

פאַר די ראַטשטיינס מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט און פּינקט־לעכקייט.

געוויס וועט זיך דער לייענער אַ טראַכט טאָן, מסתמא אַ ליבע צווישןביידע. ווארים ווי אַנדערש? אַזוי איז שוין די וועלט פון ששת ימי בראשית. דאָרט וואו ס'איז פאַראַן אַן „ער" און אַ „זי" מוז נאַטירלעך אויך זיין דאָס ביסעלע ליבע מיט אַלע אירע אַטריבוטן.

פאַגעלמאַן האָט אָבער ניט סתם ליב געהאַט עדנאַן — אָט ווי אַ מאַנסביל ליבט אַ פרוי, נאָר מיט יעדן פיבער פון זיין נשמה האָט ער זי ליב געהאַט. פלעגט זי פאַרהערלעכן און באַזינגען אין די שטילע שעהן פון זיין איינזאַמען אַלט־בחורשן לעבן. פלעגט מיט בייִנקעניש און צאַרטן ציטער זען איר שיין געשטאַלט פאַר זיך יעדע מינוט פון זיין וואַך זיין, וואו ער זאָל זיך ניט געוועזן געפינען. איינמאָל, ווען עדנאַ האָט אין אַ פריידיקן שפּילעוודיקן מאָמענט, אים פּלוצלינג אַ קוש געגעבן, האָט ער אַ צייט לאַנג געפילט איר נאָענטע באַרירונג, געשפּירט דעם זיסן טעם פון אירע ליפּן און ניט זעלטן אין זיין פאַרשטעלונג ארויסגערופן די איבער־לעבונג און געפילט דעם זיסן, זאַפטיקן טעם פון איר קוש.

אַן אויסערגעוויינלעכע ליבע פון אים צו איר, האָט אָבער אַפּנים זיין הייסע ליבע ניט געפונען אַפילו קיין שוואַכן אָפּקלאַנג אין איר נשמה. זי איז געבליבן קאַלט און גלייכגילטיק צו אים. פלעגט ער דעריבער זיך זעטיקן מיט בלויזן קוקן אויף איר שיינעם געשטאַלט, באַוואונדערן אירע מילדע שמייכלענדיקע אויגן, אירע פעך שוואַרצע האָר, אַ חן גריבעלע אין איר רעכטער באַק, אירע שיין געפורמטע פיס אָדער גאָר דעם זוים פון איר קלייד. יאָ, ער האָט זי געליבט אזוי צאַרט, אַזוי דין און איידל ווי דער טייערער, פיינער און צאַרטער פאַרפיום אירער, וואָס ער פלעגט איר, ניט זעלטן, אַלס מתנה ברענגען. אזוי האָט ער זי געליבט, ווי יעדער באַשיידענער סענסיטיווער פאַרליבטער, וואָס לעבט לעת־עתה נאָר מיט זיסע אָבער שמערצלעכע האָפנונגען אויף דעם בקרובדיקן רעאַליזירטן חלום זיינעם.

וואָלט פאַגעלמאַן געווען פון דעם סאָרט מאַנסבילן, וואָס זיינען שטאַרק צודרינגלעך צו זייערע געליבטע — אַמאָל מיט געבעט, מיט שטילן גע־וויין, מיט ליבע צאַפּלעניש, וואָלט אפשר די גוטע, צאַרטע עדנאַ, ביי אַן אינטימער געלעגנהייט, דאָך מיט אַ ביסעלע ליבע אים באַגליקט — אַ „נדבה" געשאָנקען, אָדער ווי מ'באַגיטיקט אַמאָל מיט עפּעס אַ גוטן, נאָענטן פריינט... האָט ער אָבער קיין בעטלער ניט געוואָלט זיין און קיין „נדבות"

געוואָלט נעמען. האָט ער דארום געדולדיק געוואַרט אויף דער צייט און מאָמענט ווען זיין הייסע ליבע וועט אויך ביי איר מיט פריידיקן באַגער געענטפערט ווערן. ביז דאַן וועט ער וואַרטן, מעג דאָס וואַרטן ווי שמערצלעך און קראַנקהאַפטיק זיין.

צו עדנאַן ווידער, איז פאַגעלמאַן באמת געווען ווי אַ היילנדיקער באַלזאַם צו איר צעווייטיקט האַרץ פון דעם וואָס ראַטשטיין, איר מאַן, וועמען זי האָט אַזוי שמערצלעך און איבערגעבן ליב געהאַט, איז צו איר אַזוי מאָדנע גלייכגילטיק, און זי שטייט נאָך פון אים אויס אויך, ניט ווייניק באַליידיקונגען. זי ווייסט ניט ווארום און פאַרוואָס דאָס קומט איר. דאכט זיך זי איז צו אים אַ גוטע פרוי און געטרייע מוטער צו די קינדער, און אַ שיינע אויך, אָבער זיין האַלטונג לעצטנס צו איר איז כמעט ניט איבערצוטראָגן. כסדר אַ ברוגזער, איז ווי אַ פרעמדער אין הויז און צו די קינדער. ער איז פונקט דער היפוך פון פאַגעלמאַן. זאָל דאָס זיין דערפאַר וואָס ער, ראַטשטיין, איז דער געזעצלעכער, אייגענער מאַן אירער און האָט דעריבער כסדר די געזעצלעכע רעכט און פרייהייט אויף איר ליבע ביז איבערזעטיקונג ?... ווי עס זאָל ניט זיין, איר ווייטיקט דאָס האַרץ, און ניט זעלטן ווינטשט זי זיך, הלואי וואָלט זי געהאַט כאָטש אַ צענט־חלק געפיל פון ליבע וואָס זי האָט צו ראַטשטיינען, פאַר פאַגעלמאַנען, וואָלט זי באמת געווען צופרידן און אפשר גליקלעך. זיינען אָבער מאָדנע, זייער מאָדנע די וועגן פון ליבע...

די צייט איז זיך געגאַנגען לעת־עתה אַן וועלכן עס איז איבערבייט. פאַגעלמאַן האָט געדולדיק געוואַרט, גענעסטלט און געוואַרעמט זיין גרויסע ליבע צו עדנאַן. עדנאַ האָט אין איר גרויסער זאָרג און פאַרצווייפלונג געוואַרט אויף אַ נס. עפּעס וועט מוזן געשען, אָדער זי וועט זיך נאָך ווען עס איז איינליבן אין איר פריינט פאַגעלמאַנען, כאָטש נאָענט פון דעם פילן. אָדער ראַטשטיין, איר מאַן, וועט אַנדערש ווערן. איינס פון דיביידע וועט מוזן געשען. אַזוי אַנהאַלטן וועט זי לייגער ניט קענען.

— פאַגעלמאַן, ווארום האָט איר ניט חתונה ? — האָט ראַטשטיין איינמאָל זייענדיק מיט פאַגעלמאַנען אליין, און אין אַ באַזונדער גוט אויפגעלייגטער שטימונג, צו אים זיך אָפּגערופן. — אַזאַ מענטש ווי איר, געזונט און פאַרמעגלעך, קען אויסהאַלטן ניט נאָר אַ ווייב אליין, נאָר אפילו מיט אַ פּאָר קינדערלעך אויך, און עס זאָל זיי אַלעמען גאָרניט פעלן, זאָל גאָר פאַרבלייבן אַן אַלטער בחור. איך פאַרשטיי אייך ניט באמת!

— איר ווייסט, פריינט פאָגעלמאַן, כ׳האָב פאַר אייך אַ זייער פיינעם שידוך! אַ יונגע, שיינע פרוי, וועלכע וואָלט צו אייך, אַזאַ שטילן, באַשיידענעם מענטשן, זייער געפּאַסט. זי איז אויך אַ שטילע, אַ צוריקגעהאַלטענע, ניט קיין פאַרשייטע און אַ שיינע דערצו. האָט אַפילו אַ פּאָר קינדערלעך, אָבער דאָס שאַדט גאָרניט. איר האָט ליב קינדער, ניט אמת? אין צוגאָב וועט איר ווערן אַ פאַרטיקער טאַטע אָן זאָרגן און אָן קאָפּדרייעניש... איך בין זיכער, אַז איר וועט ניט נאָר זי הויך שעצן אַלס מענטש, נאָר טאַקע אמתדיק ליב האָבן. און דאָס איז דאָך דער עיקר, זאָגט איר. אָבער זייט ניט קיין חקרן און פאַרפילאָזאָפירט ניט די איצטיקע געלעגנהייט וואָס קלאַפּט אין אייער טיר...

פאָגעלמאַן האָט אים אַ ביסל ניט צוטרוילעך און מאָדנע אָנגעקוקט. ס׳האָט אים שטאַרק געוואונדערט, וואָס ראָטשטיין האָט זיך מיט אים אַזוי פריי און אָפנהאַרציק, גאָרניט לויט זיין טבע, פאַנאַנדערגערעדט וועגן דעם ענין. דאָס איז צום ערשטן מאָל פאַר די עטלעכע יאָר פון זייער באַקאַנטשאַפט וואָס זיי האָבן גערעדט אַזוי פריי און אינטים. דאָך האָט ער, נאָך אַ קורצן ישוב הדעת, זייענדיק אַליין אויך דאָס מאָל אויפגעלייגט און רעדעוודיק האָט ער איצט פאַר ראָטשטיינען פאַנאַנדערגעלייגט זיין גאַנצע פילאָזאָפיע:

— איך גלויב — האָט ער ערנסט אָנגעהויבן ריידן — אַז איר ווייסט מיין מיינונג וועגן דער אַזויגערופענער היראַט. און איך גלויב אויך, אַז איר ווייסט, צו זיין אָפנהאַרציק מיט אייך, אַז איך האָב ליב אייער עדנאַן און וועל זיך מיט קיינעם ניט פאַרבינדן, סיידן ס׳וואָלט געווען אַ געגנזייטיקע ליבע. פון אייער שידוך, ווער זי זאָל דאָרט ניט זיין, קען דארום קיין רייד ניט זיין. איך בין נאָך, ווי איר זעט, אַלטמאָדיש. איך האַלט נאָך אַלץ אַז אמתע ליבע איז דער עיקר און ס׳איז דאָס איינציקע שיינע אין אונדזער לעבן, וואָס קיין קריטיק צו דעם איז נאָך לעת־עתה ניט אָנגעווענדט געוואָרן. ליבע, מיין פריינט, איז דער עצם פון לעבן, אָן ליבע האָט דאָס לעבן ניט ווערט קיין זאַק מיט זעגעכץ... דאָס וואָס מענטשן רופן עכטער גליק, מיינען זיי מער די ליבע איידער רייכטום. די איינציקע צרה — איז פאָגעלמאַן הינגעריסן געוואָרן פון זיין פילאָזאָפיע — וואָס מענטשן ריידן זיך איין אָפטמאָל אַז זיי ליבן, און דעריבער זיינען אַ סך ליבעס געבויט אויפן געדאַנק און ווייניק אויף דער נשמה. און דאָרט וואו עס פעלט נשמה, פעלט אויך לעבן. דעריבער זיינען טאַקע אַזוי ווייניק גליקלעכע, ליבנדיקע פּאָרלעך פאַראַן. די מערסטע פירן אַ מיאוסן, טרויעריקן, מיזעראַבעלן און אינטריגאַנטישן לעבן...

— יאָ, איך ווייס אייערע אַבזיכטן מיר צורײדן צו הייראַטן זייענדיק אַן אמת פֿריינטלעכע, אָבער דאָס איז פֿאַר מיר אוממעגלעך. צו נעמען סתם אַ פֿרוי, פֿאַר אַזאַ מענטש ווי איך בין, מיט אַזאַ קריטישן בליק אויפֿן לעבן, מיינט זיך פּשוט אונטערוואַרפֿן צו פֿאַרשיידענע קאַפּריזן פֿון דער פֿרוי, און באַרויבט ווערן פֿון אַ סך פֿרייהייטן מיינע.

— שטעלט איך פֿאָר, פֿריינט ראָטשטיין, איך זאָל דאַרפֿן אַריינברענגען אַ פֿרוי צו מיר אין הויז, וואו אַלץ איז איינגעאָרדנט געוואָרן לויט מיין אייגענעם ווילן און געשמאַק, און צו אַלץ וואָס איך האָב מיר ביז איצט איינגעוואוינט וועט מוזן געמאַכט ווערן אַן איבערבייט, כ׳וועל מוזן טאָן זאַכן וואָס כ׳וואָלט, ווען איך בין אליין, ניט געטאָן. איך וועל מוזן גיין שפּאַצירן, ווען מיר ווילט זיך דווקא זיצן אין הויז, אָדער פֿאַרקערט, זיין אין הויז ווען כ׳וויל שפּאַצירן. זי וועט וועלן ריידן צו מיר ווען מיר ווילט זיך גראַד שווייגן, זיין מיט זיך אליין. איר ווילט זיך עפֿענען אַ פֿענצטער, ווען איך פֿיל קיל — ריידנדיק האָט ער זיך אויפֿגעהויבן און צוגעמאַכט דאָס פֿענצטער נעבן אים — אָדער פֿאַרמאַכן דאס פֿענצטער ווען איך פֿיל וואַרעם און איר איז קיל. איך, ווייסט איר דאָך, האָב ליב גוטע מוזיק, אַ סימפֿאָניע און זי מסתמה אַ נאַרישע „מואווי”, און אַזוי זיינען פֿאַראַן צענדליקע אַנדערע קלייניקייטן און גרויסיקייטן וואָס פֿירן צו רייסערייען און קריג. סתם נעמען און חתונה האָבן, אָן איבערלייגונג, דאָס קענען נאָר טאָן יונגע מענטשן, וועלכע גריבלען זיך ניט, חקירהן ניט, האַנדלען נאָך זייערע יונגע אימפּולסן און פֿאַרלאַנגען. איך דיינק, אַז איך וועל שוין אַזוי, ווי ביז איצט פֿאַרבלייבן, איך קען מיר ניט באַשליסן אויפֿצוגעבן מיין פֿרייהייט, וועלכע איז מיר אַזוי טייער, און פּלוצלונג אָנהויבן טראָגן אויף זיך אַ יאָך פֿון זאָרג און אחריות. ניין, מיך קען סתם אַ פֿרוי ניט אימפּאָנירן. מיין באַדינג צום אַלעם ערשט איז אויפֿריכטיקע ליבע. און דאָס איז אַ זאַך וואָס מ׳קען ניט, מיר ניט, דיר ניט, באַקומען ערגעץ אָדער קויפֿן... איר פֿאַרשטייט?...

— יאָ, פֿריינט פֿאָגעלמאַן — האָט ראָטשטיין אונטערגעכאַפּט מיט חשק דעם פֿאַרצויגענעם שמועס — ווי וואָלט אָבער געווען, למשל, אַז די ווייבל, וואָס כ׳האָב בדעה אייך צו שדכנ׳ען וואָלט איר יאָ געליבט? און צו זיין טאַקע אָפֿנהאַרציק מיט אייך, אַזוי ווי איר זייט מיט מיר, האָט איר זי שוין פֿון לאַנג ליב...

די לעצטע ווערטער האָט ראָטשטיין בכיוונדיק אויסגעצויגן און זיך באַמיט אַריינצולייגן אַ מיין און קלאָרקייט, אַז פֿאָגעלמאַן זאָל אים ריכטיק פֿאַרשטיין.

פֿאַגעלמאַן איז מיט אַמאָל געבליבן שטיין פֿאַרווירט און צעטומלט. ער האָט אויפֿן מאָמענט ניט געקענט באַגרייפֿן וואָס ראָטשטיין מיינט מיט דעם, און וואָס וויל דער מענטש האָבן פֿון אים. רעדט ער דאָס אים ניט זיין אייגן ווייב אַ שידוך? איר, ערנאַן! דער צו וועלכער ער איז צוגע־בונדן מיט יעדן פֿיבער פֿון זיין וועזן, דער וועלכער ער האָט ליב מיט דעם גאַנצן פֿייער פֿון זיין נשמה?... און ווי איז דאָס בכלל מעגלעך? ניט אַנדערש אַז דער מענטש איז געווירט פֿון זינען. אפֿשר וויל ער מיט אים פּראָווען אַ ביסל לצנות, אָדער גאָר אויספּרובירן מיט עפּעס וויל ער אים?... און אפֿשר איז ער אים סתם חושד אין זאַכן אין וועלכע ער איז לחלוטין אומשולדיק? אַן אָנשטויס פֿון כלערליי געדאַנקען, איינער משו־נהדיקער פֿון צווייטן האָט אים אין לויף פֿון די פּאָר מינוטן ארומגעכאַפּט, און ער איז פֿאַר דעם מאָמענט געבליבן אָן לשון. שאקירט און דערשטוינט פֿון דעם לעצטנס אָנדייט האָט ער צו זיך כמעט ניט געקענט קומען.

ראָטשטיין האָט אויסגענוצט די איצטיקע געלעגנהייט. איינמאָל האָט ער שוין פֿאַרפֿירט און אָנגעהויבן מיט אים דעם געשפּרעך, האָט ער שוין דעם מאָמענט ניט אָפּגעלאָזן, נאָר פֿאָרטגעזעצט ווייטער און טיפֿער צו וועבן זיין פֿאַרטראַכטן פּלאַן. זיין צונג איז אים איצט, מער ווי כסדר, לויז געוואָרן און ער האָט אַן אָפּהאַלט גערעדט וועגן דער גוטסקייט און באַקוועמלעכקייט פֿון דעם פֿאַרהייראַטן לעבן בכלל און דער עיקר וואָס פֿאַר אַ גליכע, צוגעפּאַסטע פּאָר זיי, ער און עדנא, וואָלטן געווען.

— פֿאַגעלמאַן — האָט ראָטשטיין מיט אַ ווייכקייט אין זיין שטים פֿאָרטגעזעצט די רייד — איר דאַרפֿט און איר מוזט אַזאַ שריט מאַכן. דאָס ראָט איך אייך אַלס אַ גוטער פֿריינט. ס'איז טאַקע אמת, איר זיינט פֿאַר־מעגלעך און מאַטעריעל גוט פֿאַרזאָרגט. אָבער צווישן אונדז ריידנדיק, איר האָט ניט קיין היים, ניט נאָר אין פֿיזישן זין פֿון וואָרט נאָר אַפֿילו אין מאָראַלישן און אינטעלעקטועלן. איר האָט ניט קיין באַזיס, קיין רו, עלנד אויף גאָטס ערד. אַ פּאַסנדיקע ליבענדע פֿרוי וועט אייך געבן אַלץ אין לעבן, אָבער אום גאָטס ווילן, גריבלט זיך ניט, פֿילאָזאָפֿירט ניט. פֿאַר־געסט ניט, מיין פֿריינט, אַז איר ווערט ניט אינגער און מ'לעבט ניט אייביק. האַלט די וועלט צוזאַמען און שאַפֿט נייע וועלטן... איר דאַרפֿט נאָר מושווה ווערן מיט זיך און פּרובירן אייער מזל, דאָס איבריקע וועט שוין פֿון זיך אליין קומען.

— וואָס איז שייך עדנאן — האָט ראָטשטיין מיט אַ באַזונדערע באַ־גייסטערונג אָנגעהויבן וועגן איר זינגען לויב געזאַנגען — האָט איר גאָר קיין באַגריף ניט וואָס פֿאַר אַ וואונדערבאַרער מענטש און כאַראַקטער זי

איז. זי איז גוט, ערלעך און איבערגעבן. אַן אמתע, גוטע, זיסע נשמה. און אַז זי איז שיין איז דאָך איבריק אייך צו דערציילן. קורץ, זי וועט אַ גליק זיין פאַר אייך, דאָס זעלביקע איר פאַר איר...

פאָגעלמאַן איז די גאַנצע צייט, בשעת ראָטשטיין האָט מיט באַגייס־טערונג געהאַלטן אין איין ריידן, געווען ווי אין אַ דעליריום. ער האָט ניט געגלויבט, אַז זיינע אייגענע אויערן הערן די דאָזיקע רייד. ניט אַנ־דערש זיין פאַרשטאַנד נאַרט אים אָפּ. אים איז עפּעס דער גאַנצער ענין געוואָרן זייער קשהדיק. דאכט זיך אַן אויסערגעוויינטלעכע באַוואונדערונג און באַגייסטערונג פאַר זיין אייגענער ווייבס שיינקייט און גוטע מידות, און דאָך וויל ער, ראָטשטיין, זיך פון איר באַפרייען...

דעם לעצטנס רייד האָט אויף פאָגעלמאַנען געמאַכט פונקט אַ פאַר־קערטע ווירקונג. ניט ווי ראָטשטיין האָט זיך משער געווען. צו ביסלעך, גראַדנווייז האָט זיין דיינקען און פילן, אַפילו בנוגע עדנאַן, אַנגענומען אַ מאָדנע מעטאַמאָרפאָזע. דער חקרן האָט אין אים זיך דערוועקט און אָנ־געהויבן ארויסברייינגען פאַר אים פאַרשיידענע ספיקות און אַרגומענטן, און עפּעס אַ גאָר מאָדנער פרעמדער געפיל צו עדנאַן האָט זיך אָנגעהויבן צו ביסלעך צו אים אריינגנבענען, אַ געפיל פון דערווייטערונג און פאַרזיכט האָט אים פלוצלינג אַרומגענומען. דער זיידן־שטאַרקער פאָדעם, וואָס האָט אים געהאַלטן אזוי שטאַרק צוגעבונדן צו עדנאַן, האָט מען ווי מיט אַ שאַרף פון אַ מעסער פלוצלונג אומרחמנותדיק איבערגעשניטן... פאָגעלמאַן האָט מיט אַמאָל אָנגעהויבן גריבלען זיך אין דעם קנויל פון זיינע ספיקות און געדאַנקען, גענומען רעכטפערטיקן זיי.

— ממה נפשך: מיינט ער, ראָטשטיין, באמת און ערנסט מיט דעם אַלץ וואָס ער האָט נאָר וואָס דאָ געזאָגט, אין וואָס איך בין שוין מער ניט אין ספק, צו וואָס, אויב זי איז טאַקע אזוי גוט, פיין, פרום און איבערגעבן, צו וואָס וויל ער, ראָטשטיין, פון איר פטור ווערן? און וואָלט זי טאַקע געווען אַזאַ מלאך ווי ער האָט זי געשילדערט, וואָלט ער, ראָטשטיין, פאַר אַ שידוך מיר זי ניט גערעדט, נאָר וואָלט זי גיכער פאַר זיך אַליין געהאַלטן. און אויב זי איז ניט גוט פאַר אים, מיט וואָס בין איך דאָס אזוי זיכער אַז זי וועט זיין גוט פאַר מיר? און אויב אזוי, צו וואָס נעמען אויף זיך גאָר איינגאַנצן אַ יאָך מיט אחריותן?...

— ניין, זייט פאַרזיכטיק, פאָגעלמאַן! „קריך ניט מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקער בעט". אייל זיך ניט, איבערלייג זיך צען מאָל איידער דו מאַכסט אַזאַ געוואַגטן שריט...

דער אַלטער בחור האָט ווידער אַמאָל און נאָכאַמאָל גענומען גריבלען זיך און חקירהן מיט זיינע געפילן או געדאַנקען, און דאָס וואָסער האָט ביז איצט אַזוי הערלעך, שיין און האַרציק געליבט, דאָס וואָס ער האָט ביז איצט געהאַלטן פאַר זיין העכסטן גליק אין לעבן, האָט ער אונטער דעם איצטיקן פסיכאָז זיינעם מיט אַ שווערן געמיט און צער, דורך ספיקות און חקירות פון זיך דערווייטערט.

ווען געטער לאַכן

זי האָט באין אופן ניט געקענט דאָס פאַרשטיין, און אַמשטאַרקסטן האָט דאָס איר באַליידיקט און ווי געטאָן ביזן בלוט, ווארום און פאַרוואָס האָט ער דאָס געטאָן? און דער עיקר׳שט אויף וועמען האָט ער זי אומגעביטן! אויף וועמען? אויף אַ שוואַרצע, אַ נעגערטע!

מוירטל איז געווען שיין און יונג, פיין און געזונט אַנטוויקלט, מיט אַלע אייגנשאַפטן פון אַ ליבער פרוי, וואָס האָט אַנגעגרייט פאַרן מאַנסביל געגוג ערדישן גליק און גענוס. עדוואַרד — איר מאַן, ניט ווייניקער שיין ווי זיין פרוי. שלאַנק און פיין געבויט, מוסקוליסטיש און שטאַרק. ביידע, אַ גלייכע פּאָר, מיט אויסגעטאָקטע אברים ווי פון מאַרמאָר — אַ פיזישע פאָלקאָמענקייט! און צוגעפאַסט איינער פאַרן צווייטן. ווען זי וואָלט דאָס אליין ניט געזען מיט אירע אייגענע אויגן, ווען עמיצער וואָלט דאָס איר דערציילט אויף אים, וואָלט זי באין אופן אויף אים אַזאַ זאַך, קיינמאָל ניט געגלויבט. ער, דער שיינער ציכטיקער עסטעט, דער איבערקלייבער. ער, וועלכער האָט אין איר אנוועזנקייט ניט ווייניק שיינע ווייסע פרויען כמעט ווי אויסגעמיטן, טראָץ וואָס זיי האָבן געזוכט זיין באַקענטקייט. ער, זאָל זיך אַזאַ זאַך דערלויבן! מיט אַזאַ מיאוסער, אפשטויסנדער שוואַרצקייט זיין צוזאַמען; איינבייסן זיך אין איר שוואַרץ ברודיקן לייב, איינזאַפּן אין זיך דעם שטינקנדיקן שוויס פון איר שוואַרצן גוף, און נאָכדעם, צו מיר קומען... בררר... אַ שוידער איז איר איבערן לייב אַריבער.

אָט די געדאַנקען האָבן באַשעפטיקט מוירטלס מח, זייט אַ פּאָר טעג פון אַן אומאַנגענעמען אינצידענט, וואָס האָט פאַסירט צווישן זיי.

פאַסירט האָט דאָס גאַנץ פשוט, אומדערוואַרטעט און אומפאַראויסגעזען. מוירטל איז געווען אַוועק פון הויז צו גאַסט אויף אַ פּאָר טעג, און

עדוואַרד איז אין הויז פֿאַרבליבן איינער אַליין, מיט דער שוואַרצער וויר־דזשיני — זייער דינסט. וועלכער כּח און דראַנג, עס האָט באַוואויגן דעם שיינעם, קרעפֿטיקן און ווייט ניט „הונגעריקן" עדוואַרדן, זיך אַ וואָרף צו טאָן כּמעט מיט גוואַלד צו דער שוואַרצער און זיך איר איבערגעבן אין פֿולשטענדיקער פֿאַרלאָרנקייט איז איצט, אויף דעם מאָמענט, אפֿשר ניט אַזוי גרינג געווען זיך צו פֿאַנאַנדערקלייבן, און אויך מוירטל האָט דאָס אויף דעם מאָמענט ניט געקענט פֿאַרשטיין. איין זאַך איז אָבער פֿאַר איר קלאָר געווען, און אין דעם איז זי שוין גאָרניט מסופּק, אַז זי האָט עדוואַרדן, ממש געכאַפּט ביי דער האַנט... זי איז אים חלילה בכיוון ניט געגאַנגען זוכן, און עדוואַרד האָט אַמווייניקסטן איר, מוירטלען, איצט דערוואַרטעט. אַ בלויזער צופֿאַל האָט זי געבראַכט צוריק אין הויז, און עדוואַרדס אומ־געלומפּערטע אומפֿאַרזיכטיקייט, האָט מוירטלען, גלייך ווי פֿון עמיצן גע־פֿירט, צום אָרט פֿון זיין ליבע מיט דער שוואַרצער...

אין אַ גאָרניט שיינער פּאָזע האָט זי זיי געפֿונען, און אַלס רעזול־טאַט, אַ זייער אומאַנגענעמע לאַגע. זי, מוירטל, שעמט זיך אים, עדוואַרדן, קוקן אין די אויגן אַריין, גלייך ווי זי וואָלט די זינד באַגאַנגען. און ער, עדוואַרד, פֿאַר די לעצטע פּאָר טעג, הויבט צומאָל ניט אויף זיין קאָפּ פֿאַר שאַנדע.

עדוואַרד גייט איצט אַרום אַ צעוויטיקטער, אַ פֿאַרשעמטער. וויל רעדן צו מוירטלען, וויל איר עפּעס זאָגן, דערציילן איר — נאָר קען ניט. אָט פֿילט ער ווי אַרויסרייסן דאָס האַרץ זיינס פֿאַר איר, באַווייזן איר זיין אומשולד. ער פֿילט אַז ער איז ניט שולדיק. עפּעס אַ „ניט גוטער" איז אין אים געזעסן אין יענעם מאָמענט, אַ בעסטיאַלער ווילדער כּח און שטורם האָט אים אַרומגעכאַפּט און אים געטריבן צוי ווירדזשיניען. אַלע חושים אין אים האָבן ווי עפּעס פֿון אים געפֿאָדערט, און דאָס טריפֿענע בלוט זיינס האָט אין אים געזאָדן... אין יענעם מאָמענט — פֿילט ער איצט — האָט זיין גראָדער שׂכל אים פֿאַרלאָזן. דאָס אַלעס וויל ער זיין מוירטלען דער־ציילן, פֿאַלן צו אירע קני, בעטן ביי איר רחמים, פֿאַרצייאונג, זיך פֿאַר־ענטפֿערן וויל ער ווי אַ פֿאַרשולדיקטער אינגל, אָבער ער קען דאָס ניט טאָן. ער האָט אַליין מורא פֿאַר זיין אָפּנהאַרציקייט, זי וועט אים ניט פֿאַרשטיין, מחמת מאַנכעס מאָל פֿאַרשטייט ער זיך אַליין אויך ניט.

אַ מאָדנער געפֿיל און דראַנג האָט אים באַהערשט אין יענעם מאָ־מענט, אַ רייצנדיקער געפֿיל צו באַזיצן אָט די שוואַרצע באַשעפֿעניש האָט אים אינגאַנצן אַרומגענומען. עפּעס האָט זי אין אים אַ שטורם אָנגעצונדן

און גערעגט זיינע חושים און אברים, איבער וועלכע ער איז שוין אין יע־נעם מאָמענט, איבער זיי קיין באַלעבאָס ניט געווען... דער ווילן און שטאַרקער געשלעכט־דראַנג צו דאָס נייע נאָך קיינמאָל ביז איצט באַזעסענע, צו דאָס פּרעמדע, ניט אייגענע און דאָס פּיל צוזאַגנדיקע „אַנדערשקייט", האָט אויף יענעם מאָמענט, איינגאַנצן צובראָכן די מחיצה, דעם גדר, וואָס איז געשטאַנען צווישן אים, דעם שטאָלצן ווייסן און דער שפּלהר שוואַרצע. אין יענעם מאָמענט, האָט פֿאַר אים מער ניט עקזיסטירט קיין האָר און קיין דינסט, קיין קלאַס און קיין ראַסע, קיין מאָראַל און געזעץ. ער האָט דער־פילט אַ רוף פֿון זיין שטורמיק האַרץ, אַ ציטער אין זיינע אברים, און ער האָט אַ וואָרף געטאָן זיך צו דער שוואַרצער אָן וועלכע עס איז פֿאַררעדעס און אָן צערעמאָניעס... צו איר האָט ער ניט באַדאַרפֿט געברויכן קיין שיינע צערעמאָניעלע רייד און קאָמפּלימענטן, ווי עס ווערט געטאָן פֿון זיין קלאַס, אין אַזאַ פֿאַל, צו די ווייסע דאַמען. און וואָלט ער זיך מיט אַזעלכע מיטלען יאָ באַנוצט, וואָלט דאָס פֿארשטייט זיך דורכאויס געווען פֿאַלש און אַבסורד — ניט ער האָט געזוכט איר שיינקייט און ניט איר קלוגשאַפֿט, ניט וועלכע עס איז באַזונדערע אייגנשאַפֿטן האָבן אין אים ארויסגערופֿן דעם פֿאַרלאַנג זי צו באַזיצן, נאָר עפּעס אַן אומדערקלער־לעכער פֿאַר אים געפֿיל, איז דאָ געווען.

און מחמת דעם איז טאַקע זיין צוגאַנג צו איר געווען כמעט אַ ספּאָנ־טאַנער און אַן אומדערוואַרטעטער אויפֿברויז, — אַ רויער און ברוטאַלער צוגאַנג, אַזוי רוי און ברוטאַל ווי די נאַטור איז זעלבסט. אין יענעם מאָ־מענט האָט ער זיך ניט געקענט אָפּגעבן קיין רעכענונג פֿון זיין טאַט און האַנדלונג. וואָלט ער דאָס יאָ געטאָן, פֿילט ער איצט, וואָלט ער צו דעם נסיון אפֿשר ניט געבראַכט געוואָרן... איצט, ווען ער ווערט אויפֿגעפֿרעסן פֿון אַ געפֿיל פֿון חרטה, וואונדערט ער זיך אויף זיך אליין, ווי אַזוי האָט ער געקענט ביי זיך אַזאַ זאַך פּועלן, זיך ארונטערלאָזן אַזוי נידריק, פֿאַר־געסן אינגאַנצן זיין ווייסן שטאָלץ און יחוס. און דער עיקר, אויף וועמען האָט ער אומגעביטן זיין מוירטלען? זיין מוירטל, וועלכע איז אַזוי שיין און זויבער, וועמעס הויט איז אַזוי ווייס־ראָזיק, ווי מילך און רויזן, און וועמעס לייב איז אַזוי שמעקעדיק ווי דער ריח פֿון נאַרציסן...

— וואָס זשע איז דאָס פֿאַרט געווען דער מער מיט מיר? — גריבעלט זיך איצט דער סענטימענטאַלער ליידנשאַפֿטלעכער עדוואַרד.

— וואָס האָט מיך דאָך געטריבן צו איר, צו אַט דער שוואַרצקייט, צו אַט דער כמעט אפּשטויסנדער, צו אַט דער פּרעמדער? ביי דעם דאָזיקן

וואָרט „פּרעמדער" האָט זיך ווי מיט אַמאָל דער פֿאָדעם פֿון זיין געדאַנק ווי אָפּגעשטעלט.

— וואָס האָב איך געזאָגט? מיט אָט דער פּרעמדער!

און ס'איז פֿאַר אים מיט אַמאָל אַלץ קלאָר געוואָרן. ווי דורך אַ וויזיע איז דאָס צו אים געקומען און ער האָט זיך געפֿונען...

— יאָ, יאָ, דאָס איז דאָס אַפּנים, ס'איז דאָס פּרעמדע, דאָס ניט איי־גענע, אָט דאָס אַנדערשקייט און עקסצענטרישקייט אין איר וואָס האָט מיך פֿאַראינטריגירט און גערייצט. דאָס, וואָס איך האָב נאָך ניט באַוועסן דאָס, וואָס ס'איז ניט מיינס, וואָס איז צו מיר לעת־עתה, פּרעמד געווען — דאָס איז געווען דער כח און דראַנג וואָס האָט מיך געטריבן צו איר...

וואָלט ער אָט דעם מאָטיוו אָנגעגעבן אַלס אַ פֿאַרענטפֿערונג צו מוירט־לען, וואָלט זי אים זיכער ניט פֿאַרשטאַנען, האָט ער ביי זיך איצט געקלערט. ער האָט אָבער אַליין מורא געהאַט אָט דעם תירוץ אפֿילו אויף זיינע ליפּן אַרויפֿברייגנען. אין זיין מורא, צו זיין אָפֿנהאַרציק מיט מוירטלען וועגן דעם אמתן מאָטיוו פֿון זיין האַנדלונג, איז געלעגן אַ גאַנץ טיפֿע סיבה. אים האָט געשראָקן אויב מוירטל זאָל פֿאַרשטיין און באַגרייפֿן דעם אמתן מאָ־טיוו פֿון זיין האַנדלונג וועט זי ניט נאָר אים ניט מוחל זיין, נאָר ס'וועט אויף איר האָבן אַ פֿאַרקערטע ווירקונג. זי וועט אפֿשר אַליין אויך היני־געריסן ווערן פֿון אַזאַ פּרעמדן און אפֿשר דרעמלענדיקן געפֿיל ביי איר. דווקא איצט, אין דעם אויפֿגערעגטן מאָמענט, צו להכעיס עדוואָרדן, פֿאַר דער באַליידיקונג וואָס ער האָט איר פֿאַראורזאַכט מיט זיין לעצטער האַנד־לונג. עס קען זייער געמאָלט זיין, אַז אויך זי זאָל אפֿשר אַ וואָג טאָן אויף אַזאַ שטרויכלענדיקער אַוואַנטורע. ווארום אויב עס איז אין מיר געווען אַזאַ געפֿיל און פֿאַרלאַנג און ס'איז אפֿשר מענטשלעך און נאַטירלעך — קען דאָס דאָך זיכער ניט אויסשליסן אַזאַ געפֿיל און פֿאַרלאַנג אויך ביי איר!?

און דערפֿאַר האָט ער זיך זייער געשראָקן און מורא געהאַט. צו דערציילן איר דעם אמת, האָט ער געדיינקט, מיינט פּשוט עפֿענען די טיר פֿאַרן גנב, מיינט פּשוט אָנרעגן אָדער אויפֿוועקן אַ געפֿיל, וואָס דרעמלט ערגעץ ביי איר אפֿשר אָן איר אייגענעם וויסן, אין איר אונטערבאַוואוסטזיין...

גייט ער ארום איצט עדוואַרד, אַ פֿאַרטראַכטער און אַ צערודערטער. זינט אָט דער אומאַנגענעמער פּאַסירונג ברעכט ער זיך דעם מח, וואָס פֿאַר אַ תירוץ אָדער פֿאַרענטפֿערונג ער קען געבן מוירטלען. ווי אַזוי, און דורך וועלכן וועג, ער קען מיט איר שלום מאַכן און פֿאַרגעסן אינגאַנצן דעם אומאַנגענעמען אינצידענט... שווער איז פֿאַר אים געווען אַ תירוץ

צו געפֿינען. לייקענען שטיין און בייך, ווי עס פּאַסירט אַמאָל אין אַזאַ פֿאַל, האָט פֿאַרשטייט זיך קיין זינען ניט געהאַט און ער האָט אויך ניט געקענט. זי האָט דאָך אים ממש געכאַפּט ביי דער האַנט, ווי מ׳זאָגט. נו, איז די לאַגע פֿאַר אים טאַקע געווען אַ גאַנץ אומאַנגענעמע און כמעט אַ פֿאַרצווייפֿעלטע...

און גראַדע פֿאַר דאָס וואָס עדוואַרד האָט אַזוי שטאַרק מורא געהאַט, אַז זי, מוירטל, זאָל פֿון זיין אמתן מאָטיוו פֿון זיין האַנדלונג, ניט וויסן און אַפֿילו ניט אַ טראַכט טאָן, האָט אָבער מוירטל, מיט איר אייגענעם שכל און פֿרויען אינסטינקט זיך צו דעם דערטראַכט. עס איז פֿאַר איר מיט אַמאָל אַלץ קלאָר געוואָרן. איר טעאָריע בנוגע עדוואַרדס האַנדלונג האָט געגנוי געשטימט: עדוואַרדן, אין אַלע זיינע שוואַכקייטן, כאַראַקטער און טעמפּעראַמענט האָט זי גוט געקענט און דערפֿאַר האָט זי אים באַגריפֿן. זי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דעם געזונטן, ליידנשאַפֿטלעכן עדוואַרדן, האָט וואַרשיינלעך געמאַניעט און גערייצט דאָס נייע, דאָס פֿרעמדע, דאָס אַנ־דערשקייט, דאָס עקסצענטרישקייט וואָס ער האָט געזוכט ביי יענער. דאָס וואָס ער האָט נאָך ניט געהאַט...

מיך — האָט זי געטראַכט — האָט ער דאָך כסדר, בין איך מער ניט ניי פֿאַר אים, בעת די אַנדערע, די פֿרעמדע, דאָס אומבאַקאַנטע פֿאַר אים, איז געווען אַ רייץ פֿאַר זיין פֿאַנטאַזיע, און פֿאַנטאַזיעס ווי שיין אָדער מיאוס זיי זאָלן ניט זיין, רייסן זיך צו ווערן ווירקלעכקייטן, קומען צום אויסדרוק...

אַן ענלעכער געפֿיל האָט איר זעלבסט דיקטירט צו אַזאַ געדאַנק: איר אליין האָט אַנומעלטן אַזאַ געדאַנק, אין דער שנעלקייט פֿון אַ בליץ, אַדורכ־געלאָפֿן וועגן עפּעס אַ מאָדנעם, רייצענדן סעקסועלן געפֿיל צו דזשאַנען... דזשאַן איז דער גערטנער פֿון זייער גוט — אַ שיינער ברוין־הויטיקער שוואַרץ־אויגיקער בחור, מיט אַ צאַרט פֿאַרחלומט פּנים, און מיט אַ שמייכל, וואָס זאַפּטיקט דאָס האַרץ און מאַכט צאַפּלען די אברים. זי דערמאָנט זיך איצט, אַז ניט ווילנדיק קומט ער איר ארויף אויפֿן זינען. זי האָט קיינמאָל ניט געוואַגט אפֿילו אַ טראַכט צו טאָן וועגן עפּעס ערנסטעס. ס׳איז געווען בלויז אַ לייכט איבערגייענדער געפֿיל און, פֿאַרגעסן... איצט אָבער, זינט דעם אינצידענט, צווישן עדוואַרדן און דער שוואַרצער, דער־שיינט דזשאַן פֿאַר איר אין זיין פֿולן געשטאַלט און באַשעפֿטיקט אירע מחשבות. דאָס וואָס איז געווען פֿאַר איר ביז איצט אַזוי פֿאַרנעבלט און אומדערקלערבאַר, איז מיט אַמאָל פֿאַר איר לויטער און קלאָר געוואָרן,

ווי איינער וואָלט איר אַ טיפֿן סוד דערציילט, אַן אַנטפּלעקונג געמאַכט. איצט האָט אָט דער אומבאַוואוסטער פֿאַרלאַנג און רייץ צו דזשאַנען אָנ־גענומען אַ בולטערע געשטאַלט און איר כמעט איינגאַנצן באַהערשט. ווי שטאַרק און גרויזאַם זי האָט געוואָלט קעגן דעם געפֿיל זיך ווערן, האָט זי באין אופֿן ניט געקענט. איינמאָל האָט דער געדאַנק און געפֿיל זי פֿאַרכאַפּט, האָט ער זי שוין ניט אָפּגעלאָזן. ניט בייטאָג און ניט ביי־נאַכט. אַ טראַכט געטאָן האָט זי אַפֿילו אויף אַ מאָמענט, צי איז עס ניט אַ זינד אַזוי צו טראַכטן, אַרומטראָגן זיך מיט אַזעלכע זינדיקע מחשבות, און גלייך אין אַ צווייטן מאָמענט האָט זי געפֿונען פֿאַרשידענע תירוצים פֿאַר איר פֿאַרטיידיקונג.

— האָב איך דען ניט אַ רעכט צו דערפֿילן דעם רוף און פֿאַרלאַנג פֿון מיין האַרצן? האָט דען עדוואַרד ניט גענומען פֿאַר זיך דאָס רעכט אויס־צופֿירן זיינעם אַן אימפּולסיוון פֿאַרלאַנג? — און פֿאַר אַ באַשיצונג און רעכטפֿערטיקונג פֿון אירע איצטיקע זינדיקע געדאַנקען, האָט זי אַרויס־גערופֿן ביי זיך דעם אומפֿאַרגעסלעכן פֿאַרדרוס אירן קעגן עדוואַרדן, וואָס האָט זי אַזוי מיאוס אָפּגענאַרט, באַליידיקט און פֿאַרשוועכט איר פֿרויען ערע און שטאָלץ. ווי קאָשמאַר האָט דער דאָזיקער געפֿיל זיך אויף איר אָנגעזעצט און ניט נאָכגעלאָזן. און אַזוי האָט דער הייסער פֿאַרלאַנג אירער צו טרעפֿן זיך מיט דזשאַנען זי אויך ניט אָפּגעלאָזן... און „וואו ס'איז פֿאַראַן אַ ווילן, איז דאָ אַ וועג", און ווען דאָס מויל וואָגט ניט צו ריידן וואָס דאָס האַרץ פֿילט, דאַן ריידן די אויגן... און מוירטלס בלויע אויגן האָבן גערעדט צו דזשאַנען, מיט די ליבסטע און צאַרטסטע רייד פֿון אַ ביינקענדיקער געליבטע, און איר שלאַנק געבויטער קערפּער, אירע אברים און גאַנץ וועזן, האָט צו אים געזונגען די שענסטע באַצויבערנדע ליבע־פּאָעמע.

דזשאַנס שוואַרצע אויגן האָבן מיט אַ ברענעדיקן באַגער אָנגעהויבן צו לויכטן. זיין געזונט פֿול־בלוטיק געזיכט איז עפּעס ווי יונגער און לעבעדיקער געוואָרן, זיין גאַנג איז פֿלינקער און שפּרינגנדיקער געוואָרן. די צאַרטע ליבנדיקע בליקן פֿון מוירטלען האָבן אים ווי געזאַפּטיקט און גע־שפּייזט. און ער האָט זיך ווי מיט אַמאָל געענדערט, אויסגעוואַקסן און צובליט זיך...

מוירטל האָט אָנגעהויבן אַרויסווייזן אַ גאָר נאָענטן אינטערעס צו אַלע בלומען און פֿלאַנצונגען פֿון איר גאָרטן. מיט צערטלעכע רייד — גאָרניט ווי אַ באַלעבאָסטע צו איר דינער — האָט זי גערעדט צו דזשאַנען

וועגן דעם גאָרטן אַרבעט: וואו, לעבן וועלכער אַלייע, עס זאָלן דעם פֿרילינג פֿאַרזעצט ווערן די ווייס־געלע פֿרילינגס ליליעס, און וואו עס זאָלן געזעצט ווערן די קאָלירפֿולע כריזאנטעמען. גאַנץ אָפֿט פֿלעגט זי אים אַפֿילו צוהעלפֿן אין לייכטע אַרבעטן ארום די בלומען, אַן אַרבעט וואָס זי האָט קיינמאָל ביז דאַן ניט געטאָן.

צו דזשאַנס פֿרייד איז גאָר קיין גרענעץ ניט געווען. אַלץ האָט אין אים פֿריידיק געלעבט און געזונגען — ערד און גראָז, בוים און בלום, פֿויגל און שמעטערלינג. אויף אַלץ האָט גאָטס ברכה גערוט, און צוזאַמען מיט דעם אַלץ פֿריידיקן אַרום, האָט זיין האַרץ נאָך פֿריידיקער געזונגען, און זיין ליבע צו אָט דער נייער, פֿאַר אים, מענטשלעך־לעבעדיקער בלום, מוירטל, איז שטאַרקער געוואַקסן...

טיף אין גאָרטן,ביים ראַנד פֿון איר גוט, איז דזשאַנס הייזל געשטאַנען. צום הייזל האָבן זיך געדרייטע שטעגן געצויגן, און די שטעגן וואָס האָבן געפֿירט צו דזשאַנס הייזל, זיינען פֿון מוירטלס שטילע, ווייכע טריט, אָפֿטער באַטראָטן געוואָרן...

מוירטל האָט אפֿשר לכתחילה געטראַכט, אַז זי וועט זיך נאָר אַ ביסל אַ שפּיל טאָן מיט אָט דעם אַ ביסל שעמעוודיקן פּויער־יונג. וועט באַפֿרידיקן אירן אַ נאַגנדיקן קאַפּריז, אָדער גאָר עפּעס אַ מאָדנע נייגעריק געפֿיל, וואָס האָט איר לעצטנס צו אים געטריבן, און נאָכדעם שטיל איבעררייסן און פֿאַרגעסן. ווייסט אָבער ניט די ליבע פֿון גרענעץ, רעזערוואַציעס און אויסרעכענונגען... דער שטילער שעמעוודיקער דזשאָן, האָט פֿיל ערנסטער גענומען די ליבע זיינע צו מוירטלען, ווי זי האָט זיך אפֿשר פֿאָרגעשטעלט. און מוירטל אליין איז אויך צו דזשאַנען פֿיל מער און שטאַרקער צוגעבונדן געוואָרן, ווי זי האָט אין אָנהויב זיך משער געווען. זיין געשטאַלט האָט זי אָנגעהויבן ווי מיט אַ כישוף פֿאַרפֿאָלגן. האָט זי אים דורך אַזאַ אָדער אַנ׳אַנדער סיבה ניט געקענט זען, האָט איר האַרץ מיט צער און בייֿנקשאַפֿט צו אים געצויגן. און ער, דזשאָן, האָט נאָך מיט אַ טיפֿערער בייֿנקשאַפֿט אויף איר אַרויסגעקוקט און דערוואַרטעט...

אַ פֿייערדיקן פֿלאַם האָט איר שיין וועזן אין אים אָנגעצונדן. מיט יעדן באַריר אירן האָט זי אין אים אַליידנשאַפֿטלעכן שטורם אַרויסגערופֿן. ער פֿלעגט ממש אינגלש־ווילד ווערן זייענדיק מיט איר. עפּעס ווי זי האָט מיט איר ליכטיקן וועזן אין אים אויפֿגעעפֿענט אַלע קוואַלן פֿון גבורה און מתיקות...

מוירטלען האָט זיין שפּילעווּדיקע ווילדקייט ניט ווייניקער געריצט. זי האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון זיינע ווילדע קושן און צערטלעכע אומ־אַרמונגען. זיין געזונטע איבערגעגעבענע ליבע, האָט אויך ביי איר אַרויס־גערופן זודיקע פאַרלאַנגען און צערטלעכע איבערגעבנקייט. מחמת דעם האָט זי זיך אָנגעהויבן אַ ביסל צו שרעקן און מורא האָבן...

צווישן איר און דזשאַנען איז געלעגן אַ גוואַלדיקע אויסערלעכע מחיצה — אַ וואַנט פון געזעץ, מאָראַל, פאָראורטייל און קלאַס אונטערשייד.

זי, מוירטל, אַ מיליאָנערס אַ טאָכטער, אַ ווייב פון אַ רייכן אָנגעזעענעם אין זיין געזעלשאַפט. און ער, דזשאַן, אַן אָרעמער פויער־יונג, אַ גערטנער, אַ זון פון אַן אָרעמען, כמעט באָדנלאָזן פאַרמער ערגעץ אַרום די פוסבערג פון נעוואדא. ווייסט אָבער ניט די ליבע פון קלאַס און מאָראַל, געזעץ און גרענעץ...

יעדעס מאָל ווען זיי זיינען געווען צוזאַמען, האָט דער שטורם פון ליידנשאַפט זיי אויפגעכאַפט אויף זיינע ווילדע ווינטן און אַוועקגעטראָגן זי וויט פון דער טרוקענער ווירקלעכקייט אין אַ ספערע פון אַבסאָלוטער פרייד און פאַרגעסנקייט...

אַ רעטעניש

אין דרויסן האָט געשטורמט און גערעגנט, אַן עבירה געווען אַ הונט אַרויסצולאָזן אויפן גאַס. ס'האָט ממש געגאָסן ווי מיט צעבערס און אָן אַן אויפהער. יעדעס מאָל האָט ווי אַ שווערע משא וואַסער אַ כליאַפּע געטאָן איבער די שויבן פון פענצטער און אָנגעקלאַפּט אין זיי מעטאַליש, ווי אין אַ בלעך.

מיר זיינען געזעסן אַ גרופּע מיטליאָריקע מענער און פרויען אין אַ צימער, נאָענט ביי אַ ברענענדיקן קאַמין־פייער. איינער האָט פון צייט צו צייט, אונטערגעוואָרפן אַ שטיקל האָלץ אָנצוהאַלטן דעם פריילעכן פייער. ס'איז דערביי פאַרפירט געוואָרן אַ גאַנץ לעבעדיקער געשפּרעך מכוח אַן ענין וואָס האָט אונדז אַלעמען פאַראינטערעסירט און היגעריסן. דער געשפּרעך האָט זיך נעמלעך באַצויגן אויף אַ געשעעניס וואָס האָט אויפ־גערודערט דאס גאַנצע שטעטל, טאָרן.

אַ צווייענדיקער זעלבסטמאָרד פאַל: צוויי אַלטע גוטע פריינט,ביידע שוין אין די פופציקער, האָט מען געפונען טויט ביי איינעם פון זיי אין

אַ צימער. אַ קליין אומשולדיק צעטעלע, וואָס מ׳האָט געפֿונען נעבן זיי, האָט זיך געלייענט:

„באַשולדיקט קיינעם ניט אין אונדזער טויט. אַ סוד וואָס מיר נעמען מיט זיך אין קבר". אונטערגעצייכנט: פּיערא און טעאָדאָר.

ניט קיין געוויינלעכע דערשיינונג.

ס׳פֿאַרשטייט זיך, אַז מיר אַלע אין דער גרופּע, האָבן גערעדט און געפּילפּולט זיך וועגן דעם, וואָס באמת קענען זיין די גרונט־מאָטיוון פֿון זייער בשותּפֿותדיקן זעלבסטמאָרד?

אייניקע האָבן צוגערעכנט דעם טאָפּלטן זעלבסטמאָרד זייערן צו דעם געוויינלעכן תּירוץ — דורכפֿאַל און פֿאַרלוסט אין געשעפֿט, אַנדערע האָבן געגעבן דעם באַנאַלן ענטפֿער: אַ ליבעס אַפֿערע און נאָך אַנדערע האָבן פּאַטעטיש גע׳טענהט, אַז נאָר פּייגלינגע און שוואַכע מענטשעלעך קענען אַזוי האַנדלען.

קיינער פֿון זיי האָט אָבער ניט געוואוסט דעם אמתן און ריכטיקן מאָטיוו. ס׳איז געווען מער השערות און סתם ספּעקולאַטיווע רייד.ביידע זעלבסטמערדער זיינען ניט געווען אין אַזאַ לאַגע, אַז די אָדער יענע אויס־גערעכנטע סיבה זאָל האָבן זיי באַווירקט. ביידע זיינען געווען גאַנץ רייך, חשובע אנגעזעענע, דאכט זיך צופֿרידענע, אויסגעפֿאַשעטע מענטשעלעך. אַזעלכע זאָלן גאָר פּייאיק זיין אַפֿילו, צו באַגיין אַזאַ טאַט! איז מער ווי איינער וואָלט געקענט פֿאַרשטיין.

צו באַגיין זעלבסטמאָרד איז דאָך נאָך אַלעמען אויך אַ מדרגה! און ניט יעדער האָט דעם נויטיקן און דרייסטן מוט דאָס דורכצופֿירן. מעג אַפֿילו דער איינער זיין אין העכסטן יאוש, מעג דער איינער אַפֿילו פֿעסט ביי זיך אָפּמאַכן דאָס יאָ דורכצופֿירן. באַזונדערס מערקווירדיק און אויפֿ־פֿאַלנד איז, ווען צוויי מענטשן זאָלן ביידע איינצייטיק טראַכטן, פֿילן און איבערלעבן אַזאַ מאָדנע געוואַגטע האַנדלונג. מחמת דעם טאַקע איז דער צוויפֿאַכער זעלבסטמאָרד־פֿאַל געווען ביי אַלעמען אויף די ליפּן און אור־מעטום — אין גאַס, אין קראָם און אין שטוב, וואו נאָר מענטשן זיינען זיך צוזאַמענגעקומען. געבליבן אָבער איז עס דאָך אַ פֿאַרשלאָסענער סוד פֿאַר אַלעמען.

— אָ, ווי ווייניק מיר ווייסן, מיינע פֿריינט, ווי ווייניק באמת מיר ווייסן מכוח די סודותדיקייט פֿון מענטשלעכן לעבן, — האָט פּלוצלונג דרוקערמאַן, דער עלטסטער צווישן אונדז, וועלכער האָט ביז איצט גאָר קיין אַנטייל ניט גענומען אין דעם געשפּרעך, זיך אָפּגערופֿן. — אויב איר

וועט מיר דערלויבן, וועל איך אייך דערציילן פֿון אַן ענלעכן פֿאַל כמעט, וואָס האָט פּאַסירט טאַקע גאָרניט לאַנג צוריק. אַן אינצידענט, וואָס קען ניט אריינגענומען ווערן אין די טערמינען פֿון אונדזער שכל הישר, וויסנ־שאַפֿט, פֿילאָזאָפֿיע אָדער פּסיכאָלאָגיע. יאָ, עס זיינען פֿאַראַן זאַכן און פּאַסירונגען אין מענטשלעכן לעבן, וואָס לאָזן זיך אזוי גרינג ניט דער־קלערן און פֿארבלייבן כמעט כסדר אין דער אייביקייט פֿון סודות.

— דערציילט, דערציילט, — זיינען אַלע צו אים צוגעשטאַנען.

— נו, צום גליק אָדער צום אומגליק — האָט דרוקערמאַן אָנגעהויבן— בין איך, וועט איר מיר דערלויבן צו זאָגן, אַ מאָדערנער מענטש. איך בין ווייט פֿון צו זיין רעליגיעז, אַבערגלויבעריש. איך מעג זיך אַפֿילו, מיט אַ ריינעם געוויסן, צושרייבן צו דער אַטעאיסטיש־פֿריידענקנדיקער שולע. אָבער מכח דעם פֿאַל וואָס איך וויל אייך דאָ דערציילן, האָט מיך, דעם פֿריידענקער און אַטעאיסט, אַ לאַנגע צייט געעגבערט דער געדאַנק, צי ס'איז באמת ניטאָ קיין אויבערקראַפֿט, וואָס פֿירט און באַווירקט אונדזערע האַנדלונגען און צייכנט אָן פֿאַר אונדז אונדזער לעבנס־וועג.

— כ'האָב זייער גוט געקענט די מענטשן וועגן וועלכע איך גיי אייך דאָ דערציילן, געטרײַע געוואוסט זייער אינטים לעבן, און איך האָב באין אופֿן ניט, ביז היינטיקן טאָג נאָך, ניט געפֿונען די מינדעסטע באַרעכטיקונג פֿאַר זייער האַנדלונג.

— ס'איז געווען — האָט דרוקערמאַן נאָך אַ קורצע פּויזע ווידער אָנ־געהויבן דערציילן — תיכף נאָך דער לעצטער וועלט־מלחמה. מענטשן, ווי איר ווייסט, זיינען אין יענער צייט פֿון אַלץ היגנעריסן געוואָרן. ס'איז געווען דאַן אַ מין שטורם און דראַנג פּעריאָדע. אַלטע פֿאָרמען און מנהגים האָבן זיך גענומען בייטן, הויכע לאָזונגען האָבן זיך געלאָזט הערן, די „פֿיר פֿרייהייטן" זיינען פּראָקלאַמירט געוואָרן, יונג און אַלט, מאַן און פֿרוי, אַלץ און אַלעס איז געווען באַשעפֿטיקט און אין דינסט פֿונם לאַנד. אַ נײַ לעבן האָט געהאַלטן ביים געבוירן ווערן.

מיין פֿריינט, וועגן וועלכן איך דערצייל אייך דאָ, איז געווען אַ יונגער דאָקטאָר, פֿול מיט לעבן, געזונט און מונטער. און ווי אַ סך אַנדערע געזונטע פֿולבלוטיגע יונגעלייט גערופֿן געוואָרן צו דינסט פֿאַרן פֿאָטערלאַנד. ס'פֿאַר־שטייט זיך, מיט חשק אָדער אָן חשק, ער האָט געמוזט גיין. אַלס דאָקטאָר האָט ער ווייניקער שאַנסן געהאַט געהרגעט צו ווערן ווי וועלכער עס איז פּשוטער „פּריוועט" און דעריבער האָט ער כמעט מיט צופֿרידנקייט אַרויס־געוויזן זיין פּאַטריאָטישן געפֿיל און איז בראַוו מיטגעגאַנגען.

מיין דאָקטאָר פּריינט, אַרטור האָט מען אים גערופֿן, איז אָבער ניט געווען אַליין. צו יענער צייט האָט ער נאָר וואָס חתונה געהאַט מיט זיין גאָר שיינער אדעלא, וועלכע האָבן זיך זייער ליב געהאַט, נאָך זייענדיק צוזאַמען אין אוניווערסיטעט.

הערט איר, אויב איך באַצייכן זי מיט דעם נאָמען, די גאָר שיינע אַדעלאַ, בעט איך אייך טאַקע איר זאָלט זיך כאַטש אַ ביסעלע אויפֿהויבן אויף די פֿליגלען פֿון אייער פֿאַנטאַזיע און זיך פֿאָרשטעלן די שענסטע מיידל וואָס אייער פֿאַנטאַזיע איז נאָר בכח פֿאַר אייך צו מאָלן. איך האָב נאָך קיין שענערע ביז איצט, אַנטשולדיקט מיר מיינע דאַמען, ניט באַגעגנט. איך ווייס, מיר וועט אַפֿילו שווער זיין אייך איבערצוגעבן אין ווערטער איר געטלעכע שיינקייט, אירע וואונדערלעכע קערפּער־ליניעס און פֿאָרם. איבעריק צו זאָגן, זי איז געווען שלאַנק און גראַציעז, מיט אַ קאָפּ גאָלדענע, כוואַליעדיקע האָר, אַ קליין פֿאַרריסן נעזל — אַפֿילו גאָרניט קיין יידיש — און געהאַט האָט עס טויזנט חן... זי איז אויך געווען די באַזיצערין פֿון אַ באַזונדער שמייכלענדיק חן־גריבעלע נעבן איר מויל און דעם געשמאַקסטן זאַפּטיקסטן קושנדיקן מויל, וואָס כ׳האָב ווען געזען און גע־פֿילט. און אירע אויגן! אוי אויגן! אזוי העל, קלאָר און דורכזיכטיק ווי אַ וואָלקנלאָזער הימל אין די שטילע אינדיען זומער טעג. איך זאָג אייך, אַן אמתע שיינהייט.

און ער, אַרטור — ניט ווייניקער שיין ווי זי. און געליבט האָבן זיי זיך! אויב ס׳איז דאָ אַן אמתע אויסטייטשונג פֿאַר ליבע, האָבן זיי דאָס אין לעבן, עמאָציאָנעל, קרעפֿטיק און אָן רעזערוואַציעס דורכגעפֿירט, ווי נאָר אַ געזונט פֿיזיש יונג פּאָר קען זיך ליב האָבן.

אויב ס׳איז בכלל פֿאַראַן אַ צופּאַסונג פֿון געשלעכטער, סיי פֿיזיש, סיי אין טעמפּעראַמענט און גייסטיק, איז דאָס זיכער געווען דאָס יונג פּאָר־פֿאָלק — אַרטור און די שיינע אַדעלאַ.

יאָ, אַ גאָט געבענטשטע פּאָר, וואָס איז אויפֿגעהאָדעוועט און דערצויגן געוואָרן אויף דער פּעטער, פּרוכטבאַרער און זאָרגלאָזער אַמעריקאַנער ערד.

ווען אַרטור האָט אָנגעהויבן גרייטן זיך אין וועג אַריין, האָט אַדעלאַ ניט אַנדערש באַשטאַנען, אַז זי מוז מיט אים מיטפֿאָרן. זי וועט ניט לאָזן איר ליבן טייערן אַרטורן אַליין, זי מוז זיין נעבן אים, און צוזאַמען מיט אים דורכמאַכן די פֿריידן און ליידן אויף זייער אָנגעצייכנטן לעבנס־וועג.

ס׳האָט ניט געהאָלפֿן קיין רייד פֿון פֿריינט און געבעט און געוויין

פון טאַטע־מאַמע. זי האָט גלייך מיט אַרטורן געַנומען גרייטן זיך אין וויטן, שווערן און אומבאַקאַנטן וועג אריין.

אַדעלאַ איז נאָכגעפאָרן אַרטורן. זי איז געווען כמעט אויף זיינע פוס טריט. צו זיין נאָענט אינגאַנצן נעבן אים, האָט זי זיך אָנגעשלאָסן אין דער אַרמיי פון די באַרמהאַרציגע שוועסטער און געפועלט אַפילו צו אַר־בעטן אין דאָקטאָר אַרטורס קראַנקן אָפטיילונג. ווי איר זעט זיינען זיי ביידע די גאַנצע צייט געווען צוזאַמען און איבערגעלעבט האָבן זיי אַלעס צוזאַמען, סיי די אַוואַנטורעס און סיי די מוראַדיקע שרעקן און ליידן פון דעם מלחמה גהינום.

אַ זעלטענע צוגעבונדנקייט פון צוויי מענטשן — מאַן און פרוי.

די לאַנג פאַרצויגענע מלחמה האָט זיך דאָך געמוזט אַמאָל ענדיקן. שטילשטאַנד איז דערקלערט געוואָרן. אַרטור און אַדעלאַ זיינען ביידע, געזונט און שטאַרק אַ היים געקומען ווי העלדן וואָס האָבן געקעמפט און פאַרטיידיקט דאָס פאָטערלאַנד — איבערהויפט נאָך אין אַזאַ פאַל, וואו ביידע, מאַן און פרוי, האָבן גלייך זיך באַטייליקט אין קאַמף קעגן שונא און צוזאַמען אין איין צייט פון שלאַכטפעלד געקומען, — האָבן זיי פאַר־שטייט זיך, אין זייער וואוין־אָרט געקראָגן אַ גראַנדיעזע אָוואַציע. צו זייער פרייד און גליק איז, דאכט מיר, גאָר קיין גרענעץ געווען.

ווידער איז אַלץ איינגעשטעלט געוואָרן. אַרטור און אַדעלאַ האָבן זיך אַ שיינע היים און אַ פראַקטיצירנדיקן אָפיס איינגעאָרדנט. ביידע האָבן געאַרבעט און פראַקטיצירט צוזאַמען. זיין פראַקטיק איז געוואקסן פון טאָג צו טאָג. זייענדיק אַ מלחמה־דאָקטאָר, וואו דורך זיין האַנט איז דורכגע־גאַנגען אָן אַ שיעור קראַנקע, צעקריפלטע, האַלב משוגענע מלחמה קרבנות, האָט אַרטור טאַקע געקראָגן דאָרטן זייער אַ סך דערפאַרונג און איז באַרימט געוואָרן אַלס אַ דערפאָלגרייכער ספּעציאַליסט.

זייער לעבן האָט באמת אויסגעזען צו זיין אַ שיינער און אַ צופרי־דענער. ביידע געזונט און שטאַרק, און כמעט ווי פאַרהאַרטעוועט געוואָרן פון די מלחמה איבערלעבונגען, אזוי אַז קיין לעבנס־קלעפּ, ווי שטאַרק זיי וואָלטן ניט געווען, וואָלט דאכט זיך צו זיי ניט געקענט צושטיין און ניט געקענט אזוי גרינג מיט אַמאָל זיי דערשיטערן. דערצו האָבן זיי אויך גע־פירט אַ גאָר רייך און באַקוועם לעבן, מיט אַ זייער פאָפולערן שטעל אין זייער געזעלשאַפט. אַלץ האָט דאכט זיך אויסגעזען אין שענסטן און אין בעסטן אָרדנונג.

אַ גליקלעך און צופרידן לעבן אויבנאויפיק, דאכט זיך, אָן זאָרג און אָן נשמה ראַנגלענישן. און דאָך . . .

דרוקערמאַן איז אַנטשוויגן געוואָרן. האָט גענומען זיין האַלבע, פֿון פֿריער איבערגעלאָזטע ניט דערטרונקענע גלאָז ווייַן, אויסגעזופּט ביזן דעק, און האָט ווי ניט מיט איבעריקן חשק געפֿרעגט — נו, איר ווילט דאָך מסתמא וויסן דעם סוף וואָס אַזוינס האָט מיט זיי פּאַסירט?...

הערט איר, כ׳קען מיר באַ אין אופֿן ניט באַפֿרייען אַפֿילו איצט, אין דעם מאָמענט, פֿון אָט יענעם שווערן שאָקירנדיקן געפֿיל, וואָס איך האָב דאַן איבערגעלעבט, ווען איך האָב איינמאָל, אין אַ שיינעם זוניקן פֿרימאָרגן געעפֿנט מיין מאָרגן־ציַיטונג און דערזען פֿאַר זיך אַ שטיקל נײַס מיט גרויסע שרייענדיקע אותיות:

„דאָקטאָר אַרטור און זיין פֿרוי אַדעלאַ באַגאַנגען זעלבסטמאָרד!״

ווי כ׳האָב געפֿילט אין יענעם מאָמענט קען איר זיך משער זיין. מיינע אויגן זיינען מיר פּלוצלינג ווי פֿאַרנעבלט געוואָרן, און כ׳האָב געפֿילט ווי כ׳בין אַראָפּגעוואָרפֿן געוואָרן אין אַ פֿינצטערן טיפֿן אָפּגרונט. די אותיות און ווערטער פֿון בלאַט האָבן געשפּרונגען און געשווינדלט פֿאַר די אויגן, און געטאַנצט פֿאַר מיר אַ מין שדים טאַנץ... מיט שווערע מי און אָנשטרענגונג בין איך קוים געקומען אַ ביסל צו זיך. כ׳האָב איבערגעלייענט די שוידערלעכע נייעס אומצייליקע מאָל. ס׳איז דאָך אַזוי, מיינע אויגן נאַרן מיר ניט אָפּ — אַרטור און אַדעלאַ, ביידע געפֿונען טויט, שטאַרק איינגעקלאַמערט איינע אין צווייטנס אָרעמס.

אויך אין זייער פֿאַל האָט אַן אומשולדיק צעטעלע דערציילט פֿון זייער טאָפּעלטן זעלבסטמאָרד:

„באַשולדיקט קיינעם ניט אין אונדזער טויט, אַ סוד וואָס מיר נעמען־מיט זיך אין קבר אריין״. און אפֿשר איז די האַנדלונג זייערע פֿאַר זיי אַליין אַ סוד געווען? געפֿירט געוואָרן צום אייגענעם טויט פֿון אַן אומ־זיכטבאַרער האַנט? ווער ווייס! האָט דרוקערמאַן שטיל פֿאַרטראַכט זיך ווי אין דער ווייטקייט, זיינע שווערע צערפּולע זכרונות פֿאַרענדיקט.

מיר זיינען אויך אַלע שטיל געבליבן זיצן, פֿאַרטראַכט און געשוויגן. דרוקערמאַן האָט איבערגעריסן די שטילקייט, אונדז ווי פֿון אַ חלום אויפֿ־געוועקט:

— נו, וואָס שווייגט איר? אדרבה, ברענגט ארויס אייערע טעאָריעס און פּילופּולים וועגן אַזאַ מאָדנער דערשיינונג און פּאַסירונג. קען מען בכלל דערקלערן און פֿאַרשטיין די מיסטעריען פֿון מענטשלעכן לעבן און טויט?

— האָט דרוקערמאַן מיט צער און שווערן געמיט אויסגערופֿן.

מיר האָבן שוין דעם ענין די גאַנצע צייט פֿון אָוונט מער ניט באַרירט.

דער כח פֿון פֿאַנטאַזיע

(עסיי)

די פֿאַנטאַזיע אין אַלע אירע דערשיינונגען, פֿאַרנעמט אַ זייער בכבודיקן אָרט אין דעם מענטשלעכן לעבן. כח הדמיון, איז אַ גרויסע זאַך, ווי זאָגט ערגעץ ערנסט טאָלער:

„ווער עס האָט ניט קיין כח צום חלום, האָט ניט קיין כח צום לעבן”.

ווארום באמת, די וועלכע זיינען באַשאָנקען מיט דער געטלעכער מתנה פֿון וויזיע, פֿון פֿאַנטאַזירן, חלומען פֿון שיינע וועלטן, האָבן אַ גרויסע גייסטיקע באַפֿרידיקונג. צו דעם פֿאַרבאָרגענעם, געהיימניספֿולן — פֿילן מיר אַ געוויסן רייץ און דרך ארץ. ווערט דאָס אָבער פֿאַר אונדז אַנטפלעקט, אָפֿן, און מיר דערזעען ׳עס ווי עס איז אין דער אמתן, פֿאַרלירן מיר אָפֿטמאָל דעם גלויבן און די באַגייסטערונג, און עס בריינגט אונדז ניט זעלטן, אַנטוישונג.

זייער אָפֿט ווערט באַמערקט, אַז עס איז דאָ אַ געוויסער צוזאַמענהאַנג צווישן די גייסטיקע און מאַטעריעלע באַדערפֿנישן פֿון אַ מענטשן. ווענן ביידע, סיי די מאַטעריעלע — עסנוואַרג, סיי די גייסטיקע — ליטעראַטור, וכדומה, האָבן מיר זייער שיינע אילוזיעס, ווען מיר זעען זיי פֿאַרטיקערהייט שוין צוגעגרייט פֿאַר דעם מענטשלעכן געברויך. מיר טראַכטן לחלוטין ניט וועגן דעם צוגרייטונגס פּראָצעס פֿון די זאַכן פֿאַר וועלכע מיר נעמען זיך מיט גרויס חשק, אַפּעטיט און פֿאַרגעניגן צו פֿאַרצערן. גאַנץ אַנדערש וואָלטן מיר זיך באַצויגן צו זאַכן, ווען מיר זאָלן וויסן דעם מקור און די דעטאַלן פֿון זייער שאַפֿונגס־פּראָצעס.

אַלס אילוסטראַציע נעמט אָן אַזאַ פֿאַל: מיר קומען אריין אין אַן ערשט־קלאַסיקע רעסטאָראַציע, זעצן זיך ביי אַ שיין געדעקטן טיש, געשמאַקפֿול אויסגעשטאַט און מיר נעמען זיך מיט חשק און אַפּעטיט צו די שפּייז. מיר האָבן בשעת מעשה אפֿילו ניט אין זין דעם פּראָצעס פֿון קאָכן, ניט די פֿאַררויכערטע כלים און אַנדערע מכשירים פֿון קיך, ווער רעדט שוין פֿון דעם פֿאַרשוויצטן קוכער, וואָס ניט זעלטן, כאַפּט אונטער דער טאָפּ יויך — ביי וועלכן ער איז זיך מתעסק — דעם פֿון אים אַראָפּטריפֿענדיקן שוויס. מיר זעען דאָס ניט, פֿאַר אונדז דערשיינט בלויז דאָס אויבנאויפֿיקע. עס זעט אויס ציכטיק, עס איז געשמאַקפֿול, האָבן מיר הנאה און דער איינדרוק בלייבט אַ שיינער און אנגענעמער!

אָדער מיר זיצן אין קינאָמעטאָגראַף. פֿאַר אונדז ווערן געוויזן שיינע נאַטור־בילדער: געדיכטע וועלדער, טיף־באַשנייטע בערג, אָדער געוואַגטע אונמעגלעכקייטן פֿון אַן אַקטיאָר וואו זיין טויט איז אונפֿאַרמײַדלעך. צוזעענדיק דאָס, טראַכטן מיר ניט, אַז די וועלדער און שניי־בערג זיינען ניט כסדרווירקלעכע, נאָר געקינסטעלטע פּראָדוקטן פֿון די פֿילם־סטודיאָס, און אַז דער מסירת־נפֿש׳דיקער אַקטיאָר איז נאָר אַ נאָכקרימעניש פֿון אַ מענטש. מיר זעען ניט דאָס אמתדיקע. און דער איינדרוק בלייבט ביי אונדז, אַז עס איז טאַקע אזוי ווי מיר האָבן דאָס געזען אויפֿן לייווענט.

דאָס אייגענע קען געזאָגט ווערן וועגן אונדזער גייסטיקע שפּייז. די רויע מאַטעריאַלן וועלכע ווערן באַנוצט ביי דעם צוזאַמענשטעלן פֿון אַ צייטונג, וואָלטן אונדז גאָרניט אַזוי שטאַרק פֿאַראינטערעסירט, ווען ניט דער כח פֿון פֿאַנטאַזיע ביי דעם שרייבער, וועלכער באַמיט זיך צו מאַכן פֿון דעם טרוקענעם מאַטעריאַל אַן אינטערעסאַנטע לייענונג—ווער שמועסט שוין, ווען עס האַנדעלט זיך וועגן אַ ליטעראַרישער שאַפֿונג פֿון אַ העכערער מדרגה.

פּונקט ווי די פֿילם־סטודיאָ ברייגנט צונויף פֿאַרשיידענע קלייניקייטן כדי אויפֿצושטעלן אַ וואַלד אָדער אַ שניי־באַרג, אָדער פּונקט ווי דער קוכער שוויצט ביי דער אַרבעט, בעת ער גרייט פֿאַר אונדז צו אַ געשמאַקן מאָלצייט פֿון גרינסן, פֿליישן און געווירצן, אויך אויף אַזאַ אופֿן זאַמעלט דער שרייבער זיינע מאַטעריאַלן אין דער אַרומיקער סביבה, פֿון פּיצלעך און ברעקלעך — דאָ און דאָרט, לייטערט זיי דורך אין זיין מח, באַפֿאַרבט זיי מיט דעם כח פֿון זיין פֿאַנטאַזיע, ביז עס באַקומט זיך אַ ווערק.

די גרויסקייט פֿון איינעמס טאַלאַנט איז ניט נאָר גראָדע דערמיט, וואָס ער אליין האָט אין זיך בעסערע מאַטעריאַלן פֿון אַן אַנדערן. נייַן, גיכער דערמיט איז גרויס דער טאַלאַנט, וואָס באַזיצט דעם פֿיינעם חוש פֿון קונסט, אויסצוקלייבן די פּאַסנדיקע רויע מאַטעריאַלן פֿאַר זיינע שאַפֿונגען, צענויפֿנעמען די געדאַנקען, מעגן זיי זיין אַפֿילו פֿרעמדע, אין אַ פֿיינעם סטיל און פֿאָרם.

עס זיינען פֿאַראַן ביי אונדז פּסעוודא קריטיקער, וואָס ווילן דווקא באַהויפּטן, אַז נאָכדעם ווי ס׳איז שוין פֿאַרפֿאַסט געוואָרן „שיר השירים״ און „קהלת״ איז שוין מער ניטאָ וואָס צו זאָגן. וועגן ליבע און די זינלעכקייט פֿון לעבן, האָט שוין אונדזער גרויסער שלמה החכם געשריבן, און די אלע גרויסע שעפֿער נאָך אים, האָבן שוין געמעגט פֿאַרוואַרפֿן זייערע

פֿעדערס. „אין חדש תחת השמש‟, ס׳איז ניטאָ קיין נײַס אונטער דער זון — אַלץ איז שוין געזאָגט געוואָרן.

ווי אָרעמער אונדזער ליטעראַטור, קולטור און ציוויליזאַציע וואָלט געווען, ווען מ׳וואָלט געהאַלטן זיך ביי דעם דאָזיקן מאמר אָדער ווערזיע.

ניין! אויפֿנעמען אַ געדאַנק, אַן אידייע, וועלכע אַנדערע האָבן שוין פֿריער באַנוצט, איז לחלוטין ניט קיין עולה, אויב נאָר דער צווייטער אַנטוויקלט די טעמע בעסער, באַרייכערט דעם געדאַנק, טראָגט אריין נייעם סטיל, פֿאַרשענערט און פֿארבעסערט די זאַך. דאָס איז אזוי ווייט פֿון נאָכאַמען ווי, לאָמיר זאָגן, צוגרייטן אַ געשיכטלעכע עסיי, זיך באַנוצנדיק מיט די נויטיקע מאַטעריאַלן פֿון אַנדערע געשיכטע פֿאָרשער, אַדער ווי צו שרייבן אַ רעצענזיע איבער אַ בוך, און ציטירן דאָס בוך, וואָס דורך דעם מאַכט דער קריטיקער דאָס באַטרעפֿנדיקע בוך נאָך אינטערעסאַנטער.

עס איז שוין היינט קלאָר פֿאַר אַלעמען, אַז די שענסטע ווערק, ליטעראַרישע, דראַמאַטישע און פּאָעטישע זיינען געבויט אויף שטיקלעך לעגענדן און פֿאָלקס־מעשיות, ווי למשל, לאָנגפֿעלאָס „הייאָוואטא‟, אנסקיס „דיבוק‟ און אַנדערע ענלעכע ווערק. זיינען די זאַכן באמת דען געווען אזוי שיין ווי די דיכטער האָבן דאָס געמאָלן? געוויס ניט. דער חוש פֿאַר קונסט ביי דעם פֿאַרפֿאַסער און דער כח פֿון זיין פֿאַנטאַזיע זאָגט אים שוין אונטער, אַז די לעגענדע אָדער פּאַסירונג, האָט אין זיך דעם רויען מאַטעריאַל, פֿון וועלכן עס קען באַשאַפֿן ווערן אַן אינטערעסאַנט ווערק. אזוי, אַז די פֿאַנטאַזיע אין אַלע אירע דערשיינונגען אין מענטשלעכן לעבן איז דער עיקר. באַזונדערס טאַקע ביי שרייבער, ווייל נאָר מיט דעם כח און שוואונג פֿון זיין פֿאַרבענרייכער פֿאַנטאַזיע טראָגט ער אונדז אריבער לכל הפחות, צייטווייליק, פֿון דער וואָכעדיקער ווירקלעכקייט, און ברייננגט אונדז דורכדעם מאָמענטן פֿון גייסטיקער באַפֿרידיקונג.

אינהאַלט:

זכרונות פֿון „קלאַריאָן" 4

אַרײַנפֿיר 5
ברוך בענדער 7
רוי־ערד 17
צוועלף און איינע 23
די נסיעה אין די בערג 27
ערשטער ווינטער און פֿרילינג 30
באַנקעט לכבוד בי־בין 37
וואַסער 43
די משפּחות פֿון די פּיאָנערן אויפֿן לאַנד 48
די חלוקה פֿון לאַנד 53
אונדזער גייסטיק לעבן 58
אונדזערע שתּלנים, די יהודים 60
אַ וואָלקן איבער אונדזער הימל 64
על קידוש השם 71
ענדלעכער סוף 77
נאָכוואָרט 85

אויף קאַליפֿאָרניער ערד 87

אויף קאַליפֿאָרניער ערד 88
דניאל 105
אויף אייגענעם באָדן 109
פּיט איראַסמוס 117
מאַגדאַ 124
געסט 135
די פֿאַרזאַמלונג 142
דער וואַסער קאַנאַל 147
די פּראָצעסיע 151
ביי די נעלסאָנס צו גאַסט 154
נענסי און דניאל 173
דער קאָאָפּעראַטיוו ביי דער אַרבעט 177
אינצידענט מיט דער באַן־קאָמפּאַניע 181
נענסי 184
דזשערי זוכט נקמה 186
דזשערי 191
דניאלס דילעמאַ 200

דערציילונגען 207

דאָקטאָר קעסמאַן 208
חרטה 216
ווען איינער וואַגט 224
דער חקרן 231
ווען געטער לאַכן 238
אַ רעטעניש 245
דער כּח פֿון פֿאַנטאַזיע (עסיי) 251

מיין דאַנק

צו די חברים און חברות פֿון י. פֿרידלאַנד בוך קאָמיטעט וואָס האָבן מיט זייער געטריישאַפֿט און אַקטיוויטעט דערמעגלעכט די דערשיינונג פֿון בוך „רוי־ערד".

אַ באַזונדערן דאַנק צום פֿאָרזיצער פֿון בוך קאָמיטעט, אונדזער חשובן דיכטער ה. רויזענבלאַט, פֿאַר זיין באמת וואַרעמען און קאָלעגיאַלן אינטע־רעס אין דער אַרבעט; מיינע ליבע פֿריינט מ. ל. קאָפּעלאָף און יעקב אייבל, די וויצע פֿאָרזיצערס פֿון קאָמיטעט; יהושע גרינהאָף, פֿינאַנס סעקרעטאַר; אייב שוואַרץ, רעקאָרדינג סעקרעטאַר און די גוטע חברה מיני שוואַרץ, קאָ־רעספּאָנדינג סעקרעטאַר. אייך אַלעמען און דעם לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור קלוב, מיינע וואַרעמסטע ברכות און האַרציקן דאַנק.

י. פֿרידלאַנד.